STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01389

MAYN RAYZE IN TSEHN LENDER

A. D. Oguz

Permanent preservation of this book was made possible by Joseph Meyerhoff Family Charitable Funds

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מר. און מרס. א. ד. אָגוז

מיין רייזע אין
צעהן לענדער

ווי איך האָב געזעהן ארץ ישראל
און אנדערע מדינות צווישען
פעברואר און יוני, 1928

פון

א. ד. אגוז

פרייז $2.00

ניו יאָרק, 1930.

Copyright, 1930, by

A. D. Ogus

.1

דער ארויספאָהר. — דאָס זעגענען זיך. — עשו קריגט די בכורה. — אַ משגיח מיט אַ חסרון. — ועד הכשרות. — סטרייקערס און סקעבס. — אַ מקום להתפלל און תפלה בצבור.

מיר פאָהרען קיין ארץ ישראל. אונטער'ן וואָרט: „מיר" מיין איך: מיין ווייניגקייט, און מיין מעהרהייט — זוגתי ת"י.

איך וועל אויך מצרף זיין מיין פריינד און קאָלעגע יעקב מאגידאָוו, וועלכער איז געפאָהרען מיט זיין ווייב און א טאָכטער צו באזוכען ארץ ישראל, סאָוויעט רוסלאנד און אנדערע לענדער, און נאָך קנאפע דרייסיג מנינים אידען און אידענעס — כן ירבו.

אין יאָהר 1926, ווען מיר, איך און מיין פרוי, האָבען געמאכט אונזער ערשטע נסיעה'לע אין איירָאפא, האָב איך פערשפּראָכען אז אונזער נעקסטער „טריפ" וועט איה"ש זיין ארץ ישראל, האָט גאָט געהאָלפען און מיין הבטחה איז מקוים געוואָרען.

דינסטאָג, אין דעם מזל'דיגען טאָג, ביי וועלכען עס איז אין דער תורה געזאָגט געוואָרען צוויי מאָל „כי טוב", א' דר"ח אדר, תרפ"ח, אָדער דעם 21טען פעברואַר, 1928, לפי חשבונם, זיינען מיר בשעה מוצלחת אָפּגעפאָהרען פון ניו יאָרק מיט דער שיף „מאָרעטאניא", צווייטע קלאס, דירעקט נאָך חיפה, ארץ ישראל.

דאָס איז געווען דער „מאָרעטאניא'ס" קרוז אָדער טור־רייזע, וואָס זי מאכט איין מאָל אין יאָהר נאָך ארץ ישראל מיט, אזוי צו זאָגען, עטליכע הקדמות אָדער פאָרשפּייזען.

איהר מארשרוט איז פאָראויס געווען באשטימט: מאדעירא, גיבראלטאר, אלזשיר, ניצע אָדער ניס, און מאָנטע קארלאָ, נעאפּאָל, אטהען, חיפה.

אָבער דער עיקר איז דאָס לעצטע, דער צימעס פון דער רייזע — ארץ ישראל. די ערשטע זיינען ניט מעהר ווי „אפּע־טייזערס" צו א גוטער סעודה.

אזוי, הייסט עס, האָב איך געפיהלט. ווי אנדערע האָבען געפיהלט, ווייס איך ניט.

אין מיין פאנטאזיע האָבען זיך פאַרגעשטעלט בילדער און סצענעס פון הייליגען לאנד, וועמעס באָדען איך בין פון לאנג אָן גערן געווען צו באטרעטען. אָט, דאכט מיר, זעה איך דעם כותל המערבי, דאָס ביסעל נשאר פון אונזער אמאָליגע הייליג־טום; אָט שטעה איך אויפ'ן הר הצופים, און אָט שלעפּט מיך אוועק מיין פאנטאזיע אין אַ אידישער קאָלאָניע. איך זעה ווי אידישע קינדער נעהמען ארונטער אָראנדזשען און ציטראָנען פון זייערע אייגענע בוימער און מיר דאכט זיך, אז איך שפיר דעם געשמאַקען ריח פון די פרישע פרוכט. איך זעה חלומות אויף דער וואָהר און איך האָב שוין דערפון א גייסטיגען גענוס.

עס איז געווען א ברענענדיגער פראָסט, אפשר דער ערשטער גרויסער פראָסט יענעם ווינטער. די שיף האָט געדאַרפט אָפּגעהן אום צעהן דעם זייגער אין דער פריה. מיר זיינען געווען פון די „זריזין מקדימין" און נאָך מיט א שטונדע אָדער מעהר פריהער זיינען מיר שוין געווען אויפ'ן שיף, וועלכע איז שוין געווען אָנגעפילט מיט מענשען, פאסאזשירען און די וואָס זיינען געקומען געבען זיי א „צאתכם לשלום".

מיט יעדען פאסאזשיר איז געוועהנליך געקומען זיין פאמיליע: קינדער, אייניקלאך, ברידער, שוועסטער און סתם קרובים, גוטע פריינד און שכנים. עס האָבען אויך ניט געפעהלט קאָמיטעען פון חברות, וועלכע האָבען באגלייט זייערע חברה ברידער, און עס איז געווען ממש ניט צו דערשפּאַרען זיך.

און דער עולם איז, אָהן עין הרע, געוואָרען אלץ גרעסער און גרעסער. די זאאַלען און די האָלס זיינען צו ענג געוואָרען און מען האָט אפילו פאַרנומען די טרעפּ, און ווי קאַלט עס איז געווען אין דרויסען, איז אויפ'ן שיף געווען א היץ אזוי ווי אין מצרים אין א תמוז טאָג.

א שפּאַס, אידען פאָהרען קיין ארץ ישראל זעהן זיך מיט דער

מוטער ציון, האָט מען זיך אָנגעקליבען שיקען גרוסען דער אַלטער מאַמע...

און די מערסטע זיינען ניט געקומען מיט ליידיגע הענד. מען האָט מיטגעבראַכט בלומען, בוקעטען, קערבעלאַך פרוכט, פּאַפּיראָסען, ציגאַרען און אַנדערע מתנות פאַר די רייזענדע.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז קיין שטילשווייגענים האָט אויפ׳ן שיף ניט געהערשט. עס איז געווען אַ טומעל, אַ געפּילדער און קולות עד לב השמים. פאַרשפּעטיגטע האָבען ניט געקענט גע־פינען זייערע אייגענע, קינדער זיינען פאַרבלאָנדזשעט געוואָרען פון זייערע עלטערען, חתנים פון זייערע כלות, באָבעס פון זייערע אייניקלאַך און אין דעם מיש־מאַש האָט איינער פון דעם אַנ־דערען ניט געוואוסט.

און מיר טוט די זאַך הנאה. צוליב וועמען איז דאָס די גאַנצע שמחה? צוליב מיר און די אַנדערע וואָס האָבען די זכיה צו פאָהרען אין הייליגען לאַנד.

די שטיקעל צייט איז אַוועק און עס האָלט שוין ביי די קושע־נים — קושענים מיט פריידען־טרערען, ווי דער שטייגער איז ביי אַזא פאַל. מיר, איך און מיין פרוי, געזעגענען זיך אָפּ מיט אונזערע, די אַלע אַנדערע — מיט זייערע, די באַגלייטער געהען אַרונטער פון שיף, עס ווערט גראַמער און מען אָטעמט פרייער. אָבער אויף די הערצער איז אַביסעל אָנגעשוואָומען. מען שיידט זיך מיט די ליבסטע און טייערסטע און עס שטעהט פאַר אַזא לאַנגע רייזע אויפ׳ן ים. דאָס איז דאָך ניט אַ גראָשענעם בייגעל אויפצועסען, און אין די הערצער טיאַכקעט אַ צוזאַמענמיש פון פרייד און בענקעניש, זיכערהייט און מורא.

די שטריק, מיט וועלכע די שיף איז צוגעפעסטיגט צום האַפען, ווערען אָפּגעבונדען און אַרויפגעצויגען. די שיף טוט אַ פייף און הויבט זיך אָן אַרויסרוקען.

איך שטעה אויפ׳ן דעק און קוק אויף דער גרויסער מענגע מענשען, וואָס שטעהען אונטען און פאָכען מיט זייערע טיכלאַך, און עס קומט מיר אַרויף אויפ׳ן געדאַנק: אָט די אַלע מענשען זיינען דאָך מיך מקנא. איך פאָהר קיין ארץ ישראל און זיי ניט.

ווער איך שטאָלץ ביי זיך. אַ פונק פון גאוה גנב'עט זיך אין מיר אריין און מיין נשמה פיהלט עפּעס אַ מין מאָדנעם געַנוס.

די טבע פון מענשען איז, אַז ער האָט הנאה ווען ער ווייסט אָדער ער דענקט אַז מען איז איהם מקנא. יעדער וויל בעסער אַז מען זאָל איהם מקנא זיין איידער חלילה באדויערען. אפילו ווען איינער ווייסט אַז לייט זיינען איהם מקנא און פארגינען איהם ניט, איז דאָס ביי איהם אויך מעהר אָנגעלייגט ווי מען זאָל איהם באדויערען אַפילו מיט אמת'ע פריינדליכע רחמנות־געפיהלען. קנאה, ווערט ערגעץ אין פּסוק געזאָגט, פרעסט אויף דעם מענשען'ס הארץ, און פאַר דעם וואָס ווייסט אָדער דענקט אַז אנדערע זיינען איהם מקנא, זאָג איך, איז עס אַ היילונג פאַר זיין הארץ.

טראַכט איך מיך: אַ סך פון די וואָס שטעהען דאָרט און זעהען ווי די שיף שווימט אַוועק, וואָלטען זיכער געוואָלט זיין, ווי דער אַמעריקאַנער זאָגט, אין מיינע שטיוועל, און איך פיהל זיך געהויבען ביי זיך און איך געניס דערפון אַ נחת רוח.

די שיף דערווייטערט זיך ביסלאַכוויז פון ברעג. אָט פאַר־שווינדט שוין דער האַפען און מען זעהט בלויז די הויכע געביי־דעס. נאָך אַ שטיקעלע צייט און מען דאַרף זיך שוין גוט אָנ־שטרענגען צו זעהן די שפּיצען פון די ניו יאָרקער וואָלקען־קראַ־צער אָדער די האַנד פון דער פרייהייטס־סטאַטוע, און גוד באַי ניו יאָרק, צום ווידערזעהן אין אַ גוטען אופן.

וואָס איז איצט צו טאָן? איצט דאַרף מען זיך אָפּדינגען שטולען צו זיצען אָדער ליגען אויפ'ן דעק און זיך באַזאָרגען מיט פּלעצער אין עס־צימער.

עס איז פאַרשטאַנען געווען, אַז מיר, אידישע פּאַסאַזשירען, וועלען האָבען אַן עכט „כשר'ען טייבעל". אַ צאָהל אידען האָבען דאָס פאָראויס פאַרלאַנגט. וואָס דען, פאָהרען קיין ארץ ישראל און זיך טריף מאַכען אויפ'ן וועג?

האָבען די אַגענטען, וואָס האָבען דער „מאָרעטאַניא" גע־בראַכט כמעט דעם גאַנצען אידישען „טרייד", מבטיח געווען אין נאָמען פון דער שיפּס קאָמפּאַני, אַז מען וועט האָבען אמת'ע כשרות, מיט אַ באַזונדערע כשר'ע קיך, מיט כשר'ע פליישען,

מיט א משגיח, אלעס כדת משה וישראל. איז דאך, דאכט זיך, גוט; לסוף אבער איז די כשרות — אויב אפילו עס איז געווען אמת'ע כשרות — במעט אינגאנצען בטל געווארען.

ווען מיר, צווייטע קלאסניקעס, זיינען געקומען פארשרייבען זיך צום „כשר טייבעל", האבען די ממונים, וואס האבען אויף דעם צו זאגען, אונז ערקלערט אז דער „כשר טייבעל" וועט זיין די „סעקאנד סעטינג". דאס הייסט, אז פריהער וועלען די ניט־אידען אפעסען זייערע טרפה'נע סעודות און נאכהער וועלען די אידען עסען זייערע כשר'ע מאלצייטען.

פארוואס קומט עס די גוים פריהער? ווייסען מיר דאך, אז עשו איז געווען דער אמת'ער בכור, און כאטש יעקב האט ביי איהם די בכורה אפגעקויפט, האלטען זיך עשו'ס אייניקלאך נאך עד היום מיט דער בכורה... אגב איז ביי א אידען גאר קיין בראך ניט צו עסען א ביסעל שפעטער. אידען זיינען ניט קיין רעבתנים, קיין פרעסער. א איד, ווען ער שטעהט אויף אין דער פריה, איילט ער זיך ניט אזוי צו דער אכילה. ער דארפט דאך פריהער אפגעבען דעם רבונו של עולם זיין חלק און אפדאווענען. איז טאקע בעסער אז דער אנבייסען וועט ארויסקומען א ביסעל שפעטער. זאלען די ערלים אנשטאפען זייערע גופים און מיר אידען האבען צייט צו ווארטען.

און עס איז דאך אהן אלעמען בעסער וואס מיר וועלען זיך ניט מישען ביים טיש מיט די „הלעיטני'ס". וועט מען ניט פארבייטען קיין טיש־געשיר און מען וועט זיך עסען אידישלאך און בענשען אידישלאך און אפילו שבת זינגען זמירות אזוי ווי ביי זיך אין דערהיים.

האט מען זיך, ווי מען זאגט, געריכט אויף אן עולם. ווייבער האבען שוין דערצעהלט א מעשה, אז מען האט דארט אויפ'ן שיף גופא נאר־וואס געקויליעט שעפסען און מען וועט פאר סאפער האבען פרישע „לעמב טשאפס".

איז ששון ושמחה אין אידישען לאגער. די רייזע, האט מען געוואוסט, דארף דויערען אכצעהן, ניינצעהן טעג, און אויפ'ן ים, זאגט מען, האט מען אפעטיט, איז טאקע זעהר גוט וואס מען איז באזארגט מיט כשרות.

זיינען אָבער צווישען אונז געווען רבנים און סתם גוטע און פרומע לייט, וועלכע האָבען אָנגעהויבען נאָכפרעגען אויפ'ן משגיח. מען וויל איהם זעהן, כדי דורך איהם מעהר באפעס־טיגען די כשרות.

ציינט זיך א יונגערמאַן מיט א יארמולקע אויפ'ן קאָפּ און רעדט א פּשוט'ן היימישען אידיש, און שטעלט זיך פאָר אַלס דער משגיח, אָנגעשטעלט פון דער שיפס קאָמפּאַני. איז אָבער דער יונגערמאַן א בעל מום. עס פעהלט איהם דער עכט אידישער הדרת פנים — די באָרד.

הויבט מען שוין אָן עפּעס קוויינקלען. א שאלה אויפ'ן משגיח גופא. רעדט מען זיך דורך צווישען זיך און עס ווערט געשאפען א מין ועד הכשרות, וואָס זאָל געהן „אינספּעקטען" די קיך.

געהען אוועק א פּאָר בעלי בתים מיט א רב און זיי קומען צוריק מיט אן „עט".

— וואָס האָט איהר אויסגעפונען?

— עט!

— איז די קיך אמת כשר?

— עט!

און וואָס מען פרעגט, איז די תשובה אַלץ — עט!

דער גוטער יאָהר ווייסט זיי, וואָס פאר אנטדעקונגען דער „ועד" האָט געמאכט. אָבער דער „עט" זייערער האָט געמאכט די זאך צווייפעלהאפט און מען האָט געלערענט דעם פּשט, אז לויט זייער מיינונג אָדער פּסק הלכה הינקט די כשרות אונטער, צי מצד די קיך, צי מצד דעם משגיח, צי מצד דעם כשר'ן פּראָ־וויאַנט גופא, אָבער עס איז ניט גלאַט.

דאָס איז געווען גענוג צו פאראורזאכען א גאנצע איבער־קערעניש, און שוין ביים ערשטען מיטאָג איז ערקלערט געוואָרען א פליישׂ־סטרייק, אָדער ריכטיגער: א פליישיגס סטרייק. נאַ־טירליך ניט פון אַלעמען, עס זיינען געווען „סקעבס" אויך, און עס איז געוואָרען א מין דור הפלגה.

זיצען פינף אָדער זעקס פערזאָן ביי איין טישעל, אָרדערט איינער „כשר טשיקען סופּ", און אן אנדערער הייסט זיך דער־

לאנגגען פוטער, א דריטער וויל „כשר טשאפ מיט", א פערטער — „סווים טשיז", און אזוי ווייטער.

און די פליישיגע קוקען קרום אויף די מילכיגע, און די מילכיגע זיינען אנגעשטויסען אויף די פליישיגע, און טיש־געשיר ווערען צומישט און פארביטען, און מכולה מיט די כשרות.

איז נאכהער געווען וועגען וואס צוריידען און דיסקוטירען. עס זיינען אנגעפיהרט געווארען ויכוחים פון מחמירים און מקילים אין דעם ענין און מען האט זיך אנגעהערט אי דברי תורה, אי עם הארצות, אי סתם נארישע און גראב־יונגישע פלאפלעריי.

טעג נאכאנאנד האבען די דעבאטעס אנגעהאלטען און עס איז אפילו געקומען צו מחלוקות, צו צאנקערייען, ניט בלויז צווישען פרעמדע, נאר אפילו אויך צווישען פרומע ווייבער און זייערע ניט פרומע מענער אדער פארקערט.

אבער טראץ די חילוקי דעות אין הלכות כשר וטרפה, האט זיך די אידישקייט גאנץ גוט אנגעזעהן אויפ'ן שיף. מען האט פאר אונז, אידישע פאסאזשירען, אפגעגעבען א גרויסען זאל אין דריטען קלאס אלס מקום להתפלל. אויך א ספר תורה איז געווען און חזנים און בעלי תפלה האבען דאך געוויס ניט געפעלט און מען האט דארט אומגעשטערט געדאווענט דריי מאל טעגליך, ווי גאט האט געבאטען.

איז מען אין דער פריה ארויס אויפ'ן דעק, האט מען געזעהן אידען מיט טליתים און תפילינ'ס אונטער די ארמס געהענדיג צום דאווענען און אידענעס — צו הערען א ברכו און א קדושה אזוי ווי אין א היימיש חסידיש שטעדטעל.

מילא עסען ווי עסען, אבער דאווענען מוז מען דאך.

.2

געפילטע פיש לכבוד שבת. — עשו טוט אָפּ יעקבֿ׳ן. — קלאַסיפיצירונג פון אידישע רייזענדע. חובבי ציון מרגלים. — קאַלוועריער דייטשען, פאַהרען זעהן די וועלט.

דער יונגער מאַן, וואָס האָט זיך גערופען משגיח, אָדער „סופּערוויזאָר״ אויף די כשר׳ע עסענס פאַר אידען, האָט נעבאַך געאַרבייט אויף אַלע כלים צו כשר׳ן די „קאָושער קיטשען״ אין די אויגען פון די „סטריוקערס״, אָבער עס איז איהם ניט גע־לונגען. זיינען דאָך אידען אַן עם קשה עורף, האָבען זיי גע־זאָגט: „ניין, מיר עסען ניט״. אפילו זיין קומען דאַווענען בצבור און צייגען אַז ער טראָגט אַן ארבע כנפות, האָט אויך ניט גע־האָלפען.

דעם יונגען מאַן האָט עס נעבאַך וועה געטאָן און ער האָט געטאָן וואָס נאָר אין זיין רשות צופרידענצושטעלען די אונ־צופרידענע מיט כשרות.

דעם ערשטען פרייטאָג האָט ער צו־וויסען געגעבען, אַז אין אָוועַנד וועט מען האָבען געפילטע פיש. האָבען שוין אפילו פרומע אידען גענומען זוכען אַ היתר. פיש איז דאָך ניט קיין פליישׂ. אויף פיש, אויב נאָר ניט קיין טרפה פיש, דאַרף מען אפילו ניט קיין הכשר און קיין פּלאָמבע און אפשר אויך קיין השגחה. הכלל גוט. אין געפילטע פיש ליגט ח״ו קיין סכנה ניט און מען מעג פון דעם נהנה זיין לכבוד שבת. אויב ניט קיין בשר, זאָל כאָטש זיין דגים.

האָט מען אומגעדולדיג געוואַרט אויף דעם. אָבער אַז עס איז ניט באַשערט אידען הנאה צו האָבען, האָט זיך פון די גע־פילטע פיש אויך אויסגעלאָזט גאָרניט מיט גאָרניט.

אין אָוועַנד, צום סאַפּער, אָדער דינער, ווי זיי רופען עס, מען קוקט אריין אין די שפּייז־קאַרטען, איז טאַקע דאָ געפילטע פיש. אמת, אַ ביסעל פאַרגרייזט: „גערפילטער פיש״, אָבער וואָס איז דער חילוק? מען ווייס דאָך וואָס דאָס מיינט. און

אז די קעלנער זיינען געקומען נעמען ארדערס, האבען אלע אנ־געצייגט אויף די „געפילטער פיש״. „סארי״, — האבען די סטיווארדס אדער קעלנער געענטפערט — „עס טוט אונז זעהר לייד. ניטא מעהר. מען האט עס אינגאנצען אויפגעגעסען ביי דער ערשטער „סעטינג״.

גוים, הלעיטני׳ס, האבען פארזוכט דעם אידישען מאכל און עס איז זיי געפעלען געווארען, האבען זיי עס אינגאנצען אויפ־געגאשט!

און אפשר האט עס זיי גאר ניט געשמעקט, נאר וויסענדיג אז געפילטע פיש איז א אידישער נאציאנאלער מאכל לכבוד שבת, האבען זיי עס די אידען ניט פארגונען, און בעדאי אליין קיין הנאה ניט געהאט, אבי די אידען זאלען אויך קיין הנאה ניט האבען.

א קשיא אויף אנטיסעמיטען?

יענעם אוועגד האט דער ים שרעקליך געשטורמט און די שיף האט זיך אזוי געווארפען, אז טעלער זיינען ארונטערגעפאלען פון די טישען.

אפשר איז דער ים טאקע בייז געווען אויף די גוים פאר דער עולה וואס זיי זיינען באגאנגען געגען די אידען?...

און וואס האבען די פרומע אידען געטאן? האט מען די שבת׳דיגע סעודה אויך אפגע׳פטור׳ט מיט הערינג, סארדינקעס און קארטאפעל אין די „פעלצלאך״ און מען האט אויף דעם זמירות געזונגען.

נאך אלעמען איז דאך הערינג און סארדינקעס אויך פיש און על פי הדחק קען מען אפשר דערמיט אויך יוצא זיין.

מיר זיינען אויפ׳ן שיף געווען, אונבאשריען, כמעט דריי הונדערט אידישע פאסאזשירען. פופציג זיינען געפאהרען ער־שטע קלאס, צוויי הונדערט — צווייטע, און עטליכע און פערציג דריטע קלאס.

א היבשע אידישע קהילה צווישען הימעל און וואסער.

און פארשיידען זיינען די מענשען געווען אין זייערע דעות און מיינונגען. און די כונות און צוועקען פון דער רייזע זיינען אויך ניט געווען ביי אלעמען איינע און די זעלבע.

לויט אונטעררײדונגען וואָס איך האָב געהאַט מיט מיט־רײזענדע און פון געשפּרעכען וואָס איך האָב געהערט פון „רעד־לאָך" אָדער גרופּעס אידען, האָב איך געהאַט צו פאַרצײכענען און קלאַסיפיצירען די אידישע טוריסטען אין פאַרשײדענע קלאַסען.

אַ טײל זײנען געפאָהרען צוליב חיבת ציון. זײ פיהלען אַ בענקשאַפט נאָך ארץ ישראל, זײנען זײ געפאָהרען אהין זיצען דאָרט אזוי לאַנג װי עס װעט זײ מעגליך זײן און זיך אומקערען צוריק. דער גאַנצער טור — האָבען זײ געזאָגט — אינטערעסירט זײ ניט. זײ װילען זעהן דאָס הײליגע לאַנד און די אַלטע הײליגטימער, װאָס געפינען זיך אין איהר, און זײער װאונש און באַגעהר איז באַפרידיגט.

אַנדערע זײנען געפאָהרען מיט דער דעה צו באַזעצען זיך אין ארץ ישראל און פאַרבלײבען דאָרט כל זמן עס איז זײ באַ־שערט צו לעבען. צװישען די זײנען געװען אַזעלכע, װאָס האָ־בען שוין פון פריהער געהאַט נחלאות אָדער פּרדסים אין ארץ ישראל און זײנען געפאָהרען אהין װערען דאָרטיגע בעלי בתים און זיצען, װי אין פּסוק שטעהט: תחת גפנם ותחת תאינתם. מאַנכע װידער זײנען געפאָהרען מיט דער דעה צו קויפען דאָרט לאַנד אָדער עטאַבלירען זיך אויף אַן אַנדער אופן און פאַרבלײ־בען ארץ ישראל־אידען.

עס זײנען אויך געפאָהרען אַמעריקאַנער אידען מיט פאַר־טיגע פּלענער פאַר געשעפטס־אונטערנעמונגען, װאָס זאָל זײ ברענגען מעסיגע פּראָפיטען אָדער אפילו גאַנץ קלײנע פּראָפיטען, אָבער דער עיקר — זײ זאָלען דערמיט העלפען דעם בנין הארץ.

אַזוי, װעניגסטענס, האָבען זײ געזאָגט, און אויב דאָס איז אמת, איז תבא עלינו ברכה. דאָס הײסט אידען אידעאַליסטען. הלואי האָבען מיר אַ סך אַזעלכע.

עס זײנען אויך געװען אַ פּאָר אידען, װאָס זײנען געפאָהרען קײן ארץ ישראל בלויז צוליב מאַטעריעלע צװעקען, צו מאַכען געלד און דאָס אַלעס. איז אײנער געפאָהרען מיט דער דעה צו פאַבריצירען אַ געװיסען אַרטיקעל פאַר אַמעריקא אין ארץ ישראל, פּשוט צוליב דעם, װײל דאָרט װעט עס קאָסטען גאָר ניט דער ערך

ביליגער און די פּראָפיטען וועלען זיין פיל גרעסער ווי ער זאָל דעם זעלבען אַרטיקעל פאבריצירען אין דערהיים, אין אַמעריקא.

אזוי האָט דער איד אויסגערעכענט און צוליב דעם האָט ער געמאַכט די רייזע.

עס זיינען אויך געווען אַ פּאָר אידען, וואָס האָבען געפיהרט זייערע קינדער קיין ארץ ישראל צו געבען זיי דאָרט אַן עכט־אידישע ערציהונג. אין אַמעריקא — האָבען זיי געזאָגט — איז זעהר שווער צו מאַכען אַ קינד פאַר אַן אמת'ן אידען אין פולען זין פון דיזען וואָרט. די אַטמאָספערע און די סביבה איז אַזעל־כע וואָס קערט אָפּ יונגע הערצער פון אמת אידישען דרך. אין היילינען לאַנד אָבער, גלויבען זיי, איז דאָס אַנדערש. דאָרט וועלען זייערע קינדער ערצויגען ווערען על דרכי התורה און זיי וועלען זיכער זיין אַז זיי וועלען לאחר מאה שנה ניט איבערלאָזען אַ דור פון „גוים”.

אַ טשיקאַווען אידען, דוקא אַ רייכען אידען, האָב איך גע־טראָפען, וועלכער האָט מיר ערקלערט דעם צוועק פון זיין רייזע אומגעפעהר בזה הלשון:

„מען באַדערט מיך מיט אַ קרן היסוד, מיט אַ יונייטעד ציון אַפּיל — גיב זיי געלד אויף ארץ ישראל! בין איך, פאַרשטעהט איהר מיך, אַ מענש, וואָס האָב פיינט צו קויפען אַ קאַץ אין אַ זאַק. ביי מיר אַז איך גיב געלד, וויל איך זעהן און וויסען פאַר וואָס אָדער אויף וואָס איך גיב. האָב איך מיר גענומען אַ וואַ־קיישאָן, וועל זיין דאָרט אויפ'ן פּלאַץ און וועל זעהן די קאַץ אַ נאַקעטע. נאָוסערי, ניט ביי מאָטיען! גלאַט אזוי אין דער וועלט אריין גיב איך קיין געלד ניט. אפילו אַ צובראָכענעם סענט קריגען זיי ניט”.

אַ איד וואָס שפּילט נאָר אויף אַן אָפענע קאָרט און וויל גאָר ניט איינשטעלען אין קאָן בלא ראיה — איז דאָך ניט שייך.

אפשר זיינען אויפ'ן שיף געווען נאָך אַזעלכע אידען מיט אַזעלכע מעטאָדען, וואָס האָבען געוואָלט געהן, ווי מען זאָגט, אויף אַן אייזערנעם בריק אין דעם ענין פון געבען אַ דאָלאַר אויף ארץ ישראל. אפשר זיינען געווען אַזעלכע וואָס האָבען מיט זייער רייזע באַצוועקט איבערצוציינגען זיך, אויב עס איז גאָר פאַראַן

אויף דער וועלט אן ארץ ישראל. מאלע וואס מען זאגט? מאלע וואס די פייפערס שרייבען?...

קטני אמונה, קליין־גלוביגע, זיינען שטענדיג געוועזן און זיינען היינט אויך פאראן ביי אידען. אזא וועלט־באוועגונג ווי עס געהט אן די לעצטע יאהרען פאר ארץ ישראל; א באוועגונג, אין וועלכער עס זיינען פאראינטערעסירט די בעסטע און גרעסטע מענשען פון אונזער פאלק, פון דעסטוועגען זיינען נאך דא אידען וואס צווייפלען אין דער זאך, וואס טראכטען איבער, וואס זיינען חושד און גריבלען זיך אין דעם ענין און האבען רק מורא טאמער חס ושלום נארט מען זיי אפ, טאמער זוכט אימיצער רייך צו ווערען אויף זייער חשבון.

איך ווייס פון לייטע, וואס האבען צוגעזאגט געלד פאר'ן קרן היסוד נאך מיט א צייט צוריק, און ווילען עס ניט אוועקגעבען ביז זיי וועלען ניט וויסען גענוי וואס דארט, אין ארץ ישראל, טוט זיך. נאך זייער חשבון, האט מען שוין דארט געדארפט אויס־בויען פיתום און רעמסס מיט אלע „אימפּרואוומענטס", און צעהנדליגע טויזענדע אידישע פאמיליעס דארפען שוין דארט וואוינען פריי פון דירה־געלד, און די אידען דארפען האבען סטאדעס בהמות און ציגען, און די ציגען דארפען עסען באקסער פון אייגענע אידישע בוימער, און נאך און נאך, און טאמער שטימט ניט זייער חשבון, טויג ניט.

דא איז כדאי צו באמערקען, אז די זאגע דאס ציגען עסען אין ארץ ישראל באקסער, איז אן אויסגעטראכטע. אזוי ווייט ווי איך בין אינפארמירט געווארען, איז באקסער גאר ניט קיין ארץ ישראל פּראדוקט און דער מין וואקסט דארט גאר ניט. מילא נו, קיין גרעסערע בלבולים זאל מען ניט מאכען אויף אונ־זער לאנד.

די אידען ווילען זיך אויך ערקונדיגען ווי אזוי די ארץ ישראל געלדער ווערען דארט אין ארץ ישראל פארוואלטעט. אויב די פקידים און אנגעשטעלטע עסען בולקעס אדער פאמפערניקעל; אויב זיי טראגען הויזען אדער זיי געהען אין לאנגע העמדער, אזוי ווי די אראבער, וואס מען זעהט אין מואווינג פיקטשורס; אויב זיי רויכערען פאפּיראסען, ציגארען אדער לאנגע אראבישע

ליולקעס, און אנדערע עהנליכע אינפארמאציעס, און ביז זיי וועלען ניט קריגען קיין גינסטיגע תשובה, זאגען זיי, וועלען זיי דאס געלד ניט אוועקגעבען.

מי יודע, אפשר האבען מיר אויפ׳ן שיף געהאט „מרגלים חרש״, געהיימע מרגלים אדער דעלעגאטען, וואס זיינען געפאהרען אין שליחות פון אזעלכע איינצעלנע אידען אדער חברות אויף זייער אייגענער חשבון אדער על חשבון הקהל.

די אונטערשטע שורה איז, אז פאר וואס פאר א צוועק עס זאל ניט זיין, אבער מען איז געפאהרען קיין ארץ ישראל. דער עיקר ציל, הייסט עס, איז געווען צו באזוכען דאס לאנד פון אונזערע אבות.

עס זיינען אויך געווען אידישע פאסאזשירען, וואס ארץ ישראל איז ביי זיי געווען א ביי־זאך. זיי זיינען געפאהרען „זעהן די וועלט״ און די אידישע היימלאנד האט זיי ניט אינטערעסירט. אבער די האט מען אפשר געקענט איבערצעהלען אויף די פינגער פון איין האנד. דאס זיינען געווען קאלווערייער דייטשען, וואס זיינען געפאהרען ערשטע קלאס און האבען זיך מיט זייערע אידישע נעזער געטוליעט צווישען די גוים.

מיר האבען אויפ׳ן שיף אויך געהאט אייניגע תושבים פון ארץ ישראל. א פאר רבנים, א פאר משולחים פון ארץ ישראל־אנשטאלטען און א פאר סוחרים, וואס האבען זיך צוריקגעקערט פון אמעריקא, וואו זיי זיינען געווען צוליב געשעפטס־אנגעלעגענהייטען.

די ארץ ישראל׳דיגע האבען געהאט צו ריידען בשבח ארץ ישראל, דערצעהלען די מעלות און די שעהנקייט פון הייליגען לאנד. אונז „גרינע״, וואס זיינען אהין געפאהרען צום ערשטען מאל, האבען די שמועסען זעהר אינטערעסירט און אפטמאל גאנץ שטארק באגייסטערט.

איבערהויפט איינער, א מר אדער אדון איתין, א שעהנער בעל הבית פון חיפה, האט אם מעהרסטען געהאט „רעדלאך״ ארום זיך. א בעל דברן, דער דאזיגער איתין. א איד מיט א פיסק, און טאקע א קלוגער און לאגישער מענש. ער פלעגט ארץ ישראל אפמעלדען מיט אזעלכע העלע, שעהנע פארבען, אז

מען האָט איהם פשוט מקנא געווען וואָס ער איז אַ דאָרטיגער תושב און קען שעפּען אַזוי פיל נחת.

פלעגט ער זיך נעמען שילדערען דעם הימעל, די לבנה און די שטערען ווי זיי זעהען אויס אין ארץ ישראל, האָט מען זיך קיין שעהנערע זאך גאָר ניט געקענט פאָרשטעלען, און די נייגע־ריגקייט צו זעהן דאָס פלעגט זיך צופלאַקערען אין מיין הארץ און מסתמא אויך אין די הערצער פון אַנדערע, וואָס האָבען נאָך ניט געהאַט די זכיה צו זעהן דאָס.

איך האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, אַז דער איד פון חיפה האָט ניט איבערטריבען. ארץ ישראל פאַרמאָגט טאַקע עפּעס אַן אַנדער מין הימעל, אַן אַנדער לבנה און אַנדערע שטערען, וואָס קוקען ארונטער אויף דער ערד לוסטיגער און פרעהליכער ווי אין חוץ לאָרץ, וואו אידען זיינען שוין אַזוי לאַנג אין גלות.

3.

די אידישע העדקוואָדערס. — וואָראַנעם צווישען אָדלערס. — אַן אגודה אַחת פון פרומע. — גבאי׳־טעם און שעפּסעלע מע. — די ערשטע סטאַנציע.

די הויפּט־העדקוואָדערס, דער הויפּט פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פון די אידישע טוריסטען אויף דער „מאָרעטאַניא״, איז געווען אויפ׳ן דעק און אין די זיץ־זאַלען פון דער צווייטער קלאַס. די צווייטע קלאַס האָט געהאַט די מאַיאָריטעט אידען און האָט געצויגען צו זיך די מינאָריטעט פון די אַנדערע קלאַסען.

פלעגען קומען ערשטע קלאַסניקעס אַביסעל שמועסען, הער־רען מעשיות און אַנעקדאָטען, זיך באַטייליגען אין דעבאַטעס, פּראָוון ליצנות אָדער נעמען אַ „האַנד״ אין אַ פּינאַקעל.

און פינאַקעל האָט מען געשפּילט, אַפילו פּאָוקער אויך. אין קאָרטען־שפּיל איז מען ליבעראַל. איינער קען זיך זיין אַ וואָל סטריט בראָוקער, אַ פּרעזידענט אין אַ שוהל אָדער אין אַ טעמפּעל און ער שעמט זיך ניט צו מאַכען אַ קערטעל מיט אַ שמש,

מיט א תלמוד תורה מלמד, מיט א בעדער אָדער מיט וועמען עס איז. אין קאָרטען־שפּיל זוכט מען ניט קיין יחוס, וכל הפּושט יד, ווער נאָר עס וויל נעמען א „האנד" איז ווילקאָמען, מעג אפילו איינער זיין א געבילדעטער, א קענער און א באוואוסטע פּערזענ־ליכקייט און דער צווייטער — א גראָבער יונג א שפל שבשפלים.

בפרט אונטערוועגענס, אין א סביבה פון כל'ערליי פרעמדע מענשען, איז געוויס רעכט וואָס פאר א „האנד" עס קומט צו דער האנד.

בלויז א גאנץ קליינע צאָהל פון די אידען, וואָס זיינען גע־פאָהרען ערשטע קלאַס, האָבען ניט געהאַט קיין מגע ומשא מיט די אידען פון צווייטע און דריטע קלאַס. די מערסטע אָבער אידען און אידענעס ערשטע קלאַסניקעס האָבען זיך דאָרט גע־פיהלט זעהר אומבאקוועם. אזוי ווי וואָראָנעס צווישען אָדלערס זיינען זיי דאָרט געווען און זיי פלעגען זיך פון זייער רייכען מקום מנוחה ארויסכאַפּען אזוי ווי פון א געפענגנים און די מעהר־סטע צייט פארברענגען אין דער אָרימערער סביבה, צווישען די אידען פון צווייטער און דריטער קלאַס, וואו מען הערט א אידיש וואָרט און מען קען ריידען א אידיש וואָרט, טאַקע בקול רם, אזוי ווי צו א בענעפיט־פאָרשטעלונג אין אידישען טעאַטער, און מען דארף זיך ניט שעמען ניט מיט'ן לשון און ניט מיט די אידישקייט אָדער אידישער אָפּשטאַמונג בכלל.

עס אז אָפּטמאָל א ביטערער רחמנות אויף די „וואָראָנעס" וואָס שפּארען זיך אין קרייזען פון „אָדלערס", מיינענדיג אז זיי וועלען קענען צושפּרייטען זייערע וואָראָנע־פליגעל און זיך פאָר־שטעלען אַלס אָדלערס, און לסוף האָבען זיי אונאנגענעמליכקייטען און ליידען נאָך אָפּטמאָל חרפּות און בזיונות. נאָך מעהר רחמנות איז אויף די וואָס פאַלען אריין אונבאוואוסטזיניג אין א פרעמדע סביבה, צווישען גאָר אנדערע סאָרטען מענשען, מיט וועלכע זיי קענען זיך ניט חבר'ן, טאַקע פונקט ווי וואָראָנעס קענען זיך ניט חבר'ן מיט אָדלערס.

איינער אזעלכער, אן ערשטער קלאַסניק, האָט מיר אַליין געזאָגט, אז ער איז אריינגעפאַלען אין ערשטע קלאַס אונבאַ־וואוסטזיניג. קינדער האָבען עס איהם געוואָלט א טובה טאָן

און געקויפט פאר איהם א שיפס־קארטע ערשטע קלאס; אבער ער פיהלט זיך דארט זעהר ניט גוט. ער איז א אידישער מענש, וואס היט זיך שטארק פאר מאכלות אסורות, געהט ניט צום טיש עסען אהן נטילת ידים, עסט אפילו ניט בגלוי ראש, און ער דארף זיצען צווישען גוי'אישע „ספארטס", וועלכע קוקען אויף איהם אזוי ווי אויף א משוגע'נעם און חכמ'ען זיך און וויצלען זיך אויף זיין חשבון. דעריבער אנטלויפט ער פון דארט אזוי ווי פון פייער און ער איז זיך ממש מחיה, ווען ער געפינט זיך אין קרייז פון אידען, וואו ער איז א מענש גלייך מיט אלעמען און איז ניט קיין ציל־ברעט פאר שפאס און חוזק.

דעריבער זאגט מען דאך: בינד מיך הענד און פיס און וואַרף מיר צווישען אייגענע.

סאי ווי סאי האט מען זיך געהאלטען בחברותא אזוי ווי ריכטיגע כל ישראל חברים, מיט דער אויסנאמע פון די געצעהל־טע „בישנים" פון דער ערשטער קלאס, וועלכע האבען אפשר צוליב עניוות געוואלט באהאלטען דעם פאקט, אז זיי זיינען בני מלכים, פרינצען, די אייניקלאך פון אברהם, יצחק און יעקב...

מיר האבען געהאט נאך איינינע, וואס האבען זיך א קאַ־פעלע געהאלטען אפגעזונדערט פון די אנדערע אידישע טוריסטען און וועניג מיט זיי פארקערט. דאס זיינען געווען עקסטרים פרומע, אגודה'ניקעס, וועלכע דענקען, אז זיי זיינען דאס אויבער־שטע פון שטויסעל אין אידישען פאלק און אלע אנדערע אידען זיינען אין זייערע אויגען ווי קנאבעל שאלאכץ... אט די עקס־טרימע פרומאקעס האבען זיך אביסעל געהאלטען פון ווייטענס, אבער האבען זיך פאראייניגט מיט'ן כלל ביים דאווענען און האבען גאנץ פיין געפראוועט גוט־ברודערשאפט, ווען איינער, אפילו ניט פון זייערע, האט געהאט יאהרצייט און געגעבען „תיקון".

פרייטאג נאכט צו קבלת שבת פלעגט מען זינגען „לכה דודי" און אנדערע שירים. אין „כאר" זיינען געווען יונגע לייט־לאך, אפשר גאר ניט קיין וואזשנע צדיקים און מיט ניט זעהר כשר'ע מיילער; אבער אפילו די פרומסטע האבען ניט געהאט דאגעגען מצרף צו זיין זיי אין א זמר'ל אדער הערען א זמר'ל פון זיי אליין. אזוי איז אויך געווען נאר דער ערשטער סעודה

של שבת, ווען מען פלעגט זיך צוזאמענקלייבען אין „מקום להתפלל" און זינגען זמירות.

עס פלעגען זינגען צוזאמען מיילער וואס האבען אפגע'פטור'ט דעם שבת'דיגען מאלצייט מיט הערינג און קארטאפעל, און מיילער, וואס האבען לכבוד שבת געגעסען בשר ודגים וכל מיני מטעמים, ניט דוקא פון דער „כשר קיטשען"...

אין דעם פרט זיינען אפילו די אגודה'ניקעס געווען אן אגודה אחת מיט אלעמען, וואס פאהרען אין איינער און דערזעלבער וועג — קיין ארץ-ישראל.

עס איז ווערט צו באטאנען, אז אונזער אידישע קהילה אויפ'ן ים האט געהאט אלעס וואס יעדע אידישע קהילה אויף דער יבשה האט און מוז האבען. אפילו גבאי'טעס אדער „אויסקלייבער־קעס" און אויך גבאים און משולחים, וואס האבען געקליבען נדבות צווישען די אידישע פאסאזשירען און פאסאזשירקעס, האבען אויך ניט געפעלט. פארוואס זאלען „פלעזשורניקעס" אויף א שיף זיין פטור פון צדקה? פארוואס זאל א שיף אויפ'ן ים זיין ערגער אדער בעסער ווי זומער־ אדער ווינטער־פלעצער אויף דער יבשה, וואוהין אידישע קינדער פאהרען ארוים פאר פלעזשור און זיינען דארט ניט פריי פון פארשיידענע „פאלע רייסער"?

זיינען געווען ווייבער, וואס האבען זיך פארגעשטעלט אלס גבאי'טעס פאר געוויסע אנשטאלטען אין ארץ ישראל און גע־קליבען נדבות פאר יענע אנשטאלטען. ווער עס האט געוואלט האט געגעבען, און ווער עס האט ניט געוואלט, האט געזאגט ווי יענער האט געזאגט: „איך קויף ניט קיין קאץ אין קיין זאק. וועל איה"ש אליין זיין אין ארץ ישראל און וועל זעהן וואס דארט איז. אויב עס איז כדאי צו געבען, אויב עס איז ווערט צו געבען, וועל איך געבען".

איין טאג געפינען מיר אויפגעקלעפט א „מודעה", אז „בשעה התשיעית בערב", אום ניין דעם זייגער אין אווענד, וועט איינער פון די פאסאזשירען, אן ארץ ישראל איד, א רב און א שופט — א ריכטער — האלטען א פארטראג איבער ארץ ישראל און אלע זיינען געבעטען צו קומען הערען.

הערען א פארטראג איבער ארץ ישראל — זעהר שעהן.

מהיכא תיתי, פאַרוואָס ניט? יעדער איז נייגעריג צו וויסען וועגען ארץ ישראל וואָס מעהר.

האָט זיך אַ גרויסער אידישען עולם צוזאַמענגעקליבען צו דער באַשטימטער צייט אויפ'ן באַשטימטען פּלאַץ און דער רעדנער האָט אָנגעפאַנגען זיין פאָרטראַג אומגעפער אַזוי:

— רבותי, אידישע קינדער פון אַמעריקא. איהר פאָהרט דאָך אַלע קיין ארץ ישראל, וויל איך אייך באַקאַנט מאַכען מיט דאָס הייליגע לאַנד, איבערהויפּט מיט אַ וויכטיגען ענין, וואָס האָט צו טאָן מיט בנין הארץ. געוויס ווילט איהר אַלע אַז ארץ ישראל זאָל אויפגעבויט ווערען, און וואָס שנעלער און בעסער אויפגעבויט ווערען, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה:

— אין ארץ ישראל זיינען פאַראַן בערג, ווי דער פּסוק זאָגט: „ירושלים הרים סביב לה". די בערג פּוסטעווען און ממש זיי בעטען זיך: „קינדער, הלמאי לאָזט איהר אונז פּוסטעווען? אייערע אור־עלטערען אין די אַמאָליגע צייטען פלעגען אויף אונז פּאַשען שאָף און רינדער און היינט זיינען מיר וויסט". לכן, איז אַ חוב גדול און אַ מצוה גדולה צו ברענגען די דאָזיגע עלענדע בערג אַ תיקון. בין איך געפאַלען אויף אַ גליקליכע און טייערע אידעע צו שאַפען אַ אידישע עדת רועים — אַ פּאַסטוכער־געזעלשאַפט, וואָס זאָל זיך אָפּגעבען מיט שאָף־צוכט, מיט פּאַשען שעפסען, אַ בכבוד'ע פּראָפעסיע, מיט וועלכע אונזער פאָטער יעקב און זיינע זיהן, די הייליגע שבטים, זיינען געווען באַשעפטיגט, און אונזער גרויסער רבי און פיהרער משה איז אויך געווען אַ רועה צאן. איז וואו צו פּאַשען די שעפּסען, האָב איך אייך שוין געזאָגט, איז פאַראַן — די בערג. פּאַסטוכער וועלען אויך ניט פעהלען. וועלכער איד וועט זיך עס ניט אָנכאַפּען אָן דעם? פעהלען נאָר שעפּסען, און דאָס, רבותי, ליגט אין אייערע הענד.

דאָס אומגעפער איז בלויז געווען אַן הקדמה, און דער הויפּט תמצית פון פאָרטראַג איז געווען, אַז היות אַזוי ווי ער, דער רעדנער, האָט אויף זיך גענומען די גרויסע מצוה און די הייליגע שווערע אויפגאַבע צו שאַפען שעפּסעלאך פאַר די אידישע פּאַסטוכער, לכן, זאָל דער גאַנצער קהל הקודש איהם העלפען אין דער דבר גדול. זאָל יעדער איד קויפען כאָטש צו איין־איינציגע

שעפּסעלע פאַר יעדען מיטגליד פון זיין פאַמיליע און די הרי יהודה וועלען אויפהערען טרויערען אויף זייער וויסטקייט און ארץ ישראל וועט דורכדעם געבויט ווערען און פילע אידען וועלען געהאָלפען ווערען.

אַ פּרייז האָט ער געשטעלט צו פינף דאָלאר אַ שעפּסעלע און געהייסען דעם עולם צוטראָגען די פינפערלאַך.

נאַטירליך, מאַך איך עס בקיצור. ער, דער רעדנער, האָט זיך צושפּרייט גאַנץ ברייט מיט מליצות, מיט שילדערונגען: אַט הערט מען שוין אידישע שעפּסעלאַך מעקען אויף די בערג פון יהודה, אַט זעהט מען ווי מען שערט די שעפּסעלאַך, אַט שפּינען שוין אידישע טעכטער זייערע וואָל און אַט וועבט מען שוין פון דעם כשר׳ע ארץ ישראל טליתים, און אַט קושען שוין אידען כפול שמונה׳דיגע ציצית געמאַכט פון די וואָל־פעדים פון אידישע שאָף, געפּאַשעט פון אידישע פּאַסטוכער אויפ׳ן באָדען פון דער אידישער היימלאַנד.

די גמרא זאָגט ערגיץ אויף אונז אידען: „נתבעין לעגל ונותנין" — מען מאָנט זיי אויף אַ קאַלב גיבען זיי, און וואַרום זאָל אַ שעפּסעלע זיין ערגער ווי אַ קעלבעל? האָבען זיך אידען אָפּגערופען. אמת, מען האָט ניט געשאָטען מיט גאָלד אַזוי ווי ביים מעשה העגל, אָבער מען האָט געגעבען. נאָך אַלעמען איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז צום עגל הזהב האָט מען זיך געבוקט אין אַלע צייטען און מען בוקט זיך היינט אויך צו איהם, אָבער אַ שעפּסעלע האָט ניט אַזא קראַפט, אַזא כח המושך. דאָך האָט דער רעדנער, דער אונטערנעמער פון דער זאַך, געזאַמעלט אַ ביסעל פינפערלאַך.

זיינען געפאָהרען אויפ׳ן שיף אַ פּאָר אידען מיט זייערע ווייבער און קינדער, האָבען די קליינוואַרג געהערט אַז מען פאַרקויפט שעפּסעלאַך, זיינען זיי צוגעשטאַנען צו זייערע טאַטעס: „דעדי, באַי מי איי שעפּסעלע". נו, קען מען זיך עפּעס פון קינדער אָפּטשעפּען? האָבען די טאַטעס געקויפט. עס זיינען געווען אַזוי אידען און אידענעס, אָהן קינדער, וואָס דעם רעדנער׳ס רייד האָט זיי „פאַנאַנדערגענומען" און זיי האָבען אויך איינגעהאַנדעלט די סחורה וואָס ער האָט פאַרקויפט...

אין פארלויף פון דער רייזע האט דער זעלבער איד, וואס האט זיך גערופען „רב" און „שופט" געהאלטען נאך א שעפסענע דרשה נאך מיט מעהר התלהבות און מיט א קאפעלע זידלעריי פארוואס דער עולם רופט זיך ניט אפ געגוג, און עס האט אריינ־געבראכט נאך אביסעל פינפערלאך.

איך מיין ניט צו קריטיקירען דעם עצם ענין, ווייל מיין טבע איז ניט צו קריטיקירען און ניט חושד זיין קיינעם. בפרט אויף א אידען, וואס איז א שופט, א ריכטער, טאר מען געווים ניט איבערטראכטען אין דער שלעכטער זייט. השופט הארץ לא יעשה משפט? מסתמא איז זיין כונה געווען צו גוטען, און מיר פשוט'ע מענשען דארפען זיך ניט גריבלען אין דעם. מאנען דין וחשבון — אודאי ניט.

איך דערצעהל נאר א מעשה שהיה, אלס א טייל פון מיין רייזע־באשרייבונג, אקוראט אזוי ווי איך האב דערצעהלט און וועל נאך דערצעהלען פון די פאסירונגען און געשעהענישען און וואס איך האב געהערט און געזעהן אין משך פון מיין נסיעה. דאס אלעס וואס איך באצוועק און מעהר גאר ניט.

וועגען דעם ענין פון די שעפסעלאך איז אויך געווען געגוג צו ריידען און דיסקוטירען און מען איז לעדיג ניט געזעסען.

די דעבאטעס און די מיינונגס־פארשידענהייטען אין פאר־שיידענע ענינים האבען געמאכט די רייזע פיל אנגענעמער. מען האט זיך קיינמאל ניט געפיהלט לאנגווייליג און די צייט איז גע־לאפען און מען האט זיך אלץ דערנענטערט צו ארץ ישראל.

דינסטאג, דעם 26טען פעברואר, ווען מיר זיינען אויפגע־שטאנען אין דער פריה, איז אונזער שיף געשטאנען ביי מאדעירא. דאס איז געווען די ערשטע אפשטעל־סטאנציע, וואס מיר האבען געהאט אויפ'ן וועג.

.4

א שפּיצעל פון שר של ים. — מאַדעירא'ער געהען טבילה. — מען האַנדעלט מציאות. — תרעומות אויפ'ן שיפס־קאַפּיטאַן. — דער פעלז פון גיבראַל־טאַר. — געפּאַקט אַ אַנטיסעמיטעל.

אונזער שיף שטעהט ביי פונטשאל, די הויפּט שטאָדט פון די מאַדעירא אינזלען, וואָס באַלאַנגען צו פּאָרטוגאַל. די שיף שטעהט אַ היבשע שטרעקע ווייט פון ברעג און צופאָהרען צום שטאָדט מוז מען מיט קליינע שיפלאַך.

לויט דעם טור־פּראָגראַם האָבען מיר דאָרט געדאַרפט לאַנ־דען און פארברענגען דעם טאָג אין שטאָדט.

די פּראָווינץ מאַדעירא איז אַ שעהן, אינטערעסאַנט ווינקעל פון אונזער וועלטעל. זי איז רייך מיט שעהנע, פּראַכטפולע לאַנדשאַפטען און נאַטור פּאַנאָראַמעס. איהרע בערג און טאָלען פארנעמען דאָס אויג; איהרע בלומען־גערטנער האָבען אַ שם אויף דער וועלט און איהרע ווײַנען דערקוויקען די הערצער פון טרינקער אין אַלע לענדער.

מאַדעירא איז אויך באַריהמט מיט די עמבראָידערי, שטרי־קערייען, וואָס ווערען דאָרט געמאַכט. מאַדעירא'ער שטריקע־רייען האָבען אַן אָפּגאַנג איבעראַל און מען צאָהלט דערפאַר די העכסטע פּרייזען.

א גרויסע אינדוסטריע אין מאַדעירא איז דאָס פלעכטען קערב, שטולען און אַנדערע הויז־אַרטיקלען פון ריטער. די דאָ־זיגע אַרבייט ווערט דאָרט זעהר שעהן און קונציג געמאַכט און ווערט פארקויפט פאַר שפּאָט ביליג.

מאַדעירא האָט אַ שטיקעל מחותנ'עשאַפט מיט אַמעריקא. קריסטאָפער קאָלומבוס, דער אַנטדעקער פון אַמעריקא, האָט דאָרט חתונה געהאַט. נאָך אַ היסטאָרישע געשעהעניש האָט דאָרט פּאַסירט: קעניג קאַרל, דער טראָנפאָלגער פון קייזער פראַנץ יאָזעף, איז דאָרט געשטאָרבען אין גלות.

איז אונז מעהר־ווײַניגער אינטערעסאַנט געווען צו לאַנדען

און אָנקוקען די שטאָדט און די אומגעגענד. דער פאַקט, אַז די מאַדעיראַ'ער זיינען אומוויסענד און זעהר אַ קליינער פּראָצענט פון די דאָרטיגע איינוואוינער קענען שרייבען אָדער לעזען, האָט אונז געבראַכט מעהר אינטערעס צו באַקענען זיך מיט'ן לאַנד און איהרע מענשען. דאָס איז דאָך מערקווירדיג. בנוגע געלעהר־זאַמקייט זיינען זיי הינטערשטעליג, כמעט אין אַ האַלב ווילדען צושטאַנד, און אין פּרטים זיינען זיי אַזוי אַנטוויקעלט, אַז זיי שטייגען איבער די איינוואוינער פון ציוויליזירטע לענדער.

אָבער ס'איז אונז מסתמא ניט באַשערט געווען צו באַטרע־טען מאַדעיראַ'ס באָדען, האָט דער שר של ים אונז אָפּגעטאָן אַ שפּיצעל און מיר האָבען געמוזט פאַרבלייבען אויפ'ן שיף.

גראָד איז דער ים געווען שטורמדיג און די לופט אָנגעפילט מיט אַ געדיכטען טומאַן, האָט דער קאַפּיטאַן ניט געוואָלט שטע־לען זיינע פּאַסאַזשירען אין געפאַהר און לאָזען זיי צופאָהרען צום ברעג מיט קליינע שיפלאַך.

איז מען געשטאַנען אויפ'ן דעק און מיט זשעדנע בליקען געקוקט אויף דער בערגינער מאַדעידאַ. וואָלקענס און דער טו־מאַן האָבען אַ סך פאַרשטעלט די שעהנע לאַנדשאַפט, אָבער דורכ'ן טומאַן האָט מען געקענט זעהן ווי עס גרינט און בלומט דאָרט, און מען האָט זיך ניט געקענט אָפּקוקען פון דעם פּראַכטפולען שטח לאַנד, צו וועלכען מען האָט ניט געקענט צוקומען.

אָבער אַז מיר האָבען ניט געקענט צוקומען צו מאַדעיראַ, איז מאַדעיראַ צו אונז געקומען.

עס זיינען צום שיף צוגעפאָהרען שיפלאַך מיט באַרקעס אָנ־געלאָדען מיט געפלאָכטענע קערב, שטולען און אַנדערע זאַכען פון זעלבין מין, וועלכע די מאַדעיראַ'ער האָבען געבראַכט צו פאַר־קויפען.

האָבען זיך צווישען די פּאַסאַזשירען פון דער „מאָרעטאַניא" געפונען קונים. ארץ ישראל'דיגע וואָס זיינען געפאָהרען אַהיים, האָבען געקויפט אַרטיקלען פאַר זייער אייגענע באַלבעאַטישקייט, און אַמעריקאַנער — אַלס מתנות פאַר קרובים אין ארץ ישראל.

און אַזוי ווי צוזאַמענריידען זיך מיט די מאַדעיראַ'ער האָט

מען ניט געקענט, איז דער מסחר צוגעגאנגען אם מעהרסטען דורך פינגער־צייכענס.

דער מוכר פון אונטען האָט אָנגעצייגט, למשל, אויף אַ שטול און דערביי אַ הויב געטאָן אַ האנד און געצייגט דריי פינגער. דאָס האָט געמיינט: דריי דאָלאר. האָט זיך דער קונה געדונגען און געצייגט איין פינגער. דאָס האָט געהייסען, אַז ער גיט איין דאָלאר. האָט דער מוכר אַרונטערגעלאָזט אַ האלבען פינגער און דער קונה צוגעלעגט אַ האלבען פינגער, און אַזוי האָט מען זיך געדונגען אויף האלבע פינגער און פערטעל פינגער ביז מען איז דורכגעקומען מיט'ן מקח. מען האָט דעם געקויפטען חפץ ארויפגעצויגען מיט אַ שטריק, מיט דערזעלבער שטריק ארונטער־געשיקט דעם פרייז און פטור.

און מען האָט דאָרט געהאנדעלט אמת'ע מציאות. פאַר אָנ־דערטהאלבען דאָלאר אָדער נאָך פאר וועניגער האָט מען געקויפט אַ קונציג געפלאָכטענעם אָרמשטול, און ווייבער, וואָס האָבען בטבע אַ גרויסען חשק צו מציאות, האָבען ממש געשלונגען די שפייאַכץ.

עס זיינען אויך אָנגעקומען שיפלאך מיט מאדעירא'ער שנאָ־רערס אָדער קונצענמאַכער. איך וויים אַליין ניט ווי איך זאָל זיי רופען. די זיינען געקומען כמעט אינגאנצען נאַקעטע, כאָטש אין דרויסען איז געווען גאָר ניט ווארים, עס איז געווען אַ פוילע קעלט אַזוי ווי ביי אונז אין אַ קאלטען הערבסט־טאָג, אָבער זיי האָט עס אפנים ניט געקימערט.

צו זיי, צו דער כאָפטע, האָט מען ארונטערגעוואָרפען מטבעות, ניט אין די שיפלאך, נאָר אין ים, און זיי האָבען עס געכאַפט. איז אַ מטבע ארונטערגעפאַלען אין פראָנט פון איינעמס אַ שיפעל, האָט דער מאדעירא'ער דערלאַנגט אַ שפרונג מיט'ן קאָפּ ארונטער אין ים און צוריק ארויפגעקומען מיט דער מטבע אין האנד. און ווי געשיקט און פלינק זיי האָבען געמאַכט די „טבילות" אין ברויזענדען וואסער, פלאי פלאים!

איז זיך דער עולם געשטאַנען און צוגעקוקט די קאָמעדיע אויפ'ן חשבון פון די וואָס האָבען געוואָרפען די פענים, ניקעלס

אָדער דיימס און אי די וואָרפער, אי די כּאַפּער, אי די פרייע צוקוקער האָבען זיך גאַנץ פיין אַמוזירט.

עס זיינען געווען אידען, וואָס זיינען געווען אָנגעשטויסען און זיך גע׳ברוגז׳ט אויפ׳ן שיפס־קאַפּיטאַן פאַר׳ן שטעהן ביי מאַ־דעירא. אז ארונטערגעהן פון שיף לאָזט ער ניט, טאָ צו וואָס דער שטעהן? איז דאָך גלייכער מען זאָל פאָהרען ווייטער און אָנקומען פריהער קיין ארץ ישראל. אין דעם פאַרלאַנג איז גע־ווען אַ צווייפאַכע כונה. ערשטענס, באַטרעטען דעם באָדען פון הייליגען לאַנד וואָס פריהער; והשנית, האָט מען געוואוסט, אז די שיף דאַרף אָנקומען אין חיפה אום שבת פריה, איז דאָך גליי־כער מען זאָל אַהין אָנקומען פרייטאָג, וועט מען קענען געהן אין אַן ארץ ישראל׳דיגען מרחץ לכבוד שבת, מקבל שבת זיין אין אַן ארץ־ישראל׳דיגער שול און עסען אַן ארץ ישראל׳דיגען צימעס כדת וכדין. וועגען דעם דאָזיגען פונקט איז שפּעטער געווען אַ גאַנצע מהומה אויפ׳ן שיף. איך וועל עס דערצעהלען, ווען איך וועל האַל־טען דערביי.

אָבער סאַי ווי סאַי, איז דאָך דער קאַפּיטאַן אַ גוי און ער ווייסט ניט פון אידישע חשבונות. איז זיך די שיף אָפּגעשטאַנען איהר צייט און ערשט שפּעט ביינאַכט איז זי אוועק איהר וועג.

דינסטאָג פריה, דעם 28טען פעברואר, זיינען מיר אָנגע־קומען אין גיבראַלטאַר.

גיבראַלטאַר האָט פאַר אונז אידען מעהר אינטערעס ווי מאַ־דעירא. אויסער דער באַריהמטער פעלז פון גיבראַלטאַר, וואָס איז פאַררעכענט אַלס איינער פון די זיבען וועלט־וואונדער, איז אין גיבראַלטאַר פאַראַן אַ פיינע אידישע קהילה, אָדער ריכטיגער: עטליכע אידישע קהילות, און עס איז אַ סברא, אַז די ערשטע סעט־לערס אָדער גרינדער פון גיבראַלטאַר זיינען געווען מאַראַנען, אַנוסים פון שפּאַניען, וועלכע זיינען אַנטלאָפען פון די נעגעל פון דער שרעקליכער און גרויזאַמער אינקוויזיציע.

גיבראַלטאַר איז איצט אונטער ענגלאַנד, וועלכע איז דאָרט שטאַרק באַפעסטיגט אין דער פון נאַטור געשאַפענער פעסטונג — דער פעלז פון גיבראַלטאַר.

שטעה איך מיר אויפ׳ן דעק פון שיף און קוק אויף די ענגליי־

שע קריגס־שיפען, וואָס שטעהען ביים שטאָדט און די אָפענע מיי־
לער פון קאַנאָנען, וואָס זעהען זיך פון פעסטונג, און איך טראכט
ביי זיך: נאָך אַלעמען האָבען נאָך די פארהאנדלונגען אין ווער־
סייל נאָכ'ן וועלט־קריג מיט די אַלע פונקטען און תנאים פון אונ־
זער פארשטאָרבענעם פּרעזידענט ווילסאָן נאָך אַלץ ניט געפיהרט
צו א שלום, צו א וועלט־פרידען. אַזוי לאַנג מען זעהט נאָך אָט
די דאָזיגע סטראַשידלעס, איז נאָך ווייט פון ישעיה הנביא'ס
נבואה: „לא ישא גוי אל גוי חרב".

און עס איז מיר ארויפגעקומען אויפ'ן זינען מיינער אַן
אמאָליגער רבי מיט די „לאָקשען". ער האָט ליב געהאַט צו שמיי־
סען זיינע תלמידים און טאַקע מיט כפול שמונה'דיגע „לאָקשען",
וואָס זיינען שטענדיג געהאַנגען אויפ'ן וואַנד נעבען איהם. האָט
א אינגעל עפּעס פארזינדיגט, האָט ער ארונטערגעכאַפּט די „גע־
צייג" פון וואַנד און געקאַטעוועט. די ווייב זיינע, די רביצין, איז
געווען אַ אידענע אַ רכת לב, אַ גוטהערציגע, און זי האָט ניט גע־
קענט צוזעהן ווי דער רבי שמייסט אונז. פלעגט זי אָפּטמאָל
אָפּ'גנב'ענען די „לאָקשען" און באהאַלטען. אַז מיר אינגלאַך
פלעגען קומען אין חדר און זעהן אַז די כלי משחית, דער שמייס־
אינסטרומענט, איז ניטאָ אויפ'ן וואַנד, זיינען מיר זיכער געווען,
אַז דעם טאָג וועלען מיר זיך שוין אויסדרעהען פון שמיץ. האָ־
בען מיר אָבער די „לאָקשען" געזעהן הענגענדיג אויפ'ן וואַנד,
זיינען מיר שוין גאָר ניט זיכער געווען פון ניט געשמיסען ווערען.
אַזוי — האָב איך געטראכט — איז מיט'ן וועלט־פרידען אויך.
אַזוי לאַנג מען האָט נאָך ניט אויפגעראַמט די „לאָקשען", די
קריגס־שיפען און קאַנאָנען, איז אַ מורא, אַז מען וועט זיך נאָך
שמייסען און אפילו די ליג פון נאַציאָנען וועט עס אויך ניט אָפּ־
האַלטען.

אַזוי איז מיר דורכגעלאָפען אַ געדאַנק אין מיין מח. מאַלע
וואָס פאַר אַ פוסטע רעיונות עס מישען זיך אָפּטמאָל אין אַ מענ־
שען'ס קאָפּ?

עס איז געווען כמאַרנע און רעגענדיג, אָבער דער ים איז
געווען רוהיג. זיינען מיר באַלד נאָך פריהשטיק צוגעפאָהרען צום
ברעג מיט קליינע דאַמפּפערס. דאָרט האָבען שוין געוואַרט גע־

דעקטע בריטשקעס, געשפּאַנט צו פערד, אויך גאַידס, וועג־ווייזער, וואָס מר. ראָזען פון די טרעוולינג־איידזשענסי, וועלכער איז מיט אונז מיטגעפאָהרען, האָט באַשטעלט, און אַריינזעצענדיג זיך צו פיר פּערזאָן אין אַ בריטשקע זיינען מיר אַרויסגעפאָהרען „סאַיט סיאינג״, אָנקוקען, הייסט עס, די שטעדטעל.

די שטאָדט איז אַלט און ניט באַזונדערס אינטערעסאַנט. שמאָלע און מאַנכע ברייטערע גאַסען און די אַרכיטעקטור ניט פון די געהויבענע.

אונזער פוהרמאַן, אַ שפּאַניאָל, וואָס האָט אַ ביסעל „געבע־בעט״ ענגליש, האָט אונז אָנגעצייגט: דאָ איז דער האַנדעלס־צענטער, דאָ איז אַ רעגירונגס־געביידע, דאָ איז דאָס, דאָ איז יענעס, און האָט אַלץ געזוכט נושא חן זיין ביי די אַמעריקאַנער, מסתמא כדי ער זאָל קריגען אַ „טיפּ״.

אויפ׳ן וועג האָט מען אויף אונז געמאַכט „האָלד אַפּס״. אָרימע, אָפּגעריסענע בחורים׳לאַך זיינען אונז באַפאַלען מיט קאָ־לירטע פּאָסט קאַרטען, קליינע אַלבומס מיט בילדער פון גיבראַל־טאַר און אַנדערע אַרטיקלען, וואָס זיי האָבען פאַרלאַנגט אַז מען זאָל ביי זיי קויפען.

דערקענענדיג אָן אונזערע נעזער אַז מיר זיינען אידען, און וויסענדיג אַפּנים, אַז אידען זיינען רחמנים בני רחמנים, האָבען זיי זיך אייגעטשעפּעט ווי קלעקס און מען האָט זיך פון זיי ניט געקענט אָפּטשעפּען. עפּעס אַ קליינינקייט, דערטאַפּט אַזעלכע העכט — אַמעריקאַנער!

אום צו מאַכען אַ בעסערען איינדרוק אויף אונז, האָבען זיך כמעט אַלע אָנגעגעבען אַלס אידען. „אני יהודי״, אָדער „יאהודי״ אָהן אַן „אני״, און דאָס איבעריגע וואָס זיי האָבען גערעדט, מיט דער אויסנאַהם פון מאַנכע ענגלישע ווערטער, וואָס זיי האָבען אַריינגעוואָרפען, האָבען מיר אפילו אַ וואָרט ניט פאַרשטאַנען. איינער האָט נאָך צום „אני יהודי״ צוגעלעגט דאָס וואָרט „ציציט״ (ציצית) און זיך גענומען צושפּיליען זיין ברודיגע אויבערהעמד, מסתמא צו צייגען אונז אַז ער טראָגט אַן ארבע כנפות. עס פאַר־שטעהט זיך, אַז מען האָט געמוזט מעהר־וועניגער געבען צו לייזען, אַבי זיי זאָלען זיך אָפּטשעפּען.

מיר זיינען צוגעקומען נאָהענט צו די „גאַלעריעס", די פעלז־היילען, וואָס קיין טוריסט פאַרפעהלט ניט צו באזוכען. מיין ווייב און נאָך אַ פּאָר ווייבער, וואָס האָבען געדענקט אַז עס וועט זיי צו שווער זיין צו קריכען און קלעטערען אין די „גאַלערים", האָבען מיר אָנפאַרטרויט אויף די פוהרמאַנעס, וואָס זיינען פאַרבליבען וואַרטען אויף אונז, און מיר האָבען געקראָגען ספּעציעלע איינלאַס־קאַרטען פון אַ מיליטער־באַאַמטען און גרופּענווייז זיך געלאָזט געהן אין די פאַרצווייגטע פון נאַטור געשאַפענע טונעלען.

אפשר גאַנצע מיילען האָבען מיר זיך דורכגעשלעפּט איבער מיט שטיינדלאַך באַדעקטען באָדען. דאָ און דאָרט האָבען מיר געהאַט אויסצומיידען ליוזשקעס און מיר זיינען ממש מיט שוויס אָפּגעגאָסען געוואָרען. מיר האָבען געהאַט צו געהן באַרג ארויף און באַרג אַראָפּ און אַלע פּאָר מינוט כמעט זיינען מיר געקומען צו אַ פענסטער אָדער אַ לאָך, וואו עס שטעהט אַ קאַנאָן מיט׳ן מויל צום ים.

דאָ און דאָרט טרעפען מיר אָן אָדער מיר באַגעגענען אַן ענגלישען אָפיציער אָדער סאָלדאַט, וואָס שפּאַצירט אום מיט גאוה, ווי איינער רעדט: זעהט אדרבא וואָס די בריטישע מדינה פאַרמאָגט.

די שטיק קונסט־ווערק, דער פעלז פון גיבראַלטאַר, איז באמת אַ וואונדער־זאַך, וואָס האָט מיר שטאַרק איבערראַשט און באַגייסטערט. ווען אָבער איך בין נאָכהער געווען אין ארץ־ישראל איז די באַגייסטערונג פאַר׳ן גיבראַלטאַר פעלז ביי מיר אָפּגעשוואַכט געוואָרען. דער באַריהמטער פעלז איז געשאַפען געוואָרען פון דער נאַטור דירעקט פון בורא עולם, אָדער איז אַנטוויקעלט געוואָרען דורך געוויסע נאַטירליכע אורזאַכען. וואָס זשע איז דאָ פאַראַן אַזוי פיל צו באַוואונדערען? איז דאָך די גאַנצע שאַפונג נאָך אַ גרעסערער וואונדער. אין ארץ ישראל אָבער זעהט מען וואונדער, וואָס מענשליכע הענד, און מסתמא טאַקע אידישע הענד, האָבען געמאַכט.

ווען איך וועל האַלטען ביי ארץ ישראל, וועל איך מאַכען אַ פּאַראַלעל צווישען דעם גיבראַלטאַר־פעלז און די וואונדערליכע אַלטערטימער פון הייליגען לאַנד.

צוריקקומענדיג צו מיין וועגעלע, האָט מיר מיין ווייב אָפּגע־געבען א גרוס פון די גיבראַלטאַרער אידען. זי האָט זיך מיט אונזער פוהרמאַן צוזאַמענגערעדט, אַזוי ווייט ווי זי האָט געקענט צוזאַמענריידען זיך מיט איהם. האָט זי איהם געפרעגט: אויב עס זיינען פאַראַן אידען אין גיבראַלטאַר, און ער האָט געענט־פערט מיט אַ טאָן פון פאַראַכטונג, אַז זיי זיינען פאַראַן נאָך צופיל. זיי, די אידען, האָבען פאַרכאַפּט דאָס בעסטע און פאַר די גוים איז גאָרניט פאַרבליבען.

אַן אַנטיסעמיטעל, דער פוהרמאַן, אפשר אַן אור־אייניקעל פון אַ שפּאַנישען אינקוויזיטאָר.

איך האָב זיך ניט באַנוגענט מיט'ן גוי'אישען אָדער אַנטי־סעמיטישען גרוס, און אויף מיין פאַרלאַנג און דעם פאַרלאַנג פון נאָך אידען, האָט מען אונז געפיהרט אין הויפּט אידישען קוואַרטאַל.

5.

אידען אין גיבראַלטאַר. — פּראַווען משה רבנו'ס יאָהרצייט. — אַן עכט כשר'ער מיטאָג. — אַ נאַ־ציאָנאַליסט מיט „פּאַרק טשאַפּס". — אַן אומזים־טער פאַרדרוס. — ימים און מענשען.

דאָס באַזוכען דעם אידישען קוואַרטאַל אָדער איינעם פון די אידישע קוואַרטאַלען אין גיבראַלטאַר האָט מיר שטאַרק הנאה גע־טאָן. את אחי אנכי מבקש, איך האָב געוואָלט זעהן אונזערע ברידער־אידען.

מען האָט אונז געבראַכט צו אַ שול מיט זעהר אַ שעהנעם אריינגאַנג, פּאַראַוים אַ גרויסער, ברייטער און ציכטיגער חצר ארומגעצאַמט מיט אַן אייזערנעם צאַם, און די שול גופא אויך זעהר שעהן.

איינער וואָס האָט זיך פאַר אונז פאָרגעשטעלט אַלס דער „שאַמאָש" (שמש) האָט אונז באַגעגענט און אַ זאָג געטאָן: „שאַ־לאָם! מאַמריקאַ?" אויף אונזער לשון וואָלט עס געהייסען: „שלום עליכם, אידען. פון וואַנען קומען אידען, פון אַמעריקאַ?" „מאַמריקאַ", — האָבען מיר געענטפערט, און ער האָט אונז אריינ־געפיהרט אינוועניג אין שוהל.

דעם שמש'ס ווייב און קינדער זיינען אויך ארויסגעקומען אַנקוקען די אורחים, וואָס קומען פון דעם לאַנד אַמעריקא, און האָבען אויף אונז געקוקט מיט עפּעס אַ מין יראת־הכבוד.

אויך אינווענינ איז די שול פּראַכטפול שעהן און געשמאַקפול. אַן אמת'ער מקדש מעט. אויף די ווענד ביים אריינגאַנג אפשר אַ פּאָר צעהנדליג צדקה־פּושקעס מיט פאַרשיידענע אויפשריפטען פון אויבען. דער שמש האָט אונז אָנגעצייגט אויף די פּושקעס. דאָס איז אפּנים געווען אַ קאַפּוליער אָנצוהערענים, אַז מיר זאָלען עפּעס אריינוואַרפען אין די פּושקעס, און מיר האָבען דאָס געטאָן.

דער שמש, קענטיג אַ איד ניט קיין פּראָסטאַק, האָט גערעדט לשון הקודש מיט דער ספרדישער הברה. אונזער לשון אָדער ענג־ליש פאַרשטעהט ער ניט. בלויז שפּאַניש און „איווריט" (עברית), העברעאיש, הייסט עס, אָדער לשון הקודש.

איך שעהם זיך ניט צו זאָגען, אַז די „איווריט" איז פאַר מיר געווען אַ האַרטליכער ביסען צו צוקייען. שפּעטער זייענדיג אין ארץ ישראל און הערענדיג די ספרדישע עברי אויף שריט און טריט, האָב איך זיך צו דעם צוגעוואוינט; אָבער צום ערשטען מאָל זייענדיג נאָך „גרין" אין דער זאַך, איז מיר שווער געווען אויס־צו'טענה'ן זיך מיט'ן שמש פון גיבראַלטאַר. דאָך בין איך מיט איהם אויסגעקומען און מיר האָבען זיך פאַרשטאַנען.

לויט ווי ער האָט אונז איבערגעגעבען, האָבען אמאָל אין גאַנץ גיבראַלטאַר געוואוינט אַ פּאָר צעהנדליג טויזענד אידען. איצט אָבער זיינען זיי אַ סך ווייניגער. אין שטאָדט גיבראַלטאַר גופא, האָט ער געזאָגט, געפינען זיך אַ ניין הונדערט אידישע משפחות, וועלכע פאַרמאָגען אייניגע חברות, אַ תלמוד תורה און אַ ישיבה. די שוהל, האָט ער געזאָגט, איז די שענסטע און גרעסטע אין גיבראַלטאַר.

אויף דער פראַגע: ווי אַזוי עס לעבט זיך די אידען אין גיבראַלטאַר, האָט דער שמש ערקלערט, אַז זיי לעבען גאַנץ גוט און האָבען ניט וואָס צו באַקלאָגען זיך.

עס איז געווען נאָך האַלבען טאָג און דער שמש האָט אונז געזאָגט: „זמן תפלת מנחה בשעה א'", אַז איינס דעם זייגער, הייסט עס, דאַווענט מען מנחה. אָבער ווי זאָגט שלום עליכם'ס

טביה דער מילכיגער: „די מנחה איז ניט קיין ציג און וועט ניט אנטלויפען”, האָבען מיר נאָך צייט און מיר זיינען אוועק באזוכען די ישיבה.

דאָרט האָבען מיר געטראָפען יונגע לייט זיצענדיג ביי חומשים און לערנענדיג „וזאת הברכה”. האָט אונז געאַרט צוויי קשיות: ערשטענס, זיינען עס אַזעלכע בחורים אָדער באַלעבעסלאַך בלויז חומש־אינגלאַך אין גיבראַלטאַר? והשנית, ווי קומט איצט, פאַר פורים, די שמחת־תורה׳דיגע סדרה? זיי האָבען אַפּנים פאַרשטאַנען אַז די זאַך איז אונז קשה און זיי האָבען עס פאַרענטפערט. היינט — האָבען זיי געזאָגט, אויך אין „איוורית” — איז ז׳ אָדר, דער טאָג, אין וועלכען משה רבנו איז געשטאָרבען, לערנען זיי עס די פרשה פון מיתת משה.

ביי אונז האָב איך קיינמאָל ניט געהערט מען זאָל פּראַווען משה רבנו׳ס יאָהרצייט און אַז זיי, די ספרד׳ישע אידען, היטען אָפּ דעם רבינ׳ס יאָהרצייט, היטען זיי מסתמא אויך אָפּ בעכער זיין צוואה — די תורה — און ס׳איז זעהר פיין פון זייער זייט.

מיר האָבען זיך אביסעל אויסגעהונגערט און באַקומען אַ חשק צו עסען אין גיבראַלטאַר אַן עכט־אידישען כשר׳ען מאָלצייט. מיר האָבען געפרעגט ביים שמש, אויב עס געפינט זיך אין שטאָדט אַ „בית אכל כשר”, אַ כשר׳ער רעסטאָראַן, הייסט עס, און ער האָט געענטפערט, אַז עס איז דאָ אַזעלכע, און טאַקע כשר „בייטאַכליט האַקאַשרוט” (בתכלית הכשרות). ער האָט געזאָגט אונזערע פורמאַנעס וואוהין זיי זאָלען אונז פיהרען און זיי האָבען אונז געבראַכט אין ריכטיגען פּלאַץ.

אונזער גרופּע איז באַשטאַנען פון צעהן פּערזאָן. איך און מיין ווייב און נאָך אַכט מענשען. מיר זיינען אַרויפגעגאַנגען אויף אַ צווייטען פלאָר, וואו אַ הויכער און פעטט־געבויטער איד האָט אונז מקבל פּנים געווען אויך מיט אַ „שאַלאָם” און מיט דער פראַגע: „מאַמריקאַ?” דאָס לעצטע האָט איהם אפשר אינטערעסירט צו וויסען פון געשעפטס־שטאַנדפּונקט. מען זאָגט יאַקבי, אַז עס איז אומעטום אַן אָנגענומענער כלל, אַז פון אַמעריקאַנער קען מען און מען מעג „רייסען אַ פּאַס”, האָט ער אפשר פּאָראויס געוואָלט זיך איבערציינגען אויב מיר זיינען אַמעריקאַנער, כדי ער

זאָל וויסען וואָס פאר א מקח ער זאָל שטעלען פאר'ן עסען. אפשר האָט ער טאקע אָנגענומען דעם מנהגו של עולם און האָט אונז א קאַפּעלע באריסען; אויב יאָ, זאָל איהם אויך וואויל באקומען.

דער מאַן האָט אונז אריינגעפיהרט אין עס־זאָל, ניט קיין גרויסאַרטיגער פּלאַץ, אָבער מעהר־וועניגער באַלעבאַטיש. אויף די אושאַקעס האָבען מיר באמערקט מזוזות, און טאקע גרויסע מזוזות, און מיר זיינען צופרידען געווען וואָס מיר זיינען אריינגעפאַלען אין אזא פּלאַץ.

מיט דעם אידען האָט מען אויך געמוזט ריידען דוקא „איווריט". ער האָט אונז ערקלערט, אז קיין „בשר עוף" האָט ער ניט, נאָר „בשר בהמה ותבשיל" — רינדערנע פלייש, הייסט עס, און זופּ. א פּאָר אידען, ניט קיין פּראָהיבישאָניסטס, האָבען פאַרלאַנגט א „קאַפּעטשקע" און זיי האָבען עס געקראָגען.

מען האָט געגרייט צום טיש און דער רעסטאָראַטאָר האָט א זאָג געטאָן: „נטילה", מען זאָל זיך געהן וואַשען, הייסט עס. ווען מיר האָבען זיך אויפגעהויבען צו געהן וואַשען זיך, האָט ער ווידער א זאָג געטאָן א גראַם: „אין אכילה בלא נטילה", אז מען וואַשט זיך ניט, קריגט מען ניט צו עסען. דערביי האָט דער איד געשמייכעלט. דער שמייכעל זיינער האָט אפנים געמיינט: עט, עס רעדט זיך אזוי. אז איהר וועט זיך ניט וואַשען, וועט מען אייך אויך געבען עסען, אבי נאָר איהר וועט באַצאָהלען. איינס צום אַנדערען האָט ניט, געשעפט איז געשעפט.

מען האָט אונז דערלאַנגט סטעיקס, ניט חלילה אויף איבערעסען זיך. וואָס דען, ער וועט אזעלכע חשוב'ע אורחים איבערשטאָפּען און עס זאָל זיי, חס ושלום, פאַרשאַדען? וועלכער איד טוט אזא זאַך?...

האָבען מיר אָפּגעגעסען און אז עס איז געקומען צום באַצאָהלען, האָט זיך דער רעסטאָראַטאָר געהייסען משלם זיין צו „דאָלאַר וחצי" פאר א פּערזאָן. עס האָט אויסגעזעהן צו זיין א ביסעל צופיל און מיר האָבען פּרובירט דינגען זיך, אָבער עס האָט ניט געהאָלפען. ביי איהם איז אפנים איין פּרייז, אָט אזוי געזאָגט און אזוי, אידעלאַך, באַצאָהלט, און מיר האָבען באַצאָהלט,

זיך פיין „צושאלאמט“ מיט'ן בעל הבית און מיט דער באלעבאסטע, א פרוי, אהן אן עין הרע, א לייביגע, און מיר זיינען אוועק.

מיר האבען באזוכט דעם שטאדטישען פארק און מיר האבען נאך געזאלט צופאהרען צו דער שפאנישער גרעניץ, וואס איז ניט ווייט פון גיבראלטאר; אבער אזוי ווי עס האט גערעגענט, האבען מיר עס דורכגעלאזט.

איין זאך האבען מיר יא באדויערט, וואס מיר האבען ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו באגעגענען זיך דארט מיט אונזערע היימישע אידען. מען האט אונז געזאגט, אז עס געפינען זיך דארט אביסעל אידען פון רוסלאנד און פוילען; אבער מיר האבען ניט געוואוסט וואו צו זוכען זיי, און מיר האבען זיך אומגעקערט צוריק אהיים — צום שיף.

איז ווידער געווען וואס צו ריידען.

האט מען געהאט צו דערצעהלען די „נסים ונפלאות“ פון גיבראלטאר פאר די וואס זיינען פארבליבען אויפ'ן שיף און ניט ארונטערגעפאהרען אין שטאדט. מאנכע האבען, ווי געוועהנליך, איבערטריבען די זאך, כדי די וואס זיינען דארט ניט געווען זאלען זיך יאדען, זאלען זיך ערגערען, וואס זיי האבען אזא „טייערע געלעגענהייט“ דורכגעלאזט.

מענשען האבען אפטמאל א טבע, אז זיי האבען הנאה ווען איינער ערגערט זיך, ווערט געפלאגט פון חרטה אויף א זאך וואס ער קען שוין צוריק ניט כאפען.

„איך האב דאך אייך גערופען, איך האב אייך געבעטען איהר זאלט מיטפאהרען“, — טענה'ט איינער צו א גרופע אידען און אידענעס — „וואָרום זייט איהר ניט מיטגעפאהרען? איהר האט דורכגעלאזט א זאך, וואס איז ווערט כל־הגעלטען. ווען איך פארדין אדער איך געפין א גאנצען טויזענדער, וואלט מיר ניט אזוי פיל הנאה געטאן ווי דאס וואס איך האב געזעהן גיבראלטאר“.

האבען די אידען און די אידענעס געהאט צער דערפון, ארויס־געלאזט פון די הענד אזא טייערע זאך! געפונען אן אוצר און זיך געפוילט אויפהויבען! און דער איד וואס האט זיי, ווי מען זאגט, „אנגעצויגען“, האט דערפון געקליבען נחת.

רייד איך מיט א יונגען מאן, וואס האט אויך באזוכט גיב־

ראַלטאַר און איך דערצעהל איהם, אַז מיר האָבען דאָרט געגעסען מיטאָג אין אַן עכט כשר'ן רעסטאָראַן. זאָגט ער: „אונז, אַ גרופּע פון זעקס פּערזאָן, האָט מען אויך געשיקט אַהין אין כשר'ן רעסטאָראַן, וואָס מען האָט אונז געזאָגט, אַז ער איז דער איינ־ציגער אין שטאָדט, וואו מיר האָבען אָפּגעגעסען אַ מיטאָג, און ממש בחצי חנם. מיר האָבען געהאַט פלייש, זופּ, פאָרשפּייז און צושפּייז און עס האָט אויסגעמאכט בערך זעכציג סענט אויף אַ מענשען".

פאַרדריסט מיר שוין די מעשה: הלמאי האָט דער רעס־טאָראַטאָר ביי אונז גענומען אַזוי פיל? און די ווייב מיינע איז גאָר אַן אויפגעקאָכטע געוואָרען. אַן אשה, ווייסט איהר דאָך, איז מעהר „סענסיטיוו", געפּיהלפּול. עס האָט איהר ניט אַזוי געקימערט דער דאָלאַר אָדער מעהר, וואָס מיר האָבען איבערגע־צאָהלט, ווי דאָס וואָס זי האָט ניט געהאַנדעלט קיין מציאה. אַ כפּרה די געלד, אָבער הלמאי זאָל מען איהר אָפּנאַרען און פאַר־קויפען אַן אַנדערען די זעלבע זאַך ביליגער?

אָבער דער יונגערמאַן האָט ביי אונז אַרונטערגענומען אַ שטיין פון הארצען, ווען ער האָט אונז געצייגט דעם רעכנונג פון רעס־טאָראַטאָר, וואָס איז געווען געשריבען אין ענגליש און די ערשטע פּאָטראַווע אויפ'ן צעטעל איז געווען: „פּאָרק טשאָפּס" — פּשוט'ע חזיר־פלייש.

„אויב אַזוי", — האָב איך געזאָגט, — „איז שוין רעכט. אַז איהר האָט, זאָג איך, אָנגעפאַנגען דעם סדר פון דבר אחד, איז שוין ניט קיין וואונדער וואָס עס האָט אייך געקאָסט אַזוי ביליג.

ווי עס איז דאָרט געווען די מעשה מיט דעם יונגען מאַן און די אַנדערע וואָס זיינען געווען מיט איהם, ווייס איך ניט. מעגליך אַז זייער פוהרמאַן האָט זיי פאַרפיהרט אין אַ גוי'אישען פּלאַץ על פּי טעות, און אפשר האָט ער עס געטאָן אַבזיכטליך, כדי אָנצור־קאָרמענען אידישע קינדער מיט טרפה. אַ קשיא אויף אַ שונא ישראל, און נאָך אַ שפּאַניאָל דערצו?

און דער יונגערמאַן האָט זיך ניט געריסען דעם פּעלץ, ווי מען זאָגט, מחמת ער איז אַ נאַציאָנאַליסט. דאָס הייסט, מיט דעם דאָזיגען טיטול באַטיטעלט ער זיך. און איהר ווייסט דאָך מסתמא

וואָס פאַר אַ מין באַשעפעניש אַ נאַציאָנאַליסט איז. אַ נאַציאָ־נאַליסט רופען זיי אַזאַ איינעם, וואָס האָט ביכולת צו פרעסען חזיר־פלייש געפּרעגעלט אין פּוטער אַפילו אום יום כיפור און דאָך זיך האַלטען פאַר אַ בעסערען אידען ווי דער וואָס היט אָפּ כל התורה כולה, איז גוט צו גאָט און צו לייט און אַפילו אַן איבער־געגעבענער ציוניסט מיט לייב און לעבען. איז שוין זעלבסט־פאַרשטענדליך, אַז אַזאַ נפש איז גאָר צופרידען געווען, וואָס דער צופאַל האָט איהם געבראַכט צו אַ גוי, ניט צו אַ „אידליק", וואָס וואָלט איהם אָנגעקאָרמעט מיט כשר'ס...

זיינען מיר, הייסט עס, אַלע געווען צופרידען, אי יער, דער יונגערמאַן, אי איך, אי מיין ווייב.

אין אָוועגד איז אונזער שיף אַוועק.

מיר האָבען זיך דאַן אָפּגעזעגענט מיט „אונזער" ים, מיט'ן אַטלאַנטיק, און מיר זיינען אַריינגעפאָהרען אין מיטעללענדישען ים.

דער מיטעללענדישער ים, דער ים התכון אָדער ים הגדול, ווי ער רופט זיך אין העברעאיש, זאָגט מען, איז דאָס רוב אַ שטילער און רוהיגער ים. זעלטען ווען ער שטורמט און איז בכלל געלאַ־סענער פון אַטלאַנטישען ים און הויבט זיך ניט און בלאָזט זיך ניט און פּראַוועט ניט קיין גאוה. אַלע אמת'ע גדולים זיינען אַזוי. דערפאַר אפשר רופט מען טאַקע דעם דאָזיגען ים „ים הגדול". אמת, דער אַטלאַנטיק, וואָס האָט אַ טבע צו בייזערען זיך אָפּט, האָט אונז באַהאַנדעלט גאַנץ פיין און מיט דער אויסנאַם פון איין נאַכט האָבען מיר חלילה פון איהם קיין שום אונאַנגענעמליכקייט ניט געהאַט; אָבער דאָס איז אפשר געווען אויס דרך ארץ פאַר אונז אידען, וואָס זיינען געפאָהרען קיין ארץ ישראל.

ימים זיינען אַפּנים אַזוי ווי מענשען. עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס זיינען באַשיידען, שטיל ווי צוציקלאַך און מען הערט פון זיי קיין הויך וואָרט ניט, און אַנדערע ווידער האָבען אַ טבע צו קאָכען זיך, צו שרייען, צו פּילדערען און ביי יעדער געלעגענהייט אַרויסצייגען עזות, שקאָצעריי. ימים זיינען אויך אַזוי.

אונזער שיף איז שוין איצט געשוואומען ביי אַן אַנדער וועלט־טייל. אויף מאָרגען זיינען מיר געפאָהרען ניט ווייט פון לאַנד. מיר האָבען געזעהן אַפריקאַנישע בערג, אָבער קיין ישוב,

און וואָס ווייטער האָבען מיר זיך אַלץ דערנענטערט צו אַלזשיר, די נאָרד אַפריקאַנישע פראנצויזישע קאָלאָניע, וואו עס איז געווען באַשטימט אונזער דריטער אָפּשטעל.

.6

די אַפריקאַנישע פּאַריז. — אַלזשיר'ס בעטלער. — אַ מיסט־קאַסטען אין אַ רייכען פּאַלאַץ. — מען קען ניט נאָכגעבען דעם יצר־הרע. — באַרבערס און צייהן־רייסער. — אין דער גרויסער שוהל.

אונזער שיף שווימט איבער'ן שטילען מיטעללענדישען ים און ברייננט אונז צו אַלזשיר, די הויפּט־שטאָדט פון די פּראָווינץ אַל־זשיריען, צפון אַפריקא.

אַלזשיר איז בכלל אַ שעהנע שטאָדט. „די ווייסע שטאָדט", רופט מען איהר, ווייל איהרע געביידעס זיינען כמעט דורכאויס ווייסע. די שטאָדט ווערט אויך באַטיטולט אַלס די פּאַריז פון אַפריקא.

מיר שטעהען אויפ'ן דעק און מיר קענען זיך ניט אָפּקוקען פון דעם אויסערליכען אויסזעהן פון דער שטאָדט, פון איהרע פּראכטפולע ווייסע געביידעס. אַ ווייסער קאָליר האָט אין זיך חן און וואַרפט זיך אין די אויגען מעהר ווי אַנדערע קאָלירען. אַ כלה פוצט מען אין ווייסען, ווייל ווייס איז דער סימבאָל פון פרייד און פרידען. אַ שטאָדט וואָס איהרע הייזער אָדער מויערען זיינען פון אַ טונקעלען קאָליר, מעג זי זיין ווי לעבהאַפט אינווענינ, קוקט זי אָבער אויס פון אויסווענינ פאַר'מרה־שחורה'ט, טויט און עס כאַפּט אַן אומעט צו קוקען אויף איהר. מיר האָבען נאָך ניט געזעהן וואָס אינווענינ אין אַלזשיר טוט זיך, אָבער די פאַנטאַזיע האָט פאַרגע־שטעלט, אַז די גאַנצע שטאָדט טאַנצט און זינגט און אַלעס איז דאָרט לעבעדיג, לוסטיג און פרעהליך.

אין אַלזשיר, ווייס איך פון פריהער, וואוינען אַ היבשע צאָהל אידען, איינגעבווירענע זייט פילע, פילע דורות; אידען וואָס שטאַ־

מען פון אנטלאָפענע פון דער שוידערליכער שפאַנישער אינקוויזיציע, און אביסעל פרעמד־געבוירענע, וואָס זיינען שפעטער אהין געקומען.

און אזוי ווי עס איז ניטאָ קיין „ויהי" אָהן א צרה, אזוי איז ניטאָ א לאנד אָדער א געגענד וואו אידען האָבען געוואוינט אָדער וואוינען איצט אויך, וואו זיי זאָלען ניט האָבען געליטען רדיפות און פארפאָלגונגען. אמאָל, אונטער טערקישער הערשאפט, האָבען די אידען אין אַלזשיר געהאט געגוג אויסצושטעהן פון די אראבער אָדער מורען. זיי זיינען געוועזען איינגעשפּארט אין א געטאָ, האָבען געמוזט טראָגען ספּעציעלע העסליכע מלבושים, האָבען ניט געטאָרט פאָהרען אויף א פערד און געמוזט אויסטאָן די שיך, ווען זיי זיינען דורכגעגאנגען אין א געגענד, וואו עס איז געשטאַנען א מאָשעע, א מאחמעדאנישע קירכע. האָט א איד ניט אָפּגעהיט איינע פון די פינסטערע געזעצע, איז ער ניט זיכער געוועזען מיט זיין לעבען. זייט פראנקרייך האָט עראָבערט די פּראָווינץ לעבען דאָרט אידען פריי.

עס איז אגב אורחא ווערט צו דערמאָנען, אַז אין פראנקרייך'ס עראָבערונג פון אַלזשיר זיינען אינדירעקט פאראנטוואָרטליך צוויי אידען.

דאָס איז געוועזען מיט עטליכע און ניינציג יאָהר צוריק, ווען דער דעי, דער טערקישער גובערנאטאָר פון אַלזשיר, האָט זיך צואווערטעלט מיט'ן פראנצויזישען קאָנסול איבער א חוב פון צוויי אידישע אַלזשירער סוחרים און דער דעי האָט דעם קאָנסול אָנגעפאטשט אין די עפענטליכקייט פאר די אויגען פון פילע מענשען. דאָס האָט די פראנצויזישע רעגירונג אזוי אויפגעבראכט אַז זי האָט געשיקט א פלאָטע צו באלאגערען אַלזשיר. עס האָט געדויערט יאָהרען־לאנג ביז פראנקרייך האָט די טערקען פארטריבען און איבערגענומען די הערשאפט איבער די פּראָווינץ.

מיר זיינען אריינגעקומען אין שטאָדט, וואו אויטאָמאָבילען, צוגעגרייט פון אונזער אגענט, מר. ראַזען, האָבען שוין געוואַרט פאר אונז. די אויטאָמאָבילען האָבען אונז געפיהרט דורך די הויפּט־גאסען פון שטאָדט, וואו עס שווייבעלט און גריבעלט, טאָקע אַלאַ פאריז. דאָ און דאָרט פאָהרען מיר דורך פרעכטיגע פּאַלם־

בוימער אלעען און בולווארען און סקווערס, וואס האבען פאר־נומען אן אויג.

און טרינקען טרינקט מען דארט אין דרויסען ביי די שיינקען אדער קאפעען, אזוי ווי אין פאריז, און עס איז, פארשטעהט זיך, ניט אומעטיג.

אונזערע אויטאמאבילען שטעלען זיך אפ און מען זאגט אונז, אז מען געהט אונז צייגען די צווייטע זייט פון דער מטבע, אבער דא מוז מען שוין געהן צופוס.

געהען מיר, אומבאשריען, א מחנה מענער, פרויען און אויך קינדער, און אונזער „גאיד״, אונזער וועג־ווייזער פאראויס.

„מיר קומען איצט״ — זאגט ער אונז אין ענגליש — „אין קווארטאל פון די נייטיוס, פון די איינגעבוירענע אראבער. זייט זשע פארזיכטיג מיט אייער געלד און ווערטפולע זאכען וואס איהר האט ביי זיך״.

האט מען זיך גענומען פארקנעפלען די רעק און די רעקלאך, ארומטאפען זיך און באווארענען זיך, אז מען זאל קיין זאך ניט קענען צוכאפען.

די מענער, וואס האבען באטראכט זייערע ווייבער אלס ווערטפולע ארטיקלען, האבען זיי גענומען שטייף אונטער די ארעמס. א קשיא אויף אראבער, אפשר כאפען זיי ווייבער אויך...

געהט מען און מען רעדט און מען וויצעלט זיך ביז מען קומט אן אהין, אין ריכטיגען מקום, אין דער שכונה פון די אלטגעזעסענע אראבער.

טאטע פאטער אין הימעל! אזא ענגשאפט, אזא שמוץ, אזא ברוד, איז אפשר אויף דער וועלט ניטא!

וואס פאר אן אונטערשיד צווישען די גאסען וואס מיר זיינען פריהער דורכגעפאהרען און די געסלאך, אין וועלכע מיר בראדזשען איצט! א ריזיגער מיסט־קאסטען אין א רייכען פאלאץ, א בארג עקעלהאפטע שמוץ אין א קעניגליכען זאאל.

געסלאך שמאלינקע און פון איין געסעל אין דער אנדערער איז עולים ויורדים, דארף מען קריכען אויף טרעט ארויף און אראפ, ממש גע׳הרג׳עט צו ווערען. און איןביידע זייטען —

געביידעס, ריכטיגער: חזיר־שטאלען, דורך וועלכע עס קוקען ארויס שמוציגע ברואים בצורת מענש, עס שפירט זיך און א ריח, וואס פארכאפּט די נאָז און דעם מח — זאָל ער מציל ומשמר זיין!

דאָ קריגען מיר א קבלת פנים פון א כאַפּטע אַראַבערלאַך, קלענערע און גרעסערע, באָרוועסע, ארומגעריסענע און שמוציגע בתכלית השמוץ והברוד. אזוי ווי מאָסקיטאָס אין א הייסען זומער־אָוועגט אין א זומפּיגע געגענד נאָך א רעגען, זיינען זיי אונז אמעריקאנער באַפאַלען און מען האָט זיך פון זיי ניט געקענט אָפּטרייבען.

און וואָס האָבען זיי געוואָלט? — קליינגעלד. און אפשר וואָלטען זיי זיך פון גרויסגעלד אויך ניט אָפּגעזאָגט. און א טבע האָבען זיי, אָט די דאָזיגע באשעפעניסען, צו קריכען אליין אין די קעשענעס. זיי ווילען אפּנים פרעמדע, אומבאַקאנטע מענשען ניט מטריח זיין, מען זאָל זיי געבען, ווילען זיי אליין נעמען. אגב, אז מען נעמט אליין, קען מען דאָך נעמען וואָס מען וויל און פיל מען וויל, און דאָס לוינט זיך אפשר בעסער.

און זיי קנייפּען אייך, זיי דראַפּען מיט זייערע שמוציגע פינגער און נעגעל, אז עס כאַפּט אַזש אָן אן איבעל.

מיר קומען ארויף אויף א מארק־פּלאַץ. א גרויסער בלאָטיגער שטח, און די בלאָטע איז אויסגעמישט מיט כל׳ערליי מיסט, מיט כל׳ערליי עקעלהאַפטע שמוץ, און עס עקעלט ממש אָפּ צו טרעטען אויף דעם באָדען.

און מענשען, אָדער ריכטיגער: באשעפעניסען וואָס זעהען אוים ווי מענשען — ממש כחול הים. זיי זיינען אזוי געדיכט, אַז עס זעהט אוים, אז מען קען שפּאַצירען איבער זייערע קעפּ. אזוי ווי מוראַשקעס אין א מוראַשניק קריכען זיי אום, און עס איז שווער דורכצושפּאַרען זיך צווישען זיי.

און בלינדע און קאַליקע אויף יעדען שריט און טריט. און געקליידעט זיינען זיי אין שמאַטעס און אין זעק, אָנשטאָט רעק, און הויזען טראָגען זיי אַזעלכע ברייטע, אַז מען וואָלט אין זיי געקענט אריינשמוגלען גאנצע פעסלאך משקה קיין אמעריקא.

און פארפאטשקעט זיינען זיי מיט בלאָטע, וואָס זיי טרעטען מיט זייערע באשוכטע אָדער באָרוועסע פיס.

און די נקבות זייערע — זאָלען מיר שוין אלע אזוי פון קיין שלעכטס ניט וויסען, ווי איך וויים ניט וואָס פאר א פנים׳ער זיי האָבען. צי זיי זיינען שעהן, צי מיאוס; צי וויים, צי שווארץ. אלע געהען זיי אום מיט פארהאנגענע פנים׳ער, ווער מיט אזעלכע כלומר׳שטדיגע טיכלאך און ווער מיט סתם קויטיגע שמאטעס. דער יצר הרע — ימח שמו זאָל ער ווערען — שפּארט א קוק צו טאָן אויפ׳ן פּנים פון אן אראבישע אשה, אָבער עס איז אונמעגליך, סיידען מען זאָל נעמען עקס־רעי בילדער פון זייערע פּנים׳ער...

פרעג איך זיך אליין א פראגע: וואָס איז שעהנער און באשיידענער, די אלזשירער פאַרהאנגענע פּנים׳ער, אָדער די אמעריקאנער האלב־נאקעטקייט? און איך קען די דאָזיגע שאלה ניט פארענטפערען.

אָבער דאָ קומט מיר ארויף אויפ׳ן זינען נאָך אן אנדער זאך.

רבונו של עולם — טראכט איך — הנשמה לך והגוף שלך, צו וואָס האָסטו עס ארייגעבלאָזען דיינע נשמות אין אזעלכע העסליכע גופים? נאָך מעהר פארדראָסיג איז, וואָס זיי, אָט די דאָזיגע פארשוינען, האָבען אמאָל נוגש געווען דיין שעהנע, געליבטע און איידעלע פאָלק ישראל.

ערשט מיט אריבער דרייסיג יאָהר צוריק, אין יאָהר 1898, האָבען זיי געמאכט אן איבערפאל אויף די אידען פון אלזשיר און האָבען זיי פּאָגראָמירט אזוי ווי די רוסישע הוליגאנעס, און ווען די פראנצויזישע מאכט זאָל ניט געווען שיקען סאָל־דאטען צו באשיצען די אידען, גאָט דער לעבעדיגער וויסט וואָס עס וואָלט געשעהן.

מיר קריכען ארוים פון די געדיכטענים און מיר קומען אויף א פרייערען פּלאַץ.

מיר שטעלען זיך אָפּ ביי א פּאַלאטקע, וואָס שטעהט אויף דער הוילער בלאָטיגער ערד. די פּאלאטקע איז אלט, צוריסען און פארלאטעט מיט כל׳ערליי לאטעס, עקודים נקודים וברודים.

אינוועניג דאָרט שטעהט א נפש אין א הלבשה ניט בעסער, מיט הענד וואָס קיין נעגעל־וואַסער איז שוין אפשר אויף זיי לאַנג ניט געקומען. אַט דער דאָזיגער נפש איז א באַרבער, א צירולניק און ער שערט און גאָלט זיינע לאַנדסלייט. ער איז גראָד ביי דער אַרבייט. זיין קליענט זיצט אויף א שטיקעל בענקעל און דער צירולניק רייבט איהם די מאָרדע און שאָבט מיט'ן ראַזיר־מעסער.

אפנים אַז באַרבעריי באַצאָהלט זיך דאָרט ניט, איז דער שערער און ראַזירער אויך א „דענטיסט", א צייהן־רייסער. און כדי די וועלט זאָל וויסען, אַז ער איז דאָס, ליגט אין פראָנט פון דער פּאַלאַטקע א שמוציגע ראָגזשע און אויף דער ראָגזשע ליגט אויסגעשפּרייט הונדערט מענשליכע צייהן, מאַנכע פּריש־ארויסגעצויגענע, וואָס די בלוט אויף זיי האָט זיך נאָך ניט אָפּגעטריקענט.

אביסעל ווייטער, ווידער אַזא קאָמבינאַציע פון א צירולניק און צייהן־רייסער. און אפשר איז עס פּאַרקערט. אפשר זיינען עס יענע אַראַבער צייהן־רייסער ביי פּראָפעסיאָן, און דאָס שערען און גאָלען איז ביי זיי א זייטיגע פּרנסה.

דאָס האָט קיינעם פון אונז ניט אינטערעסירט צו וויסען. עס האָט אונז אָפּגעקעלט קוקענדיג און מיר זיינען נייגעריג געווען צו זעהן עטוואָס שעהנערס, וואָס זאָל מאַכען א בעסערען איינדרוק אויף אונזערע אידישע נשמות.

האָבען א פּאָר פון אונזערע מענשען פאָרגעשלאָגען אַז מען זאָל אונז פיהרען אין אידישען קוואַרטאַל, אין די שוהלען, און לאָמיר זיך באַקענען מיט אונזערע אַלזשירער ברידער.

אונזער רצון איז ערפילט געוואָרען, און מען האָט אונז געבראַכט צו א שוהל, א שעהנע שוהל, די שעהנסטע און גרעס־טע אין אַלזשיר. דער שמש האָט אויפגעשלאָסען די טיר און מיר זיינען אריין אינוועניג.

באַלד זיינען אויך אריינגעקומען די שמש'טע, א פּאָר אַלזשירער אידען, וואָס האָבען אויסגעזעהן צו זיין בעלי בתים נכבדים, און עטליכע אָרימע מענשען, מענער און פרויען, וואָס זיינען געקומען בעטען נדבות ביי אונז, „רייכע אַמעריקאַנער".

מיר באקוקען די שוהל. זי איז שעהן, גרוים און אונגע־הייער הויך. איז געבויט אומגעפעהר אין דעם סטיל פון דער חורבה שוהל אין ירושלים. צו באטראכטען דעם קופאָל אין דער הויך, דארף מען גוט פארדרייסען דעם קאָפּ.

דער שמש רעדט מיט אונז העברעאיש, ספרד'ישען העב־רעאיש, און מיר דערוויסען זיך פון איהם, אז די גאנגבארע שפּראכען ביי זיי זיינען: העברעאיש, שפּאניש, אראביש און אביסעל פראנצויזיש.

די שוהל, דערצעהלט ער אונז, איז אַ פּאָר הונדערט יאָהר אלט. עס זיינען אין שטאָדט פאראַן נאָך אייניגע שוהלען און עטליכע פּריוואטע מנינים. זיי האָבען אויך, האָט ער געזאָגט, תלמוד תורות, אַ ישיבה, אַ „כאכאם" (חכם) הכולל, אַ רב הכולל אזוי ווי אין פראנקרייך, און אַ צאָהל קלענערע רבנים וואָס זיינען אונטערוואָרפען דעם רב הכולל. מיר דערוויסען זיך פון איהם, אז אין אלזשיר וואוינען עטליכע טויזענד אידען און זייער מצב בכלל איז ניט שלעכט. לא יחדל אביון מקרב האָרץ, עס זיינען דאָ אָרימע לייט אויך, אָבער אין אלגעמיין לעבט זיך זיי גוט און עס זיינען פאראַן גאַנץ רייכע אידען אויך.

די אלזשירער אידען זיינען באגייסטערט פאר ארץ ישראל, פאר ירושלים עיר הקודש, און זיי האָבען אויף אונז געקוקט מיט אַ מין יראת הכבוד און מיט קנאה בליקען. אידען פאָהרען קיין ארץ ישראל, אין לאַנד פון די אָבות; אין לאַנד וואָס עס ווערט אויף איהר געזאָגט: „מציון תצא תורה", האַלטען עס די אלזשירער אידען פאר אַ דבר גדול, פאר אַ גרויסע זכיה.

דערצעהלט אונז דער שמש, אז אין דעם איבערפאַל פון די אראבער אין יאָהר 1898, האָבען זיך אידען באהאַלטען אָדער באפעסטיגט אָט דאָ אין דער שוהל, וועלכע סאָלדאטען האָבען באוואכט. בצרה גדולה היינו — זאָגט ער — אָבער גאָט האָט געהאָלפען.

איך קוק זיך אום אין דער הויך און איך זעה אַן אָרגעל. פרעג איך דעם שמש אין מיין געבראָכענעם ספרד'ישען העב־רעאיש, אויב מען שפּילט אויפ'ן אָרגעל שבת? האָט ער זיך אַזש אַ צאַפּעל געטאָן און אויף זיין פּנים האָט זיך באוויזען אַ

גרויסער פראגע־צייכען, ווי איינער רעדט: ווי קומט עס צו א אידען, א חובב ציון, וואס פאהרט קיין ארץ ישראל, צו פרעגען אזא שאלה? ווי קומט עס, אז א איד זאל חושד זיין אידען אין אזא זאך?

„לא ביום השאבאט”, ניט שבת, הייסט עס, — ענטפערט ער מיר, און ערקלערט, אז מען שפילט דעם ארגעל בלויז צו חתונות אדער חופות, וואס ווערען געפראוועט אין שוהל.

און ער פיהרט אונז אריין אין א זייטיגען, ברייטען און שעהנעם זאל, ספעציעל פאר חתונות אדער חופות.

דער שמש עפענט פאר אונז אויף אן ארון הקודש און צייגט אונז אן אויף אלטע ספרי תורות, אלע אין שיידלאך באַ־צירט מיט זילבער. אויף איין ספר תורה צייגט ער אונז אן, אז זי איז שוין אלט זעקס הונדערט יאהר.

מיר פארלאזען די שוהל צופרידענע און מיר שטעלען צו־פרידען דעם שמש און די ארימע מענשען, וואס האבען אויס־געשטרעקט זייערע הענד פאר שטיצע, און מען גיט אונז צו־וויסען, אז איצט וועלען מיר פאהרען צופרידענשטעלען א־ב־זערע מאגענס, וועלכע האבען שוין טאקע געמאנט זייערס.

7.

א שפאלטונג אין אידישע מחנות. — א גרויסע פאבריק מיט קליינע ארבייטער. — א מצבה פון אן אשה חשובה. — מחמד'אנישע אכזריות. — א „כאכאם” מיט ווייניג חכמה. — אן איבערפאל אויף א „גרינעם”.

ארויסגעהענדיג פון א שוהל, וואלט זיך געפאסט געהן עסען מיטאג אין א אידישען כשר'ן רעסטאראן און אונטערלעהנען אונזערע הערצער כמנהג ישראל, ווי עס פאסט זיך פאר אידען וואס פאהרען קיין ארץ ישראל. האט מען אונז אבער פאר־פיהרט אין א גוי'אישען האטעל, אמת, זעהר א פיינער פלאץ,

אין א שעהנעם געגענד, אָבער די עסענס דאָרט האָבען פּאָרט ניט געהאַט קיין אידישען טעם.

עס זיינען געווען געגרייט טישען מטוב אלזשיר, פארשיע־דענע פליישען, געקעכטס, צימעס וכל מיני מטעמים, אָבער ניט אַלע אידישע גומענס קענען דאָס סובל זיין.

איז געוואָרען א שפּאַלטונג אין אונזער מחנה. א טייל האָבען אונטערגעלעהנט זייערע הערצער מיט ברויט און הערינג, מיט אייער, פרוכט, גרינסען וכדומה, פארטרונקען מיט טיי אָדער קאַפע און יוצא. א טייל אָבער האָבען אַפּנים ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און . . . אָבער צו וואָס ריידען לשון הרע אויף אידען? און ווער איז עס מחויב צו זיין, ווי מען זאָגט, גאָט'ס קאָזאַק?

פארטיג געוואָרען מיט דער סעודה, האָט מען אונז גע־פיהרט אָנקוקען א פאבריק פון ראָגס אָדער טעפּיכען.

א גרויסע פאבריק, אָבער די ארבייטער דאָרט זיינען קליי־נע. אפשר אכט־יעהריגע מיידעלאך, מאנכע עלטערע, זיצען ביי וועב־שטולען, קוקען אויף דעזיינס, אויף צייכנונגען און ווארפען די פארשיעדען קאָלירטע פעדים אזוי פלייסיג און אזוי פלינק, אז איהר כאַפּט עס קוים מיט'ן אויג.

די מיידלאך, זאָגט מען, זיינען יתומות און זיי ארבייטען עס „לשם תכלית".

באָרוועסע, ארומגעריסענע, די הערעלאך ניט פארקאַמט, די פּנים'לאך ניט אָפּגעוואַשען, אויסגעטריקענטע, אויסגעדאַרטע, האַלבע סקעלעטען זיינען זיי, אָט די דאָזיגע ארבייטאָרינס.

און זיי קוקען אויף אונז פרייע מענשען מיט קנאה־בליקען. זיי וואָלטען אויך וועלען פריי זיין, אָבער מען לאָזט זיי ניט. זיי „גנב'ענען" א רגע פון זייער ארבייט און שטרעקען אויס הענטלאך צו אונז. צו זיי פארלאַנגען עס פון אונז געלד־נדבות, אָדער צערטליכקייט, אָדער זיי בעטען עס מען זאָל זיי אויסלייזען פון זייער פינסטערען גלות — ווייס איך ניט, אָבער עפּעס בעטען זיי, עפּעס פארלאַנגען זיי.

זיצען צוויי מיידלאך ביי וועב־שטולען איינע נעבען די אַנדערע. איינע א ביסעל אַן עלטערע און די צווייטע — נאָך

גאַר אַ פּיצעלע קינד. איך ווייס ניט מיט וואָס די קליינע האָט זיך פאַרזינדיגט, אָבער די עלטערע האָט איהר גאַנץ גוט אָנגע־בוכטשעט און אָנגעריסען פאַר די הערלאַך, אַז זי האָט זיך נעבאַך אַזש צואוויינט אויפ'ן קול. און דאָס איז אָפּגעטאָן גע־וואָרען אַזוי שנעל, ממש כהרף עין, און ניט די שלעגערין, ניט די געשלאָגענע האָבען מפסיק געווען פון זייער אַרבייט. דאָס קינד האָט געוויינט און געכליפּעט און צו דער זעלבער צייט אָנגעגאַנגען מיט איהר אַרבייט.

ווי עס שיינט שטעהען זיי דאָרט אונטער שטרענגע דיס־ציפּלין, און ווער ווייסט וואָס מאַנכע פון די קליינע אַרביי־טאָרינס האָבען נאָך שפּעטער געהאַט אויסצושטעהן פון זייערע פאָרלייט, פון זייערע אויפזעהער פאַר זייער אפשר אומגעווינש־טער אויפפיהרונג פאַר אונז אַמעריקאַנער געסט.

און כאָטש מיר האָבען אויף די אַראַבער בכלל געקוקט מיט פאַראַכטונג מעהר ווי מיט רחמנות, האָבען אונז די אומ־באהאָלפענע קינדער ממש צובראָכען די הערצער. עס מאַכט ניט אויס ווער זיי זיינען, פון אַראַבישער אָפּשטאַמונג אָדער פון וועלכען עס איז אַנדער פאָלק, אָבער פאָרט ניט מעהר ווי קינ־דערלאַך, אומשולדיגע באַשעפעניש׳ען, און שוין אַזוי פאַר־שקלאַפט! און ווער איז דערפאַר פאַראַנטוואָרטליך? צו וועמען זאָל מען האָבען טענות? ווייס איך ניט.

מען פיהרט אונז אריין אין מאַגאַזין פון פּרעכטיגע טע־פּיכער אָדער ראָגס, פאַרנעמט עס אַן אויג. פּראַכטפול שעהנע אַרבייט, און מען פאַרקויפט עס גאַנץ ביליג. מען באָט אונז אָן צו קויפען סחורה, אָבער אונזער גרופּע האָט גאָרניט געגעבען צו לייזען.

פון דאָרט פיהרט מען אונז אין אַ מוזעאום, אַ קליין מוזע־אומעל, אין וועלכען עס געפינען זיך אַ ביסעל אַלטערטימער. אָבער אין די אויגען וואַרפען זיך מיר אם מעהרסטען צוויי זאַ־כען: אידישע אַלטע מצבות און אַ פאַרשטיינערטער קערפּער פון אַ מענשען.

איין מצבה איז מיר געלונגען צו קאָפּירען, כאָטש די אותיות זיינען טיילווייז אָפּגעריבען פון אַלטקייט.

דער אויפשריפט אויף דער מצבה לייענט זיך:

„בעופרת עלי אבן יקרה
כתבוהו נדיבי עם על קבר
זקנתם ואמם הגבירה
להשיב שאלת כל איש ואשה
אשר שואלים למי זאת הקבורה
והוא קבר זקנה נהדרה
אשר דמתה במפעלה לשרה
כה"י נתן לנרבונים עטרה
שנת התמ"ד ביום ראשון
בשלש ועשרים בתשרי נעדרה
אלקים יאסף נפשה בעדן
בתוך חופה יקרה והדרה".

די דאָזיגע מצבה איז געבראכט געוואָרען פון דער פראנ־צויזישער שטאָדט נארבאָן, נרבונא אָדער נרבנה אין אידיש. דאָס איז די באדייטונג פון דער אכטער שורה: „כבוד ה' יתברך נתן לנרבונים עטרה" — דער אויבערשטער האָט יענער פרוי געגעבען די נרבונים, די אידען פון נרבנה, אלס א קרוין, אלס א צירונג.

די מצבה איז לויט דעם דאטום, וואָס איז אויף איהר אָנ־געגעבען, אלט צוויי הונדערט מיט פיר און פערציג יאָהר. אויפ'ן אידישען בית עולם אין אלזשיר, האָט מען מיר געזאָגט, זיינען פאראן א סך עלטערע מצבות. ווארום די און די אנדערע מצבות זיינען אוועקגעשטעלט געוואָרען אין מוזעאום אלס אנטיקען, האָב איך ניט געקענט דערגעהן.

דער פארשטיינערטער קערפער איז געלעגען אין א גלעזער־נעם קאסטען, די הענד געבונדען אויף הינטען און די פיס אונ־טען שטייף געבונדען איינע צו די אנדערע.

ווער איז ער געווען און וואָס אזוינס האָט מיט איהם פאסירט? איז אזא מעשה:

ער איז געווען א מחמד'אנער. זיין נאָמען איז געווען דזשעראָנימאָ, און האָט געלעבט מיט פיר הונדערט יאָהר צוריק. דער דזשעראָנימאָ איז אוועק קיין שפאניען בעת דער קאטוי־

לישער פאנאטיזם האָט דאָרט געבושעוועט און איז דאָרט דורך צוואַנג אָדער פרייוויליג געוואָרען אַ קריסט פון קאטוילישען גלויבען. זיבען יאָהר איז ער דאָרט אָפּגעווען און איז נאכהער צוריק אהיים געקומען. די אלזשירער מחמד'אַנער, וועלכע זיינען געווען פארקאָכט אין זייער אמונה, זיינען אויף זייער לאנדסמאַן געווען שטארק אויפגעבראכט פאר זיין איבער'שמד'ן זיך אויף אַ קאטויליק און מען האָט פון איהם פארלאַנגט, אַז ער זאָל זיך אומקערען צוריק צום גלויבען פון זיינע עלטערען. דזשעראָנימאָ האָט אָבער ניט געוואָלט. מען האָט איהם אָנגעטאָן כל'ערליי לײדען און ער האָט זיך אָלץ געהאַלטען ביי זיין עקשנות.

ענדליך האָט מען איהם געבונדען און לעבעדיגערהייד איינגעמויערט אין אַ וואַנד. ביי יעדען ציגעל אָדער שטיין, וואָס מען האָט ארום איהם ארומגעמויערט, האָט מען איהם אָלץ געגעבען די ברירה אַז ער זאָל זיך צוריק אומקערען צו דער מוסולמאַנישער אמונה, אָבער מען האָט עס ביי איהם ניט גע'פועל'ט און מען האָט איהם אינגאַנצען איינגעמויערט אין וואַנד. מיט פילע, פילע יאָהרען שפּעטער האָט מען יענע געביידע צוואוואָרפען און זשעראָנימאָ'ס קערפּער איז דאָרט געפונען געוואָרען פארשטיינערט אין דער פאָזע ווי מען האָט איהם איינגעמויערט.

די מחמד'אַנער האָבען אין שפּאַניען געהאַט געגוג אויסצושטעהן פון די קאטוילישע פאנאטיקער און די אינקוויזיטאָרען, האָבען זיי זיך נוקם געווען אָן אַ קאטויליק מדה כנגד מדה מיט די זעלבע שוידערליכע אכזריות.

מען האָט אונז ארויפגעפיהרט אויף אַ בארג און אָנגעצייגט אויף אַ געביידע, וואָס שטעהט דאָרט. דאָ — ערקלערט אונז דער „גאַיד" — האָט אַמאָל געוואוינט דער טערקישער גובערנאַטאָר. דאָ האָט ער עס געפּאַטשט דעם פראנצויזישען קאָנסול, וואָס עס האָט געפיהרט צו די פראנצויזישע עראָבערונג פון אלזשיר.

מיר האָבען דאַן באזוכט דעם שטאָדטישען באָטאַנישען גאָרטען, אַ פּראכטפולער פארק מיט וואונדער־שעהנע בוימער און פלאַנצונגען, ממש אַ ברכה צו מאכען. אזעלכע בוימער, פלאַנ־

צונגען און וואקסונגען האָבען מיר נאָך ביז איצט ניט געזעהן.

אַלס פארבייסען, אַלס צימעס פון אונזער פאַרברענגען אין אַלזשיר, האָט מען אונז ווידער געבראַכט צווישען אייגענע, אחינו בני ישראל.

מען האָט אונז ווידער אריינגעפיהרט אין אַ שוהל, אַ קליינע אָרימע שוהל׳כעל אַזוי ווי אַ היימישער קליינשטעדטעלדיגער בית המדרש, אָדער אַ חסיד׳ישע קלויז. דאָרט האָבען מיר געטראָפען איינציגע אידען. נאָך זייער הלבשה האָט מען געקענט זעהן, אַז זיי זיינען ניט פון דער רייכער קלאַס. וואהרשיינליך אָרימע ארבייטער אָדער קרעמערלאַך, וואָס האָבען זיך מסתמא אריינגעכאַפּט אין שוהלכעל דאַוונען מנחה.

איינעם האָט מען אונז פאָרגעשטעלט אַלס „כאַכאַם" (חכם), רב, הייסט עס. אַזוי ווייט ווי אונזערע מענשען האָבען זיך מיט איהם געקענט פאַנאַנדעררעדען אין ספרד׳ישען העברעאיש, האָט עס אויסגעזעהן, אַז קיין וואַזשנער למדן איז ער ניט.

אָבער דאָס איז ניט פון די חדושים פון אַלזשיר. ביי אונז אין אַמעריקא זיינען ב"ה אויך פאַראַן אידען וואָס באַטיטלען זיך מיט׳ן טיטול „רב" און זיינען גאַנץ ווייט פון לומדות...

פון דאָרט האָט מען אונז געפיהרט אין דער ישיבה. דער מנהל, אָדער פּרינסיפּאַל, האָט אונז גאַנץ פיין אויפגענומען און פאָרגעשטעלט פאַר אונז דעם „יושב ראש", דעם פּרעזידענט פון אַנשטאַלט, אַן עלטערער איד, קענטיג ניט קיין אָרימער, מיט אַ פּראַנצויזיש בערדעל, אָבער נעבאָך זעהר טעמפּ אין לשון הקודש. מיר האָבען מיט׳ן מנהל געשמועסט — אַזוי ווייט ווי אונזערע אַמעריקאַנער כחות האָבען אונז געדינט — אין ספרד׳ישען העברעאיש, אָבער ער, דער פּרעזידענט, האָט, קענטיג, גאָרניט פאַרשטאַנען, ניט אונזער שלעכטען העברעאיש, ניט דעם מנהל׳ס ריכטיגע אויסדריקע, און דער מנהל האָט געדינט אַלס דאָלמעטשער און איהם אַלעס איבערגעגעבען אין אַראַביש אָדער שפּאַניש.

פאַר אונז אַמעריקאַנער איז עס קיין נאָווינע ניט. ביי אונז אין אַמעריקא קען אויך פּאַסירען אַז אַ פּראָסטאַק, אַפילו אַ קליינער בעל עברי, זאָל זיין פּרעזידענט אין אַ אידישען לעהראַנשטאַלט.

האָבען מיר זיך געפיהלט כמעט אזוי ווי אין דער היים, און מען האָט זיך כמעט פאַרגעסען אַז מען איז גאָר אין אַפריקאַ.

עס איז דאַמאָלס ניט געווען די צייט פון לערנען, אָבער אייניגע בחורים׳לאַך, גאַנץ שעהנע יונגען, פרעהליכע, לוסטיגע, האָבען זיך דאָרט אומגעדרעהט און פריינדליך געשמייכעלט צו אונז, אורחים. די בחורים׳לאַך זיינען אומגעגאַנגען בגלוי ראש און האָבען אויסגעזעהן מעהר סטודענטלאַך ווי ישיבה־בחורים.

אויף אַ טיש זיינען געלעגען גמרות, שלחן ערוך׳ס און אַנ־דערע ספרים. איך האָב אַ מיש געטאָן אַ גמרא סנהדרין און דאָרט געפונען די „מעשה תלוי", די געשיכטע פון יעזוס׳ן, וואָס געפינט זיך ניט אין אונזערע גמרות, ווייל די צענזורען האָבען עס ארויסגעוואָרפען. איך ווייס ניט וואו די גמרא איז געדרוקט, ווייל די „שער בלאַט" האָט געפעהלט.

אויף דער פראַגע: אויב די בחורים לערנען בגלוי ראש, האָט דער מנהל געענטפערט, אַז אידישע למודים לערנען זיי „בכסוי ראש", מיט צוגעדעקטע קעפּ.

מיר האָבען געהאַט די עהרע צו באַגעגנען זיך מיט איי־ניגע תלמידות, יונגע, שעהנע, מונטערע און שטיפערישע אידישע טעכטער, אָפילו ניט קיין „געבאַבטע", אָבער באַ׳חנ׳טע.

מען האָט אונז געצייגט די קלאַסען, אָדער חדרים, און דער־מיט האָבען מיר, אַ גרופּע פון אַ צוואַנציג פּערזאָן, פאַרענדיגט אונזער טאָג „ארבייט" אין אַלזשיר און מיר האָבען זיך געלאָזט געהן צום האַפען. אַנדערע זיינען נאָך אָפּנים ניט גענוג זאַט געווען פון אַלזשיר און זיי זיינען אַוועק אָנקוקען נאָך עפּעס נייעסן.

מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקעל וועג און עס האָט פּאַ־סירט אַ פּאָרפאַל, וואָס האָט אונז אַלעמען באַאומרוהיגט. מר. יוסף דאַובער, אַ בּאָראָ פּאַרקער שעהנער בעל הבית, וואָס איז געפאָהרען קיין ארץ ישראל מיט זיין פאַמיליע, איז נעלם גע־וואָרען. וואו איז מר. דאַובער? ניטאָ מר. דאַובער. מרס. דאַובער מיט די קינדער זיינען מיט אונז, און ער איז ניטאָ.

וואו האָט ער געקענט אַהינקומען, פאַרשטעהט קיינער ניט.

מען קוקט זיך ארום אין אַלע זייטען. מען שרייט, מען רופט און אין קול ואין עונה.

ווערען מיר אַלע אומרוהיג. עס איז שוין שפּעט פאַרנאַכט, אין אַ פרעמד לאַנד, וואו עס געפינען זיך אַזוי פיל אַראַבער; אין אַ לאַנד, וואו מען קען זיך מיט קיינעם ניט פאַנאַנדער־ריידען — ווער וויים, וואָס עס קען פּאַסירען! איז אַ שאָד אַ איד, בפרט נאָך אַ גאַנץ וואווילער איד, אַ ציוניסט, אַ חסיד און סתם אַ גוטער מענש אין אַלע פּרטים. לויפט מען אַהין, אַהער און — והילד איננו.

עס האָט געדויערט אַ היבשע שטיקעל צייט. מיר אַלע זיינען צושראָקען און זיין ווייב און קינדער נאָך מעהר.

פּלוצלונג — ער איז דאָ! שמחה וששון, דער פאַרלוסט האָט זיך, אַ דאַנק זיין ליבען נאָמען, אָפּגעזוכט. וואו זייט איהר געוועזען? „אַ דאַנק גאָט", — זאָגט ער, — „אַבי איך בין ארויס מיט גאַנצע ביינער און מיט מיין זייגער און געלד אין די קעשע־נעס". און ער דערצעהלט, אז ער האָט זיך עפּעס פאַרטראַכט און איז פאַרבליבען איינער אַליין פון הינטען. זיינען איהם באַפאַלען אַ באַנדע יונגע פּעדלער, אָדער שנאָרערס, אָדער סתם באַנדיטלאַך, און מען האָט איהם שיער אויף שטיקער צוריסען. דער גליק זיינער איז געוועזען, וואָס ער איז, אָהן עין הרע, אַ איד מיט ביינער, ניט קיין שלימזל'ניק, איז איהם געלונגען ארויסצו־דרעהען זיך פון זייערע הענד.

דער „גערעטעטער" האָט געמאַכט, אַזוי צו זאָגען, אַ „סעודת הודאה". אונזער גאַנצע קאָמפּאַני איז צוגעקומען צו אַ שענקעל, מיר האָבען זיך אַלע אויסגעזעצט ארום טישלאַך אין דרויסען און מען האָט דערקוויקט די הערצער מיט אַלזשיר'ער ביר און סאָדא וואַסער על חשבונו.

קומענדיג צום האַפען, האָבען מיר געהאַט צו וואַרטען אויף אַ דאַמפּפער, וואָס זאָל אונז צופיהרען צו אונזער שיף. איך און מיין ווייב האָבען זיך אָפּגעזוכט אַ קלאָץ, אויף וועלכער מיר האָבען זיך אוועקגעזעצט אויסרוהען אונזערע פיס, וואָס מיר האָבען אָפּגעמאַטערט איבער'ן טאָג. דאָרט, ביים קלאָץ, האָב איך דאָס פאַרגעניגען געהאַט צו באַקענען זיך מיט אַ רוסיש־

אידישען יונגען מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ קוקאַרדע אויפ׳ן היטעל. אין אַ שווערליכען אידיש האָט ער ערקלערט, אַז ער איז אַ כעמיקער, אָבער פּרנסה פון זיין פּראָפעסיע האָט ער ניט, האַלט ער אָן אַ שטיקעל שטעלע ביים האַפען. ער איז, הייסט עס, אַ שטיקעל באַאַמטער, אָבער ער האָט ניט גענוג צו מאַכען אַ לעבען פאַר איהם מיט זיין ווייב און אַ פּאָר קינדערלאַך, וואָס ער פאַרמאָגט.

„עס זיינען דאָ פאַראַן נאָך רוסישע און פּוילישע אידען, וואָס זיינען אַהער פאַרוואָרפען געוואָרען אין צייט פון דער מלחמה״, — האָט ער מיר געזאָגט, און איך האָב זעהר באַדויערט, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגענהייט צו באַגעגענען זיך מיט זיי.

איך האָב דעם לאַנדסמאַן מכבד געווען מיט עטליכע אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסען, פאַר וועלכע ער האָט מיר הערצליך באַדאַנקט און מיר האָבען זיך צושיידט.

מיר זיינען געקומען אויפ׳ן שיף שוין שפּעט אין אָוונד, און מיט אַ פּאָר שטונדען שפּעטער איז די שיף אָפּגעגאַנגען.

8.

די קעניגין פון דער ריוויערא. — אַן עזאָזל אין מאָנטע קאַרלאָ. — אומזיסטיגע גרויסע הכנות. — די רולעטקע. — צוויי יצר הרע׳ס. — מען שאַרט געלד מיט לאָפּעטעס.

אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען האָט זיך די „מאַרעטאַניא״ אָפּגעשטעלט ביי דער האַפען־שטאָדט ווילא־פרענטש. די שיף האָט דאָרט צו שטעהן דעם גאַנצען טאָג ביז שפּעט נאָך האַלבע נאַכט.

מיר האָבען דאָרט אַ קאָמבינאַציע פון ווילעפרענטש, ניצע, מאָנטע קאַרלאָ, אַלע ניט ווייט איינע פון די אַנדערע. אין אונזער פּראָגראַם ווערט געזאָגט, אַז דעם טאָג וועלען מיר אַרומ־

פאָהרען די שטעדט, זעהן די וויכטיגע פּלעצער און געגענדען און אין אָוועגד וועלען מיר מאַכען אַ עקסטרא באזוך אין דער קאַ־סינאָ פון מאָנטע קארלאָ, דער באריהמטער געמבלינג־פּלאַץ אין דער פּיטשינקער פירסטענטום אָדער מדינה'לע מאָנאַקאָ.

די אַלע דריי שטעדט זיינען איצט אונטער פראנקרייך און די געגענד איז באריהמט אַלס „די הארץ פון דער ריוויערא".

קוקענדיג פון דעק פון שיף האָט מען פאַר די אויגען אַ וואונדער־שעהנע און הערליכע פּאַנאָראַמאַ. באגרינטע און באַ־בלומטע בערג פּאַנגען זיך אָן ביים ברעג ים און ציהען זיך ארויף הויך, ניט געוועהנליך משופּע, נאָר אַזוי ווי טרעפּ.

און צווישען די גרינקייט און פיל קאָלירטע בלומען שטעהען דאָ און דאָרט זעהר שעהנע פּאַלאַצען און די אויגען ווערען ניט אָנגעזעטיגט צו קוקען אויף דעם פּראַכט און גלאַנץ פון דעם וואונדערליכען ים־ברעג.

אידען וואוינען אין ניצע, אָדער ניס, זייט הונדערטע יאָהרען. זיי האָבען שוין דאָרט געהאַט פארשיעדענע צייטען, שלעכטע און בעסערע. געוועזען צייטען ווען אידען האָבען דאָרט געמוזט טראָ־גען אַ געוויסען צייכען אויף זייערע מלבושים, כדי מען זאָל זיי קענען אונטערשיידען פון ניט־אידען. האָט עס אַ איד ניט אויס־געפאָלגט, זיינען זיינע קליידער קאָנפיסקירט געוואָרען און עס איז ־עכט געווען איבערצולאָזען איהם נאַקעט. מען האָט אידען פאַר־באָטען צו האנדלען, צו שטודירען און אַ איד האָט ניט געטאָרט באשעפטיגען אַ ניט אידען.

אָבער דאָס האָט שוין לאַנג געמיטען. איצט, אונטער פראנק־רייך, לעבען דאָרט די אידען געוויס פריי, אָבער קיין סך אידען איז דאָרט ניטאָ.

פון די אמאָליגע אידען האָבען זיך אַ סך אַסימילירט מיט איטאַליענער, צו וועמען די געגענד האָט אמאָל באלאנגט. אפילו אונטער פראנצויזישער הערשאַפט, זייט דעם יאָהר 1860, האָבען זיך אויך מאַנכע אידען אויסגעמישט מיט די פראנצויזען. עס זיינען אָבער געווען צייטען ווען דאָס יודענטום האָט דאָרט גע־בליהט און ניצע האָט ארויסגעגעבען אידישע חכמים און גדולים.

פאַר דער מלחמה האָט די אידישע באַפעלקערונג אין ניצע

געצעהלט בלויז טויזענד נפשות. די מלחמה האָט אהין געבראכט אידען פון אנדערע לענדער און זיי לעבען דאָרט פארהעלטניס־מעסיג גאָר ניט שלעכט. א היבשער טייל פון האנדעל און אינדוסטריע ליגט אין אידישע הענד. די אידען האָבען דאָרט שולען און אנדערע אידישע אנשטאַלטען און האָבען אין אַלגעמיין ניט וואָס צו באקלאָגען זיך.

צום באדויערען האָב איך ניט געהאַט די געלעגענהייט צו באקענען זיך מיט דאָרטיגע אידען פערזענליך. איך האָב אָבער אָנגעטראָפען איינעם, מיט וועמען איך האָב זיך געקענט פאַנאַנ־דעררײדען, און ער האָט מיר אָפּגעגעבען דעם גרוס, אַז אידען פיהלען דאָרט קיין גלות ניט און האָבען אבסאָלוטע רעליגיעזע און עקאָנאָמישע פרייהייט.

ניצע איז א ווינטער רעזאָרט. פילע מענשען פון נאָהענט און פון ווייט קומען אהין אויפ׳ן ווינטער, ווייל די לופט איז דאָרט זעהר גוט. עס פארשטעהט זיך, אַז אחינו בני ישראל רייבען זיך אויך אָרום דעם און עס גיט זיי צו פרנסה.

מיר קומען אריין אין ווילעפרענטש. אונזער פראָגראַם זאָגט, אַז מיר האָבען צו פאָהרען עטליכע און צוואנציג מייל אָרום ניצע און ביים ים־ברעג און מיר וועלען זעהן איינע פון די שעהנסטע לאנדשאַפטען, וואָס די וועלט פאַרמאָגט.

און דאָס איז ניט געווען קיין גוזמא. אויטאָמאָבילען פיה־רען אונז דורך גאַסען, אַלייען און געגענדען און מיר ווערען ווירקליך באגייסטערט פון די נאַטור־שעהנהייטען, וועלכע מענ־שען־קינדער האָבען נאָך מעהר פארשענערט דורך אויסבויען פראכטפולע ווילאַס און פארפלאַנצען גערטנער, וואָס הארמאָ־נירען מיט די אויגען־בלענדענדע שעהנקייט, וואָס די נאַטור האָט געשאַפען, און גיבען איהר צו מעהר חן.

יאָ — טראכט איך — עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס פאַר׳מיאוס׳ן אונזער וועלטעל, מאכען איהר אָפּטמאָל העסליך און עקעלהאַפט; דערפאַר אָבער זיינען דאָ אזעלכע וואָס פאַר־שעהנערען איהר.

אונזערע אויטאָמאָבילען שלענגלען זיך איבער געדרעהטע בערג־וועגען און יעדע ווײלע אַלץ אַן אנדער סצענע, אַן אנדער

פאנאראמא פאר די אויגען. דא און דארט ווילט זיך אפשטעלען, כדי מעהר צו באאבאכטען א געוויסען פונקט, און איך זאג דאס אונזער אויטאמאביל-טרייבער, אבער ענטוועדער ער פארשטעהט מיר ניט, אדער ער וויל ניט, און ער טרייבט ווייטער.

אויף איין פלאץ, אויף א הויכען בארג, האבען זיך אונזערע אויטאמאבילען אפעשטעלט. פון דארט האבען מיר געזעהן די גאנצע שטאדט ניצע, וואס ליגט אין א טאל, אין איהר פולען פראכט און גלאנץ. ווי א פרעכטיגער אמפיטעאטער זעהט די שטאדט אויס און מען קען גאר ניט משער זיין וואס פאר א שעהנע לאנדשאפט דארט איז.

אבער, מורי ורבותי, ארץ ישראל האט אין מיינע אויגען אויסגעזעהן נאך שעהנער. אפילו איהרע הויכע, מיט שטיינער באדעקטע בערג האבען מיך מעהר באגייסטערט ווי די „הארץ" אדער די „קעניגין" פון דער ריוויערא".

אפשר איז דאס צוליב דעם, ווייל ארץ ישראל איז אונזער אייגענס, און אן אייגען קינד אדער אן אייגענע מאמע איז באליבט, מעהר צום הארצען און זעהט אויס שעהן ווען אפילו זי איז ניט אזוי שעהן.

א גאנצען טאג האבען מיר דארט פארבראכט. באזוכט א סך וויכטיגע פלעצער, געזעהן דעם פאלאץ פון דעם פרינץ פון מאנאקא און דעם פרעכטיגען בלומען-גארטען ארום און נאך און נאך, אבער, צום באדויערען, ניט די אידישע שכונה. עס איז געוועזען אן אויסגעשטעלטער פראגראם און די אידען פון ניצע האבען אפנים ניט געהאט די זכיה אז מיר רייזענדע קיין ארץ ישראל זאלען זיי אפשטאטען א וויזיט...

אבער, ווי איך האב שוין געזאגט, האב איך מעהר-ווייניגער ערפאהרען וועגען די דארטיגע אידען פון איינעם, מיט וועמען איך האב זיך געקענט צוזאמענריידען, איז יוצא. אבי ערפאהרען אז זיי זיינען ב"ה געזונד און האבען פרנסה, איז גענוג.

מען ברענגט אונז אויף א פלאץ ביים ים. פון ווייטענס זעהט זיך א הויכער בארג און מען דערצעהלט אונז, אז דער דאזיגער בארג איז באריהמט אלס דער „זעלבסטמארד בארג". מענשען וואס פארשפילען זייערע פארמעגענס אין דער מאנטע

קארלאַ קאַסינאַ קלעטערען ארויף אויף יענעם בארג און ווארפען זיך ארונטער אין ים אריין. אַ סך האָבען דאָס שוין געטאָן, און ווער ווייסט וויפיל נאָך עס וועלען דאָס טאָן.

אַ מין עזאָזל. נאָר פון עזאָזל פלעגט מען יום־כפור ארונטערשליידערען אַ ציגעלע מכפר צו זיין אויף פרעמדע זינד און דאָ שליידערען זיך ארונטער מענשען אַלס זייערע אייגענע כפרות פאַר זייערע אייגענע זינד.

מיר זיינען געקומען אויפ׳ן שיף שפעט פארנאכט און דער עולם האָט זיך גענומען מכין זיין פאַר דעם אָווענדיגען ארויספאָהר אין דער קאַסינאָ.

אהין איז ניט גלאט מען נעמט און מען זעצט זיך אוועק און מען פאָהרט. דאָרט איז דאָך אַ פלאַץ, וואו עס קומען זיך צוזאמען פרינצען און פרינצעסינס, גראַפען און גרעפינס, פירשטען און פירשטינס, דאַרף מען האָבען ספעציעלע פּאַרבארייטונגען איידער מען קומט אהין אריין. מען קען דאָך ניט קומען ווי שלעפערס און מביש שטעלען די פרינצען מיט די גראַפען מיט די פירשטען.

איז געוואָרען אַ בהלה. מען האָט זיך גענומען פוצען און סטראָיען אַזוי ווי צו אַ חתונה אָדער אזוי ווי צו אַ געהויבענעם באָל. ווער עס האָט געהאַט פול־דרעס סוטס, האָט זיי אָנגעטאָן און ווער ניט, האָט זיך געמוזט באַנוגענען מיט בגדי שבת אָדער זונטאג.

און ווייבער און ווייבלאך און מיידלאך האָבען זיך אָנגעטאָן, אָדער אפשר פארקערט: אויסגעטאָן אין די ענטבלויזעסטע, ארבעללאָזיגסטע און פוס צייגענדסטע וואָס זיי האָבען געהאַט. און האָבען זיך געשמירט און געפודערט און געליפּסטיקט און געשפיגעלט אָהן אַ שיעור. אַ שפאַס, מען וועט האָבען די זכיה צו קומען אין געזעלשאפט פון פרינצען, גראַפען און פירשטען, דאַרף מען דאָך זעהן אַז זיי זאָלען האָבען אויף וואָס צו קוקען...

דער סוף אָבער האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זייער ארבייט איז געוועזען ארויסגעוואָרפען. זיי זיינען נעבאך געווען דיסאַפּאָינטעט, ענטוישט. די אַריסטאָקראַטיע פון דער קאַסינאָ האָט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט, ווייל דאָרט איז מען פארנומען און מען

האָט קיין צייט קוקען אויף נשים. דאָרט איז מען אריינגעטאָן אין איין זאך, אין שפּילען רולעטקע, און וועמען ליגט עס אין זינען נארישקייטען?

מיר, די „ראָזען־פּארטי", געפיהרט פון דער ראָזען־אַגענטור, זיינען געפאָהרען צו דער קאָסינאָ אין גרויסע פארמאכטע אויטאָ־מאָבילען צו עטליכע און צוואנציג אָדער דרייסיג פּארשוין אין אַן אויטאָמאָביל. מיר האָבען געהאַט צו פאָהרען היבשע עט־ליכע מייל און חברה האָבען זיך אויפ'ן וועג לוסטיג געמאכט. מען האָט געזונגען כל נדרי, שושנת יעקב, פארשיעדענע לידער, אויך שירי ציון, און מען האָט געפּראוועט הלצות. מען איז דאָך עפּעס אויפ'ן וועג קיין ארץ־ישראל, איז מען גוט אויפגעלייגט און עס איז פרעהליך אויף די הערצער.

מיר קומען אַהין אין פּלאַץ — שוין איינמאָל אַ פּלאַץ! אַ פּלאַץ וואָס האלט אוים די פּארוואלטונג פון אַ גאַנצע מדינה'לע; אַ פּלאַץ וואָס אין כמוהו, וואָס נאָך אַזעלכער איז אויף דער וועלט ניטאָ. איך געה אריין אין הויפּט זאַאל, זיינען דאָרט פאראַן מענשען לאלפים. די לאַנגע רולעטע טישען זיינען אַלע באַזעצט ארום און ארום און פילע זאָגען „מעמדות", שטעהען אויף די פּיס און שפּילען אָדער געמבלען. און גאַנצע מחנות מענשען דרעהען זיך אַזוי ארום, כאַפּען אַ בליק דאָ און דאָרט. און שפּראכען רעדט מען פארשיעדענע: רוסיש, דייטש, איטאַליעניש, פראַנצויזיש, ענגליש און אַזוי ווייטער. אין אַלגעמיין זעהט עס אוים, אַז דער עולם איז פרעהליך געשטימט. אָבער ווער קען וויסען וואָס עס טוט זיך ביי אַלעמען אין די הערצער? אפשר זיינען צווישען די לוסטיגע פּנים'ער אויך פאראַן אַזעלכע, וואָס טראָגען זיך אום מיט וועהטאָגען אין די הערצער; אפשר זיינען צווישען זיי פאראַן אַזעלכע וואָס האָבען שוין זייערע פארמעגענס גע'פּטור'ט און האָבען שוין אין זינען ארויפצוגעהן אויף יענעם באַריהמטען בארג, ארונטערוואַרפען זיך און פארשלונגען ווערען אין ים?! שווער צו וויסען וואָס ביי אימיצען אונטער'ן ארבע כנפות אָדער אונטער דער שטייף־געפּרעסטער העמד טוט זיך.

פאר די וואָס זיינען נייגעריג צו וויסען ווי אַזוי די רולעטע שפּיל געהט אָן, וועל איך עס אָפּמעלדען אין קורצען.

עס שטעהען לאנגע טישען, אין יעדען טיש זיינען פאראן קיילעכדיגע אויסגעשניטענע חללים, אין וועלכע עס זיינען איינגעזעצט בעקענס. אין יעדען בעקען איז אינוועניג ארום און ארום א רינעלע, וואס האט אין זיך גריבלאך. יעדע גריבעלע איז באצייכענט מיט א נומער. צו דעם איז דא א ווייס קיילבעל, וואס ליגט אין דער רינעלע. דאס איז די רולעטע, אין וועמעס הענד, אזוי צו זאגען, עס ליגט דער שיקזאל פון די שפּילער.

איןביידע זייטען פון דער רולעטע אין דער לענג פון טיש זיינען פאראן רייהעס מיט נומערען. יעדער שפּילער קלייבט זיך אויס וועלכען נומער ער וויל און שטעלט אויף איהם זיין „סטאווקע”, ניט ווייניגער ווי צעהן פראנק. ווען די „סטאווקעס” זיינען אויסגעשטעלט, טוט אן אנגעשטעלטער א דריק אן עלעקטרישען קנעפּעל און דער בעקען הויבט זיך אן געשווינד דרעהען, דאס קיילעכעל שפּרינגט פון איין גריבעל אין דער אנדערער ביז זי פארבלייבט ליגען, און יענער נומער, ביי וועלכען זי בלייבט ליגען, געווינט.

דאס איז אומגעפער אויף אזא אופן, אבער ניט פּינקטליך אזוי. עס זיינען נאך דא געוויסע כללים אין דעם, וואס דעם אמת זאגענדיג ווייס איך אליין אויך ניט.

שטעה איך און קוק זיך צו ווי מענשען זיינען פאראינטערעסירט און פארטיפט אין די געמבלינג. זיצען מענער און אנטקעגען זיי זיצט א בילד־שעהנע יונגע דאמע, מיט א פּאר אויגען, וואס קענען, דאכט זיך, דורכדרינגען אפילו די הארץ פון פרימסטען חסיד, און זיי, די מאנסבילען, וואס זיצען אנטקעגען, טוען אפילו קיין בליק ניט אויף איהר. מילא איינער — טראכט איך — איז אפשר איהר אייגענער מאן; אבער די אנדערע זיינען דאך פרעמדע, טא ווארום ווילען זיי ניט געניסען די גייסטיגע הנאה פון קוקען אויף א שעהנע אשה? מסתמא — קום איך צום באשלום — איז דער יצר הרע פון דער רולעטע שטארקער ווי דער וייבערשער יצר הרע.

איך קוק און באטראכט אן עלטערען מאן מיט פארמאכטע אויגען, די ליפּען פארשמאכט עפּעס אזוי ווי ביי א שוואכען

אידען אין א הייסען יום־כיפור צו נעילה. זיצט ער און שרייבט און מעקט און חשבונ'ט אין א ביכעלע און אין דער זעלבער צייט רוקט ער די „סטאַוועקעס" און קריגט צוריק גאָרניט. וואָס שרייבט ער, וואָס מעקט ער און וואָס חשבונ'ט ער, ווייס איך ניט. אפשר ווארפט ער עס א מין גורל וועלכען נומער ער זאָל שפּילען און דער גורל טרעפט גראָד ניט.

עס איז בכלל אינטערעסאַנט צו זעהן, ווי מען שאַרט דאָרט געלד מיט לאָפּעטעס. מיט עקסטרא לאָפּעטעס, געמאַכט פאַר דיזען צוועק, שאַרען די ממונים די פאַרשפּילטע געלדער צו זיך און די געווינער זייער חלק צו זיך.

און גאַנצע הורבעס מטבעות, אָדער ריכטיגער: „טשיפּס", פאַר וועלכע מען צאָהלט מזומן און מען קריגט מזומן, ווערען אַזוי געשאַרט יעדע ווײַלע. שווערע טויזענדער ווערען יעדען אָוונד דורכגעשאַרט, און ניט איינער קומט אהין אַן עושר און געהט אַוועק א קבצן.

און דאָס איז נאָך ניט אַלעס. דאָ קען מען פּרובירען מזל פאַר צעהן פראַנק, ניט קיין וואַזשנע מטבע, בסך הכל א חשבון פון פערציג סענט. עס איז אָבער דאָרט פאַראַן אַן עקסטרא זאַאַל פאַר גאָר גרויסע געמבלערס, וואו מען שפּילט אין הונ־דערטער און אין טויזענדער, און דאָרט, פאַרשטעהט זיך, פאַלען גאָר שווערע קרבנות, און מאַנכע רייכע ווערען אפשר נאָך רייכער.

מיר זיינען אַוועק פון דער קאַסינאָ ארום האַלבע נאַכט. פאַרטאָג איז אונזער שיף אָפּגעגאַנגען און מיר זיינען ווידער גע־וועזען צווישען הימעל און וואַסער און ערוואַרטעט אונזער פינפטען אָפּשטעל אין נעאַפּאָל.

.9

די שטאָדט נעאַפּאָל. — זעה ארץ ישראל און לעב. — גן עדן און גיהנום אין שכנות. — וועזוא־וויום הגדול און וועזואוויום הקטן. — אַ נאַטור־געשאַפענע שוויץ־באָד. — אַ מחלוקת לשם שמים.

ווען מיר זיינען אויפגעשטאַנען אסתר תענית אין דער פריה האָט זיך אונזער שיף דערנעהנטערט צו נעאַפּאָל, די פּאָפּולערסטע און גרעסטע שטאָדט אין איטאַליען.

אין דרויסען איז געווען שעהן, ווארים און נעאַפּאָל האָט געשיינט אונטער די אָפּשפּיגלונג פון דער ליכטיגער זון.

„זעה נעאַפּאָל און שטארב". אזוי זאָגט אַן אַלטע זאגע, וואָס מיינט אויסצודריקען, אַז נאָכדעם ווי מען זעהט נעאַפּאָל, האָט מען שוין געזעהן דאָס שעהנסטע וואָס די וועלט פארמאָגט און מען קען שוין ניט האָפען צו זעהן עטוואָס שעהנערעס. האָב איך געזעהן נעאַפּאָל און איך זאָג אַז עס לוינט זיך אָסור אָוועקלעגען זיך און שטארבען, ווייל אַ לעבעדיגער מענש קען נאָך האָפען צו זעהן שעהנערס.

פון וואנען זשע שטאמט עס אָט דער דאָזיגער ווערטעל: „זעה נעאַפּאָל און שטארב"? קען זיין, אַז אמאָל, מיט הונ־דערטע יאָהרען צוריק, איז נעאַפּאָל טאקע געווען אַ מין כלילת יופי, וואָס קיין שעהנערעס איז ניט געווען; אָבער ניט היינ־טיגע צייטען.

און אפשר איז עס וואָס מען רופט דאָ אין אמעריקא: אַ „פּרעס איידזשענסי סטאָרי". אימיצער האָט געוואָלט אדווער־טייזען די שטאָדט, כדי מענשען זאָלען זיך אַהין ציהען, האָט מען בדרך גוזמא געשאַפען אזאַ ווערטעל.

און טאָמער בין איך קיין מבין ניט, טאָמער האָב איך ניט דעם ריכטיגען געשמאַק, בין איך אויך ניט שולדיג.

אָבער איך מיין חלילה ניט אָוועקצומאַכען נעאַפּאָל מיט דער האנד און מבטל זיין איטאַליען'ס שטאָלץ. נעאַפּאָל איז ווירקליך שעהן. די שטאָדט און איהר אומגעבונג איז זעהר רייך

אין נאַטור־שעהנקייטען און אין שעהנקייטען געשאַפען דורך די הענד פון קינסטלער און אַרכיטעקטאָרען. דער האפען, דער אריינפאָהר אין שטאָדט ביים ים איז פּראַכטפול, אפשר דער שעהנסטער פון אַלע האפענס, וויניגסטענס פון די וואָס איך האָב געזעהן. אין שטאָדט גופא זיינען אויך פאַראַן געגענדען און פּונקטען, אויף וועלכע עס ליגט אַ צויבערהאַפטע שעהנקייט; אָבער צו זאָגען, אַז קיין שעהנערעס איז שוין גאָר אויף דער וועלט ניטאָ — דאָס ניט.

יעדענפאַלס געפעלט מיר ניט דער נוסח. אַן אויסדרוק: „זעה און שטאַרב" אָהן אַ „חס ושלום" אָדער „גאָט זאָל היטען" אָדער „רחמנא לצלן"! דאָס איז עפּעס אַ גוי'אישע מליצה. אזוי רעדט אַן עם הדומה לחמור. געפעלט מיר טאַקע בעסער ווי אַ איד האָט זיך קלוג אויסגעדריקט: „אָנשטאָט „זעה נעאַ־פּאָל און שטאַרב" זאָג איך: „זעה ארץ ישראל און לעב". אַזאַ יאָהר מיר ווי ער איז גערעכט.

איך שטעה אויפ'ן דעק און קוק אויף דער שטאָדט מיט די בערג און ווילאַס און פּאַלאַצען ארום, וואו עס גרינט און עס בלומט, און אין אַ זייט זעה איך דעם וועזואוויוס, דעם גרויסען נאַטירליכען מחבל, וואָס האָט שוין חרוב געמאַכט שטעדט און אין זיינע קאָכעדיגע שפּייעכץ — די לאַווא — אָפּגעקאָכט מענ־שען לעבעדיגערהייד. קוק איך אויפ'ן רויך, וואָס שפּאַרט ארויס פון זיין שרעקליכען מויל, און טראַכט ביי זיך:

אַ גן עדן מיט אַ גיהנום אין נאָהענטע נאַכבארשאַפט! און עס דאַכט זיך מיר, אַז דער וואולקאַנישער בארג רעדט ווערטער און בייזערט זיך: „מענשען קינדער, שטאָלצירט ניט מיט אייערע חכמות, וויסענשאַפט און ערפינדונגען. קען ווער פון אייך מיך אָפּהאַלטען, ווען איך פאַל אריין אין גרימצאָרן? קען ווער פון אייך פארשטאָפּען מיין מויל, וואָס קען ברענגען פארוויסטונג און פארניכטונג, ווי איך האָב דאָס שוין ניט איין מאָל באוויזען?"

„מה אָנו ומה חיינו" — זאָגט צו מיר אַן עלטערער איד, וועלכער האָט וואהרשיינליך געהאַט אויפ'ן רעיון דאָסזעלבע וואָס איך — „איהר זעהט אָט דעם בערגעל, וואָס רויכערט די ליולקע? אַז ער טוט חלילה אַ שפּיי מאַכט ער אַ תל פון אַלעם ארום, נו,

דארפֿען מיר מענשען ניט זיין געפֿאַלען ביי זיך? מען האָט שוין אויסגעטראַכט כל־ערליי קונצען, מען פֿליהט שוין, מען האָט שוין ראַדיאָ, ניכאַי וואָלט זיך געפֿינען אַ חכם, וואָס זאָל אָט דעם חברה־מאַן פֿארשטאָפּען זיין פּיסקאַטש, אַז ער זאָל מעהר ניט קענען שפּייען? ניטאָ נאָך דערווייל אַזאַ חכם".

מיר קומען אריין אין שטאָדט. די ערשטע גאַס איז הויך, אַ סך העכער פֿון דער ים־פֿלעכע און מען קומט ארויף מיט טרעפּ, שעהן אויסגעארבייטע שטיינערנע טרעפּ. מיר מאַכען אַ שטיקעל שפּאַציר און דאַן זעצען מיר זיך אריין אין אויטאָמאָ־בילען און מען פֿיהרט אונז אָנקוקען נעאַפּאָל.

מיר באַזוכען דעם גרויסען מוזעאום, דעם מוזעא באַרבאָ־ניקאַ, ווי די איטאַליענער רופֿען איהם, וואו עס געפֿינען זיך פֿילע אינטערעסאַנטע אַלטערטימער. דאָרט זעהען מיר אַ סך זאַכען, וואָס זיינען געפֿונען געוואָרען אין פּאָמפּעי, די שטאָדט, וואָס דער וועזואוויוס האָט חרוב געמאַכט און פֿארשאָטען אין יאָהר 79 נאָך דער קריסטליכער צייט־רעכענונג און איז געלעגען פֿארשאָטען אונטער לאַוואַ און ערד אַ חשבון פֿון אַכטצעהן הונ־דערט יאָהר. אַ „גאַיד" פֿיהרט אונז און דערצעהלט אונז און ערקלערט אונז יעדע זאַך. מיר זעהען דאָרט פֿארשטיינערטע מענשען, קרבנות פֿון פּאָמפּעי און נאָך פֿילע זאַכען, וואָס רופֿען ארויס גרויס אינטערעס.

מען פֿיהרט אונז אין די גאַלעריי אומבערטאָ, אַ גרויסער האַנדעלס־פּלאַץ מיט רייכע געשעפֿטען און מאַגאַזינען אונטער אַ וואונדער־שעהנעם גלעזערנעם דאַך. די אַרכיטעקטור פֿון יענעם פּלאַץ איז טאַקע ווירקליך צו באַוואונדערען.

מען פֿיהרט אונז פֿארביי פּאַלאַצען און אַלטע געביידעס פֿון אַמאָליגע קעניגע, אויפֿ'ן בערזע־פּלאַץ, און נאָך אין וויכטיגע פּלעצער און מיר זעהען זיך אָן אַזעלכעס וואָס אונזערע אָבות אבותינו האָבען ניט געזעהן.

ווי געזאָגט, איז נעאַפּאָל בכלל זעהר אַ שעהנע שטאָדט. וואָס מיר געפֿעלט אַם בעסטען איז די בוימער און פֿלאַנצונגען וואָס מען זעהט ביי די הייזער און אַפֿילו אויף די דעכער.

עס זיינען אין נעאַפּאָל פֿאראַן שמאָלע געסלאַך, באַוואוינט

פון די אָרימע באפעלקערונג, אָבער ניט אזוי אָרים און אָפּגע־לאָזען און שמוציג ווי אין געגענד פון די איינגעבוירענע אראבער אין אַלזשיר. וואָס אנבאלאנגט אונריינליכקייט זיינען די אראַ־בער פון אַלזשיר די טשעמפּיאָנען און איך ווייס ניט אויב עס איז ערגעץ דאָ א ווינקעל אויף גאָט׳ס ערד וואָס שטייגט זיי איבער אין דעם.

די אָרימע באפעלקערונג פון נעאַפּאָל שנאָרען ניט, רייסען ניט פאר די פּאָלעס אזוי ווי די אַלזשירער. זיי זוכען צו „רייסען א פּאַס״ פון טוריסטען, פון מסחר, אָבער ניט פון בעטלען. עס באפאלען אייך פּעדלער מיט פּאטשערקעס און אנדערע אר־טיקלען און בעטען אומגעהויער גרויסע פּרייזען. זיי האָבען א השגה צו בעטען פאר אַן ארטיקעל פינף, זעקס דאָלאר, און איהר קענט עס קויפען פאר א דאָלאר און אפשר פאר נאָך ווענינער.

די טבע פון בעטען צו הויכע פּרייזען האָבען זיי איבעראַל. אזוי זיינען די פּעדלער פון אַלזשיר, פון ניצע און פון אומעטום. מען קריגט אריין „גרינע״, ווייל מען פון זיי אָפּלעקען א ביינדעל.

וואָס אנבאלאנגט אידען, פארמאָגט זיי נעאַפּאָל זעהר ווע־ניג. לויט ווי אונזער „גאַיד״, א דאָרטיגער תושב, און ווי מיר ווייזט אויס, אַליין א „יהודי״ — כאָטש ער האָט עס ניט גע־וואָלט צוגעבען — האָט מיר געזאָגט, זיינען אין נעאַפּאָל פאראַן אינגאנצען ביי א פינף הונדערט אידישע נפשות. אויב זיי האָ־בען א שוהל אָדער וועלכע עס איז אנדערע אידישע אינסטיטו־ציעס, ווייס איך ניט.

איטאַליען בכלל האָט אמאָל געהאַט א היבשע ביסעל אידען, צווישען זיי תלמידי חכמים, גאונים, וויסענשאפטס־לייט און דיפּ־לאָמאטען. נעאַפּאָל בפרט האָט אויך פארמאָגט אזעלכע. פון יענע זיינען אָבער וועניג־וואָס פארבליבען און זייערע אור־איי־ניקלאך האָבען זיך אזוי איינגעלעבט מיט די איטאַליענער, אַז זיי לאָזען זיך גאָר ניט דערקענען אַלס אידען.

אזוי, האָט מען מיר אינפאָרמירט, איז עס אין נעאַפּאָל. אין אנדערע גרויסע איטאַליענישע שטעדט איז עס אפשר אנ־דערש. אפילו אין סאמע רוים בין איך געווען אין א גאנץ

שעהנע און גרויסע שוהל, וואָס ווערט אויסגעהאַלטען פון אַלט־גענעסענע איטאַליענישע אידען.

מיר מאַכען אַ רייזע אין אונזערע אויטאָמאָבילען אויסער'ן שטאָדט צום „וועזוואוויוס הקטן".

מיט דעם דאָזיגען טיטול האָבען מיר, אונזער גרופּע אידי־שע טוריסטען, באַטיטולט אַ קליין וואולקאַנישען בערגעל, וואָס געפינט זיך אין אַ ברייטען טאָל, ניט זעהר ווייט פון גרויסען באַריהמטען וועזוואוויוס.

אייגענטליך איז דאָרט פאַראַן נאָך אַ וואולקאַנטשיקעל, גאָר אַ „קאַראַפּוזיקעל", וועלכער שטעהט איינזאַם אין אַ ווינקעל. ער שעמט זיך, אַפּנים, וואָס ער איז אַזוי קליין און שוואַך, האָט ער זיך פאַררוקט אָן אַ זייט און איז כמעט אונבאַמערקבאַר.

פון דעסטוועגען, אַט ווי קליין און אונבאַדייטענד ער איז, וואָלט זיך קיינער ניט געוואונשען אריינפאַלען אין זיין מויל, וואָס איז נאָך פיל מאָל ערגער ווי אריינפאַלען אין מויל פון דער ערגסטער אשה רעה...

דער „וועזוואוויוס הקטן" לאָזט זיך הערען און שפּירען פון ווייטענס. מען הערט ווי אין זיין „בויך" קאָכט און מען שפּירט דעם גערוך פון שוועבעל וואָס קומט ארויס מיט'ן רויך פון זיין „מויל".

מיר דערנעהנטערען זיך צו איהם און מיר פיהלען, אַז אונ־טער אונזערע פיס רודערט זיך און עס דאַכט זיך אונז, אַז אַ היץ כאַפּט זיך אריין אין אונזערע טריט און פיאַטעס. אַלע דריקען זיך אַזוי אוים און מאַנכע פון אונזערע נשים האָבען מורא צו געהן ווייטער.

אָבער אונזער פיהרער באַרוהיגט זיי. „ער איז נאָך אַ בייבי, אַט דער וואולקאַן", — זאָגט ער. — „אפשר אַן אור־אור־אייניקעל פון גרויסען וועזוואוויוס, און עס איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבען. איהר קענט צוגעהן גאַנץ נאָהענט, אויף מיינע אחריות".

„שרעקט זיך ניט", — רופט זיך אָפּ אַ איד פון אונזער חברותא — „דער זכות פון ארץ ישראל, וואוהין מיר פאָהרען, וועט ביישטעהן, אַז עס וועט אונז קיין בייז געשעהן".

מיר געהען צו גאנץ נאָהענט. מיר באקוקען איהם, דעם קליינעם חברה־מאַן, וואָס קאָכט און רוישט אָהן א שיעור. איך דערלאַנג מיט א שטעקען אין דער הויך צום קראטער, ברעך אָפּ א היבשע שטיקעל געשמאָלצענע ווי פייער זודיגע לאַווא און איך און אנדערע נעמען עס נאכהער צו שטיקלאך אלס אָנדענקונג.

מען פיהרט אונז אין א טערקישע באָד, א שוויץ־באָד גע־שאַפען פון דער נאטור אין א לאַנגע און ברייטע הייל אין א שטיינערנעם בארג.

מיר ווארפען ארונטער די רעק. מיר כאַפּען זיך אהין אריין, אָבער די היץ — כאָטש א געשמאַקע און אנגענעמע — איז צו שטארק און מען קען דאָרט לאַנג ניט פארבלייבען, און מיר קומען באַלד ארויס אויסגעווייקט אין שוויים.

מען דערצעהלט אונז, אז רהומאטיזם ליידענדע ווערען קור־רירט, ווען זיי שוויצען זיך מעהרערע מאָל אויס אין יענער שוויץ־באָד. איז א חידוש, וואָס אזא קור־פּלאַץ איז הפקר און די שטאָדט אָדער דער שטאַאט אָדער פּריוואַט־אונטערנעמער זוכען ניט צו מאכען דערפון פּראָפיטען.

אזוי ווי עס איז געווען אסתר תענית און מאנכע פון אונ־זער גרופּע האָבען געפאַסט און זיך געאיילט צו קומען „אהיים״ צו מנחה, האָבען מיר מקצר געווען, שוין מעהר ערגעץ ניט געפאָהרען און ניט געגאַנגען און זיך אומגעקערט צוריק צום שיף.

עס איז נאָך געווען גענוג צייט פאַר דאַוונערס צו דאַוונען מנחה און לייענען „ויחל״ און ניט דאַוונערס האָבען נאָך ביז דער מגילה געקענט מאכען א פּינאַקעל.

צו דער מגילה האָבען מיר געהאַט גאָר א גרויסען עולם. מענער, פרויען און קינדער פון אַלע קלאַסען, אפילו „האי טאָן״ אידען פון ערשטען קלאַס זיינען אויך געקומען צו „אָבזווירווען״ דעם פּורים, און אונזער צייטווייליגער מקום להתפלל איז פאַר־וואַנדעלט געוואָרען אין א ריכטיגען בית המדרש אָדער קלויז אין אַלע פּרטים, מחמת עס איז אויך פאָרגעקומען א מחלוקת און עס האָט אפילו געהאַלטען ביי פּעטש — אַן עכט־אידישער בית המדרש אָדער שוהל־מנהג בכל תפוצות ישראל...

און צוליב וואָס איז עס געווען? צוליב המנ׳ען, ימח שמו וזכרו זאָל ער ווערן.

די ערשטע צוויי קאַפּיטלאַך פון דער מגילה איז אָפּגע־גאַנגען גלאַט. דער בעל קורא האָט געלייענט און דער עולם האָט זיך צוגעהערט, שאַ, שטיל, פּיין, אָהן וועלכע עס איז שטערונג. געקומען אָבער צום דריטען קאַפּיטאַל, וואו המנ׳ס טרפה׳נער נאָמען ווערט דערמאָנט, איז געוואָרען אַ סומאַטאָכע, אַ מהומה. יונגוואַרג און אויך עלטערע מענשען האָבען זיך, ווי דער מנהג איז, געוואָלט אָפּרעכענען מיט׳ן צורר היהודים, און ווען דער בעל־קורא האָט ארויסגעבראכט פון זיין מויל דאָס וואָרט „המן״, האָט מען געקלאַפּט, ווער מיט אַ גראַגער, וואָס מען האָט מיט זיך גענומען פון דערהיים, ווער מיט אַ שטעקען, ווער מיט אַ פלאַש און ווער מיט אַנדערע קלאַפּערגעצייג.

האָט עס דער בעל קורא ניט געוואָלט ליידען און ער האָט אויך געהאָט אַנדערע גוטע און פרומע לייט אויף זיין צד, וועלכע האָבען גע׳טענה׳ט, אַז דאָס איז אַ חילול השם. עס זיינען פאַראַן אַזוי פיל גוים אויפ׳ן שיף, דאַרפען זיך אידען פאַרהאַלטען אַנשטענדיג און ניט מאַכען קיין גערודער.

האָט דער בעל קורא פּרובירט מבליע זיין די „המנ׳ס״, אָפּ־כאַפּען דאָס וואָרט; אָבער עס איז איהם ניט געלונגען. חברה האָבען געהאַלטען אַן אויג אויף דעם חברה־מאַן, אויף המנ׳ען, און מען האָט איהם ניט דורכגעלאָזען אָהן קלעפּ.

עס האָט ניט געהאָלפען דעם בעל קורא׳ס „נו, אָ״; עס האָט ניט געהאָלפען דאָס בייזערען זיך פון זייטיגע מענשען; עס האָבען ניט געהאָלפען די סטראַשונקעס פון אַ רב, אַז מען איז חס ושלום ניט יוצא מיט דער מגילה, ווייל דער קלאַפּער־צד איז געווען פאַר׳עקשנ׳ט און עס האָט זיך געטאָן צו דער מגילה אַזוי ווי צו כפּרות.

דער הויפּט קלאַפּער איז געווען אַן אַלטער איד, וועלכער האָט פאַר קיין פאַל ניט געוואָלט נאָכגעבען, אפילו ווען דער בעל קורא איז אריין אין אַזאַ הקפּדה, אַז ער האָט איבערגע־לאָזט די מגילה מיט המנ׳ען מיט זיינע בנים און איז אוועק פון „שלחן״.

דער אַלטער האָט גע׳טענה׳ט, אַז אַ אידישער מנהג איז אַ תורה און מען טאָר עס ניט מבטל זיין. אלא, די גוים ? זיינען זיי דאָך ענגלענדער אָדער אַמעריקאַנער און המן איז דאָך גע־ ווען פון פרס, פון מדי, פון הודו, פון כוש — דער שווארצער יאָהר ווייסט איהם, טאָ וואָס איז דאָ זייער עסק אַז מיר קלאַפּען איהם ?

האָבען גוטע און פרומע לייט דעם אַלטען געוואָלט שלאָגען אָדער ארויסוואַרפען און עס איז געוואָרען אַ ריכטיגע מחלוקת לשם שמים, וואָס האָט פאַרלענגערט דעם תענית פון די פּאַס־ טערס.

ענדליך האָט זיך דער בעל קורא געלאָזט איבערבעטען, האָט פאַרענדיגט לייענען די מגילה און אַלע בכנופיא האָבען געזונגען „שושנת יעקב״.

פאַרט אידען. אַט צוקריגט מען זיך און אַט בעט מען זיך איבער.

10.

די אויסגעגראָבענע פּאָמפּעי. — אַ מוסר השכל פון דער אַמאָל פאַרשאָטענער שטאָדט. — די סודות־שטיבעל אין פּאָמפּעי. — באַצאָהלט שטראָף פאַר אַ פּוס. — שמחת פורים אויף דער שיף.

אויף מאָרגען, פורים, פאָהרען מיר ארוים אָנקוקען פּאָמפּעי.

עס זיינען מיט אונז אויפ׳ן שיף געווען אידען, וואָס האָבען אַלעס מבטל געווען, אַלעס אוועקגעמאַכט מיט דער האַנד. זיי האָבען אין קיין זאַך קיין אינטערעס ניט געהאַט און אַלעס איז ביי זיי געווען: עט, גאָרניט מיט גאָרניט. עס האָט זיי גאָר קיין חשק גענומען ארויסצופאָהרען זעהן עטוואָס נייעס, עטוואָס שעהנעס און טשיקאַווען, און זיי זיינען פאַרבליבען אויפ׳ן שיף.

פּאָמפּעי אָבער האָבען אַפילו אַזעלכע בטלנים אויך געוואָלט אָנקוקען. אַ שטאָדט וואָס האָט געהאַט אַזאַ סוף ווי סדום און

עמורה; אַ שטאָדט, וואָס איז אַזוי געטראָפען געוואָרען פון גאָט׳ס צאָרן, האָבען אַלע צוגעגעבען, אַז עס איז ווערט צו זעהן.

אַ אינגעל, וואָס דער מלמד זיינער שמייסט איהם אָפּ, איז גערן צו זעהן נאָך אַ געשמיסענעם. אַזוי איז אפשר מיט אונז אידען אויך. מיר האָבען שוין גענוג געליטען פון חרבנות, ליגט עס אין אונזער נאַטור, אַז מיר האָבען עפּעס אַ שטיקעל טרייסט, ווען מיר זעהען אַלטע חורבנות אויך ביי אַנדערע.

דאָס איז אפשר אַ כאַראַקטער־שטריך ביי מענשען, און דאָס האָט ערוועקט דעם חשק ביי די אָפּגעשטאַנענע צו וועלען באַזוכען די פון אונטער דער ערד אויסגעגראָבענע שטאָדט.

מאַכט צו מיר אַ איד אַ פרומאַק בזה הלשון:

„אַלעס, וואָס איהר האָט ביז איצט געזעהן, איז הבל הבלים, אפילו קיין שמעק טאַבאַק ניט ווערט. פּאָמפּעי, זעהט איהר, איז שוין עפּעס אַנדערש. דאָס דאַרף אַ איד זעהן, דאָס איז אַ מצוה צו זעהן, מחמת דערפון קען מען זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר און זיך איבערצייגען אַז עס איז פאַראַן אַ שופט ומנהיג, וואָס קען מיט איין בלאָז חרוב מאַכען שטעדט און אפילו גאַנצע מדינות״.

ווייס איך ניט, אויב יענער פרומער איד איז טאַקע גערן געוועזען צו זעהן פּאָמפּעי, כדי אַראָפּצונעמען אַ מוסר און נאָך פרימער ווערען, אָדער דער אינסטינקט האָט איהם געצויגען דער־צו, ווייל דער געשמיסענער וויל זעהן נאָך אַ געשמיסענעם...

סאַי ווי סאַי, מיר פאָהרען אריין אין נעאַפּאָל, פון דאָרט מיט אויטאָמאָבילען צו דער באַהן און ווייטער מיט דער באַהן קיין פּאָמפּעי.

אין דרויסען איז שעהן, די זון לייכט און וואַרימט און עס שמעקט מיט זומער. מיר האָבען צו פאָהרען בערך אַ שטונדע צייט. דער צוג יאָגט זיך ניט. לויפט לאַנגזאַם און מיר האָבען צייט צו באַאָבאַכטען אַלעס אויפ׳ן וועג.

מיר פאָהרען פארביי שעהנע וויינגערטנער, וועלכע גרינען און בליהען און גיבען ארויס געשמאַקע און אַנגענעמע ריחות. מיר קוקען דורך די פענסטער און מיר האָבען דערפון אַ נחת־רוח.

אין גיכען — טראַכט איך ביי זיך — וועל איך האָבען די

זכיה צו זעהן אידישע וויינגערטנער אין ארץ ישראל, און יענע — שטעל איך מיר פאר — זיינען שעהנער, פרעכטיגער און באַחנ־טער ווי די וואָס איך זעה אין איטאַליען.

עס איז דאָך נאַטירליך, אַז מען זאָל אייגענם פאַרשטעלען אין אַ בעסערע און שעהנערע ליכט ווי פרעמדעס.

פלוצלונג הייסט אונז אונזער „גאַיד", וואָס פאָהרט מיט אונז, אַז מיר זאָלען ווענדען אונזערע בליקען לינקס. און וואָס זעהען מיר דאָרט? מיר זעהען אַ גאַנץ היבשען שטח, באַדעקט מיט גרויע צושמאָלצענע און פאַרדאַרטע לאַווא, וואָס איז דאָרט פאַרבליבען פון אַ וואולקאַנישען אויסברוך פון וועזואוויוס. דער צוג געהט גאַנץ לאַנגזאַם און מיר האָבען ביכולת צו באָאָבאַכטען די געגענד גאַנץ גענוי. וואָס פאַר אַ מאָדנער קאָנטראַסט! רעכטס איז די נאַטור לעבעדיג, עס זעהט אויס ווי די בוימער און וואַקסונגען זינגען שירה, און לינקס איז טויט, קיין לעבען, קיין גרעזעלע, אַ בית עולם, אויף וועלכען אַ קליינער טייל פון דער ערד גופא איז באַגראָבען אונטער אַ גרויסע, מאַסיווע מצבה פון אַ געמיש פון ערד, שטיינער און שוועבעל.

מיר קומען אָן צו פאָמפעי און מיר קומען אריין אין שטאָדט דורך אַן אַרק, דורך אַ טויער, אונטער די פיהרערשאַפט פון אונ־זער גאַיד.

מיר טרעפען דאָרט נאָך פילע טוריסטען פון אַנדערע אַגענ־טורען. און ווען די געביידעס וואָלטען ניט געווען קיין חורבות, וואָלטען מיר געקענט מיינען, אַז מיר שפּאַצירען אום אין אַ גוט־באַפעלקערטער שטאָדט.

די גאַסען זיינען גאַנץ שעהן אויסגעלעגט, לאַנג און ניט שמאָל, און געפלאַסטערט מיט שטיינער, אָבער די טראָטואַרען זיינען הויך. ארונטערצוקומען פון אַ טראָטואַר אין גאַס, מוז מען מאַכען אַ גאַנץ היבשען שפּרונג, און זיין אין סכנה אַז מען זאָל חלילה די פיס ניט צוברעכען.

דערפאַר זיינען דאָ און דאָרט אויסגעלעגט שטיינער אַזוי ווי טרעפּ און דאָס מאַכט לייכטער אריבערצוגעהן פון איין זייט גאָס צו דער צווייטער.

די הויפּט־גאָס פון דער אויסגעגראָבענער שטאָדט איז די

הערקולאנעאום־גאס. הערקולאנעאום איז אויך געווען א שטאָדט, וואָס איז פארשאָטען געוואָרען צוזאמען מיט פאָמפעי, אָבער יענע ליגט נאָך אונטער דער ערד. פאָמפעי איז נאָך אויך ניט אינגאנצען אויסגעגראָבען, כאָטש מען ארבייט שוין אויף דעם היבשע עטליכע צעהנדליג יאָהר.

מיר שפאצירען איבער דער הויפט־גאס, איבער דער בראָדוויי פון פאָמפעי, און פון צייט צו צייט געהען מיר ארונטער אין גאסען, וואָס שניידען דורך די הויפט־גאס. אין מאנכע פלעצער איז זעהר שווער צו געהן, ווייל די שטיינער זיינען ניט קיין גלאטע און אָפט גריבער צווישען איין שטיין און דעם אנדערען. אָבער פאר די, וואָס זיינען פויל אויפ'ן גאנג, זיינען פאראן איטאליענער מיט טראָג־בעטלאך, וואָס זיינען פאר א געוויסע מטבע גרייט צו טראָגען דעם שווערסטען מענשען.

מיר זעהען האלב־חרוב'ע פאלאצען און טעמפלען. אין מאנכע זיינען נאָך די ווענד כמעט גאנץ, נאָר די דעכער פעהלען, און אין מאנכע זיינען נאָך א טייל פון די אמאָליגע דעכער אויך פאראן, און פון אנדערע איז בלויז דאָ א נשאר פון זיילען און באלקענס.

אין מאנכע געביידעס, אמאָליגע וואוינונגען פון רייכע לייט אָדער הערשער, זיינען דאָך אפילו די דעקאָראציעס פארבליבען, און מען זעהט דאָרט גאנץ שעהנע מאהלערייען.

בכלל איז דאָרט פאראן א סך נשאר פון עבט־שעהנע און קינסטלערישע ארכיטעקטור, געבויט פון ציגעל אָדער שטיינער. איבערהויפט פון די חורבות פון די טעמפלען קען מען משער זיין, וואָס פאר א ריזיגע, גרויסארטיגע געביידעס זיי זיינען געווען.

מען ציינט אונז אָן אויפ'ן ראטהויז, וואו די שטאָדטישע געזעצגעבענדע מאכט פלעגט אָפהאלטען איהרע פארזאמלונגען. מען צייגט אונז אויף קהל'שע באָד־הייזער, וואו עס זיינען נאָך פארבליבען שטיינערנע וואנעס און אנדערע איינריכטונגען. מען פיהרט אונז אריין אין א בעקעריי און מיר זעהען שטיינערנע דייזשעס און מולטערס און אויך די אויוועגס, ברייטע, טיפע אויוועגס, אין וועלכע מען פלעגט באקען מיט נייגצעהן הונדערט אָדער צוויי טויזענד יאָהר צוריק.

מען פיהרט אונז אין דעם פּלאַץ, וואו עס איז אַמאָל געווען דער האנדעלס־צענטער פון שטאָדט, און וואו עס שטעהען נאָך געביידעס, וועלכע זיינען פאר דעם חורבן פּאָמפּעי געווען פאר־נומען מיט גרויסע געשעפטען. מען ברענגט אונז אויפ'ן טעאַ־טער־פּלאַץ. א גרויסער, פרייער שטח, וואו עס געפינען זיך צוויי האלב חרוב'ע אמפיטעאטערס, גאָר ניט ווייט איינער פון אנדע־רען. אביסעל ווייטער שטעהען די באַראַקען, וואו עס האָבען געוואוינט די גלאַדיאַטאָרען, די שווערד־קעמפער, וואָס פלעגען אַמוזירען דעם עולם.

אזוי שפּאַצירען מיר דורך גאַסען און געסלאך; מיר שטע־לען זיך אָפּ אויף שעהנע, ברייטע סקווערס ארומגערינגעלט מיט האלב־חרוב'ע טעמפּלען אָדער אנדערע וויכטיגע געביידעס. און דער „גאַיד" האָט איבעראָל עפּעס צו זאָגען, עפּעס צו דערצעהלען. דאָ איז דאָס, דאָ איז יענעס, און עס איז אינטערעסאַנט צו הערען און זעהן.

און דעם משחית, דעם וועזוּוויוס, וואָס האָט מיט אַריבער אַכטצעהן הונדערט יאָהר צוריק פארפּלייצט די שטאָדט מיט קאָ־כיגע לאַווא, זעהט מען פון אַלע פּונקטען פון פּאָמפּעי. ער שטעהט מיט שטאָלץ, דער פייער־שפּייענדער בארג, ווי איינער רעדט „זעהט, מענשען, וואָס איך האָב אמאָל אויפגעטאָן און האָט דרך ארץ פאר מיר".

מיר זיינען שוין אויסגעמאַטערט. די פיס ווילען שוין כמעט ניט דינען. אָבער אונזער „גאַיד" ערמוטיגט אונז: „קומט, — זאָגט ער, — איך וועל אייך צייגען דאָס שענסטע, דאָס בעסטע און דאָס אינטערעסאַנטסטע אין פּאָמפּעי, אָבער בלויז מענער קענען עס זעהן, קיינע פרויען".

ווערען שוין אַלע נייגעריג, אי די מאַנסבילען, אי די ווייבער, די ווייבער אפשר נאָך מעהר ווי די מאַנסבילען, און מען לאָזט זיך געהן.

קומען מיר צו א שטיבעל, דוקא כמעט א גאַנצע מיט א דאַך, מיט אַלעמען און מיט א שלאָס אויפ'ן טיר. דאָרט שטעהט א שומר און ווען מיר קומען צו עפענט ער די טיר און ערלויבט

די מענער אריינקומען אינוועניג; די פרויען אָבער לאָזט ער טאַקע ניט אריין.

„דאָרט זיינען דאָ א סך מייז", — שפּאַסט אונזער „גאַיד".
— דערפאַר לאָזט מען דעם שוואַכען געשלעכט אַהין ניט אריין, ווייל מען וויל ניט אַז זיי זאָלען זיך איבערשרעקען".

און וואָס איז דאָרט אין אמת'ן? טפו זאָלען זיי ווערען! מען זאָגט יאקבי, אַז אמאָל, ווען פּאָמפּעי איז געווען א לעבע־דיגע שטאָדט מיט לעבעדיגע מענשען, איז דאָרט געווען א הייזעל פון יענע הייזלאך — דאָס אַלעס. איז דאָך די קשיא: מאַי קאָ משמע לן? וואָס פאר א חידושים ציינט מען דאָ אונז? מיר ווייסען אַליין, אַז די רוימער אָדער גריכען, וואָס האָבען באוואוינט פּאָמפּעי, זיינען ניט געווען קיין פּרושים, דאַרף מען אונז עס איבערצייגען? טפו זאָלען זיי ווערען נאָך אמאָל.

מיר לאָזען זיך צוריק צום אריינגאַנגס־טויער. מען פיהרט אונז אריין אין א געביידע, וואו אונטען אין קעלער ליגען הוי־פּענס ביינער פון מענשען. א גאַנצע פאמיליע וואָס האָט קיין צייט געהאַט צו ראַטעווען זיך בעת די שרעקליכע קאַטאַסטראָפע, איז דאָרט אומגעקומען.

אין איין פּלאַץ זעהען מיר א פאַרשטיינערטען הונד, וועל־כער האָט פאַרלאָרען זיין הינטישען לעבען באוואַכענדיג די הויז פון זיין ווירט.

מיר באזוכען דעם קליינעם מוזעאום ביים אריינגאַנג צו פּאָמפּעי, וואו עס געפינען זיך איינינע פאַרשטיינערטע קערפּערס, כלים און אנדערע זאַכען, וואָס זיינען געפונען געוואָרען אין דער אויסגעגראָבענער שטאָדט, און מיר קעהרען זיך אום צוריק אַהיים — צום שיף.

אויפ'ן וועג צוריק האָט פּאַסירט א שטיקעל אינצידענט, וואָס האָט אונז אביסעל לוסטיג געמאַכט לכבוד פּורים.

א יונגערמאַן, א וואוילער יונג, א זינגער און א היבשער הוליאַק, האָט זיך אין וואַגאָן געלאָזט וואוילגעהן און זיך צו־שפּרייט אזוי ווי ביים טאַטען אין ווייגגאָרטען. ער איז געזעסען אויף א בענקעל און אויסגעצויגען א פוס אויפ'ן אנטקעגענדיגען בענקעל. איז אריינגעקומען דער קאָנדוקטאָר און האָט אויפגע־

עפּענט זיין איטאַליענישען פּיסק מיט אַזעלכע קולות, אַז מיר זיינען אַלע צושראָקען געוואָרען. „טעני לירי!" — האָט ער געשריען און געצייגט אַלע צעהן פינגער פון ביידע הענד. מיר האָבען זיך אָנגעשטויסען, אַז ער מיינט צו זאָגען, אַז במדינת איטאַליען קאָסט אַזא פאַרגעניגען צעהן לירעס (בערך 50 סענט). דאָס הייסט, אַז מען מוז פאַר אַזא אַמעריקאַנער חוצפה באַצאָהלען שטראָף.

האָט מען גערופען דעם „גאַיד" ער זאָל דינען אַלס דאָל־מעטשער, און עס האָט זיך ארויסגעצייגט, אַז דאָס איז טאַקע דעם קאָנדוקטאָר'ס כונה.

מילא, איז באַצאָהלען מוז מען דאָך. מען קען דאָך ניט געהן געגען די חוקי המדינה. די פראַגע איז אָבער געווען ווער זאָל באַצאָהלען? אונזער אַגענט, וועלכער האָט שטענדיג גע־זוכט צו באשיצען זיינע מענשען, האָט געשריען, אַז דער „גאַיד" איז דער שולדיגער אין דעם, מחמת ער האָט געדאַרפט מכריז ומודיע זיין, אַז דאָס און דאָס מעג מען און דאָס און דאָס טאָר מען ניט. פון וואַנען זאָל אַן אַמעריקאַנער וויסען, אַז מען טאָר ניט אויסציהען די פיס? איז געוואָרען אַ הייסע דעבאַטע. דער קאָנדוקטאָר האָט זיך געקאָכט אין איטאַליעניש, דער „גאַיד" האָט געבעבעט אַ געבראָכענעם ענגליש און מיר זייטיגע מענשען האָ־בען זיך אַמוזירט.

דער סוף איז געווען, אַז באַצאָהלט די שטראָף האָט דער „גאַיד", אָבער דער יונגערמאַן האָט איהם דעם האַלבען דאָלאַר אומגעקערט.

סאַי ווי סאַי האָבען מיר די גאַנצע וועג געהאַט צו שפּאַסען און צו וויצלען זיך אויפ'ן חשבון פון דעם יונגען מאַנ'ס פוס, וואָס איז טייערער געוואָרען מיט פופציג סענט, און עס איז געווען פרעהליך לכבוד פורים.

אָבער דעם עיקר שמחת פורים האָבען מיר געהאַט שפּעטער אויפ'ן שיף נאָך דער פורים'דיגער סעודה, צו וועלכע דער „משגיח" אָדער דער אויפזעהער איבער דער „כשר קיטשען" האָט ניט פאַרגעסען מזכה צו זיין דאָס פאָלק ישראל אויף דער „מאָ־רעטאָניא" מיט המן־טאַשען.

די המן־טאשען זיינען אפילו ניט געווען שטארק געראָטען, אָבער אָבי דריי־שפּיציג. מען קען זאָגען: א זכר להמן־טאשען, ניט מעהר, און פאר א נויט האָט מען אפשר געקענט יוצא זיין מיט זיי אַלס אַ הקדמה צו דער אמת'ער פּורים'דיגער הוליאנקע, וואָס איז נאכהער געקומען.

נאָכ'ן עסען האָט זיך דער אידישער עולם פארזאמעלט אין דעם מקום להתפלל און מען האָט געהוליעט כאשר הוליאנו אבותינו אין די היימישע שטעדטלאך מיט פילע יאָהרען צוריק.

מר. בעני מאָסקאָוויץ, אַ איד פון אַטלאַנטיק סיטי, האָט די שמחה פינאנסירט. ער האָט צוגעשטעלט אַ שנעפּסעל, ביר און סאָדע־וואסער על חשבונו, און עס איז געווען והשתיה כדת. און קיינע הוליאַקעס האָבען ניט געפעהלט. האָט מען געהוליעט, אָבער שעהן, אידישלאך געהוליעט. מען האָט געזונגען פארשיידענע שירים, מען האָט געפּראוועט הלצות, מען האָט געזאָגט פּורים'דיגע „תורה" און מען האָט געטאנצט פארשיידענע כשר־טענץ גאָר אויף אַן עכט־חסידישען שטייגער.

אַפילו פּורים־שפּילער זיינען אויך געווען. אַ פּאָר יונגע־לייטלאך האָבען זיך פארשטעלט פאר מיידלאך און עקסטרעם־פרומע אגודה'ניקעס האָבען מיט זיי געטאנצט מצוה־טענץ.

מיינער אַ לאַנדסמאַן, ר' מאיר ליב עפּשטיין, איינער פון די אַלטע הוליאקעס פון אונזער שטעדטעל, וועלכער איז מיט אונז געפאָהרען קיין ארץ ישראל, האָט אַ היבש ביסעל בייגעטראָגען צו דער שמחה. ר' מאיר ליב עפּשטיין איז אומבאשריען אַ איד אַ זקן, און ער האָט מיט זיין טאנצען אין ביוש געשטעלט די יונגע טענצער.

דער גרעסטער הוליאַק פון אַלע הוליאַקעס איז געווען ר' יצחק אייזיק וויינשטאָק, אַ ירושלים'ער איד, אַ משולח פון בית יתומים דיסקין. דער איד — קיין בייז אויג זאָל איהם ניט זיין — האָט ממש שטונדען נאָכאנאנד געזונגען שירים און לידער אין העברעאיש און אין אידיש, און עס איז געווען צו באוואונדערען ווי אזוי ער האָט אויסגעטראכט און אויסגעפלאָכטען נייע גראמען און פערזען, אין דער שטיקעלע צייט וואָס דער „כאָר" האָט אַ ביסעל צוגעזונגען.

עס איז כדאי צו דערמאָנען, אז מיט דעם ר׳ יצחק אייזיק, וואָס האָט זיך אזוי לוסטיג געמאכט, האָט זיך נאכהער אָפּגע־שפּילט אַ טראַגעדיע, וואָס האָט צובראָכען אַלעמענס הערצער.

דער איד איז געפאָהרען אהיים צו זיין פאַמיליע אין ירושלים, וואו מען האָט אויף איהם געוואַרט צו פיהרען אַ זוהן צו דער חופּה. לסוף האָט מען איהם ניט געלאָזט לאַנדען, ווייל זיין פּאַספּאָרט איז געווען עפּעס ניט אין אָרדנונג, און מען האָט איהם מיט דערזעלבער שיף צוריקגעשיקט. נאָך שווערע מיה און קאָסטען האָט מען איהם שפּעטער ארונטערגענומען אין אַלעקסאנדריא, שוין נאָך זיין קינד׳ס חתונה.

מען האָט אָפּגעהוליעט ביז שפּעט נאָך האלבע נאַכט און ניט איך און ניט אַנדערע געדענקען אַזא שמחת פּורים ווי מיר האָבען געהאַט אויפ׳ן שיף צווישען הימעל און וואַסער.

11.

אַ שבת-פּראַגע. — קבלת פּנים פון די גריכען. — אַ טראַגעדיע מיט לופט-פליהער. — קעניג׳ס פּאַ־לאַץ מיט צובראָכענע שויבען. — אַלטע חורבות. אַ נחמה וואָס איז קיין נהמה. — אין אידישען קוואַרטאַל.

דאָס איז געווען נאָך איידער די „מאָרעטאַניא" האָט דער־גרייכט נעאפּאָל, ווען אַ נייע דעבאַטע האָט זיך אויפגעהויבען צווישען אונזערע אידישע רייזענדע.

שוין בערך צוויי וואָכען אויפ׳ן שיף, האָט מען שוין אויס־גערעדט, אויסגעשמועסט און אויסגעדיסקוטירט הרים וגבעות. אפילו מאַנספּאַרשוינען האָבען שוין דורך דער צייט אויסגעבאַ־לאַקעט מעהר ווי ניין מאָס. וועגען וואָס האָט מען שוין ניט גערעדט? ארומגערעדט אַמעריקאַנער פּאָליטיק, ארץ ישראל פּאָ־ליטיק; ארומגעשמועסט דעם ענין פון רבנות, חזנות, גבאות, שמשות, און וואָס ניט? האָבען זיך אידען עפּעס אָנגעהויבען

פיהלען מאַנאַטאָן, לאַנגווייליג. ניטאָ עפּעס קיין נייע פראגע, קיין פרישע פּראָבלעמע, אין וועלכע צו עוסק זיין זיך, עפּעס דעבאַטירען און האָבען ויכוחים.

האָט דער וואָס אין הימעל אריינגעגעבען אַ פּאָר אידען אַן אידעע און זיי האָבען אויפגעהויבען אַ שפּאָגעל־נייע פראגע וועלכע איז נאָך ניט באריהרט געוואָרען — די פראגע פון לאַנ־דען אום שבת.

נאָך מיט וואָכען אָדער אפילו מיט מאָנאטען פריהער איי־דער די „מאָרעטאַניא" איז אָפּגעפאָהרען, איז איהר מארשרוט שוין געווען אויסגעשטעלט און באשטימט, אַז אין דעם און דעם טאָג, אין דער און דער צייט וועט די שיף אָנקומען אהין און אהין, און אַזוי כסדר די גאַנצע רייזע. אין חיפה, איז געווען באשטימט, וועט די שיף אריינקומען שבת, דעם צעהנטען מארטש, אום צעהן דעם זייגער אין דער פריה. גוי'אישע קעפּ, וואָס וויסען זיי פון קדושת שבת?

זיינען אָבער געווען אידען אַזעלכע, וואָס דאָס איז ביי זיי געווען כמעט אַן אָפּהאַלט. פאָהרען לכתחילה מחלל שבת זיין, און נאָך וואו, אין דער ארץ הקדושה, לוינט זיך ניט דער גאַנצער עסק. האָט מען דערלאַנגט אַ בקשה צו דער שיפּס קאָמפּאַני, אַז זי זאָל זיי, די גוטע און פרומע לייט, און אַנדערע אידען ערלויבען פארבלייבען אויפ'ן שיף ביי חיפה ביז שבת נאַכט. האָט די קאָמפּאַני געענטפערט: „אָך, בכבוד גדול. איהר וועט ניט וועלען לאַנדען אום שבת, וועט איהר זיך געזונטערהייד זיצען אויפ'ן שיף, און מיר וועלען אייך געבען וואַרעמעס און שלש סעודות, אבי פאָהרט". וואָס דען, צוליב אַזאַ קליינינקייט וועט זי ארויסלאָזען קאַסטאָמערס?

איז דאָך גוט. האָבען זיך אָבער פאָהרענדיג מיישב געווען אַ פּאָר אידען, אַז דאָס טויג ניט. אמת טאַקע, פרומע כשר'ע אידען וועלען זיך באַנוצען מיט דער פּריווילעגיע און וועלען ניט לאַנדען אום שבת. וואָס אָבער וועט זיין מיט יונגאַטשעס, וואָס וועלען דוקא וועלען ארונטערגעהן פון שיף און ניט וואַרטען ביז נאָך הבדלה? ערשטענס, וועלען זיי דאָך דערמיט „טמא" מאַכען די אדמת הקודש; והשנית, איז דאָך „ישראל ערבין זה

בזה", אידען זיינען פאראנטוואָרטליך איינער פאר'ן אנדערען, און איין איד מוז דעם צווייטען אָפּהיטען פון אַ חטא.

האָבען עס יענע פּאָר אידען פאָרגעבראכט פאר דער „מאַסע" און עס האָט זיך געעפענט גאָר אַ נייע וועלט מיט נייע דיס־קוסיאָנען, דעבאַטעס און פּלפּולים פון לומדים און צובאָמקע־נישען פון פּראָסטע חי וקימ'ס.

הכלל, איז געווען לעבעדיג. טעג און אָוועגדען האָט מען וועגען דעם גערעדט. די האָבען גע'אסור'ט און די האָבען מתיר געמאכט און גאָר אַנדערע האָבען זיך גלאַט אויסגעלאכט פון גאַנצען עסק. עס האָבען אויפ'ן שיף ניט געפעהלט קיין יונגאַ־טשעס אזוי ווי עס האָבען ניט געפעהלט קיין עהרליכע אידען. האָבען זיי, די יונגאַטשעס, דעם גאַנצען ענין איגנאָרירט און האָבען עס אַנגענומען אַלס פּשוט'ע בטלנות.

איז אָבער געווען אַ היבשער צד „מחמירים" און זיי האָ־בען אָנגעהויבען זוכען אַ מיטעל ווי אזוי אַלע, אָהן אויסנאַהם, זאָלען ניט לאַנדען אום שבת, טאַקע צו להכעים די יעניגע וואָס האַלטען די זאַך פאר גרינג און מאַכען עס אַוועק מיט'ן האַנד.

און יגעת מצאת, אַז מען זוכט געפינט מען. האָט מען ארויסגעגעבען אַזאַ מין פּראָיעקט:

אַנשטאָט וואָס די שיף דאַרף אריינקומען אין חיפה שבת, זאָל זי אריינקומען פרייטאָג. אַי ווי אזוי? איז דאָ אַן עצה: היות אזוי ווי די שיף דאַרף שטעהן אין אַטען, די הויפּט־שטאָדט פון גריכענלאַנד, כמעט אַ מעת לעת, זאָל זי זיך דאָרט ניט אָפּ־שטעלען, וועט זי אָנקומען אין חיפה פרייטאָג בייטאָג, און די פראַגע איז געלייזט. אַז מען וועט לאַנדען פרייטאָג, וועט מען נאָך קענען זאָגען „שיר השירים" און מקבל שבת זיין אויפ'ן באָדען פון הייליגען לאַנד, און ביינאַכט צו וועטשערע עסען אַן ארץ ישראל'דיגען צימעס. אַי וואָס, אַטען? וועט מען ניט אָנ־קוקען די יונים, די גריכען, וואָס האָבען מטמא געמאַכט דעם בית המקדש און געוואָלט אונז אידען מאַכען פאַרגעסען די תורה, ווי מיר זאָגען חנוכה אין „על הנסים".

די דאָזיגע עצה האָט געפונען לייטזעליגקייט אין די אויגען פון נאָך אידען און עס איז פאַרבליבען צו שרייבען אַ „פּראָ־

שעניע״, א בקשה צום קאפיטאן בשם כל היהודים הנמצאים באנית מארעטאניא, אז ער זאל זיך ניט אפשטעלען ביי אטען.

אלס שרייבער פון דער „פראשעניע״ איז ערוועהלט גע־ווארען מיין פריינד און קאלעגע מר. יעקב מאגידאוו, סיטי עדיטאר פון „מארגען זשורנאל״.

מר. מאגידאוו האט זיך ניט אפגעזאגט פון דעם גרויסען כבוד וואס מען האט איהם צוגעטיילט, און האט געשריבען, כאטש ער אליין איז געווען זיכער אז מען וועט גאר ניט פועל'ן, און ער האט עס די מענשען געזאגט. אבער אז אידען זיינען צוגעשטאנען: „שרייבט, אולי ירחם, האט ער זיי געטאן די טובה, כדי מען זאל נאכהער ניט ווארפען דעם חטא פון חילול שבת אויף איהם.

און אויסגעלאזט האט זיך טאקע גארניט מיט גארניט. אונזער פוירסער פון צווייטען קלאס, זעהר א גוטער און פריינד־ליכער יונגערמאן, האט געגעבען צו פארשטעהן, אז מען מאכט זיך לעבערליך דערמיט, ווייל דאס וואס עס איז באשטימט פאר־אויס קען פאר קיין פאל ניט געענדערט ווערען. דאס איז א קרוז־שיף — האט ער געזאגט. — עס זיינען פאראן הונדערטע פאסאזשירען, אפשר א היבשע ביסעל פון אייערע אידען אויך, וואס ווילען באזוכען אטען, און מען קען עס פון זיי ניט אוועק־נעמען.

די דאזיגע ערקלערונג פון גוי האט אפגעקיהלט די גאנצע באוועגונג און עס איז פארבליבען ביים אלטען.

אבער גערעדט און דעבאטירט וועגען דער זאך האט מען נאך ביז דאנערשטאג, דעם אכטען מארטש, אין דער פריה, ווען די שיף האט זיך אפגעשטעלט ביי דער גריכישער האפען־שטאדט פירעאוס, ניט ווייט פון אטען.

די גריכען האבען אונזער שיף געגעבען א קבלת פנים. דריי רעגירונגס עראפלאנען זיינען געפלויגען ארום דער „מארעטאניא״ און געצייגט פארשיידענע קונצען אין דער לופט. פון דעם האט זיך אויסגעלאזט א שרעקליכע טראגעדיע. איין לופט־מאשין איז שפעטער ארונטערגעפאלען, פאר די אויגען פון פילע מענשען

וואס זיינען געווען אויפ'ן דעק, און צוויי פליהער זיינען אומ־געקומען.

בעת עס איז אנגעגאנגען די באוועגונג אז מיר זאלען אטען אויסמיידען, בין איך זיך מודה ומתודה, אז איך בין ניט געווען אויף דער זייט פון די עקסטרים־פרומע און האב דוקא געוואלט באזוכען די גריכישע הויפט־שטאדט. נאך די אלע דעבאטעס און פלפולים וועגען דעם איסור פון לאנדען אום שבת, איז ניט אויפגעוויזען געווארען אז עס ליגט אין דעם לאנדען גופא א הארבער איסור. דערהויפט, האבען די רבנים און לומדים אנט־שיידען, ליגט דער איסור אין טראגען אום שבת, און דאס קען מען אפשר אויסמיידען, און יוצא זיין אי פאר גאט, אי פאר לייט.

און חשק האב איך געהאט אריינצופאהרען אין אטען, מחמת די שטאדט האט אמאל געהאט א געוויסע שייכות מיט אידען.

אטען ווערט דערמאנט אין גמרא און אין מדרש אונטער'ן נאמען אתונא. אונזערע תנאים, ווערט דערצעהלט, האבען גע־האט ויכוחים מיט די סבי דבי אתונא, מיט זקנים אדער חכמים פון אטען. מיט די חכמי יון, מיט די גריכישע פילאזאפען, האבען זיך שטענדיג אידישע גדולים געריבענט. די געשיכטע דערצעהלט, אז אידען האבען אמאל באקערט גריכישע געצענ־דינער צו דער אמונה פון אחדות הבורא, און בכלל האט עקזיס־טירט א געוויסע פארבינדונג צווישען זיי מיט אונז. שטעהט נאך איצט אין אטען א מאנומענט נאך יוליא ברניקי, וועלכע האט געשטאמט פון די מלכי יהודה.

היינט צו טאג זיינען ווייניג אידען פאראן אין אטען, אבער די ביסעל אידען וואס וואוינען דארט האבען זייער קהלה מיט א רב, א שוהל'כעל, א תלמוד תורה, און א באזונדערען בית־עולם. דער אידישער בית עולם אין אטען איז בסך הכל אלט איינינגע צעהנדליג יאהר. פריהער פלעגען די אידען מקבר זיין זייערע מתים אין א ווינקעל פון דעם אלגעמיינעם שטאדטישען בית עולם.

אטען איז באריהמט מיט איהרע חרוב'ע און האלב חרוב'ע פארצייטיגע ריזיגע טעמפלען, וואס די גריכען האבען אויסגע־בויט פאר זייערע געטער. א רייכע גריכישע פרוי האט אמאל

איבערגעלאָזט אַ גרויסע שטיק לאַנד צו בויען אַ טעמפּעל פאַר'ן אידישען גאָט, אָבער די אידען האָבען זיך דערמיט ניט באַנוצט.

סאַי ווי סאַי, איז אין אַטען פאַראַן עטוואָס אינטערעסאַנטעס צו זעהן, און מיר, און מסתמא אויך אַנדערע, האָט שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס עס זיינען ניט געווען קיין שטערונגען און מיר האָבען געקענט אריינפאָהרען אין דער שטאָדט.

מיר זיינען דורכגעפאָהרען פּירעאוס און געקומען אין אַטען. אַ „גאַיד" האָט אונז געפיהרט צום חרוב'ן טעמפּעל פון יופּיטער און נאָך טעמפּלען, און פון די ביסעל נשאר קען מען זעהן וואָס פאַר אַ קינסטלערישע און גראַנדיעזע ארכיטעקטורען זיי זיינען געווען.

מיר האָבען באַזוכט דעם אַלטען, חרוב'ן אַמפיטעאַטער און אויך דעם נייעם סטאַדיום, געבויט דורכאויס פון מאַרבעל, וועל־כער האָט פּלאַץ פאַר פופציג טויזענד מענשען, און נאָך און נאָך אַלטערטימער און נייאינקייטען.

מען האָט אונז פאַרבייגעפיהרט אַ פרישע חורבה, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דער איבערקערעניש אויף דער וועלט ערשט מיט איניגע יאָהר צוריק. דאָס איז דער פּאַלאַץ פון גע־וועזענעם גריכישען קעניג. אוי, וואָס פאַר אַ חורבן דאָרט איז! די שויבען צובראָכען און פאַרשטעלט מיט ברעטלאך. דער צאַם פון פּרעכטיגען גאָרטען ארום — האַלב איינגעפאַלען, אונטערגע־שפּאַרט מיט פּלעקער און דאָ און דאָרט פאַרלאַטעט מיט שטיקער האָלץ. אַ וויסטע פּוסטקע איז דער פּלאַץ, וואו דער הערשער פון לאַנד האָט געוואוינט.

דעם איצטיגען פּרעזידענט'ס וואוינונג איז אַ ביסעל ווייטער. דעם פּרעזידענט'ס דירה שטעהט אויך אין אַ גאָרטען; אָבער אויך דאָ שפּירט זיך אָרימקייט. עס שמעקט מיט דלות. ניטאָ דער פּראַכט און גלאַנץ, וואָס אַזאַ פּלאַץ דאַרף האָבען.

מען פיהרט אונז ארויף צום אַקראָפּאָליס, דער אַמאָליגער ציטאַדעל אָדער פעסטונג, וואָס געפינט זיך אויף אַ גאַנץ הויכען באַרג. מען דאַרף זיין אַ שטיקעל בעל כח ארויפקלעטערן מיט די שטיינערנע טרעפּ צום אַקראָפּאָליס, וואָס פאַרנעמט אַ גאַנץ גרויסען און ברייטען שטח אַלץ העכער און העכער.

צוערשט צייגט מען אונז אָן די טרעפּ דורך וועלכע מען פלעגט פיהרען די אָקסען מקריב צו זיין צו די געטער אין דעם טעמפּעל סאַמע אין דער הויך, און דאַן הייסט מען אונז געהן ארויף מיט אנדערע מעהר באקוועמע טרעפּ.

אָבער ניט אַלע פון אונזער גרופּע האָבען געקענט דער־גרייכען די סאַמע הויך. די פיס האָבען פּשוט ניט געדינט, און וואָס צו זעהן דאָרט איז דאָ זעהר פיל. דאָ איז אזא חורבה; דאָ איז אַן אַנדער חורבה; דאָ איז בלויז אַ ביסעל נשאר פון אַ פּראַכטפולער געביידע, דאָ שטעהען קונסטפולע זיילען, דאָ ליגען זיילען, און דער „גאַיד" רעדט און רעדט און ערקלערט, וואָס דאָס איז געווען און וואָס דאָס אַנדערע איז געווען מיט פילע הונדערטער יאָהרען צוריק, ווען דאָס גריכישע פאָלק איז געווען אַ געצענדינעריש פאָלק און האָט פארשווענדעט אזוי פיל ענערגיע און פארמעגענס אויף אַ נישטיגער אמונה.

עס פארדריסט מיר ניט וואָס פון דעם אַלעם איז אַ תל עולם געוואָרען. ווען אָבער עס קומט מיר ארויף אויפ'ן זינען, אַז קירצליך וועל איך עהנליכעס זעהן אין אונזער אייגען לאַנד, אונזערע אמאָליגע הייליגטימער וואָס זיינען איצט חרוב ומוחרב, טוט מיר אַ ציה ביים הארצען און עס שטעלט זיך טרערען אין די אויגען.

מאַכט צו מיר איינער פון אונזער גרופּע:

„איהר ווייסט, אַז קוקענדיג אויף די דאָזיגע חורבות פיהלט זיך עפּעס אַ מין טרייסט. מען זעהט כאָטש, אַז מיר אידען זיינען ניט די איינציגע און עס זיינען פאראַן נאָך פעלקער און נאַציאָנען וואָס האָבען ערליטען חרבנות אזוי ווי מיר".

„אַ קנאַפּע נחמה", — זאָג איך צו איהם. — „נאָך אַלע־מען זיינען דאָך די גריכען ניט מעהר קיין געצענדינער און זיי באדויערען אפשר גאָר ניט די דאָזיגע פארלוסטען. אויסער דעם זיינען זיי דאָך פארבליבען אַ פאָלק מיט זייער אייגען לאַנד, מיט זייער אייגענער רעגירונג, און מיר? מיר זיינען עד היום גלות־מענשען, אָהן אַן אייגענער היים".

„איהר זייט גערעכט", — האָט דער איד צוגעגעבען, און שווער אָפּגעזיפצט.

א היבשע שטיקעל צייט האָבען מיר פארבראכט אויפ׳ן אַק־ראָפּאָליס, באַאָבאַכטענדיג די געגענד אַרום, באקוקט פון ווייטענס דעם בארג פאַרנאַס אָדער פאַרנאַסוס, וואָס איז באַוואוסט אין דער מיטאָלאָגיע אַלס א הייליגער בארג, און אַנדערע בערג, וואָס זעהען זיך ארום אַטען. און דאַן, האָבענדיג זיך אָנגעזעהן און אָנגעהערט גענוג אין באצוג צו די אַלטע חורבות, האָבען מיר זיך אַוועקגעלאָזט צום אידישען קווארטאל, וועלכער איז איינער פון די אָרימסטע אין שטאָדט.

מען האָט אונז אריינגעפיהרט אין א שוהל׳כעל, וואו די שמש׳טע, קענטיג גאָר ניט קיין רייכע, האָט אונז באגעגענט מיט א צדקה־פושקע אין האנד. זי האָט, קענטיג, אונז אמעריקאַנער געוואָלט מזכה זיין מיט א מצוה און מיר האָבען זיך דערפון אנטזאגט.

עס זיינען אריינגעקומען נאָך א פּאָר פרויען, א פּאָר מענער און קינדער פון דער נאכבארשאַפט, אָבער מיט וועמען אויסריידען א וואָרט איז ניט געווען. אַלע שטומע צינגער. אפילו העברעאיש מיט דער ספרד׳ישער הברה פארשטעהען זיי אויך ניט. אָבער מיר האָבען זיך א ביסעל פארשטאנען אויפ׳ן וואונק.

די שוהלכעל האָט א בימה אין מיטען. די עזרת נשים איז אין דער הויך אינגאנצען פארשטעלט אַזוי, אַז מען קען פון אונטען קיין פרוי ניט זעהן. אויפ׳ן בימה זיינען געלעגען סדורים נוסח ספרד געדרוקט אין בערלין, וויען און ליוואָרנע. די שמש׳טע — האָט זיך ארויסגעצייגט — קען ניט קיין עברי; אָבער א טאָכטער איהרע. א יונגע מיידעל, האָט איינע פון אונזער גרופּע, מרס. לאה האָראָוויץ, א לאַנדס־פרוי מיינע, פון ניו יאָרק, „פארהערט” און זי האָט מאטערענדיג זיך איבערגעלייענט עטליכע ווערטער אין סידור.

ביים זייט פון שוהל איז א תלמוד־תורה. ליידער האָט מען דאמאָלס ניט געלערענט, אָבער א פּאָר תלמוד תורה קינדער זיינען דאָרט געווען. אויף א טאפעל האָב איך דאָרט דערזעהן די ווערטער: „חרש”, „אלם” און „עור” געשריבען אין אונזער אידישער שריפט. דאָס האָט מיך שטארק איבער־

ראשט. איך האָב צוגערופען אַ אינגעלע און געהייסען „כתב", שרייב, און ער האָט אָנגעשריבען די ווערטער: „ילד קטן", אויך אין אונזער שריפט.

דער אינגעלע האָט דערפאר געקראָגען אַ פּאָר מטבעות און ער איז געווען מלא שמחה.

איך בין זעהר נייגעריג געווען צו זעהן דעם לעהרער פון דער תלמוד תורה, וועלכען איך האָב אונטער די אויגען פאַר־דעכטיגט אַלס אונזערען אַ מענשען, און דערגעהן פון איהם איינצעלהייטען וועגען דעם לעהר־אַנשטאַלט, אָבער צום באַ־דויערען איז מיין וואונש ניט ערפילט געוואָרען.

שפּעטער האָב איך ערפאהרען פון אַן אַנדער גרופּע אידי־שע טוריסטען, אַז דער לעהרער אין דער תלמוד תורה איז טאקע אונזערער אַ מענש, אַ ביאַליסטאָקער יונגערמאַן, וועל־כער איז געקומען קיין אַטען פון ארץ ישראל. אַ שאָד וואָס איך האָב איהם ניט געזעהן.

דערמיט האָט זיך אונזער באזוך אין גריכענלאַנד געענ־דיגט און מיר זיינען אַוועק צוריק צום שיף.

12.

לאַנגע אַנדערטהאַלבען מעת לעת. — אַן ארץ ישראל'דיגער שוטה. — אַ שטיקעל חבלי של משיח. — פּאַרדרוס אויף דער אימיגריישאָן־קאָמיסיע. — אַ קליינע ענטוישונג.

מיר זיינען אָפּגעפאָהרען פון פּירעאוס, ביי אַטען, דאָנער־שטאג, דעם 8טען מארטש, ביי נאַכט. קיין חיפה האָבען מיר געדאַרפט אָנקומען שבת, דעם 10טען מארטש, אין דער פריה. האָבען מיר נאָך אין גאַנצען געהאַט צו פאָהרען אַנדערטהאַלבען מעת לעת. אָבער די אַנדערטהאַלבען מעת־לעת, אָדער די עט־ליכע און דרייסיג שטונדען האָבען זיך געצויגען זעהר לאַנג. עס האָט זיך געוואָלט וואָס שנעלער אַריבער'פּטור'ן די שטיקעל

צייט און קומען צום הויפט־ציל פון דער נסיעה — אין ארץ ישראל.

די פראגע פון לאנדען אום שבת, וועלכע איז פארבליבען אומגעלייזט, האט זיך אין לעצטען טאג פון דער רייזע ווידער אויפגעהויבען מיט נאך מעהר פרישקייט. די פרומע האבען זיך געקאכט, די ניט פרומע האבען זיך נאך מעהר געקאכט און עס איז געווען לעבעדיג אין אידישען לאגער.

מר. אדער אדון איתון, דער געשעפטס־מאן פון חיפה, וועמעס נאמען איך האב שוין פריהער דערמאנט, האט גע־טענה'ט, אז מען דארף ניט לאנדען אום שבת, נאר דוקא פארבלייבען אויפ'ן שיף ביז נאך הבדלה, מפני הכבוד. ער האט מיט זיין גלאטען צינגעל געשילדערט ווי שעהן דאס וועט זיין, ווען אן עדה אידען, אהן עין הרע, פון קרוב דריי הונדערט נפשות, וועלען לאנדען מיט אמאל אונטער דער שיין פון דער שעהנער ארץ ישראל לבנה. די חיפה'ער אידען, — האט ער געזאגט, — וועלען אונז ארויסגעהן אנטקעגען און מיר וועלען אלע ארייןמארשירען אין שטאדט אונטער די קלאנגען פון ארץ ישראל־שירים. ווי גרויסארטיג, ווי פראכטפול דאס וועט זיין!

א שעהן בילדעל האט דער אדון איתין פאר אונז פארגע־שטעלט. אבער דאס איז אפשר ביי איהם אליין אויך געווען ניט מעהר ווי א פאנטאזיע, א פוסטע פאנטאזיע.

יענעם פרייטאג אווענד האט זיך א גאנץ היבשער אידי־שער עולם פארזאמעלט אין אונזער „מקום להתפלל" און מען האט געזונגען שבת'דיגע זמירות, און אן ארץ ישראל איד, אדער רב — איך געדענק ניט זיין נאמען — האט געהאלטען א לאנגע מגיד'ישע דרשה און האט געשאלטען מיט טויטע קללות די יעניגע וואס וועלען פורץ גדר זיין און וועלען מחלל זיין די קדושה פון לאנד דורך טראגען אום שבת ביים אריינ־קומען אין שטאדט. דאס לאנדען גופא, הייסט עס, האט ער שוין מוחל געווען, אבי עס זאל כאטש ניט זיין קיין חילול שבת בפרהסיא.

שילטען איז אפילו א מדה פון א מארק־זיצערקע און עס פאסט אפשר ניט פאר אן ארץ ישראל אידען, אבער כאטש „אוירא דארץ ישראל מחכים”, די לופט פון ארץ ישראל מאכט קלוג, פון דעסטוועגען קען אן ארץ ישראל איד אויך זיין א שוטה.

אזוי צו אזוי, אבי די קללות זיינען חלילה ניט מקוים גע־ווארען.

אויף מארגען, שבת, בין איך אויפגעשטאנען פריהער ווי געוועהנליך. איך בין ארוים אויפ'ן דעק און שוין דארט גע־טראפען מענער און פרויען, וואס זיינען אויפגעשטאנען נאך פריהער און געוואלט זיין פון די ראשונים צו זעהן דאס הייליגע לאנד.

„עס שמעקט שוין מיט ארץ ישראל, עס שפירט זיך שוין די געשמאקע לופט”, — האט איינער א זאג געטאן. — „א מחיה, עס צוגעהט איבער אלע גלידער”.

און כאטש מיר זיינען נאך געווען א היבשע ביסעל וויט פון די הרי יהודה, האט זיך ווירקליך אויסגעוויזען, אז מען איז שוין דארט און די געשמאקע ריחות פון פרישע אראנזשען און אנדערע ארץ ישראל־פרוכטען פילען אן די לופט.

און דער הימעל איבער אונזערע קעפ איז קלאר און לויטער. אבער מען זאגט אונז, אז דער ארץ ישראל הימעל איז נאך א סך שעהנער; אזא הימעל ווי ארץ ישראל פארמאגט, פארמאגט די גאנצע וועלט ניט. און עס דערוועקט זיך אלע א גרעסערער חשק צו קומען וואס שנעלער אהין און זעהן אלעס מיט די אויגען.

און עס דאכט זיך, אז די „מארעטאניא”, וואס איז בא־ריהמט אלס א שנעלשיף, שלעפט זיך, כאטש געה און שמיים איהר אונטער אדער שטופ איהר אונטער.

מען איז אזוי אונגעדולדיג, אז אפילו ביים פריהשטיק עסען לויפט מען אלע ווייל צו די פענסטער קוקען אויב מען זעהט שוין לאנד.

ענדליך, פונקט צעהן דעם זייגער, האט זיך אונזער שיף אפגעשטעלט ביי חיפה.

זיינען געווען חברה, וואָס האָבען חשק געהאַט שוין פאַר־נעמען די פעקלאך מיט די זעקלאך און פאַרלאָזען די שיף, אפשר ניט אַזוי צוליב חבת הארץ, ווייל דאָס לאַנד איז זיי ליב און זיי האָבען געוואָלט וואָס שנעלער באַטרעטען איהר באָדען, ווי צו להכעיס די פרומע, וואָס האָבען דורכאויס אַגי־טירט אַז מען זאָל ניט לאַנדען אום שבת. האָט מען זיי אָבער געזאָגט: „פּאַוואָליע, ניט אַזוי לייכט קומט מען אריין אין דער אידישער היימלאַנד. מען מוז פריהער דורכגעהן געוויסע פאָר־מאַליטעטען. יעדער איינער וועט אויסגעפרעגט ווערען פון אַ קאָמיסיע, יעדער איינער וועט האָבען דורכצוגעהן אַ דאָקטאָר־עקזאַמען און יעדער איינער וועט זיך מוזען לאָזען שטעלען פּאָקען, און ערשט דאַן, ווען אַלעס וועט זיין כשר וישר, וועט מען ארונטערלאָזען פון שיף".

„יאָ", — האָט אַ איד באמערקט, — „אפילו ווען משיח וועט איה"ש קומען, וועט מען אויך פריהער מוזען איבערקומען חבלי של משיח, און מען דאַרף אַלעס אָננעמען פאַר ליב".

און אַזוי ווי די דאָזיגע אינפאָרמאַציע איז געווען אַ קלאַפּ פאַר די איילענדע, וואָס האָבען געוואָלט שוין לאַנדען, אַזוי איז עס געווען אַ פרייד פאַר דעם פרומען עלעמענט, וואָס האָט דוקא געוואָלט אַז מען זאָל ניט לאַנדען אום שבת.

דאָס איז פאַר זיי געווען אַ שטיק נחמה. „אויב אַזוי", — האָבען זיי געזאָגט, — „קען זיך דער עסק סאַי ווי סאַי פאַר־ציהען ביז נאַכט און וועלענדיג, ניט וועלענדיג וועלען אידישע קינדער ניט מחלל זיין דעם ערשטען שבת אין היילינגען לאַנד".

פון דעסטוועגען האָט יעדער איינער אַליין פאַר זיך גע־וואָלט וואָס שנעלער אָפּ'פטור'ן די קאָמיסיע מיט'ן דאָקטאָר מיט די פּאָקען שטעלען. אפילו די וואָס זיינען געווען פעסט זיכער אַז זיי וועלען פאַרבלייבען אויפ'ן שיף ביז נאָך הבדלה, זיינען אויך זעהר גערן געווען איבערצוקומען די פאָרמאַליטעטען און קענען רוהיג זאָגען „ברכי נפשי" אָדער נעמען אַן אַנדער אידיש וואָרט אין מויל לכבוד שבת.

מיר, צווייטע קלאַסניקעס, האָבען אָבער געהאַט צו וואַר־

טען ביז מען וועט אָפּ'פּטור'ן די יחסנים, די ערשטע קלאַס־ניקעס, און די וואָס זיינען געפאָהרען דריטע קלאַס האָבען גע־דאַרפט וואַרטען אויף גאָר צום לעצט.

איז מען אוועק אין זאַל, וואו די קאָמיסיע איז געזעסען, און מען האָט געוואַרט, יעדער אויף זיין נעקסט.

איז ביי פילע ממש געשוואָלען געוואָרען די פיס שטעהענ־דיג און זיי האָבען אָהן משיח'ן געפיהלט אַ שטיקעל טעם פון חבלי של משיח.

האָט זיך אַ איד אַ קאַטאָוועסניק, וואָס ליידעט, לא עלינו, אויף רומאַטעס, זיך אויסגעדריקט: „אויב ווען משיח וועט קומען וועט מען אויך דאַרפען דורכמאַכען אַזעלכע פאָרמאַלי־טעטען, טאָ זאָל ער בעסער זיצען געזונטערהייד דאָרט וואו ער זיצט".

און די קאָמיסיע איילט זיך ניט. ביי איהר איז ניטאָ דער אַמעריקאַנער „האַרי אָפּ". זי נעמט זיך צייט. אַי, אייך איז שווער צו וואַרטען, איז דאָך אַ איד ב"ה געוואוינט צו וואַר־טען. וואַרטען דאָך אידען אויף דער גאולה שוין אַזוי פיל הונדערטע יאָהרען.

און אין דער קאָמיסיע זיצען אידישע יונגע לייטלאַך, וואָס באַגעגענען אַ אידען מיט אַ „שאַבאַט שאַלאָם" (שבת שלום), אָן ארץ ישראל'דיגער „גוט־שבת", און אויב נאָר איהר פאַר־שטעהט העברעאיש, זיינען זיי גערן צו רעדען מיט אייך העב־רעאיש, און זיי קוקען אויף אייך קרום ווען איהר רעדט אידיש. זיצען זיי ביי די טישן מיט ארץ־ישראל'דיגע סיגאַרעטלאַך אין די מיילער און פּאַפּקען און בלאָזען דעם רויך, און שטעלען אייך פראַגען און צייכענען און שרייבען וואָס זיי דאַרפען. פאַרדריסט עס אונזערע פרומע אידען. מילא שרייבען, זאָגען זיי, מוזען די יונגע לייט. דאָס איז דאָך זייער עובדא; אָבער צו וואָס רויכערען אום שבת? צו וואָס צייגען אַזאַ ביישפּיל פון ארץ ישראל? צו וואָס מחלל זיין די קדושה פון הייליגען לאַנד אַזוי אָפען?

אַזוי רעדען זיי צווישען זיך, אַזוי שושקען זיך אידען איינע

מיט די אנדערע. א שבת׳דיגער סיגארעטעל — באמערקט איי־
נער — איז צו וואכעדיג פאר אזעלכע וואס רעדען לשון הקודש
און ווילען אז אנדערע זאלען אויך רעדען די זעלבע שפראך.
דאס גראמט זיך ניט מיט „שאבאט שאלאם״.

אבער קיינער וואגט ניט אויסצורעדען א הויךווארט. דע
לפני מי אתה עומד. מען שטעהט דא פאר נאטשאלניקעס, פאר
באאמטע, האט מען מורא צו עפענען א מויל און מען שלינגט
אראפ זאכען וואס איז ניט אנגענעם צו זעהן, וואס טוט אפט־
מאל א שטאך אין הארצען...

און יונגע חברה רייצען זיך נאך מיט די עלטערע פרומע
אידען: „אט זיינען אייערע ארץ ישראל׳דיגע צדיקים. איהר
קאכט זיך וועגען לאנדען אום שבת, און אט האט איהר נאך
עפעס בעסערס״.

און וואס צו ענטפערען זיי איז ניטא. ענטפערט מען מיט
א זיפץ, מיט א קרעכץ, וואס דריקט אוים: „עס איז טאקע
טרויעריג, אבער וואס קען מען העלפען?״

און די עקזאמענירונג ציהט זיך אזוי ווי פון פעך. ווענינ־
סטענס, אזוי זעהט עס אוים. אט שטעהט מען שוין, דאכט
זיך, מיט די פאספארטען און דאקומענטען אין די הענד נעבען
די מאכערס, נעבען די קאמיסיע, פלוצלונג מאכען זיי צו די
ביכער און געהען אוועק עסען און מען פויקט פאר אלעמען צו
געהן עסען מיטאג.

געהט מען. א ברירה האט מען? זיינען דא אזעלכע
וואס מאכען אפ די סעודה בקצור, כדי צו פארכאפען פריהער
א נעקסט, און אנדערע ווידער, פארקערט, נעמען שוין איצט
אן אן אנדער טאקטיק און זיינען דוקא מאריך. זייער חשבון
איז: אפשר וועט מען דעם ענין קענען אפציהען ביז נאכט
און עס וועט שוין במילא אויסקומען אז מען וועט קיינעם ניט
ארונטערלאזען פון שיף ביז דער שבת קודש וועט אוועק.

אבער אזוי לאנג האט עס ניט געדויערט. מען איז פאר־
טיג געווארען מיט די אויספרעגענישען, מיט׳ן דאקטאר׳ס עקזא־
מען און מיט די פאקען שטעלען נאך א היבשע פאר שטונדען

פאר נאכט. די פראגע פון לאנדען אדער ניט לאנדען האט זיך ווידער אויפגעהויבען, אבער איצט, צולעצט, זיינען שוין געווען מאנכע „מחמירים", וואס האבען אויך געפונען א היתר:

היות אזוי ווי קיין האפען איז אין חיפה ניטא, און די שיפען, וואס קומען אהין אריין, שטעלען זיך אפ א היבשע שטרעקע ווייט פון ברעג און מען דארף צופאהרען מיט אזעלכע בארקעס, קען אפטמאל זיין, — האט מען געזאגט, — א סכנה צו פאהרען ביינאכט. קיין באגאזש קען קיינער ניט מיטנעמען מיט זיך. דאס געהט דירעקט אין צאהל־אמט אדער אין קאס־טאם־הויז, וואו אלעס מוז עקזאמענירט ווערען פון קאסטאם־באאמטע, און זיי, די באאמטע אדער אינספעקטארס, האט מען אונז פארזיכערט, וועלען עקסטרא צוליב די אידישע רייזענדע ארבייטען זונטאג, ווער מען פארשפארען האבען צו טאן מיט דעם אום שבת. אויף אזא אופן איז שוין אנדערע דבורים. האבען זיך שוין געפונען אפילו אידען פון פרומען עלעמענט, וואס האבען ניט געוואלט ווארטען ביז ביינאכט. יעדער איינער האט שוין געפונען אן אויסרייד. דער איז אליין א נערוועזער מענש, דער פאהרט מיט קינדער און ער האט מורא צו שלעפען זיך אין דער פינסטער מיט די אראבער, וואס טרייבען די שיפ־לאך אדער בארקעס, און בינו לבינו איז בלויז א קליינע צאהל אידען פארבליבען אויפ'ן שיף צו פראווען דארט שלש סעודות.

און לאמיר אייך זאגען, אז דאס צופאהרען פון שיף צום ברעג איז טאקע ניט זעהר אנגענעם. די בארקע, וועלכע האט אונז געפיהרט, האט זיך געשאקעלט און געטונקט, אז עס האט זיך אויסגעוויזען אז אט, אט זינקט זי מיט אונז צוזאמען.

און א פאר מיידלאך און ווייבלאך האבען שיער באקומען ספאזמעס און האבען געקוויטשעט אזוי ווי ווען זיי פאהרען אויף א סיניק רעילוועי אין קאני איילאנד.

אבער מיר האבען געלאנדעט בשלום און עס האט חלילה קיינעם גאר ניט געשאדט. צום סוף האט זיך די זאך אויסגע־לאזט ניט מעהר ווי א שטיף און מען האט זיך גע'חכמה'ט און געוויצעלט אויפ'ן חשבון פון די פחדנים אדער פחדנות, וואס

האָבען שוין אפשר געהאַט בדעה צו זאָגען וידוי, ווען די באַרקע האָט זיך געבויגען און געטונקט טיף אין וואַסער.

ענדליך זיינען מיר שוין אויף דער אדמת הקודש און מיר אָטעמען שוין די לופט פון לאַנד פון אונזערע אָבות.

איך פיהל עפּעס אַ מאָדנע באַגייסטערונג. איך בין שוין אין ארץ ישראל, מיינע פיס טרעטען שוין אויף דעם באָדען, וואָס איך האָב אַזוי געגאַרט צו טרעטען! מיין האַרץ ווערט אָנגעפילט מיט אַ געפיהל פון גייסטיגען פאַרגעניגען, וואָס איך האָב נאָך קיין מאָל אין מיין לעבען ניט געפיהלט.

און קוק איך אויבען אויפ׳ן הימעל, ווער איך נאָך מעהר באַגייסטערט. עס ווערט געזאָגט אין ספרים, אַז עס זיינען פאַ־ראַן זיבען הימלען, איינער העכער איבער׳ן אַנדערען, און וואָס העכער אַלץ שעהנער, אַלץ הערליכער. דאַכט זיך מיר, אַז דער הימעל, וואָס איז פאַרשפּרייט איבער מיין קאָפּ, איז דער סאַמע העכסטער, וואָס קיין שעהנערער, קיין העלערער פון איהם איז שוין ניטאָ, און איך ווער, דאַכט מיר, אינגאַנצען אַרויסגעטאָן פון גשמיות, און עס איז מיר גוט, עס איז מיר וואויל, אַזוי ווי איך זאָל שוועבען אין עולם המלאָכים, אין זיבעטען הימעל.

קומט אָבער אַ אידישער אָנגעשטעלטער פון אַ אידישען האָטעל און צושלאָגט מיר די זיסע רעיונות מיט זיין אָנבאָטען צו פיהרען מיך און אַנדערע אידען מיט אַן אויטאָמאָביל צו זיין האָטעל.

אַזאַ אָנבאָט אום שבת שמעקט שוין מיט ערדישעס, ניט מיט הימלישעס, און דאָס ברענגט מיך און אַנדערע אַ קאָפּעלע ענטוישונג.

אָבער די דאָזיגע ענטוישונג איז שנעל פאַרשוואונדען. איך האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, אַז אין אַלגעמיין ווערט דער יום מנוחה געהאַלטען אין ארץ־ישראל זעהר שעהן, הלואי ניט ערגער אין אַמעריקא, און דער פאַל אין חיפה איז געווען אַ יוצא מן הכלל.

.13

מה טובו אהליך יעקב. — ארץ ישראל אראבער און אלשירער אראבער. — העברעאישע שיל־דען. — לשון הקודש אין שוסטער־גאס. — פאל־שע אינפארמאציע און אומזיסטע מורא.

אין חיפה האבען מיר זיך אפגעזעגענט מיט אונזער מנהיג, מר. ראזען, און יעדער איז זיך אוועק זיין וועג.

מען איז שוין איצט ניט געווען אלע בחברותא. דער איז אוועק אין דעם האטעל אדער פענסיאן, דער אין אן אנדערען און די „ראזען־פארטי" איז אויפגעלייזט געווארען.

איך מיט מיין פרוי, מיין פריינד מאגידאוו מיט זיין פרוי און טאכטער, מיין לאנדסמאן מר. עפשטיין און לאנדספרוי מרס. הארוויץ זיינען אוועק אין א פענסיאן, וואס מיר האבען טע־לעגראפיש באשטעלט פון שיף, אויפ'ן הדר הכרמל. אונזער באגאזש איז אוועקגענומען געווארען און גענעכטיגט אין טא־מאזשנע, אין קאסטאם הויז.

שפאצירען מיר דורכ'ן אראבישען קווארטאל אין דער אל־טער שטאדט. איבעריג ציכטיג איז דארט ניט, ניט די געס־לאך, ניט די הייזער און ניט די מענשען; אבער ניט אזוי מגושמ'דיג און מאוימ'דיג ווי אין אראבישען קווארטאל אין אלזשיר.

די ארץ ישראל'דיגע אראבער, זעהט מען אויפ'ן ערשטען בליק, זיינען עפעס ניט פון די זעלבע טייג געקנאטען ווי די אלזשירער. די לעצטע זיינען כמעט ווילדע ברואים, פויל־ענצער, אפגעשטאנענע פון מענשליכע מענשליכקייט, און די ארץ ישראל'דיגע זיינען מעהר מענשליך און עס פעהלט זיי בלויז דער פאליש, די פאלירונג פון דער ציוויליזירטער וועלט.

די ארץ ישראל'דיגע אראבער, ווי איך האב זיי שפעטער מעהר באאבאכטעט, זיינען אזוי ווי אונזערע אמאליגע מוזשי־קעס, די דארפס־פויערים. די דארפס־פויערים פון דעם געגענד

פון וואנען איך קום, זיינען בכלל ניט געווען קיין פארווילדעטע, כאָטש אונוויסענדע. געלעבט אָבער האָבען זיי כמעט ווי ווילדע אָדער האלב ווילדע. געדענק איך, און פילע אַנדערע געדענקען מסתמא אויך, וואָס פאר אַן אַרט לעבען דער מוזשיק אָדער דער פויער האָט געלעבט. זיין שטוב, זיין אויווען אָהן א קוימען, זיין געלעגער, זיין הלבשה זיינען געווען פרימיטיוו, עפּעס גאָר ניט מענשליך; אָבער בעצם האָט ער שכל געהאַט, איז געווען אַרבייטס־פעהיג און פלייסיג און גוט פארשטאַנען און געוואוסט זיינע אינטערעסען. ער האָט געפיהרט אזא אַרט לעבען, ווייל ער איז אַזוי געבוירען און ערצויגען געוואָרען און האָט עס איבערגענומען בירושה פון זיינע עלטערען און אור־עלטערען.

דער ארץ ישראל'דיגער אראַבער איז אויך אַזוי. ער לעבט אויף אזא שטייגער ווייל זיינע עלטערען און אור־עלטערען האָ־בען אויך אַזוי געלעבט, ניט אוים אָפּגעלאָזענקייט און פוילקייט. האָב איך דאָך שוין, באַלד ביים אָנקומען אין חיפה, געזעהן ווי אראַבער ארבייטען ביים דאק, ווי זיי שלעפּען שווערע משאות, און זייער ארבייט, האָב איך צוגעקוקט, טוען זיי סיסטעמאַטיש, מיט שכל, אַזוי ווי אונזערע אַמעריקאנער.

און שוין באַלד ביים אריינקומען אין לאַנד האָב איך ווע־גען דער אַראַבער־פראַגע, וואָס איז אַזוי פיל גערעדט און גע־שריבען געוואָרען, געקראָגען אַן אַנדער איינדרוק ווי דער וואָס איך האָב מיטגעפיהרט פון דער היים. לויט ווי איך האָב די אַראַבער תופס געווען, וועלען זיי ניט זיין קיין שטערונג צום אידישען ישוב און, אדרבא, זיי וועלען עס נאָך מיט דער צייט פארשטאַרקען און באַפעסטיגען.

איך וועל שפּעטער אָנגעבען אורזאַכען, וואָס האָבען מיך געבראַכט צו דער דאָזיגער מיינונג אָדער כמעט איבערצייגונג.

געהען מיר פארביי א קאַפע־הויז, א סאַלון אָדער א שענק, וואו עס זיצען אַראַבער און פּאַפּקען זייערע לאַנגע ליולקעס. קוקען זיי אונז אָן — איך ווייס ניט צי מיט קנאה, צי מיט שנאה בליקען, און אפשר ניט מיט שנאה און ניט מיט קנאה. דערזעהן פרעמדע, אונבאַקאַנטע פּנים'ער, קוקען זיי.

אזוי צו אזוי, קוקען מיר זיך אָן אזוי ווי די העהנער. מיר קוקען אויף זיי און זיי קוקען אויף אונז, און מאַנכע באַגריסען אונז מיט אַ „שאַלאָם" און מורמלען עפּעס צווישען זיך אויף זייער לשון. ווער ווייסט? אפשר וויצלען זיי זיך דאָס אויפ'ן חשבון פון אונז „גרינהאָרנס"?

מיר קומען צו דער נייער אידישער שכונה אויפ'ן הדר הכרמל. איז עס טאַקע אין פאַרגלייך מיט'ן אַראַבישען קוואַר־טאַל אַ הדר, אַ פּראַכט, און עס ווילט זיך אויסשרייען: „מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל!" וואָס פאַר אַ חילוק, וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צווישען ארץ ישראל און ארץ אַראַ־בער! אַ חילוק אזוי ווי צווישען טאָג און נאַכט. דאָ שפּי־געלט זיך אַלעס, די גאַסען, די הייזער, די מענשען, און דאָרט איז אַלעס פאַרפינסטערט, כאָטש אונטער'ן זעלבען פרעכטיגען בלויען הימעל און אונטער דער זעלבער העלער זון.

און דאָ קומט מיר ארויף אויפ'ן רעיון, אַז אויב אפילו די אַראַבער זיינען נאָך איצט ניט אין גאַנצען שוה בשוה מיט די אידען; אויב אפילו צווישען זיי זיינען פאַראַן געגנער צום אידישען ישוב, וועט עס סוף כל סוף, פריהער אָדער שפּעטער, מוזען מיידען.

דער אמאָליגער רוסישער פּויער — האָב איך מיר געמאַכט אַ חשבון — איז דורך אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדא פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג געקומען צום שכל און אָנגעהויבען פאַרלאַנגען עטוואָס בעסערס; דער אַראַבער פון ארץ ישראל אָבער וועט קומען צו זיין באַוואוסטזיין אָהן אַגיטאַציע, אָהן פּראָפּאַגאַנדא און אָהן רעוואָלוציאָנערע אידעען. ער וועט זיך פון זיך אַליין אויסמענשלען און אָנהויבען אָפּגעוואוינען זיך פון זיין פאַרצייטיגען אָריענטאַלישען אַרט לעבען, בלויז צוליב דעם, ווייל ער זעהט פאַר זיינע אויגען שעהנערס און בעסערס. דעם רוסישען פּויער האָט מען געמוזט וועקען, אריינבלאָזען אין איהם אַ רעוואָלוציאָנערען גייסט, כדי איבערצואַנדערשען איהם; דער אַראַבער אָבער אין ארץ ישראל וועט זיך אַליין אויפכאַפּען און אויפהויבען פון זיין נידעריגען שטאַנד און וועט נאָכטאָן

דעם אידען און אפילו קאנקורירען מיט איהם אויפ'ן געביט פון לעבען שעהנער און בעסער.

דער דאזיגער געפיהל, גלויב איך, וועט צו איהם קומען, און דאס אליין וועט שפילען א גרויסע ראלע, און אפשר די הויפט ראלע, צו שטעלען ארץ ישראל בכלל און דעם אידישען ישוב בפרט אויף א גוטען, פעסטען באזיס.

אט אזוי האב איך מיר געטראכט, און שפעטער, ווען איך האב בארייזט ארץ ישראל, און זיך אנגעקוקט אויף אראבישע דערפער און אידישע דערפער און שטעדטלאך, ווי די ערשטע זיינען אזוי ווי קברים און די צווייטע שיינען מיט פראכט און גלאנץ, איז ביי מיר די דאזיגע אידעע פארשטארקט געווארען.

איך מיין, אז די אראבער, וואס ליגען איצט ווי די מייז אין די נארעס, וועלען מיט דער צייט, קוקענדיג אויף זייערע אידישע שכנים, קריגען אן אנדער באגריף אין לעבען. זיי וועלען זיך מאדערניזירען און דאס וועט ברענגען פראספעריטי. אז דער פארלאנג וועט ווערען גרעסער, וועט די פראדוקציאן אויך מוזען פארגרעסערט ווערען, און דאס וועט שאפען ארבייט און נייע אינדוסטריען אין לאנד.

דער אראבער, וואס איז איצט א „מסתפק במועט" און קאנקורירט מיט אידישע ארבייטער, וועט פאר זיין ארבייט וועלען קריגען מעהר באצאהלט, ווייל זיינע הצטרכות וועלען זיין גרעסערע, און דאס לאנד וועט דערפון רייכער ווערען. דער סטאנדארד פון לוין פאר ארבייט איז דער הויפט-פאקטאר צו מאכען א לאנד רייכער אדער ארימער. דער פרייז פון ארבייט איז אין אמעריקא די לעצטע יאהרען פיל געשטיגען און דאס האט דאס לאנד געמאכט רייכער, ניט ארימער.

אויף די אראבער פון אלזשיר קען מען אזעלכע האפנונגען ניט לעגען. יענע זיינען אזוי ווי זשוקעס, וואס לעבען נאר אין שמוץ. זיי וועלען זיך פילייכט אייביג וואלגערען אין ברוד, ווייל זיי פוילען זיך פשוט ארויסצוקריכען פון דארט; אבער די ארץ-ישראל'דיגע אראבער זיינען, לויט מיינע אנזיכטען, אין אלגעמיין הארעפאשנע מענשען און זיי וועלען מיט דער צייט

איינזעהן, אז דורך מיה קען מען ערווערבען עטוואס בעסערס, און זיי וועלען דאס טאן.

און זיי וועלען צו די אידען ניט האבען קיינע טענות און וועלען זיי נאך אפשר דאנקבאר זיין דערפאר וואס זיי האבען זיי ארויפגעפיהרט אויפ'ן ריכטיגען מענשליכען דרך, ושלום על ישראל.

וואס אנבאלאנגט פאליטישע סכסוכים וועלען אזעלכע אפשר פארקומען צווישען אראבער און אידען; אבער אין עקאנאָ־מישע סכסוכים, גלויב איך, וועלען זיי זיך אויסגלייכען.

אזוי האב איך מיר אויסגע'חקירה'ט. מיין פריינד מאגי־דאוו האט כמעט די זעלבע אידעע אויפגעכאפט, כאטש ער האט אין ארץ ישראל פארוויילט בלויז איניגע טעג. הלואי זאלען מיר ביידע אמת זאגען.

איך נעם מיר א שפאציר אין גאס. עס איז מיר ליב צו טרעטען אויפ'ן באדען פון הייליגען לאנד. עס איז מיר ליב צו קוקען אויף די הייזער וואס אידען האבען אויסגעבויט און עס איז מיר ליב צו שמעקען די ארץ ישראל לופט. שוין געזעהן, דאכט זיך, שעהנערעס אין אלזשיר, אין ניצע און אין נעאפאל; אבער דער הדר הכרמל איז מעהר צום הארצען. עפעס א מאָד־נער חן, א מאדנער צויבער איז דא אויסגעגאסען אויף אלעם וואס עס קומט מיר פאר די אויגען.

שטעל איך זיך אפ ביי א טעלעגראף־סלופ, איז דארט צו־געפעסטיגט א שילד מיט אידישע אותיות: „לטפס מסכן" — קלעטערען איז געפעהרליך. קעהר איך אפ מיינע אויגען אן א זייט, זעה איך א שילדעל אויף א הויז: „נגר אמעריקאני" — אן אמעריקאנער סטאליאר. אויף אן אנדער הויז: „חייט לגברים" — א מענער־שניידער. נאך אויף א הויז: „רופא שניים" — א צייהן־דאקטאר, א דענטיסט, אדער „עורך דין" — א לאיער, אן אדוואקאט, און אזוי כסדר רק העברעאיש און העברעאיש.

שטעל איך אפ א אידישען איינגעל און פרעג איהם עפעס אין אידיש, שאקעלט ער מיט'ן קעפעל און טוט א מאך מיט די

הענטלאך: „אינני מבין" — איך פארשטעה ניט. וואס דען פארשטעהט ער יא? „איווריט" (עברית), לשון הקודש.

איך געה פארביי א שעהנעם גארטען, איז ביים ארייגאנג א שילד: „גן הקהל", קהל'שער אדער שטאדטישער גארטען. א ביסעל ווייטער אינוועניג — א „בקשה לקהל", א געבעט צום פובליקום „שלא לקטוף פרחים", מען זאל ניט רייסען קיין בלומען און נאך געוויסע פאראדנונגען און אלץ אין העברעאיש.

דער „גן הקהל" אויפ'ן הדר הכרמל איז געפלאנצט געווארען פון באראן ראטשילד ערשט מיט א פאר יאהר צוריק, און ווי שעהן, ווי פראכטפאל ער איז, א נחת ממש אנצוקוקען, און די אידישע „סיינס" גיבען איהם צו נאך מעהר חן.

איך האב אויף מארגען געזעהן פעדלער, וואס פעדלען אויף העברעאיש. איז טאקע דארט, אויפ'ן הדר הכרמל, אומגעגאנגען א איד מיט א קעסטעל אין האנד און האט אויסגעשריען: „לתקן מנעלים" — פאררעכטען אדער לאטען שיך. דער מאן איז, הייסט עס, א שוסטער, און ער זוכט צו פארדינען אויף חיונה. אין קעסטעל טראגט ער זיינע שוסטערשע קלאפער־געצייג און ווער עס דארף איהם, רופט איהם אריין און גיט איהם עפעס צו פארדינען.

א שוסטער, נאך אפשר ניט קיין גאנצער שוסטער, נאר א לאטוטניק, רעדט העברעאיש! דאס קען הייסען, אז לשון הקודש איז דארט אריין אין שוסטער־גאס; אבער די העברעאיש שפרעכענדע אינטעליגענץ פון ארץ ישראל שעמט זיך דערמיט ניט. זייער מאטא איז: „עברי דבר עברית" — איד, רעד העברעאיש, און דאס איז געמיינט אויף יעדען אידען, — דער פראסטער שוסטער אזוי גוט ווי דער העכסט געבילדעטער.

איך בין קיין מאל ניט געוועזן און בין איצט אויך ניט קיין העברעאיסט. עס קען זיין, אז ווען מען זאל מיך פרעגען, וואלט איך אפשר געזאגט, אז ארץ ישראל קען זיין א אידישע היימלאנד מיט אונזער אידישען מאמע־לשון, און אויב שוין יא לשון הקודש, וואלט איך זיך אפשר באנוגענט מיט אונזער פשוט'ן לשון קודש, ניט דוקא די „הברה ספארדיט", דער

ספרד'ישער דיאלעקט; אָבער די, וואָס ווילען איינפיהרען העב־רעאיש אין ארץ ישראל, ווייסען מסתמא בעסער און פאר־שטעהען דעם ענין גרינדליכער, און איך פארלאָז זיך אויף זיי.

אָבער מען דארף ניט זיין קיין העברעאיסט באגייסטערט צו ווערען פון דעם געברויך פון העברעאיש אין ארץ ישראל. דאָס מוז מאַכען אַן איינדרוק אויף יעדען איינעם. עס איז פאָרט זעהר אַנגענעהם צו זעהן און צו הערען די שפּראַך פון אונזערע נביאים. עס איז ממש אַ הערצליכער נחת צו זעהן העברעאישע אותיות אויף מטבעות און פּאַפּיר־געלד; עס איז אַ פארגעניגען אָנצוקוקען אַ פּאָסט־מאַרקע אָדער אַ קוויטאַנציע, אַ רעסיט פון פּאָסט־אָפיס מיט אַ העברעאישען אויפשריפט; עס איז אַ נחת צו הערען ווי מען רופט אָפּ אויפ'ן טעלעפאָן אויף העברעאיש: „בבקשה, שישים וששׂ", אָדער: „מאה ועשרים" — ביטע נומער זעקס און זעכציג, אָדער הונדערט מיט צוואַנציג. איז מיר גאָר שפּעטער אין ירושלים אויסגע־קומען צו זעהן און צו הערען ווי אַן ארעסט איז געמאַכט גע־וואָרען אויף העברעאיש. דאָס הייסט: אי דער פּאָליציימאַן, אי דער פּריזאָנער, אַ אידישער קאָמוניסטעל, האָבען זיך צווי־שען זיך אויסגע'טענה'ט אויף העברעאיש. איך ווייס ניט וואָס פאר אַן איינדרוק דאָס וואָלט געמאַכט אויף אַנדערע „גרינע", אָבער אויף מיר האָט עס געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק און עס איז מיר געווען אַנגענעם צו הערען ווי דער פאַנגער און דער געפאַנגענער רעדען צווישען זיך.

וואו זעהט מען דאָ ביי אונז אין אַמעריקא העברעאישע אויפשריפטען אין די עפענטליכקייט? אַפילו אין אַ געגענד, וואָס איז דורכאויס באזעצט מיט אידען, איז מעהר ווי „בשר כשר" אויף אַ פענסטער אָדער וואו־ניט־וואו „מקוה כשרה" זעהט איהר ניט. אין ארץ ישראל אָבער איז אונזער הייליגע שפּראַך איבעראַל, אין שטאָדט און אַפילו אויסער'ן שטאָדט. האָב איך אויפ'ן וועג, פאָהרענדיג איבער'ן לאַנד, געזעהן, למשל, שילדען „עד כאן תחום שבת". שעהן, זעהר שעהן.

דאָ וויל איך עטוואָס באַמערקען און ערקלערען.

איך ווייס פון אידען וואָס האָבען אַ חשק צו באַזוכען ארץ ישראל, נאָר דער לשון הקודש שטעהט זיי אין וועג. מען האָט זיי דערצעהלט, אַז דער וואָס רעדט ניט לשון הקודש, ווערט אין ארץ ישראל גאָרניט באַטראַכט פאַר קיין מענשען און מען וויל מיט איהם קיינע מחזקות ניט מאַכען, און אַזוי ווי זיי זיינען טעמפּליך אויף דעם, איז דאָס ביי זיי אַן אָפּהאַלט און זיי פאָהרען ניט. וויל איך יענע לייט פאַרזיכערען, אַז דאָס איז אַן אויסגעטראַכטע זאַך.

מען קען פאָרלויפיג אין ארץ ישראל גאַנץ גוט אויסקומען מיט אידיש, ענגליש און אַפילו רוסיש. אידישע באַזוכער זיי־נען דאָרט ווילקאָמען און ווערען באַטראַכט אַלס „אורחים הגונים", אַלס געהויבענע געסט, אָהן העברעאיש אַזוי גוט ווי מיט העברעאיש. דאָס איינפיהרען די העברעאישע שפּראַך איז נאָך צו יונג, און עס וועט אַפילו נאָך די בעסטע אומשטענדען נאָך גאַנץ לאַנג געדויערען ביז העברעאיש וועט זיך ריכטיג באַ־פעסטיגען. אין דעם איצטיגען דור, זיכער ניט; פילייכט אין די קומענדע דורות.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדליך, אַז די עלטערע מענשען פון אַלטען און פון נייעם ישוב, האָבען נאָך זייער ליטווישען, פּוי־לישען אָדער גאַליציאַנישען אידיש ניט פאַרגעסען און זיי ריידען עס איצט אויך. די מעהרסטע קענען ווייניג־וואָס העברעאיש, און אַפילו די וואָס קענען יאָ, און אַפילו די פאַנאַטיקער, וואָס דאָס ווערטעל „עברי דבר עברית" איז ביי זיי אַ חק, וועלען חלילה אויך ניט נידערשעצען אַזאַ איינעם, וואָס איז געקומען פון חוץ לאָרץ מיט זיין מוטער־שפּראַך.

קינדער זיינען שוין יאָ פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבען זיך ערצויגען און זיינען אויסגעהאָדעוועט געוואָרען אויף דער העב־רעאישער שפּראַך. די עלטערען קענען זיך ריידען אידיש אָדער זשאַרגאָן, ווי זיי רופען עס, און די קליינוואַרג פאַרשטעהען די שפּראַך ווייניג אָדער גאָר ניט. אַזוי ווי ביי אונז אין אַמע־ריקאַ זיינען פאַראַן עלטערען וואָס ריידען מאַמע־לשון און די קינדער בלויז ענגליש; אָבער אונזערע היימישע אידען פאַרשטע־

העז אַלע און ריידען אידיש. די פרענקישע אידען, די תימנ'ער און די בוכארער, למשל, די האָבען קיינמאָל ניט פארשטאַנען אונזער אידיש און פארשטעהען עס היינט אויך ניט; אָבער אונזערע אידען זיינען די זעלבע אידען אין ארץ ישראל אַזוי ווי דאָ אין אַמעריקא און אַנדערשוואו.

און אַפילו מיט די קינדער־ערציהונג געהט נאָך אויך אָן אין ארץ ישראל אַ שטרייטיגקייט. די מאָטאָ: „עברי דבר עברית" איז נאָך ניט ביי אַלעמען אָנגענומען. אַפילו די מע־טאָדע פון עברית בעברית, וואָס איז שוין אויך איינגעוואָרצעלט דאָ ביי אונז אין אַמעריקא, איז נאָך אויך ניט אינגאַנצען איינ־געפיהרט אין ארץ ישראל. זיינען פאַראַן אין ירושלים דריי גרויסע אידישע אַנשטאַלטען, די תלמוד תורה און ישיבה עץ חיים אין דער אַלטער שטאָדט, די ישיבה און תלמוד תורה אין מאה שערים און דער גרויסער בית היתומים דיסקין, וואו מען לערענט מיט די קינדער קלענערע און גרעסערע למודים פשוט אויף אידיש אַזוי ווי אמאָל ביי אונז אין דער אַלטער היים.

געהט אין מאה שערים, דער גרעסטער אידישער קוואַרטאַל אין ירושלים, און איהר וועט זעלטען הערען אַ העברעאיש וואָרט, אַלץ אידיש און אידיש. זעהט איהר, אויף רחוב יפו, די, אַזוי צו זאָגען, איסט בראָדוויי פון ירושלים, דאָרט הערט איהר שוין העברעאיש אַזוי ווי מען פלעגט אמאָל אויף איסט בראָדוויי פון ניו יאָרק הערען רוסיש; אָבער די העברעאיש שפּרעכענדע קענען אויך אידיש און זיי וועלען אייך חלילה די באָרד ניט אויסרייסען, אויב איהר וועט צו זיי ריידען אידיש.

עס איז לעכערליך צו זאָגען, אַז מען קוקט אין ארץ ישראל אויף אַ „גרינעם" מיט פאַראַכטונג דערפאַר וואָס ער רעדט ניט קיין העברעאיש, און קיינער דאַרף זיך דערפאַר ניט אָפּשרעקען.

יאָ העברעאיש, ניט העברעאיש, פאָהרט, אידען, קיין ארץ ישראל. באַזוכט דאָס הייליגע לאַנד און איהר וועט אָסור חרטה האָבען.

עס איז ווערט צו זעהן און אַ מצוה צו זעהן.

.14

מיר קריגען „הזמנות". — ברוך הבא און מעות חטים. — קבצנים דאָ און דאָרט. — אַן אַזיאַטי־שער געזעץ. — זון־אויפגאַנג אין ארץ ישראל. — אין קאָסטאָם הויז.

ווי איך האָב שוין דערצעהלט, זיינען מיר אָנגעקומען קיין חיפה שבת שפּעט נאָך מיטאָג.

אין אָווענד ווען מיר האָבען זיך אומגעקערט פון שפּאַציר איבער'ן הדר הכרמל, האָבען מיר אויף אונזער קוואַרטיר גע־פונען „הזמנות'ן", געדרוקטע איינלאַדונגען פון שטאָדט בעלי הבתים צו אַ וויכטיגע אספה, אַ פאַרזאַמלונג פאַראַנשטאַלטעט פון אונזער כבוד וועגען. אַזוי, הייסט עס, איז געזאָגט געוואָרען אין די „כרטיסים", אין די איינלאַדונגס־קאַרטען, וואָס מען האָט פאַר אונז איבערגעלאָזט, וועלכע האָבען זיך געלייענט אונ־געפעהר אַזוי:

„היות אַזוי ווי מיר האָבען די גרויסע זכיה צו האָבען ביי אונז אַזעלכע חשוב'ע געסט, לכן בעטען מיר, צו פאַרשאַפען אונז דעם כבוד און פאַרגעניגען און קומען צו דער אספה, וואָס מיר האָבען אַראַנזשירט אַלס קבלת פנים פאַר אייך". ווייטער איז געוועזען אַ פּראָגראַם פון רעדנער און אָנגעצייגט דער פּלאַץ און די צייט פון דער פאַרזאַמלונג.

פאַרשאַפען אידען כבוד און פאַרגעניגען, און אפשר טאַקע אַליין אויך געניסען אַ קאַפּעלע כבוד — מהיכא תיתי. ווער זאָגט זיך עס אָפּ פון אַזעלכע זאַכען? מיר זיינען אָבער געוועזען מיד און שלעפעריג און האָבען די „הזמנות'ן" ניט אָנגענומען.

אַ מיטינג אָדער אַן אַפּעיר אין ארץ ישראל, — האָבען מיר געדענקט, — איז מסתמא אַלץ איינס ווי ביי אונז אין אַמעריקאַ. מען רופט אויף אַכט דעם זייגער, שטעלט מען אויף דער חזקה, אַז עס וועט זיך ניט אָנפאַנגען פאַר ניין, און אַז עס וועט זיך אָנפאַנגען ניין, איז דאָך רעכט צו קומען אַ האַלבע

שטונדע שפעטער, במילא קלייבט מען זיך צוזאמען שפעט און עס איז אן עסק ביז פארטאג.

אט צוליב דעם דאזיגען חשבון האבען מיר פארבויגען דעם כבוד פון די אידען אין חיפה און אונזער אייגענעם כבוד און מיר זיינען ניט געגאנגען. מיר האבען געוואלט וויסען ווי אזוי עס שלאפט זיך אין ארץ ישראל, האבען מיר אפגעגעסען א „מלוה מלכה" און זיך געלעגט שלאפען.

אויף מארגען זיינען געקומען א פאר בעלי הבתים און האבען אונז שטארק אויסגערעדט למאי מיר האבען זיי „באליי־דיגט" דערמיט וואס מיר זיינען ניט געקומען צו דער פארזאמלונג, און מיר האבען געבעטען אנטשולדיגונג. און אזוי ווי די אידען האבען אונז דערצעהלט, אז אגב אורחא האט מען ביי דער פארזאמלונג, וואס איז פאראנשטאלטעט געווארען לכבודנו, גע־זאמעלט געלד אויף מעות חטים, האבען מיר זיי מפצה געווען מיט ביישטייערונגען און דערמיט אפגע'פטר'ט.

אייגענטליך ווייס איך ניט, אויב דאס זאמלען אויף מעות חטים איז געוועזן דער „אגב" פון דער אספה, אדער מיר, חשוב'ע געסט, זיינען געוועזן דער „אגב"; אבער וואס איז דער חילוק? אזוי צו אזוי, איז די כונה געוועזן א גוטע.

מעות חטים, ארויסהעלפען ארימע אידען אויף פסח, איז אפשר בילכער ווי געבען אמעריקאנער טוריסטען א „ברוך הבא". און אידען קבצנים זיינען ב"ה פאראן אפילו אין ארץ ישראל. כי לא יחדל אביון מקרב הארץ. עס איז אפשר ניט אזוי שרעקליך ווי מען מיינט עס דא אונטער די אויגען. נאך אלע־מען איז ארץ ישראל בכלל גאנץ לעבעדיג, מען האנדעלט, מען וואנדעלט, און עס זיינען דארט, אהן עין הרע, פאראן אידישע נגידים אויך. אפילו צווישען דעם ארבייטער־קלאס זיינען אויך דא אזעלכע וואס האבען פיינע פרנסה. עס איז ניט קיין כלל, אז אלע גערען דארט אום לעדיג און קריגען קיין באשעפטיגונג, אזוי ווי עס איז ניט קיין כלל, אז דא ביי אונז, אין דער רייכער אמעריקא, זיינען אלע באשעפטיגט. אמעריקא ליידעט אויך מעהר אדער וועניגער פון ארבייטסלאזיגקייט, און אזוי איז

אויך ארץ ישראל. אפשר דאָרט מעהר ווי דאָ; אָבער ניט חלילה אינגאַנצען.

עס זיינען דוקא אין ארץ ישראל פאַראַן ארבייטער, וואָס הייסען זיך גוט באַצאָהלען, און מען באַצאָהלט. האָב איך אַליין אין ירושלים געגעבען אויספּרעסען אַ סוט און באַצאָהלט מעהר ווי איך צאָהל דאָ אין אַמעריקא. און זאָל מיר גאָט ניט שטראָפען פאַר רעדען לשון הרע אויף אַן ארץ־ישראל'דיגען שניידער — ער האָט די שטיקעל אַרבייט געמאַכט זעהר פאַר־טאַטשנע. אמת, דאָס איז געווען אַ טאָג פאַר פסח, איז דער בעל מלאָכה מסתמא געווען פאַרלעגט מיט ארבייט און ער האָט זיך ניט געקענט אָפּגעבען אַזוי פיל צו מאַכען די ארבייט ריכ־טיג, און דאָס וואָס ער האָט ביי מיר גענומען אַ הויכען פּרייז, איז אפשר דערפאַר ווייל איך בין אַן אַמעריקאַנער. אויב עס איז אַזוי, זאָל עס איהם אויך וואויל באַקומען.

סאַי ווי סאַי האָט דאָך דער שניידער אין ארץ ישראל אַ סיזאָן, אַ לענגערען צי אַ קירצערען; צי פון אייגענע צי פון טור־ריסטען; און אַזוי איז דער שוסטער, און אַזוי זיינען אַלע. צו זאָגען, אַז אין ארץ ישראל איז, חס וחלילה, אַזאַ קריזיס, אַז אַלע דאַרפען אוועקלעגען די ציינער אויף די פּאָליצעס — איז, איך בעט אייך צו פאַרצייהען, אַ גרויסע דומהייט.

אָבער קיין דלות פעהלט דאָרט אויך ניט. האָב איך שוין ביים ערשטען אריינפאָהר קיין ארץ ישראל, טאַקע אין חיפה, גע־טראָפען אַ לאַנדסמאַן, דוקא אַ בעל מלאָכה, אַ סטאָליער, אַן עני ואביון, זאָל גאָט שומר ומציל זיין. איך האָב זיך שפּעטער אָנ־געזעהן אַ היבשע ביסעל דלות ואביונות אין ירושלים, אין טבריה און אין צפת. אפילו צווישען די אידישע קאָלאָניסטען געפינען זיך אויך היבשע קבצנים; אָבער דאָ ביי אונז, אין דער גרויסער, רייכער ניו יאָרק, פעהלט אויך ניט דער מין, אפשר פּראָפּאָרציאָ־נעל וועניגער, אָבער מען דאַרף דאָ אויך ניט קיין טויזענד וואַט עלעקטרישען לאָמפּ אויף צו זוכען אַן אָרימאַן. מען קען איהם אפילו אין דער פינסטער אויך געפינען.

שפּאַציר איך מיט מיין אָרימען לאַנדסמאַן אין גאַס. זעה

איך ווי מען פיהרט עטליכע אראבישע ארעסטאנטען צוגעקייטעלט איינע צו די אנדערע. „דאס פיהרט מען זיי", — דערצעהלט מיר מיין לאנדסמאן, — „אין תפיסה. און מיינט איהר פאר וואס? פאר ניט צאהלען דירה־געלט", און ער טוט בעת מעשה א שטארקען זיפץ, מסתמא ווייל ער ערווארטעט אויך, נעבאך, אזא גזר דין.

אין ארץ ישראל עקזיסטירט נאך אן אלטער טערקישער געזעץ, אז פאר ניט באצאהלען א חוב, וואס פאר א חוב עס זאל ניט זיין, א גרעסערער אדער א קלענערער, דארף מען קודם כל אפשמאכטען אין געפענגניס ניינציג טעג — נאטירליך, אויב דער וואס מאנט דעם חוב ברענגט דעם בעל־חוב אין געריכט. דורך דער צייט וואס איך האב פארבראכט אין ארץ ישראל האב איך געהערט פון א פאר אזעלכע פעלע צווישען אידען. אין איין פאל — האט מען דערצעהלט — האט א איד א נגיד געבראכט אין געריכט אן ארימען, קראנקען אידען פאר א חוב פון א פאר פונט (א פונט איז פינף דאלאר), און דער קראנקער ארעמאן, א מאן פון א ווייב און א טאטע פון קינדער, איז פאר'משפט געווארען צו די ניינציג טעג. הייסט עס, אפנים, אז אין ארץ ישראל געפינט זיך אויך א לומפ, און אפשר מעהרערע לומפען.

עס פארשטעהט זיך, אז דאס רוב אידען זיינען דאך רחמנים בני רחמנים, האבען לייטע ניט געשוויגען. האבען איינגעלעגט וועלטען, געטאדעלט די מאהנער און געזאמעלט נדבות אויסצוקויפען די פאר'משפט'ע פון גוי'אישע הענד.

מען האט געשמועסט, אז דער דאזיגער אזיאטישער געזעץ וועט אפגעשאפט ווערען, אז ענגלאנד, הייסט עס, וועט עס בטל מאכען. אויב זי האט עס בטל געמאכט אדער ניט — ווייס איך ניט.

אבער דער כבוד פון ארץ ישראל ליידט דערפון ניט. אויב מען האט נאך דעם דאזיגען געזעץ ניט אפגעשאפט, וועט מען דאס אפשאפען. אפשר עקזיסטירען דארט נאך טערקישע געזעצע, וואס זיינען ניט פאסענד פאר א ציוויליזירטער לאנד, וועט זיי די ענג־

לישע רעגירונג פריהער אָדער שפּעטער באַזייטיגען און ארץ ישראל וועט זיין פאַלשטענדיג אַ לאַנד מיט אַלע לענדער צוגלייך.

רעדענדיג אויפ׳ן שיף וועגען די שבחים פון ארץ ישראל, האָט אדון איתין, דער חיפה׳ער סוחר, געשילדערט דעם זון־אויפ־גאַנג אין ארץ ישראל. אַזאַ שעהנעם בילד — האָט ער געזאָגט — קען מען ערגעץ ניט זעהן און עס איז ערגעץ ניטאָ. האָב איך עס געוואָלט זעהן מיט מיינע אויגען. בין איך אויפגעשטאַנען באַ־גינען, בין ארויס אויפ׳ן באַלקאָן און געזעהן ווי די זון האָט זיך באַוויזען אין מזרח זייט, ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט אין ים מיט כל־ערליי אויגען־בלענדענדע קאָלירען, און לאָמיר אייך זאָגען, אַז עס איז ווירקליך ווערט צו זעהן. אַזאַ שעהנקייט, אַזאַ פּראַכט קען מען זיך גאָר אין פאַנטאַזיע ניט פאָרשטעלען.

די זעלבע זון דאָ אין אַמעריקא ווי אין ארץ ישראל, אָבער דאָרט, אין הייליגען לאַנד, באַווייזט זי זיך גאָר אַנדערש. אַהין קומט זי מעהר „ספּאָרטיש", עקסטרא אויסגעפּוצט, ווייל ארץ ישראל איז איהר אַפּנים ליבער ווי חוץ לאָרץ. דאָ ביי אונז געהט זי אויף, ווייל זי דאַרף אויפגעהן, ווייל דאָס איז איהר אויפגאַבע, און דאָרט, אין ארץ ישראל, קומט זי מיט מעהר פּראַכט און גלאַנץ.

מיר געהען אין צאַל־אַמט, אין קאַסטאָם הויז, אָפּנעמען אונ־זער באַגאַזש. אַ געביידע עהנליך צו אַ סאַראַי אָדער אַ שייער צוזאַמענגעקלאַפּט פון ברעטער און בלעכענע פּלאַטען. מיר טרע־פען דאָרט פילע פון אונזערע שיפס־ברידער און שיפס־שוועסטער, וועלכע זיינען אויך געקומען צונעמען זייערס. דער פּלאַץ איז קליין, ענג, איז אַלעס אָנגעוואָרפען אין הורבעס איינס אויף דאָס אַנדערע, אָהן אַ סדר, אָהן אַן אָרדנונג און מען קען גאָר קיין טאָלק ניט דערגעהן.

דאָ שטעהט אַ גרויסער קופערט אויף אַ קערבעלע, וואָס איז צודריקט געוואָרען אונטער דער שווערער משא; דאָ שטעהט אַ קאַסטען, וועלכען מען קען ניט ריהרען פון אָרט, אויף אַ טייערען לעדערנעם טשעמאָדאַן, און דאָ איז אַ פּעקעל בעטגעוואַנט איינ־געפלאָנטערט אין אַ האַלב צובראָכענעם קאַסטען און מען קען עס ניט אויספּלאָנטערען.

איז דאָרט אַ יאריד׳ל. יעדער איינער זוכט זיין ביסעל אָרימ־קייט אָדער רייכטום און עס איז שווער צו געפינען. און געפינט מען שוין, ליגט עס אונטער פרעמדע שווערע באַגאַזש און מען קען עס ניט ארויסבאקומען. מען מוז אָנקומען צו די אראבער, וואָס דרעהען זי דאָרט אום, דערלאַנגען „באקשיש״ (טיפּס אָדער טרינק־געלד) און זיי העלפען ארויסצוקריגען וואָס יעדער איינער דאַרף.

אָבער דערשלאָגען זיך צו זיי, צו די אראבישע משרתים, קומט אויך ניט אָן אַזוי לייכט, מחמת עס זיינען פאַראַן אַ סך בעלנים, וואָס זוכען זייער הילף, איז עס טאקע אַן עסק אויף שטונדען לאַנג.

און האָט איהר שוין אייער געפּעק ביים האנד, דאַרפט איהר ערשט שטעהן און ווארטען ביז אַ צאָל־באאמטער, אַ קאַסטאָם־אינספּעקטאָר וועט זיין גרייט צו אייער דינסט און עקזאַמענירען און דורכקוקען אָדער דורכטאַפּען און זיך איבערצייגען וואָס אַזעלכעס איהר פיהרט מיט, מחמת עס זיינען ניטאָ קיין סך אָנגע־שטעלטע און די פּאָר אינספּעקטאָרען, וואָס ארבייטען יאָ, קענען זיך, ביי זייער בעסטען ווילען, ניט צוריסען און נאָכגעבען יעדען איינעם זיין פאַרלאַנג און פּטור׳ן איהם וואָס פריהער.

הכלל, געהט עס צו זעהר לאַנגזאַם. עס ציהט זיך אַזוי ווי פון פּעך, און די פּיס קענען, שונאי ישראל, געשוואָלען ווערען שטעהענדיג ביז מען ווערט דאָרט פּארטיג.

באקלאָגט זיך אַ איד: ער האָט, לא עלינו, רהומאַטיזם אין די פּיס. ער האָט עס אונטערגענומען די רייזע קיין ארץ ישראל איבערהויפּט צו באָדען זיך אין די חמי טבריה, וואָס איז באַשטעטיגט פון דאָקטוירים אַלס די בעסטע און זיכערסטע רפואה צו רהומאַטיזם, איז דאָס שטעהן פון באגינען אָן און ווארטען ארויס־צובאקומען זיינע טשעמאָדאַנען ביי איהם אַן אָפּקומעניש. ער פּאַלט ממש אַוועק און ער קען ניט פּועל׳ן מען זאָל איהם ארויס־פּטר׳ן, ווייל עס זיינען פאַראַן פריהערדיגע פאַר איהם.

מקנא זיין אַזאַ אידען איז געוויס ניטאָ וואָס.

אָבער דאָס וועט, האָפענטליך, מיידען. איה״ש אַז מען וועט

אויסבויען דעם האַפען אין חיפה, וועט מען מסתמא אויך אויס־בויען אַ לייטישע קאָסטאָם הויז און עס וועלען געמאַכט ווערען בעסערע פאַראָנדקעס.

אַ האַלבען טאָג האָט עס פאַרנומען ביז מיר האָבען אונזער באַגאַזש ארויסגעקראָגען און מיר זיינען געקומען אויפ׳ן קווארטיר אויסגעמאַטערטע. דערפאַר האָבען מיר געגעסען אַן ארץ ישראל׳־דיגען גוטען מאָלצייט מיט מעהר אַפעטיט.

מיר האָבען נאָך יענעם טאָג געהאַט נאָך אַ פליכט צו ערפילען.

די אַלע אָנגעקומענע אין ארץ ישראל האָבען ביים לאַנדען געקראָגען „וועקסינייישאָן סערטיפיקייטס״, באַשטעטיגונגען אַז מען האָט זיי געשטעלט פּאָקען, מיט צעטלאַך, אין וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרען, אַז יעדער איינער און יעדע איינע האָט אין פאַרלויף פון פינף טעג צו מעלדען זיך צוויי מאָל צו דער געזונד־הייטס־אָפּטיילונג (באָארד אָוו העלטה) אין וועלכער שטאָדט אָדער שטעדטעל מען וועט זיין, מיט אַ װאַרנונג, אַז אויב מען וועט עס ניט טאָן, וועט מען שטרענג באַשטראָפט ווערען. ניט מעהר ווי רעכט. עס קומען אורחים, פרעמדע מענשען, דאַרף מען זעהן זיי זאָלען זיין געזונד און שטאַרק און זיי זאָלען קיין טענות ניט האָבען צו ארץ ישראל.

אָט די דאָזיגע מעלדונג האָט אויך פאַרנומען אַ שטיקעל צייט און איך מיט מיין פרוי, מיין לאַנדסמאַן און לאַנדספרוי זיינען שוין יענעם טאָג ערגעץ ניט געפאָהרען. מיין פריינד און קאָלעגע מאַגידאָוו האָט געהאַט וויכטיגע אינטערעסען צו ערלע־דיגען וואָס שנעלער אין ירושלים, האָט ער נאָך יענעם טאָג גע־דונגען אַן אויטאָמאָביל, און ער, זיין פרוי און טאָכטער, זיינען ארומגעפאָהרען די וויכטיגע פלעצער ארום חיפה און דאַן מיט׳ן זעלבען אויטאָמאָביל אװעקגעפאָהרען קיין ירושלים.

זיינען מיר פאַרבליבען אַ גרופּעלע פון בלויז פיר פּערזאָן, וועלכע האָבען זיך געהאַלטען צוזאַמען מיט אַ פאָראויס באַשטימ־טען פּלאַן פאַר אַן אַנדער מאַרשרוט. ביי אונז איז געוועזן אָפּ־געמאַכט, אַז מיר זאָלען באַזוכען דעם עמק, אַריבערכאַפּען זיך

קיין טבריה, קיין צפת און ערשט נאכהער פאָהרען קיין ירושלים אויף פסח.

מיר האָבען דערוייל באזוכט אייניגע וויכטיגע פלעצער אין חיפה און אויף מאָרגען זיינען מיר ארויסגעפאָהרען לתור את הארץ, באַאבאכטען דאָס לאַנד, מיט'ן זעלבען אויטאָמאָביל, וואָס האָט אוועקגעפיהרט די מאגידאָווס קיין ירושלים.

15.

דער הר הכרמל און די מערת אליהו. — דער נחל קישון אמאָל און היינט. — די שטאָדט עכו. — דער הכנסת אורחים אין חיפה. — קאַפּיטאַל און ארבייט. — אַ פּערסישער „נביא".

אונזער שאָופער איז אַ כוואט, אַ יונג מיט ביינער. אַ יונ־גערמאַן פון רוסלאַנד, מיר דאכט, פון יעקאַטערינאָסלאַוו. ער רעדט רוסיש, אידיש, אראביש און העברעאיש. ער איז, זאָגט ער, באהאַוועגט אין אַלע וועגען און שטעגען פון גאַנץ ארץ ישראל און ער קען די לאַנד דורכפאָהרען אין דער לענג און אין דער ברייט אפילו מיט פארבונדענע אויגען.

ער פיהרט אונז אויפ'ן הר הכרמל, דער באריהמטער הר הכרמל, וואו אליהו הנביא האָט באוויזען זיינע מופתים און באַ־זיגט די נביאי הבעל; דער הר הכרמל, וואָס מיר דערמאָנען אין אונזערע תפלות: „עננו כשענית לאליהו בהר הכרמל".

דער הר הכרמל איז אמאָל געוועזען און איז היינט אויך איי־נער פון די שעהנסטע און פרעכטיגסטע פונקטען אין ארץ ישראל. די באדייטונג פון וואָרט „כרמל", שיינט צו זיין: פראכטפאָל אָדער פרוכטבאר, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט אין פסוק: „ואביא אתכם אל ארץ הכרמל" — איך האָב אייך געבראכט קיין ארץ ישראל, אין כרמל־לאַנד.

דער דאָזיגער שעהנער און פרוכטבארער בארג איז איצט טיילוויין באצירט מיט שעהנע, פראכטפאָלע אידישע מושבות. עס

שיינען דאָרט און בליהען שכונת בת גלים, שכונת נוה שאנן, און נאָך. אַ נחת צו זעהן ווי אידישע קינדער, אייניקלאך פון ישראל סבא פארשעהנערען דעם אלטען שעהנעם בארג מיט זייע־רע הייזער, גערטנער און וויינגערטנער.

אונזער שאָופער, וועלכער דינט אונז אויך אלס „גאַיד", צייגט אונז אָן אויף אַ טייל פון נחל קישון, וואָס זעהט זיך פון הר הכרמל. ווידער אַ היסטאָרישער פּלאַץ און ווידער זעהען מיר פאַר די אויגען אַ געגענד וואָס איז באשריבען אין די הייליגע שריפטען.

ביי דעם נחל קישון האָבען אידען באזיגט סיסרא, און דבורה הנביאה באזינגט דעם זיג אין איהר שירה: „נחל קישון גרפם", דער קישון־שטראָם האָט זיי, סיסרא'ס חייל, אַוועקגעשלעפּט, אָדער אָפּגעראמט. אין דעם נחל קישון, ווערט דערצעהלט אין מלכים, זיינען אויסגעשלאכטעט געוואָרען די געצענדינערישע נביאי הבעל, וואָס אליהו האָט באוויזען ווי פאַלש און באטרי־געריש זיי זיינען. אינטערעסאנט אָנצוקוקען אַזעלכע פּלעצער און אַ געפיהל פון באגייסטערונג דרינגט דורך אלע גלידער, ווען דאָס אויג זעהט און דער מח טראַכט פון די פּאַסירונגען וואָס דאָרט האָבען פּאַסירט.

דער נחל קישון איז איצט אַ גאַנץ שמאָלער וואסערל. אויף דער גאַנצער שטרעקע וואו דער דאָזיגער שטראָם האָט זיך גע־צויגען, איז דער באָדען געווען אַ זומפּיגער, נעסטען פון געפעהר־ליכער מאַלאַריע; אָבער זייט אידען האָבען אָנגעהויבען בילדען אידישע ישובים אין עמק און אומגעגענד זיינען די זומפּען פאַר־שאָטען געוואָרען אָדער אויסגעטריקענט געוואָרען דורך אנדערע מיטלען, און די מאַלאַריע־געפאַהר איז פאַראיבער.

דעם גרעסטען טייל אין דעם האָט דער קרן היסוד, און דאָס איז איינע פון די גרעסטע און וויכטיגסטע אויפטואכצען וואָס דער קרן־היסוד האָט אויפגעטאָן אין ארץ ישראל.

צייגט אונז ווייטער אָן אונזער שאָופער אויף דער שטאָדט עכו, וואָס ליגט אויפ'ן צווייטען זייט פון דער בוכטע פון מיטעל־לענדישען ים. ער שלאָגט פאָר מיר זאָלען זיך „אריבערכאַפּען"

אהין אַנקוקען דעם גרויסען פּריזאָן, די, אזוי צו זאָגען, קאַטאָרגע פון פּאַלעסטינא. אָבער אזוי ווי איך בין שוין ב"ה אריבער דרייסיג יאָהר אין אַמעריקא און נאָך קיינמאָל אין קיין פּריזאָן ניט געווען, האָב איך ניט קיין גרויסען חשק געהאַט צו פאָהרען עקסטרא אַנקוקען א פּריזאָן אין ארץ ישראל. און איך בין יוצא מיט א בליק טאָן אויף דער שטאָדט וואָס זעהט זיך קוים פון דערווייטענס.

עכו איז אויך א שטאָדט וואָס ווערט דערמאָנט אין די הייליגע שריפטען און אין תלמוד. אין שופטים ווערט דער־צעהלט, אַז די שטאָדט עכו איז אויסגעפאַלען אויפ'ן חלק פון שבט אָשר, אָבער ער האָט זי ניט ערָאָבערט און איז דאָרט פאַר־בליבען זיצען צוזאַמען מיט די כנענים.

אין תלמוד ווערט עכו מעהרערע מאָל דערמאָנט אַלס האַ־פען־שטאָדט. די חכמי התלמוד האָבען געהאַט פאַרבינדונגען מיט דער שטאָדט און פלעגען אהין אָפט קומען אָדער האָבען טאַקע דאָרט געוואוינט.

איצט וואוינען אין עכו א ביסעל אידען. דאָרט געפינט זיך א אידישע שוועבעלאָך־פאַבריק, אויסגעבויט און פאַרוואַל־טעט פון צוויי ברידער ווייצמאַן פון דווינסק אָדער דינאַבורג.

צופעליג האָב איך זיך מיט איינעם פון די ווייצמאַן ברידער געטראָפען אויף מיין וועג צוריק פון ארץ ישראל אויף אַן איטאַ־ליענישע שיף צווישען אַלעקסאַנדריע און ברענדיזי. דער הער אָדער אדון ווייצמאַן, וועלכער איז געפאָהרען קיין אייראָפּא וועגען געשעפטס־אַנגעלעגענהייטען, איז א פשוט'ער היימישער פרו־מער איד. ער איז געפאָהרען דריטע קלאַס, גאָר נישט מעשה סוחר, מעשה פאַבריקאַנט, האָט געדאַווענט אין טלית ותפלין און זיך ניט געשעמט פאַר די גוי'אישע מיטפאָהרער.

ער האָט מיר דערצעהלט, אַז אין זיין פאַבריק אין עכו ליגט א פאַרמעגען. ער מיט זיין ברודער האָבען געהאַט א גוט־געהענדען געשעפט אין זייער אַלטער היים, אָבער זיי האָבען עס אויפגעגעבען און געקומען קיין ארץ ישראל, ניט צוליב מאַטער־יעלע צוועקען, צו זוכען רייכטום, נאָר אויס ריינעם אידעאַל צו

שאפען און באפעסטיגען אן אינדוסטריע אין הייליגען לאנד, כדי צו העלפען בויען דעם אידישען ישוב. אבער די אידישע אר־בייטער שטעהען אין וועג מיט זייערע צו הויכע פאדערונגען, וואס קענען ניט נאכגעגעבען ווערען, און זיי ווילען זיי פאר־טרייבען און פארניכטען.

אזעלכע באשולדיגונגען אדער אנקלאגען געגען אידישע פועלים איז מיר אויך אויסגעקומען צו הערען פון אנדערע. אויף דער זעלבער איטאליענישער שיף איז מיט מיר צוזאמען גע־פאהרען א געוועזענער אמעריקאנער, איינער א מר. ווילסאן, וועל־כער האט געשפילט א גרויסע ראלע אלס בילדער, אלס בויער פון הייזער אין תל אביב. ניינצעהן יאהר איז דער מר. אדער אדון ווילסאן אפגעוועזן אין ארץ ישראל, און, ווי איך האב גע־הערט פון זייטיגע מענשען, האט ער געהאט א שם אלס איינער פון די גרעסטע אונטערנעמער אין זיין פאך און האט ווירקליך פיל אויפגעטאן פאר'ן אידישען ישוב. איז ער לעצטענס גע־ווארען א יורד און איז געפאהרען צוריק קיין אמעריקא צו קינדער.

דער מאן האט פאר מיר אויסגערעדט זיין ביטער הארץ און מיר דערצעהלט, אז די אידישע יוניאניזירטע פועלים האבען איהם רואינירט. ער האט ניט געקענט נאכקומען זייערע פאדערונגען, האט געמוזט ברעכען קאנטראקטען און איז בדלות געווארען.

איך גלויב זיי, די דאזיגע אידען, און איך סימפאטיזיר מיט זיי. עס איז ווירקליך א רחמנות אויף זיי. אבער נעמענדיג דעם צווייטען צד, דעם צד פון די ארבייטער, בין איך ניט גענייגט צו גלויבען, אז זיי זיינען סתם „קעמפער געגען קאפיטאל". זיי זיינען ניט געקומען קיין ארץ ישראל ברענגען דארט די „סאָ־ציאלע רעוואלוציע". אויב עס געפינען זיך צווישען זיי אזעל־כע וואס זיינען באלשעוויסטיש אדער קאמוניסטיש געזאנען, איז זייער צאהל זעהר קליין. דאס רוב אידישע ארבייטער דארט, דאכט מיר, זיינען אידעאליסטען פון א העכערען סארט, וואס זיינען לכתחילה אהין געקומען העלפען בויען די אידישע היימ־לאנד, וואס איז זיי ליב און טייער, און זיי פארלאנגען ניט פיל.

האָב איך דאָך אין ארץ ישראל געזעהן חלוצים און חלוצות, וואָס ארבייטען שווער און ביטער, האקען שטיינער אָדער גראָבען די ערד, אָדער טראָגען שווערע משאות פאַר לחם צר ומים לחץ און זינגען צופרידען און זינגען שירי ציון מיט פרעהליכע הערצער.

איך בין ניט קיין אויטאָריטעט אין די דאָזיגע ענינים, אָבער לויט מיינע אנזיכטען קומען פאָר אין ארץ ישראל שטרייטיג־קייטען צווישען ארבייטער און ארבייטס־געבער צוליב די אראַ־בער, וועלכע זיינען, ווי איך האָב שוין אמאָל באמערקט, „מסתפקים במועט”. זיי דאַרפען ניט פיל און פאַרלאַנגען ניט פיל. אַן אָרימער אראַבער קען טאָן די שווערסטע ארבייט פאַר א קלייניגקייט, פאַר א ליולקע טאבאק, בעת א איד קען ניט פיהרען אזא ארט לעבען ווי דער אראַבער און ער מוז פאַרדינען מעהר, און דער אידישער פאבריקאנט אָדער וועלכער עס איז אונ־טערנעמער, וואָס באשעפטיגט אידישע ארבייטער, קען ניט קאָנ־קורירען מיט די יעניגע וואָס באשעפטיגען אראַבער.

אָבער איך גלויב, אז מיט דער צייט וועט דיזער איבעל מיידען און די זאַך וועט אויסגעגלייכט ווערען.

די אראַבער וועלען פריהער אָדער שפּעטער, קוקענדיג אויף די אידען פון נייעם ישוב, קומען צום שכל און אויך אָנהויבען לעבען שעהנער און בעסער. במילא וועלען זיי פאָדערען א הע־כערען לוין פאַר זייער ארבייט און זיי וועלען עס קריגען. דאַן וועט זיך א אידישער אונטערנעמער ניט האָבען צו באקלאָגען אויף אידישע פועלים און די לאגע וועט אין אלגעמיין פאַרבע־סערט ווערען. דאָס וועט ערמוטיגען אינדוסטריע און האנדעל אין לאַנד, פון וועלכעס אידען וועלען, האָפענטליך, געניסען א גרויסען, אויב ניט דעם גרעסטען חלק.

דאָס איז אייגענטליך ניט מיין אייגענע מיינונג, נאָר א הסכמה אויף מיינונגען פון אנדערע, וואָס ווייסען אין דעם מעהר ווי איך.

מיר לאָזען זיך געהן, אזוי צו זאָגען, אויף א הר ההר, אויף א באַרג אויפ'ן הר הכרמל, צו דער מערת אליהו.

דאָרט געפינט זיך א מין מחמד'אנישער מאָנאַסטיר. דערביי

איז דאָ אַ געביידע אין וועלכער עס איז פאַראַן אַ הייל, וואָס מען רופט „מערת אליהו", אליהו הנביא'ס הייל, און איז פאַרהייליגט ביי די מחמד'אַנער.

ביים טיר פון דער געביידע זיצט אַן אַראַבישער שומר און פאַר עטליכע פּיאַסטער (אַ פּיאַסטער איז פינף סענט) „באַקשיש" לאָזט ער אריין אינוועניג. ער ציינט אָן די הייל, און אויב איהר ווילט, קענט איהר אָנצינדען אַ ליכטעל פאַר דער נשמה פון הייליגען נביא, וואָס איז ביי זיין לעבען ארויפגענומען געוואָרען אויפ'ן הימעל.

ווען איהר פרעגט ביי אַ אידען: וואָס איז עס אַזעלכעס די מערת אליהו? וועט ער אייך ענטפערען, אַז אין דער הייל האָט זיך אליהו הנביא באַהאַלטען און די ערבים, די ראָבען, האָבען איהם געשפּייזט ברענגענדיג איהם ברויט און פלייש, ווי עס ווערט דערצעהלט אין מלכים.

דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. עס איז ניט קיין חילוק אויב מיר ווילען טייטשען „ערבים" ראָבען, קראָהען, אָדער מענשען פון ערב, ווי אַנדערע מפרשים ווילען האָבען. אָבער דאָס איז דאָך גאָר געווען אין נחל כרית ביים ירדן, ניט אויפ'ן הר הכרמל. עס ווערט אין מלכים אויף אַן אַנדער פּלאַץ דערצעהלט, אַז אליהו האָט אַנטלויפענדיג פון דער מרשעת איזבל געגעכטיגט אין אַ הייל; אָבער דאָס איז געווען אויפ'ן הר חרב, וואָס איז גאַנץ ווייט פון הר הכרמל. מיר ווייסען, אַז דער געטליכער מאַן אליהו האָט געשפּילט אַ גרויסע און וויכטיגע ראָלע אויפ'ן הר הכרמל, אָבער עס איז אין ערגעץ ניט דערמאָנט אַז ער איז דאָרט געזעסען אָדער וואָס געטאָן אין אַ הייל.

איז עס אפנים בלויז אַ מוסולמאַנישע מסורה, אַז אין יענער הייל האָט אליהו הנביא געוואוינט, גענעכטיגט אָדער עפּעס גע־טאָן און די אידישע טראַדיציע ווייסט דערפון ניט. פאָלגליך איז דאָס אפשר ניט אמת.

עס איז זעהר מעגליך, אַז אין ארץ ישראל זיינען פאַראַן נאָך פּלעצער, וואָס זיינען ביים פאָלק, ביים אידישען פאָלק אָנ־גענומען אַלס היסטאָריש הייליגע און עס איז ניט זיכער אַז זיי

זיינען דאָס, כאָטש אידען באזוכען יענע פּלעצער, צאָהלען „באַק־שיש" דערפאר וואָס מען לאָזט זיי אהין אריין, און באטראכטען עס פאר א גרויסע זכיה וואָס זיי זיינען דאָרט געווען.

אָבער איך בין ניט קיין חוקר קדמוניות, קיין פאָרשער פון אַלטערטימער, און עס איז ניט פאר מיר צו גריבלען זיך אין דעם. גאַנץ ארץ ישראל איז אַן אדמת קודש, און עס מאַכט ניט אויס אויב דער אָדער יענער אָנגעוויזענער פּלאַץ איז היסטאָריש ריכ־טיג אָדער ניט.

מיר פאָהרען צום „בית העולים של הנהלת הציונית" — די אימיגראַנטען־הויז פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. דאָס איז אַ הכנסת אורחים פאר נייע אָנגעקומענע אָרימע וואַנדערער.

דער פּלאַץ וואָס פאַרנעמט אַ היבשען שטח מיט איינגע געביידעס, האָט דאַמאָלס, ווען מיר האָבען איהם באזוכט, כמעט געפּוסטעוועט, ווייל קיין נייע אימיגראַנטען זיינען ניט געווען. מיר האָבען דאָרט בלויז געטראָפען אַן עלטערען אידען און אַ מיידעל.

דער איד האָט געאַרבייט. האָט געלאַטעט און פאַרריכט אַלטע לייוונטענע פּאַלאַטקעס. ער האָט אונז ערקלערט, אַז דאָס איז פאר חלוצים, וואָס ארבייטען ביי „כבישים", ביי שאָסייען אָדער אין פעלדער.

ער האָט אונז דערצעהלט, אַז ער קומט פון לובלין, פּוילען. איז אָפּגעווען דריי און צוואַנציג יאָהר אין אַמעריקא און גע־מאַכט אַ לעבען; אָבער עס האָט איהם געצויגען קיין ארץ ישראל, איז ער געקומען און האָט קיין חרטה ניט.

אויף דער פראַגע: אויב ער מאַכט דאָ אַ לעבען? האָט דער איד געענטפערט:

„עט, מען מאַכט, מען מאַכט ניט, אבי עס לעבט זיך. אַ געמאַטערטער לעבען, אָבער צו שטאַרבען, חלילה, קומט עס ניט. ווען איך האָב דאָ אָט די אַרבייט, פאַרדין איך זעכציג פּיאַסטער (בערך דריי דאָלאַר) אַ טאָג; אָבער די סלעק עסט אויף די ביזי. איהר זייט דאָך אַמעריקאַנער, ווייסט איהר דאָך וואָס סלעק און ביזי מיינט. מען דאַרף אָפטמאָל לאַנג וואַרטען אויף אַ טאָג

אַרבייט, אָבער מען קומט דורך, און איך בענק נים נאָך אַמעריקאַ.

די מיידעל, נעבאך, זעהר אַן אָרימע און ארבייטסלאָזע, האָט אונז געפיהרט צייגען דעם גאנצען אַנשטאַלט. די קיך, די עס־שטוב און די שלאָף־צימערען, וועלכע זיינען אויסגעשטאַטעט נים אַזוי אי, אי, אי, מען קען זאָגען: טאַקע גאָר אָרים; אָבער אפשר גענוג פאַר חלוצים און חלוצות, וואָס קומען נים אַהין זוכען לוקסוס און פאַרלאַנגען עס נים.

מיר שטאַטען אָפּ אַ וויזיט די „בית הבראה", דעם סאַנאַטאָריום, געגרינדעט „על שם באָרוכאָוו", אויפ'ן נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם פּועל ציוניסטטישען שריפטשטעלער ב. באָרוכאָוו. דער אַנשטאַלט ווערט פאַרוואַלטעט פון דער „קופּת חולים", פון דער קראַנקען־קאַסע פון חיפה און אומגעגענד, אונטער די פּיהרערשאַפט פון הער בוניאַק.

בעת מיר זיינען דאָרט געווען איז נאָך דער אַנשטאַלט נים געווען פאַרטיג. דריי בנינים זיינען שוין געווען אויפגעשטעלט. איינער פאַר קינדער, געשטיצט פון נאַציאָנאַלען ארבייטער פאַרבאַנד אין ניו יאָרק; דער צווייטער פאַר מענער, און דער דריטער פאַר פרויען. מען האָט מיר געזאָגט, אַז מען וועט בויען נאָך זיבען געביידעס, מען וועט דאָרט אויך פאַרפלאַנצען אַ וואַלד און, ווען פאַרטיג, וועט עס זיין איינער פון די שעהנסטע און וויכטיגסטע אַנשטאַלטען אין היילינען לאַנד.

פרעהט אונז צו זעהן און צו הערען, אַז אחינו בני ישראל שלאָפען נים און מען טוט אויף גוטע זאַכען אין ארץ ישראל. אפשר נאָך נים גענוג ווי עס דאַרף געטאָן ווערען, אָבער אַבי מען לעגט צו אַ פינגער, קען מען האָפען אַז מען וועט צולעגען אַ האַנד אויך.

אָנגעזעטיגט זיך מיט אידישעס, האָט אונזער שאָופער און „גאַיד" אונז געפיהרט אָנקוקען עטוואָס נים אידישעס. ער האָט געפיהרט צייגען דעם קבר פון אַ פערסישען „נביא", וואָס האָט געוואָלט דורכפיהרען איין קליינינקייט: אַז אַלע פעלקער און נאַציאָנען פון דער וועלט זאָלען זיך פאַראייניגען, פאַרשמעלצען אונטער דער פאָהן פון איין רעגירונג און איין אמונה.

א השגה פון א מענשען: מאכען פון אזוי פיל דעות און מיינונגען איינס! ער האט חשק געהאט, דער פערסיאנער, צו פארווירקליכען דאס וואס מיר אידען בעטען אין אונזערע תפלות: „ויעשו כלם אגודה אחת”, אפשר אין אן אנדער זין ווי מיר ווילען עס, און ער האט וועגען דעם געפרעדיגט.

שטעהט דארט אויפ'ן פלאץ א קירכע, א געבעט־הויז און דערביי נאך א געביידע, אין וועלכער עס געפינט זיך דער קבר פון „נביא”.ביידע זעהר שעהן און רייך. אויסער דעם איז דארט דא א בלומען־גארטען, האב איך נאך אזא פרעכטיגע שעהנ־קייט ניט געזעהן.

דער שומר האט ניט פארלאנגט קיין „באקשיש”. ער האט נאר געפאדערט מיר זאלען אויסטאן די שיך, אויב מיר ווילען אריינגעהן אינעווייניג אין די געביידעס.

ער האט מיר נאכהער פרעזענטירט מיט א קליין ביכעלע, געשריבען אין א גוטען, ריינעם העברעאיש, וואו עס ווערט ער־קלערט די פרינציפען פון „אמונה אחת לכלנו”, וואס דער פער־סישער „פראפעט” האט געפרעדיגט, זיין געשיכטע און די לע־בענס־באשרייבונגען פון אנדערע פאר איהם, וואס האבען די זעלבע אידעע געפרעדיגט, און די צרות און פארפאלגונגען וואס זיי האבען צוליב דעם געליטען.

די זעלבע ביכלאך האט דער אויפזעהער אויך אין אנדערע שפראכען.

מיר זיינען נאכהער פארבייגעפאהרען און זיך אויף א ווייל־ע אפגעשטעלט ביי דער „שמן” פאבריק”, די פאבריק פון אוילען און זייף; ביים „נשר”, די צעמענט־פאבריק, און פארביי אנדערע וויכטיגע פלעצער וואס זיינען אין אידישע הענד.

לאנג פארבלייבען אין א פלאץ האבען מיר ניט געקענט, מחמת דער שאופער איז ביי אונז געווען געדונגען פון טאג, און אגב אורחא האט ער גענומען א היבשען פרייז — צוויי און צוואנציג דאלאר א טאג, פאר שטעהן אליין איינס ווי פאר פאהרען, און מיר האבען געמוזט זיין א קאפעלע עקאנאמיש.

ארומגעפאהרען אביסעל ארום חיפה און זיך אוועקגעלאזט צום עמק.

.16

ארץ ישראל שטענדיג ארץ ישראל. — מען טרעט אויף פסוקים. — באו גוים בנחלתך און נחמה. — סאָבע און זוהר, להבדיל. — בהמות מיט ביבלישע נעמען. — אידישע קאָמונעס.

מען זאָגט מיר, אַז דאָס וואָס ארץ ישראל האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ גוטען איינדרוק און אין פעלע אפילו באַגייסטערט, איז צוליב דעם, ווייל איך בין דאָרט געווען אין דער בעסטער און שעהנסטער צייט פון יאָהר, פסח־צייט, דער סעזאָן, וואָס ווערט אַזוי פיין געשילדערט און באַזונגען אין שיר השירים. וואָלט איך אָבער, זאָגט מען מיר, באַזוכט ארץ ישראל שפּעט אין זומער אָדער אין די ימי הגשמים, ווינטער צייט, ווען עס רעגענט דאָרט, וואָלט איך געהאַט גאָר אַן אַנדער מיינונג. דאָס הייליגע לאַנד וואָלט פאַר מיר געווען אַן ענטוישונג און איך וואָלט זיך אַליין באַטראַכט פאַר אַ גרויסען שקרן, ווען איך וואָלט וועגען איהר אַ גוט וואָרט געזאָגט.

אַזוי ווילען מאַנכע האָבען. אָבער דאָס איז ניט ריכטיג. איך ווייס און איך פיהל, אַז אין וועלכער צייט, אין וועלכען סעזאָן פון יאָהר איך זאָל זעהן ארץ ישראל, וואָלט זי אַלץ ביי מיר ניט פאַרלאָרען דעם חן, דעם צויבער וואָס ליגט אויף איהר.

ווען אַפילו דער שעהנער, בלאָהער הימעל איז דאָרט פאַר־וואָלקענט; ווען אפילו איהר באָדען איז פּוסט און לעער אָהן גראָז און אָהן וואַקסונגען, איז זי אָבער פאָרט ארץ ישראל, און האָט גענוג מאַטעריאַל צו איבערראַשען און צו ערוועקען אין אַ אידיש האַרץ געוויסע געפיהלען, וואָס באַצויבערען און רופען אַרויס באַגייסטערונג.

מען דאַרף זיין זעהר און זעהר אַ קאַלטער לונג און לעבער ניט באַגייסטערט צו ווערען, ווען אויף יעדען שריט און טריט, וואו איהר געהט און וואו איהר שטעהט און וואו נאָר איהר וואַרפט אַ בליק, שטויסט איהר זיך אָן אויף אַ פסוק פון תנ״ך

אָדער אויף א מאמר פון דער גמרא אָדער פון מדרש. אויב איהר האָט שוין פארגעסען וואָס איהר האָט אמאָל געלערענט, דערמאָנט איהר זיך עס טרעטענדיג אויפ'ן באָדען פון ארץ ישראל. איהר דערמאָנט זיך אָן היסטאָרישע פאסירונגען, אָן היסטאָרישע פלעצער; דאָ האָט דאָס פאסירט, דאָ האָט יענעס פאסירט; דאָ איז דאָס געוועז, דאָ איז יענעס געוועז, און אזעלכע עראינערונגען דערהויבען אייער נשמה און פילען אָן אייער הארץ מיט איבערראשונג און באגייסטערונג.

דאָס זעהן אלעס מיט אייערע אויגען, ציהט אפילו אמאָל אויף אייך ארויף א מרה שחורה. איהר באדויערט דעם „באו גוים בנחלתך". אָבער פון דער צווייטער זייט געפינט איהר נחמה פון דעם וואָס איהר זעהט, אז ארץ ישראל ווערט ביסלאכ־ווייז אויסגעלייזט, און עס פארשאפט אייך נחת רוח.

מיר לאָזען זיך צום עמק, צום היסטאָרישען עמק יזרעאל, וואָס ווערט מעהרערע מאָל דערמאָנט אין די הייליגע שריפטען. מיט בערך א פאָר טויזענד יאָהר צוריק איז דער עמק יזרעאל געוועז איינע פון די פרוכטבארסטע טאָלען פון לאַנד. נאָכ'ן אונטערגאנג פון דער אידישער מלוכה איז דער דאָזיגער טאָל, וואָס ליגט צווישען די הרי הגלבע, הר תבור און אנדערע בערג, פארוויסט געוואָרען. מיט דער אויסנאַם פון דער קאָלאָניע מרחביה, וואָס איז געגרינדעט געוואָרען אין יאָהר 1911, איז נאָך אין יאָהר 1920 דאָרט געוועזן כמעט א וויסטעניש. בלויז אייניגע אראבישע דערפלאַך זיינען דאָרט געשטאַנען. קיין הויז, וואו מענשליכע מענשען וואוינען, האָט מען דאָרט ניט געזעהן, בלויז שטעלכלאך, וואו א צאָהל אראבישע פאמיליעס האָבען געהאט זייערע היימען. אזוי האָט מען מיר איבערגעגעבען, און אזוי איז עס געוועזן.

ווארפט מען אָבער איצט א בליק אויפ'ן עמק, איז א מחיה צו קוקען. שעהנע פראכטפולע קאָלאָניעס, גרינע פעלדער, וויינגערטנער, אז עס פארנעמט אן אויג. דער עמק, כאָטש נאָך ניט אינגאַנצען באזעצט, איז דער שעהנסטער פאָטישער געגענד אין לאַנד.

און דאָס איז געשאַפֿן געוואָרען דורך אידען אין פֿאַרלויף פֿון עטליכע יאָהר צו פֿאַרדאַנקען דעם קרן היסוד, דעם אידישען נאַציאָנאַל פֿאָנד און ענערגישע מענשען, פּריוואַט אונטערנעמער.

אין עמק לעבען איצט עטליכע טויזענד אידישע נפשות — אַ זאַך, וועגען וועלכע מען האָט מיט אַ צעהן־פֿופֿצעהן יאָהר צוריק אַפֿילו ניט גע'חלומ'ט, ווייל דאָס לאַנד איז געווען זומפּיג, מאַלאַריע האָט דאָרט געבושעוועט און מען האָט ניט געקענט דענקען צו עטאַבלירען דאָרט אַ ישוב.

איך וועל ניט זאָגען, אַז אַלע וואָס זיצען אין ארץ ישראל אויף לאַנד לעבען גליקליך. ווען איך זאָג אַזוי, וואָלט עס געווען זעהר פֿיל איבערטריבען, אָדער פּשוט פֿאַלש. עס זיינען נאָך דאָ אידישע קאָלאָניסטען, וואָס אַפֿילו דער הייסעסטער חובב ציון קען זיי ניט מקנא זיין. דאָס איינציגע וואָס מען קען זיי יאַ מקנא זיין איז: וואָס זיי וואוינען אין ארץ ישראל; אָבער ניט וייער מצב, זייער אָרימער אַרט לעבען. דאָ און דאָרט געפֿינען זיך נאָך קאָלאָניסטען, וואָס קענען נאָך ניט שטעהן אויף זייערע אייגענע פֿיס און מען מוז זיי אונטערהאַלטען ביז זיי וועלען קומען אל המנוחה ואל הנחלה. זיצען נאָך מאַנכע אין „צריפֿים", אין באַלאַגאַנען, צוזאַמענגעקלאַפּט פֿון ברעטלאַך, און עס פֿעהלט זיי נאָך אַ היבשע ביסעל צו זיין איינגעפֿונדעוועט. אַפֿילו אין על־טערע קאָלאָניעס זיינען נאָך אויך דאָ אַזעלכע, וואָס מאַטערען זיך און האָבען קוים אַ שטיקעל ברויט. דאָס זעלבע געפֿינט מען צווישען אידען, וואָס זיינען אַמאָל רייך געווען און האָבען זייער קאַפּיטאַל פֿאַרלוירען אין ארץ ישראל אין געוויסע אונטערנע־מונגען. זיינען לאָדזער אידען מיט איניגע יאָהר צוריק געקומען קיין ארץ ישראל און האָבען זיך גענומען צו טעקסטיל־אינדוס־טריע אַרום חיפה. זיי זיינען אָבער געוואָרען עניים ואביונים און איצט וואוינען זיי אויך אין „צריפֿים" און לעבען נעבאַך אין דחקות.

אין אַ נייעם ישוב האָט מען אַזעלכעס געקענט ערוואַרטען. רוים, זאָגט מען, איז ניט געבויט געוואָרען אין איין טאָג. עס געהט אָבער אַלץ צו בעסער. סאַי קאָלאָניזאַציע און סאַי מסחר

באפעסטיגט זיך אלץ מעהר און מעהר און מיט דער צייט וועלען יורדים אויפגעריכט ווערען און אָריגינעלע אָרימע לייט וועלען דערגרייכען אַ בעסערען מצב. און די עקאָנאָמישע לאגע אין ארץ ישראל וועט געשטעלט ווערען אויף אַ פעסטען באזים.

מיר פאָהרען פארביי די חסיד'ישע קאָלאָניע „נחלת יעקב", געגרינדעט פון יאבלאָנער רבי. מען פלעגט אמאָל זאָגען, אַז חסידים זיינען ניט ארבייטס־פעהיג אָדער ארבייטס־פלייסיג. אַ חסיד — פלעגט מען זאָגען — פארלאָזט זיך אויפ'ן רבין'ס מופתים און איז מעהר אריינגעטאָן אין חסיד'ישע ענינים ווי אין עניני פרנסה. זיינען טאקע געווען חסידים, וואָס דעם רבין'ס „טיש", אַ „הילולא", אַ „תיקון" איז ביי זיי געווען וויכטיגער אפילו ווי מפרנס זיין אַ ווייב און קינדער. איצט זעהען מיר אַז חסידים, אינגערע און עלטערע, אין טלית קטן'ס און יאר־מולקעס ארבייטען שווער און ביטער ביי לאנד־ווירטשאפט, פשוט אזוי ווי היימישע מוזשיקעס, להבדיל! איז דאָס טאקע אַ זאָנ־דערבארע ערשיינונג, אַ זאָנדערבארע קאָמבינאציע, וואו ערד־ארבייט מיט חסידות, סאָבע מיט זוהר, להבדיל, זיינען פאר־אייניגט.

די חסיד'ישע קאָלאָניזאציע איז נאָך אויך ניט אזוי געהויבען פון מאטעריעלען שטאנדפונקט. עס פעהלט איהר נאָך אַ ביסעל צו פאָלקאָמענעם גליק, און אפשר פעהלט נאָך איהר מעהר ווי אַ ביסעל און זי מוז נאָך האָבען שטיצע פון זייטיגע מענ־שען; אָבער די שוועריגקייטען וואָס די נחלת יעקב'ניקעס האָבען, וועלען, האָפענטליך, אויך פאָראיבער און זיי וועלען נאָך זינגען „הזורעים בדמעה ברינה יקצרו" מיט פרעהליכע הערצער.

מיר פאָהרען צו צום „בית ספר חקלאי לצעירות" — אַן אגריקולטור שולע פאר מיידלאך ביי נהלל. די דאָזיגע שולע, וואָס ווערט אויסגעהאלטען פון קאנאדער הדסה, איז אויפ'ן זעל־בען שניט ווי די „מקוה ישראל" שולע פאר אינגלאך נעבען יפו.

אַ מיידעל, אַן אויפזעהערין, אָדער אַ סעקרעטארין, באגע־געגנט אונז מיט אַ הארציגען „שאָלאָם" (שלום עליכם). זי פאנגט אָן ריידען צו אונז העברעאיש. אָבער אוים מורא, אַ פנים,

טאָמער זיינען מיר ניט קיין וואזשנע העברעער און זי וועט אונז שטעלען אין א פארלעגענהייט, גיט זי אויף די העברעאיש און רעדט מיט אונז פשוט'ען ביאליסטאָקער אידיש. און אפשר איז איהר אליין אין א נאָווינע געשמאַק געווען צו ריידען מאמע־לשון.

זי האָט אונז איבערגעגעבען, אז אין דער שולע געפינען זיך פינף און אכציג שילערינס, וואָס קריגען אונטעררי‍כט אין מילך־ווירטשאפט, עופות־צוכט און זייהען און פלאנצען.

זי האָט אונז געצייגט די וואוינונגען פון די שילערינס און אונז ארויסגעפיהרט אָנצייגען ווי מיידלאך זיינען באשעפטיגט אויף'ן פארם. א דבר חדש פאר אונז גרויסשטעטדטיגע אמעריקאנער. בנות ישראל פאודערען זיך ניט, פארבען ניט די ליפען און אפילו זיידענע זאָקען און שיכלאך מיט שמאָלע הויכע קנאַפעל איז ביי זיי אויך ניט קיין מוז! אידישע טעכטער זיינען איבערגעגעבען צו ארבייט און האבען גאר ניט אין זינען קיין פוץ, הפלא ופלא!

מיר דאכט, אז די דאָזיגע מיידלאך האבען גאר אנדערע שטימען. זיי ריידען ניט מיט אזא קוויטש ווי אונזערע מיידלאך. עס מערקט זיך ניט קיין קאָקעטסטוואָ אין זייער ריידען. אפשר צוליב דעם ווייל זיי זיינען באשעפטיגט ביי גראָבע ארבייט זיינען זייערע שטימען אויך פארגרעבט געוואָרען...

אבער אין מיינע אויגען האבען זיי גאר ניט פארלאָרען זייער חן. פאַרקערט: זיי זיינען נאָך חנ'עוודיגער, און ווען איך זאָל ניט מורא האבען פאר מיין ווייב'ס אייפערזוכט, וואָלט איך געזאגט, אז די דאָזיגע מיידלאך און חלוצות, וואָס מיר האבען געטראָפען ארבייטענדיג אויף פעלדער און שאָסייען, געפעלען מיר דוקא זעהר גוט, און ווען איך בין א בחור, וואָלט איך זיך אין זיי פארליבט.

די מיידעל פיהלט אונז אריין אין קיה־שטאל. די קיה זיינען דאמאָלס געווען אין פעלד אויף פאשע און דער שטאל, א לאנגע געביידע, איז געווען לעדיג.

דער שטאל אנטהאלט פלאץ פאר א פאר צעהנדליג קיה. יעדע קוה האָט א נאָמען, א ביבלישען נאָמען: חביבה, אביגיל,

פרה אדומה, ושתי, און אזוי ווייטער. יעדע קוה האָט איהר שטענדיגען פּלאַץ, וואָס איז באצייכענט מיט איהר נאָמען אין העברעאישע שריפט. „אונזערע בהמות", — דערצעהלט אונז די מיידעל — „זיינען גאָר קיין בהמות. יעדע איינע ווייס איהר פּלאַץ און ווען זיי קומען פון פעלד, געהט יעדע אריין אין איהר אָפּטיילונג".

„אוירא דארץ ישראל מחכים", — זאָגט די גמרא, — די לופט פון ארץ ישראל מאכט קלוג. איז קיין חידוש ניט, וואָס אפילו בהמות האָבען דאָרט אויך שכל.

„און מאַכט זיך אמאָל", — דערצעהלט אונז ווייטער אונ־זער פיהרערין, — „אז א קוה האָט א טעות און שטעלט זיך אוועק ניט אין איהר פּלאַץ, קריגט זי א שטורך מיט די הערנער פון דער, צו ווּעמען דער פּלאַץ באלאנגט".

אויף בהמה'שען לשון מיינט דער שטורך מיט די הערנער מסתמא: פּאַסקודניצע, וואָס קריכסטו אויף פרעמדע קברים? געה דאָרט וואו דו באלאנגסט.

די גאנצע זאך איז אפשר ניט אזא חידוש. אמעריקאַנער בהמות אויף די פאַרמס ווייסען אפשר אויך אזא מין דיסציפּלין צו שטעהן יעדע אויף איהר פּלאַץ; דער חידוש איז נאָר, וואָס דאָרט, אין ארץ ישראל, ווערען זיי דיסציפּלינירט אויף לשון הקודש.

די העברעאיש שפּרעכענדע ארץ ישראל מענשען ריידען די זעלבע שפּראך צו אלע שטוב־חיות. איהר קענט דאָרט באגעג־נענען א אידען פאָהרענדיג אויף אן אייזעל אָדער מיט א פערדעל און קאָמאנדעווען מיט איהם און קירעווען איהם בזה הלשון: רוץ — לויף; עמוד — שטעה; ימינה — רעכטס; — שמאלה — לינקס, און אזוי ווייטער.

אָבער איך וויל ווידערהאָלען נאָך אמאָל דאָס וואָס איך האָב שוין פריהער געזאָגט, אז די פּחדנים וואָס האָבען מורא צו באזוכען ארץ ישראל, ווייל זיי קענען קיין העברעאיש, דאַרפען זיך ניט שרעקען דערפאַר. ווען איהר באגעגענט אזא אידען, וואָס רעדט מיט זיין חמור אָדער סוס לשון הקודש, און איהר

וועט איהם אָפּגעבען אַ פּשוט׳ען אידישען „גוט מאָרגען״, וועט ער אייך גאנץ שעהן ענטפערען און וועט צופרידען זיין צו ריידען מיט אייך אויפ׳ן לשון וואָס איהר פארשטעהט און קענט זיך אָם בעסטען אויסדריקען. די ארץ ישראל אידען, אפילו די עקסטרי־מע העברעאיסטען, זיינען חלילה ניט קיין רשעים, און אויב אפילו זיי קוקען קרום אויף דאָרטיגע תושבים, וואָס זיינען, לויט זייער מיינונג אָדער קאפּריז, מחלל ארץ ישראל מיט ריידען „זשאַרגאָן״, באציהען זיי זיך אָבער אַנדערש צו טוריסטען, צו אורחים.

מיר פאָהרען פארביי טראַנסילוואניא. אונזער שאָופער ציינגט אונז אָן אויף כפר ילדים, אַ יתומים קינדער דאָרף, וואָס ווערט אויפגעהאַלטען פון אפריקאנער אידען. און נאָך קאָלאָניעס און „נקודות״, פּינטעלאך, דאָס הייסט: קליינע ישובים. עס איז ניטאָ קיין צייט אָפּצושטעלען זיך איבעראל, באָאָבאכטען און אויספאָרשען יעדען פלאַץ און מיר מוזען יוצא זיין דערמיט וואָס אונזער שאָופער און „גאַיד״ זאָגט און דערצעהלט אונז.

צווישען די אידישע קאָלאָניעס זיינען פאַראַן „ישובים״ און „קבוצות״. אין די „ישובים״ האָט יעדער זיין חלק לאַנד און איז אַ בעל הבית פאַר זיך. ביים עקספּאָרטירען זייערע פּראָדוקטען קענען זיי זיך זיין פאראייניגט און דאָס טאָן מעשה שותפים; אָבער ביים שאַפען, ביים ארויסציהען די פּראָדוקטען איז יעדער אונאָפּהענגיג. יעדער יחיד טוט זיך זיין אַרבייט און געניסט פון זיין אייגענער פּראצע. די „קבוצות״ אָבער זיינען קאָאָפּעראַטי־ווען אָדער, אַזוי צו זאָגען, קאָמונעס. זיי באַארבייטען אַ שטח לאַנד אַלע בשותפות. דאָרט איז ניטאָ מיינע, דיינע. די לאַנד־ווירטשאַפט איז אַלעמענס און יעדער געניסט פון איהר. מען טיילט זיך ניט און די הוצאות און הכנסות געהען פון איין קאַסע. יעדע פאמיליע האָט זיך איהר וואוינונג, אָבער פאַר די קינדער האָבען זיי אַ „בית ילדים״, וואו אַלע קינדער עסען צוזאַמען אונטער דער השגחה פון איינער פון די מוטערס, וואָס בייטען זיך יעדען טאָג אַן אַנדערע.

אין איין „קבוצה״, אין דגניא, איז מיר שפּעטער אויסגע־קומען צו פארווײלען אַ היבשע שטיקעל צייט. דאָרט האָט זיך

אונזער קליינע גרופּעלע צוזאַמענגעטראָפען מיט נאָך אידישע טור־ריסטען, שיפס־ברידער פון דער „מאַרעטאַניא" און אויך אַנדערע, וואָס זיינען געקומען פריהער מיט אַנדערע שיפען.

איינער פון דער „קבוצה" האָט אונז געפיהרט צייגען זייער שותפות'דיגען אָדער קאָמוניסטישען פאַרמעגען. ער האָט אונז געפיהרט דורך שעהנע אַלעען פון אָליוו־בוימער, אָראַנדזשען, באַנאַנעס און אַנדערע ווירטשאַפטען, וואָס איז געווען אַ נחת אָנצוקוקען. ווי ער האָט אונז איבערגעגעבען, איז אַלעס ביי זיי גוט, שעהן און פיין. זיי לעבען אַלע — האָט ער געזאָגט — גליקליך און צופרידען און קיינער האָט ניט צו באַקלאָגען זיך, ניט איינער אויפ'ן אַנדערען און ניט אויפ'ן אַלגעמיינעם מצב.

אַז אַן ארץ ישראל איד זאָגט, דאַרף מען איהם גלויבען; אָבער מיר אַליין לעגט זיך ניט די זאַך אויפ'ן שכל. אַפּילו מאַן און ווייב, וואָס די תורה זאָגט אויף זיי: „והיו לבשר אחד", זיינען אָפטמאָל, אַפּילו אין אַ גוט לעבען, אויך ניט „אחד" אין פולען זינען פון וואָרט, בפרט ווילד־פרעמדע. מיר דאַכט, אַז „שלי שלי ושלך שלך", כאָטש עס איז פאַראַן אַ יש אומרים אַז דאָס איז אַ מדת סדום, איז אָבער אין אַזאַ פאַל בעסער און פּראַקטישער און קען פיהרען צו גרעסערען ערפאָלג. אָט דאָס אַליין, וואָס די קליינוואַרג, די קינדער, האָבען יעדען טאָג אַן אַנדער מאַמע, איז לפי דעתי, ניט קיין גליכע זאַך. קינדער, מיין איך, דאַרפען עסען פון זייערע אייגענע מוטער'ס הענד. דאָס איז פיל בעסער און געזינטער אין פאַמיליען־לעבען.

מיר זיינען דאָרט, אין דגניא, געווען אין דער צייט ווען די קינדער האָבען געגעסען זייער אָוונד־מאָלצייט, האָט עס אויס־געזעהן אַזוי ווי אַ גן ילדים פון יתומים און יתומות, וואָס זיצען ביים טיש אונטער די דיסציפּלין פון אַן אויפזעהערין, און דאָס געפעלט מיר גאָרניט.

אָבער אפשר ווייסען די „קבוצה'ניקעס" און די גרינדער פון די „קבוצות" בעסער, און איך בין מבטל מיין דעה פאַר זייער דעה.

מיר פאָהרען דורך נצרת, די וויגעלע פון אותו האיש, פון

יעזוס'ען. קיין אידען וואוינען דאָרט ניט, אָבער דאָרט געפינט זיך אַ הדסה סאַנאַטאָריום פאַר ארבייטער.

אין מיטען דאָרף איז דאָ אַ ברונעם וואָס די דאָרטיגע קריסט־ליכע איינוואוינער רופען „מרים'ס ברונים". די „הייליגע מאַ־ריא", זאָגען זיי, האָט זיך אין יענעם ברונעם גע'טובל'ט, און ער איז עד היום ביי זיי פארהייליגט. אַ גרויסע מענגע מענשען, מענער און פרויען, זיינען געשטאַנען ארום דעם ברונעם, גע־שעפּט און געטרונקען וואַסער פון איהם, ווייל זיי האַלטען עס פאר אַ מצוה און אַ סגולה צו פארשיידענע קראַנקהייטען.

מיר זיינען דעם דאָרף אָדער די שטעדטעל נצרת דורכגע־פאָהרען שנעל. אונזער שאָופער האָט אונז געזאָגט, אַז אָפּשטע־לען זיך דאָרט לוינט זיך ניט, ווייל די נוצרים קענען אָפּטמאָל ניט דולדען אַ אידען און עס איז גלייכער אַז מען מיידט זיי אויס.

אונדאַנקבארע מענשען! וואָס האָבען זיי צו אונז? ווען ניט מיר אידען, וואָלטען זיי דאָך ניט געהאַט קיין יעזוס, קיין מרים'ס ברונעם און זייער גאַנצע אמונה!

מיר פאָהרען ניט ווייט פון דעם הר תבר, אויף וועלכען עס שטעהט אַ גרויסער מאָנאַסטיר. מיר פאָהרען דורך די אַלטע קאָלאָניע „ראש פנה", וואו מיר באגעגענען אידען וואָס זעהען אויס אזוי ווי אַמאָליגע רייכע, איינגעפּונדעוועטע ישוב'ניקעס, און מיר לאָזען זיך ווייטער צו צפת.

.17

די שטאָדט צפת. — דעם שאָופער'ס חרטה. — אַ „מלא" און אַ „מי שברך". — אין אַ חסיד'ישע שוהל. — אויף די בערג. — זכרנו את הדגה. — העברעאיש פון פרעהליכקייט וועגען.

מיר זיינען אָנגעקומען אין צפת אַ דריי שטונדען פאַרנאַכט. אונזער פּראָגראַם איז געווען אַז פון צפת זאָלען מיר זיך אריבער־כאַפּען קיין מירון. באזוכען דעם קבר פון ר' שמעון בן יוחאי

און די אַנדערע הייליגע קברים, וואָס געפינען זיך דאָרט. אַזוי האָבען מיר געהאַט אָפּגערעדט מיט אונזער שאָופער, און ער האָט געהאַט מסכים געווען, ניט אויף איין לשון, נאָר אויף עטליכע לשונות, אידיש, רוסיש, העברעאיש און אַראַביש. יאַ, טאַק, כן, אייוואַ, און אויב איך האָב קיין טעות ניט, האָט ער נאָך צוגע־לעגט אונזערען אַ „שור".

אַזאַ טבע האָט ער געהאַט — און האָט נאָך מסתמא איצט אויך — דער שאָופער אונזערער, צו ריידען עטליכע לשונות מיט אַמאָל, כדי מסתמא צו צייגען אַז מיר האָבען דאָ ניט צו טאָן מיט אַ פּראָסטען בעל עגלה אָדער פורמאַן, נאָר מיט אַ שפּראַכען־קענער...

אָבער נאָך די אַלע צוזאָגענישען, האָט ער, קומענדיג קיין צפת, חרטה געהאַט און ערקלערט, אַז קיין מירון פאָהרט ער ניט.

און כאָטש ער האָט זיך פריהער געהאַט באַריהמט, אַז ער קען מיט זיין „פּעקאַרד" פאָהרען אַפילו אין מדבר זאַהאַראַ און נאָך מיט פאַרבונדענע אויגען, האָט ער איצט גע'טענה'ט, אַז פאָהרען קיין מירון קען ער ניט. אוים העלד געוואָרען, און טוט איהם עפּעס.

זינג איך איהם אוים: „אַז מען קען ניט און מען ווייסט ניט, נעמט מען זיך ניט אונטער", מיט'ן ניגון פון „נעילה", און דערצעהל איהם די מעשה פון יענעם בעל תפלה, וואָס האָט זיך געשטעלט דאַוונען נעילה און פאַרגעסען דעם ניגון. איז איינער צוגעגאַנגען און איהם אריינגעזונגען אין אויער די אויבען־דער־מאָנטע ווערטער מיט'ן נעילה־ניגון און איהם ארויסגעפיהרט אויפ'ן דרך. איז איהם די מעשה געפעלען געווען, אָבער פאָה־רען וויל ער אַלץ ניט.

אָבער אַזוי ווי מיר האָבען ניט נאָכגעלאָזט און געפאָדערט דאָס וואָס אונז קומט לויט אונזערע באַדינגונגען, האָט זיך דער בעל האויטאָמאָביל אַ קירעווע געטאָן אויף אַן אַנדער וועג.

„מילא", — זאָגט ער, — „אַז איהר ווילט דוקא, וועלען מיר פאָהרען; איהר זאָלט אָבער וויסען, אַז דאָס איז פאַרבונדען מיט געפאַהר, מיט סכנה, מיט אָפּאַסנאָסט. עס איז אַ וועג,

ממש גע׳הרג׳עט צו ווערען, בפרט אז צוריקפאהרען וועט אונז אויסקומען ביינאכט״.

דערהערט געפאהר, סכנה און אפּאסנאסט, האבען זיך די נשים, מיין ווייב און אונזער לאנדספרוי, דערשראקען און זיי ווילען שוין ניט. ווייבער זיינען בטבע ניט ריזיקאליש, ציטערען פאר׳ן טויט, און כאטש א צפת׳ער איד, וואס האט געהערט אונזער שמועס, האט דעם שאופער אפגעלייקענט און ערקלערט, אז עס איז חלילה קיין בייז ניט און מען קען פאהרען קיין מירון און צוריק קומען בשלום, האבען די ווייבער געזאגט:

„ניין, מיר פאהרען ניט, מיר אנטלויפען נאך ניט פון ארץ ישראל און מיר וועלען נאך צייט האבען צו באזוכען דעם קבר פון הייליגען תנא״.

זיינען מיר דערוויייל אריין אין א „מלון ופנסיון״, אין א אידישען האטעל עפּעס עסען און נאכהער זיינען מיר ארויסגעגאנגען אביסעל אנקוקען די שטאדט צפת אין דער באגלייטונג פון א דארטיגען יונגענמאן, וואס האט אונז געדינט אלס „גאיד״.

צפת איז א וואונדערבארע שטאדט. זי געפינט זיך אין „גליל העליון״. זי איז זיבען און צוואנציג הונדערט פוס הויך פון דער ים־פלעכע און דערפאר רופט מען די שטאדט „די שווייץ פון ארץ ישראל״.

אין צפת איז זומער קיהלער ווי אין אלע אנדערע שטעדט און פונקטען אין ארץ ישראל, און זי דינט דעריבער אלס א זומער־רעזארט. ארץ ישראל בכלל איז נאך ניט רייך געגוג, אז איהרע איינוואוינער זאלען זיך קענען פארגינען דעם „פלעזשור״ צו וואוינען ווינטער אין איין פלאץ און זומער אין אן אנדערען, אבער עס זיינען פון דעסטוועגען פאראן אידען וואס פאהרען זומער ארוים קיין צפת אפּקיהלען זיך.

צפת איז פארערכענט אלס די פרימסטע שטאדט אין ארץ ישראל, אפילו פרימער ווי ירושלים גופא. ירושלים איז א שטאדט מיט אנגעלאפענע מענשען פון אלערליי שיכטען. זיינען דארט פאראן פרומע און ניט פרומע. איך וויל ניט ריידען קיין לשון הרע אויף ארץ ישראל; אבער דער אמת מוז געזאגט ווערען, אז

אין ירושלים, ווי שעהן און שטרענג דער שבת ווערט דאָרט אָפּ־געהיט, קען מען אמאָל, אפילו זעהר זעלטען, זעהן אַ אידישען יונגענמאַן מיט אַן ארץ ישראל'דיגען סיגאַרעטעל אין מויל אום שבת. ווען איך בין שפּעטער געווען אין ירושלים, האָבען די רבנים אויסגעקלעפּט מודעות, אַז עלף „בתי אכל”, עלף אידישע רעסטאָראַנטס, זיינען ניט כשר. עס זיינען אפילו געווען אויס־גערעכענט די נעמען פון די מאכילי טרפות. דאָס איז, אמת, געווען אַ דבר חדש בירושלים; אָבער פאָרט אַ פאַקט. צפת אָבער האָט ניט קיינע נייע איינגעוואַנדערטע פון דער „היינטיגער וועלט” און איהרע תושבים זיינען פרום. מען זאָגט, אַז „צפת” איז די ראשי תיבות פון: ציצית, פּאות, תפלין, אַ רמז צו די פרומקייט פון די דאָרטיגע אידען.

אין צפת געפינען זיך די קברים פון אַ צאָהל גרויסע בעלי קבלה און פריהעריגע תנאים. אידען זיינען דאָרט דאָ ספרדים און אשכנזים, וועלכע האָבען באַזונדערע שוהלען. דאָרט זיינען אויך דאָ שעהנע און וויכטיגע אידישע אַנשטאַלטען. אַ ישיבה, תלמוד תורה'ס, אַ הדסה האָספּיטאַל און אַנדערע אינסטיטוציעס.

וואָס אַנבאַלאַנגט די שטאָדט, איז זי אַ גאַנץ שעהנע שטאָדט, אַ ווייסע שטאָדט. איהרע געביידעס זיינען ווייסע, און איהר אויסערליכער אויסזעהן איז פּראַכטפאָל.

דער אידישער קוואַרטאַל איז ניט אַזוי אַי, אַי, אַי. שמאָלע געסלאַך, און פון איין געסעל אין דער אַנדערער דאַרף מען קלע־טערען טרעפּ אַרויף און אַראָפּ, כמעט אויף אַזאַ אופן ווי אין אַראַבישען קוואַרטאַל אין אַלזשיר, אָבער אַ סך ריינער און ציכ־טיגער ווי אין אַלזשיר. די אַלטע שטאָדט אין טבריה, און די אַלטע שטאָדט אין ירושלים זיינען אויך אויף אַזאַ אופן. אין דער אַלטער חברון איז פיל ערגער. דאָרט איז שוין אַן אמת'ער מוסטער פון אַראַבישען קוואַרטאַל אין אַלזשיר.

אָבער די נאַטור־שעהנקייטען פון צפת און אַרום צפת זיינען אין לשער. טאַקע אַ מין שווייץ.

דער יונגערמאַן ברענגט אונז אין אַ שוהל, וואו מיר ווערען אויפגענומען פון שמש, אַ פרענקישער אָדער ספרד'ישער איד.

ער דערצעהלט אונז, אז די שוהל איז פופצעהן הונדערט יאהר אלט. אריגינעל געבויט פון ר׳ יוסי הבנאי, וועמעס קבר עס איז טאקע דארט אין שוהל. ער צייגט אונז אן דעם קבר אין א זייטיגען צימער פון שוהל, הייסט אנצינדען בוימעל-לעמפלאך פאר ר׳ יוסי׳ס נשמה, מאכט א „מלא" דעם פארשטארבענעם און „מי שברך׳ס" אונז לעבעדיגע, פאר וועלכעם מיר באצאהלען איהם. דער שמש עפענט אויף דעם ארון קודש און צייגט אונז אויף א ספר תורה אין א זילבערנע שייד. „אט די ספר-תורה", — דערצעהלט ער אונז, — „שטאמט פון ר׳ שמעון בן יוחאי. מען האט בקבלה אז ער אליין האט זי געשריבען. ל"ג בעומר, ווען עס ווערט געפייערט די „הילולא דר׳ שמעון בן יוחאי" און טויזענדע מענשען באזוכען זיין קבר אין מירון, נעמט מען אהין אט די ספר-תורה, וועלכע מען טראגט דעם גאנצען וועג מיט מוזיק און געזאנג".

מיר קומען נאכהער אין נאך א שוהל, די שוהל פון האר"י הקדוש. אויפ׳ן טיר ביים ארייננאנג איז אויסגעשריבען מיט גרויסע אותיות: „ולא יראו פני ריקם". דאס איז, פארשטעהען מיר, א קאפּוליער אנצוהערעניש, אז מען זאל דארט עפּעס איבערלאזען אין די צדקה-פושקעס, און מיר האבען דאס, פארשטעהט זיך, געטאן.

אינוועניג אין שוהל האט זיך געווארפען אין די אויגען פאלגענדע אויפשריפט אין גרויסע אותיות: „משנכנס אדר מרבין בשמחה. לחיים, ברידער. מזל אדר דגים".

א שאד, וואס מיר האבען דארט ניט געקענט פארבלייבען ביז נאך מעריב, וואלטען מיר זיך אויך משמח געווען און געמאכט א „לחיים ברידער".

איך האב בטבע זעהר ליב א אידישע שמחה. בפרט נאך א חסידישע און נאך דערצו אן ארץ-ישראל׳דיגע, איז געווים גאנץ שעהן און אמוזירענד, אבער מיר האבען עס געמוזט דורכלאזען און געהן.

ארויסגעהענדיג פון שוהל האבען אונז באגעגענט א פאר גבאים און אונז איינגעלאדען צו באזוכען די אנשטאלטען וואס

זיי פארוואלטען, אבער אזוי ווי עס איז שוין געווען שפעטלאך און דער שאופער האט אונז געאיילט, האבען מיר די איינלא־דונגען ניט געקענט אננעמען.

צוריקוועגס האט אונזער פיהרער אונז אנגעוויזען אויף א בארג שטיינער, אז דארט איז דער קבר פון יוסף דילה ריינה, דער בעל מקובל, אויף וועלכען די לעגענדע דערצעהלט, אז ער האט געוואלט אראפברענגען משיח'ן מיט'ן כח פון קבלה. ער האט שוין די זאך שיער דורכגעפיהרט, אבער ענדליך האט ער זיך טועה געווען און די זאך איז בטל געווארען. דער ר' יוסף זאל האבען נאכהער אנגענומען דעם מחמד'אנישען גלויבען און צום סוף באגאנגען זעלבסטמארד ארייננווארפענדיג זיך אין ים כנרת.

מיר האבען, ווי געזאגט, געמוזט מקצר זיין און מיר זיינען אוועקגעפאהרען קיין טבריא.

אן אינטערעסאנטע שטיקעל רייזע פון צפת קיין טבריא. דער וועג שלענגעלט זיך צווישען בערג, איינער העכער פון דעם אנדערען. ווען מען איז אויבען אויף א הויכען בארג, כאפט אזש א שווינדעל אין קאפ. ווען, חס וחלילה, מען טוט זיך א גליטש ארונטער, קען מען שוין זיכער זיין מיט האבען קבורה אין ארץ ישראל און פטור ווערען פון „צער גלגול מחילות"...

אין דער זעלבער צייט אבער פיהלט מען א גייסטיגען פאר־געניגען קוקענדיג אויף די שעהנע, פראכטפולע לאנדשאפטען אונ־טען אין ברייטען טאל. גרינע פעלדער, פרדסים, וויינגערטנער, אויסגעלעגט און אויסגעשטעלט אין אזא שעהנע ארדנונג אזוי ווי געמאלען פון א קינסטלער־מאהלער, און איך וויים גאר ניט אויב עס איז ווען געווען אזא קינסטלער, וואס זאל האבען ביכולת צו מאלען אזעלכע פאנאראמען.

פון דער הויך זעהט עס אוים פיל שעהנער און פרעכטיגער ווי ווען מען קוקט אויף די זעלבע פעלדער אויף דער גלייכער פלעכע.

מיר דרעהען זיך פון צייט צו צייט ארום א בארג אזוי ווי ארום א שרויף. אפט לויפט אונזער אויטאמאביל ביים סאמע ברעג פון א בארג. ביי די וויבער פאלען ארונטער די נשמות

אין זייערע זיידענע זאָקען און זיי שרייען צום שאָופער: „פּאָ־וואָליע, פּאַמעלאַך!". מיר, בראַווע מאַנסבילען, דערשרעקען זיך אויך, אָבער מיר שעמען זיך אויסצוזאָגען. אַ מאַנסביל דאַרף דאָך זיין אַ העלד, אַ ריזיקאַנט, און עס ווילט זיך ניט אַרויסצייגען אַלס טרוס, אַלס פייגלינג.

מיר פאָהרען פאַרביי דעם „הר כנען", אַ ריזיגער באַרג, באַדעקט מיט שטיינער. דעם דאָזיגען באַרג, דערצעהלט אונז דער שאָופער, האָט אַן אַמעריקאַנער קאָמפּאַני אָפּגעקויפט און וועט אויף איהם בויען אַ שטאָדט. אַ אידישע שטאָדט.

אויפ'ן בליק, דאַכט זיך, אַ וויסטעניש; אָבער אַז דאָס וועט אַריינפאַלען אין אַ אידישע הענט, וועט עס, האָפּענטליך, ווערען אַ גן עדן.

די אַלע בערג אין ארץ ישראל, כאָטש מיט שטיינער באַדעקט, איז אָבער די ערד פעט און פרוכטבאַר. דאָס קען מען זעהן אין פּלעצער, וואו די ערד איז אויפגעגראָבען. די ערד האָט אַ טונקעל רויטליכען קאָליר, און מען דאַרף ניט זיין קיין אַגראָנאָם צו זעהן ווי פעט און זאַפטיג זי איז.

זייענדיג שפּעטער אין תל אביב האָב איך און מיין פרוי באַזוכט אונזער גרויסען משורר חיים נחמן ביאַליק. ריידענדיג בשבח ארץ ישראל, האָט ביאַליק געזאָגט: „דאָ אין ארץ ישראל קען שטענדיג געשעהן דער נס פון מטה אהרן, פון אהרן הכהנ'ס שטעקען, וואָס ער האָט איהם אַריינגעשטעקט אין דער ערד און עס זיינען אויף איהם אויסגעוואַקסען מאַנדלען. קלאַפּט דאָ אַריין אַ פּלאָקען אין דער ערד, וועט אויסוואַקסען אַ בוים".

דאָס איז פּאָעטיש געזאָגט, אָבער אפשר ניט פיל איבערטריבען. מען זעהט עס דאָ און דאָרט אויף אויסגעאַרבייט לאַנד טאַקע אויף די וויסטע שטיינערנע בערג.

פאַר מאַנכע זיינען די בערג אַן ענטוישונג. „אַ פּוסטינע, אַ וויסטעניש, — זאָגען זיי, — אָט דאָס איז די ארץ זבת חלב ודבש?" איך אָבער גלויב, אַז דאָס לאַנד קען דאָס זיין און וועט איה"ש זיין, אויב ניט באַלד, איז שפּעטער. איך בין שטאַרק

אָפּטימיסטיש אין דער זאַך און קיין אַרגומענט וועט ביי מיר דעם אָפּטימיזם ניט אוועקנעמען.

מיר קומען אויף אַ גלייכען פלאַכען וועג. אונזער שאָופער וויל אָפּנים צייגען וואָס פאַר אַ קינסטלער ער איז אין זיין פאַך און ער טרייבט זיין „פעקאַרד" שנעל. דאָ און דאָרט באַגעגענען מיר אַראַבער אויף קעמלען אָדער עזלען; דאָ און דאָרט יאָגען מיר אָן אַן אויטאָמאָביל, וואָס פיהרט טוריסטען פון ערגעץ, און דאָ און דאָרט טרעפען מיר אַרבייטער וואָס פאַרריכטען דעם שאָסיי, אָדער וואָס געהען שוין מיט זייערע געצייג צוריק פון דער אַרבייט. מיר באַגריסען זיי און זיי באַגריסען אונז, אַזוי ווי איינגענע היימישע מענשען, און מען פאָהרט ווייטער.

מיר זיינען אָנגעקומען קיין טבריא אָנפאַנגס אָוועַנד און פאַרפאָהרען אין אַ האָטעל, וואָס מען האָט אונז רעקאָמענדירט אין חיפה.

דער פאַרוואַלטער פון האָטעל נעמט אונז אויף בכבוד. אמע־ריקאַנער געסט זיינען ביי איהם און ביי אַלע האָטעל־לייט אין ארץ ישראל אָנגעלעגט. די געסט דאָרטען האָבען שוין געהאַט אָפּגעגעסען און פאַר אונז, נייע אורחים, האָט ער געהייסען צו־גרייטען געפּרעגעלטע פיש. „די פיש, — האָט ער געזאָגט, — איז אונזערע איינגענע פיש. ערשט היינט געפאַנגען אין ים כנרת, וואָס איז דאָ דערביי".

די פיש איז געווען אַ מין הקדמה צו אַ סך שפּעטערע מאָל־צייטען ביי וועלכע מען האָט סערווירט פיש. איך און מיין פרוי זיינען אין דעם האָטעל געשטאַנען אַכט טעג און פאַר דער גאַנצער צייט איז כמעט ניט געווען קיין מאָלצייט אָהן פיש. אַמאָל גע־קאָכטע, אַמאָל געבראָטענע, אַמאָל געפּרעגעלטע, אָבער אַלץ פיש.

איך ווייס ניט, אויב דאָס איז געווען צוליב דעם ווייל דער האָטעל־פאַרוואַלטער אָדער זיין ווייב זיינען אַליין גרויסע ליבּ־האָבער אויף פיש, אָדער ווייל דאָס איז געווען אין חודש אָדר און מזל אָדר איז דגים, אָדער אפשר ווייל פיש איז אַ סימן ברכה, אַ סימבאָל פון שפע, אַזוי ווי יעקב אָבינו האָט זיך אויס־

געדריקט אין זיין ברכה צו יוסף׳ס קינדער: „וידגו לרב בקרב הארץ״, זיי זאָלען זיך מעהרען אזוי ווי פיש.

דער גוטער יאָהר ווייסט איהם. אזוי צו אזוי; אָבער מיט פיש האָבען מיר זיך אין טבריא אָנגעזעטיגט און מיר קענען זאָגען: „זכרנו את הדגה אשר אכלנו בטבריא״.

געווען דאָרט א פּאָר פּאָלק פון מאסאטשוזעטס. איז דער מאן געווען, אזוי צו זאָגען, דער לץ פון האָטעל. פלעגט ער זיך וויצלען אויפ׳ן חשבון פון די פיש. ווען דער קעלנער פלעגט קלאַפּען אין א טאַץ אלס סיגנאל אז מען זאָל געהן עסען, פלעגט דער איד א זאָג טאָן א גראַם: „מען קלאַפּט שוין צו פיש, לאָמיר געהן צום טיש״. אָפטמאָל פלעגט ער ביים טיש אונטער־זינגען זמירות: „ברעקפעסט פיש, דינער פיש, סאַפּער פיש״, מיט׳ן ניגון פון דאָס באַקאַנטע לידעל: „זונטאָג בולבעס, מאָנטאָג בולבעס״, און עס איז געווען פרעהלאך.

מיט דעם אידען האָבען מיר געהאט א סך שפּאַס, ניט אזוי פון זיינע קאַטאָוועסען, ווי פון זיין ריידען העברעאיש. דער איד, א גאַנץ אָרענטליכער און בראַווער מענש, קענטיג א גאַנץ פיינער בעל הבית, אָבער ניט קיין מלומד אין העברעאיש, האָט זיך פאָרגענומען אז ער מוז זיך אין ארץ ישראל אויסלערנען לשון הקודש. און אזוי ווי ער האָט אין טבריא געדאַרפט פאַרבלייבען א לענגערע צייט, מחמת ער און זיין פרוי האָבען גענומען חמי טבריא־בעדער, האָט ער זיך געדונגען א לעהרער, וועלכער האָט איהם געלערענט העברעאיש. דער לעהרער פלעגט איהם ביי יע־דער לעקציאָן פאַרשרייבען אין א ביכעלע אידישע ווערטער און זאצען פאַרטייטשט אויף העברעאיש און דער איד האָט זיך גע־סטאַרעט אויסלערנען זיי און האָבען זיי אויפ׳ן קאָפּ.

מעשה שטן אָבער, איז ווען ער האָט געוואָלט עפּעס אויס־דריקען אין העברעאיש פלעגט ער פאַרגעסען ווי אזוי מען זאָגט עס און עס דאַרפען זוכען אין ביכעלע, און אָפטמאָל טרעפען פונקט קאַפּויר. איז דאָס געווען א שעהנער שפּאַס און די געסט אין האָטעל האָבען זיך פיין אמוזירט.

א „מלצר״ (ווייטער) האָבען מיר געהאט א פיין בחור׳ל, א

יונג מיט ביינער, א מאדים. האט גערעדט פליסיג אידיש, העב־רעאיש און אראביש און האט אויך עטוואס פארשטאנען ענגליש. פלעגט דער בחור'ל נעמען אָרדערס ביים טיש אויף וועלכע שפּראך מען האט איהם געזאגט. און אזוי ווי עס איז א כלל, אז זאאיקעס אָדער שטאמלער ריידען א סך, אזוי האט יענער תלמיד פון העברעאיש דוקא געוואלט געבען זיינע אָרדערס אויף העב־רעאיש, כאטש דאס איז איהם אָפטמאל אָנגעקומען שווער בקריעת ים סוף, אויך די אייגענע מעשה: מחמת ער פלעגט פארגעסען די ריכטיגע ווערטער אָדער אויסדריקע און פלעגט מוזען אָנ־קומען צו די הילף פון זיין ביכעלע, און ערשט פארבלאָנדזשען און מאכען א טעות.

איין פריהמאָרגען, — האט מען מיר דערצעהלט, — האט איהם דער „מלצר" דערלאנגט א געבראָטענע פישעל צו פריה־שטיק. האט זיך דער איד געוואלט אויסדריקען, אז ער זאָל צו־נעמען די פיש און איהם בעסער געבען אייער. האט ער אָפגע־רוקט דאס טעלערל און מיט א בייזען טאָן געזאָגט: „קח את הדג ותן לי אבנים". דער בחור'ל האט איהם אָנגעקוקט, און יענער, פארשטעהענדיג אז ער האט זיך ניט ריכטיג אויסגעדריקט, האט אריינגעקוקט אין ביכעלע און באלד פארריכט: „עקסקיוז מי, נאט אבנים, באט ביצים".

און דער איד האט הנאה געהאט, אפילו ווען מען האט גע־לאכט אויף זיין חשבון. ער איז קיינמאָל ניט מבויש געוואָרען. ער האט מסתמא געוואוסט פון דעם מאמר: „ולא הבישן למד", א שעמעוודיגער קען זיך ניט אויסלערנען. און אפשר איז דאס געוועזן א שפיצעל פון איהם. ער פלעגט בכיון כלומרשט מאכען טעות'ן, כדי מען זאָל לאכען און עס זאָל זיין פרעהליך אין ארץ ישראל.

א איד איז דירעקט אָדער אינדירעקט משמח אידען — תבא עליו ברכה.

מיר האָבען איבערגענעכטיגט מיט'ן באשלום מאָרגען ווידער ארויספאָהרען באזוכען נייע פלעצער, וואס איך האב געהאט אויפ'ן צעטעל פון אונזער פּראָגראם.

18

א רעש׳יגער סקווער. — קאָמעדיעס און טראַגע־דיעס. — די חמי־טבריא. — אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצען. — אַ באַזוך אין מגדל. — „קאַרליקעס" און „ריזען". — אויפ׳ן וועג צו כפר נחום און אין כפר נחום.

אונזער האָטעל אין טבריא שטעהט ביי א סקווער, ביי א לעדיגען פּלאַץ געגענאיבער דעם אריינגאַנג אין דער אַלטער שטאָדט, וואָס איז אמאָל געווען „מוקפת חומה", ארומגערינגעלט מיט אַ מויער, מיט אַ פעסטונג, פון וועלכער עס איז נאָך פאַר־בליבען אַ ביסעל נשאר.

דער האָטעל איז אויך געגענאיבער דעם ים כנרת און דעם מיט שניי באַדעקטען הר חרמון, אויף יענער זייט פון ים כנרת.

דאָרט, אויף יענעם סקווער, רודערט זיך אַזוי ווי אויף אַ יאַריד אין אַ היימיש קליין שטעדטעל, מחמת דאָרט שטעהען וועגעלאך אָדער דראָזשקעס געשפּאַנט צו פערד, אויטאָמאָבילען און „באָסעס" אָדער אָמניבוסען, וואָס פיהרען צו די בעדער פון די חמי טבריא אָדער אַנדערשוואו.

איבערהויפּט טומעלט זיך דאָרט אין דער פריה, ווען דער עולם, וואָס באָדט זיך אין די חמי טבריא, פאָהרט צו די בעדער.

עס זיינען פאַראַן אידען „זריזין־מקדימין", וואָס שטעהען אויף כעלות הבקר און לויפען שוין צו די בעדער, אפשר כדי פאַר איין וועגס אָפּ׳פּטור׳ן טבילה פאַר׳ן דאַווענען און האָבען אַ דאָ־פּעלטע רפואה, רפואת הגוף און רפואת הנפש. סאַי ווי סאַי איז לעבעדיג אויפ׳ן סקווער. מען שפּאַרט זיך, מען שטופּט זיך, מען קריגט זיך און אמאָל קומט אויך צו קלעפּ צווישען די בעלי עגלות, וואָס ווילען פאַרכאַפּען פּאַסאַזשירען צו זיך, און די פּאָליציי מוז זיך אריינמישען.

די „באָסעס" דאָרט זיינען אַלטע שמאַטעס, וואָס דערמאָנען כמעט אָן די אמאָליגע בוידען, וואָס פלעגען פיהרען פּאַסאַזשירען פון איין שטעדטעל אין דער אַנדערער. די באַקוועמליכקייט איז

איינע און די זעלבע, בלויז מיט דעם אונטערשייד, וואָס די וואָגענס מיט די בוידען זיינען געפיהרט געוואָרען פון פערד, און די „באָסעס" זיינען מאָטאָר־וואָגענס.

איך בין אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און בין ארויס אויפ'ן באַלקאָן. די נאָר־וואָס אויפגעגאַנגענע זון האָט באַלויכטען דעם כנרת און דעם בארג חרמון מיט זיין שניי־יארמולקע. די סצענע איז געווען זעהר א שעהנע; אָבער איך האָב ניט געוואוסט אויף וואָס פריהער צו קוקען, אויפ'ן וואסער און אויפ'ן שניי באַ־דעקטען בארג, אָדער אויף דעם וואָס עס האָט זיך געטאָן דאָרט אויפ'ן סקווער.

און עס איז דאָרט געווען וואָס צו זעהן. מענשען זיינען געלאָפען פארכאַפּען פּלעצער אין די „באָסעס", מחמת פאָהרען מיט א „באָס" קאָסט ביליגער ווי מיט אן אויטאָמאָביל אָדער א וועגעלע. איז געווען א געדרענג, א שפּארעניש, א שטופּעניש אזוי ווי צו עפּעס רעכטס. און יעדער און יעדע רעדען און טענה'ן און ארגומענטירען און עס איז הו־הא צווישען די פּאַ־סאזשירען.

און די שאָופערס שווייגען אויך ניט. איינער פון דעם אנדערען וויל ארויסכאַפּען, וויל איינפּאַקען אין זיין „באָס" וואָס מעהר, און מען קריגט זיך און מען זידעלט זיך און מען הויבט הענד איינע אויף די אנדערע.

איינער, א געזונטער אראבער, וואָס וויל „איינשלינגען די וועלט", האָט שוין, דאכט זיך, א פולען „באָס" און ער וויל נאָך אריינפּאַקען א דיקע אראבערקע מיט קערבעלאַך און באָנדלאַך. די פּאסאזשירען, צווישען זיי דאָרטיגע חסידים מיט לאַנגע פּאות און טלית קטן'ס, פּראָטעסטירען; אָבער ער טוט זיך זיינס. קומט אן אנדער שאָופער און שלעפּט די אראבערקע צו זיך, ווערט א מחלוקת ביז א פּאָליציימאַן קומט, דערלאַנגט דעם א שטורך און דעם א שטורך און א דריטער לויפט צו און מאכט א פּשרה און כאַפּט גאָר צו די אראבערקע פאר זיך, און זייטיגע מענשען האָבען אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער.

איך האָב אויך ארונטערקוקענדיג פון באַלקאָן געזעהן טראַ־

גישע סצענעס, וואָס האָבען צובראָכען מיין הארץ. קריפּעלעס, ליידענדע פון רהומאטיזם, וואָס האָבען ניט געקענט שטעהן אויף די פיס, האָט מען געבראכט אויפ׳ן פּלאַץ אונטער די הענד און זיי קוים אויפגעהויבען און ארייינגעזעצט אין א „באָס“. אזעלכע, האָט מען מיר נאכהער דערצעהלט, קומען פון נאָהענט און פון ווייט. מען ברענגט אָפטמאָל אזעלכע, וואָס קענען כמעט מיט קיין גליד ניט ריהרען, און דאָס באָדען זיך אין די אַלטע מעיני הישועה, די חמי טבריא, וואָס ווערט דערמאָנט אין דער גמרא, העלפט זיי און זיי פאָהרען דערנאָך צוריק אהיים געזונטע.

וועגען די אייגענשאפטען פון די זודיגע קוואַלען אין טבריא האָב איך זיך פיל אָנגעהערט, ניט דוקא אין ארץ ישראל, נאָר אויך אין חוץ לאָרץ. האָט מיר אמאָל א ניו יאָרקער דערצעהלט, אז ער איז געווען האלב פאראליזירט און איז דורך די חמי טבריא געהאָלפען געוואָרען און איז געקומען אהיים פאַלקאָם געזונד. דאָס זעלבע האָב איך געהערט פון נאָך א פּאָר אמעריקאנער, וואָס האָבען אין טבריא באקומען א רפואה שלמה צו חלאת׳ן, וואָס זיינען כמעט געווען האָפנונגסלאָז. איז פארדראָסיג און עס טוט וועה דאָס הארץ וואָס די בעדער זיינען ניט דאָס וואָס זיי קענען און דארפען זיין.

איך האָב שפּעטער באזוכט די בעדער און טאקע זיך גע־באָדען אויך. איך וויל ארץ ישראל ניט מבזה זיין ; אָבער דער אמת מוז געזאָגט ווערען, אז די חמי טבריא בעדער זיינען אפילו ניט קיין משל פון די באָדע־פּלעצער אין טשעכאָ־סלאָוואקיא, דייטשלאנד אָדער אמעריקא, ניט אין די קוואַליטעט פון די בע־דער גופא, פון די הייל־מיטעל וואָס די חמי טבריא אנטהאלטען, נאָר פון די איינריכטונגען און אומגעבונג.

די געביידעס, א פּאָר אַלטע, פרימיטיווע כאַלופּעס. די ווענד פארשווארצט, פאר׳חושך׳ט ווי אן אַלטע פּוסטקע. דער צוגאנג — שטיינער און גריבער, און פאר א מענשען מיט קראנקע פיס איז שווערלאך צוצוקומען צו זיי. וואָס אָנבאלאנגט די פּלעצער, וואו מען באָדט זיך, זיינען פאראן באסעינען אָדער „ברכות“, ווי זיי רופען עס. דייטליכער, קען מען זאָגען : מקוואות,

וואו מען באָדט זיך גרופּענווייז. אַ גרויסער באסעין, אָדער אַ גרויסע מקוה, וואו עס באָדען זיך אַ סך מענשען מיט אמאָל, אַ קלענערע, וואו עס באָדען זיך אַ קלענערע צאָהל מענשען, און נאָך אַ קלענערע פאַר נאָך ווענינער מענשען. באָדען זיך „עם כל הנערים", אָדער עם כל הזקנים אין גרעסערען באסעין קאָסט בלויז צוויי פּיאַסטער (צעהן סענט). אהין געהען בלויז אָרימע קראַנקע אַראַבער. אין צווייטען קאָסט פינף פּיאַסטער, און אין דריטען — אַכט פּיאַסטער.

דאָס וואַסער, ווי עס קומט ארויס פון קוואַל, איז זעהר הייס, ממש אזוי זודיג, אַז מען קען אין דעם אַן איי אָפּקאָכען, און גאַנץ שנעל. ווערען די באסעינען אָנגעפילט אויף ביינאַכט און ביז מאָרגען פריה ווערט דאָס וואַסער אָפּגעקיהלט, אָבער ניט אין גאַנצען. מאַנכעס מאָל איז נאָך אויף מאָרגען אויך דאָס וואַסער אזוי הייס, אַז ניט אַלע קענען פאַרטראָגען צו פאַרבלייבען דאָרט אַ לענגערע צייט.

וואָנעס פאַר איינצעלנע פּערזאָנען זיינען בסך הכל פאַראַן פיר, צוויי פאַר מענער און צוויי פאַר פרויען. אַ וואַנע קאָסט צוועלף פּיאַסטער (זעכציג סענט). איז עס אפילו גאָרניט טייער. עס איז אָבער אמאָל שווער צוצושלאָגען זיך צו אַ וואַנע און עס קומט אָפטמאָל אויס צו וואַרטען שטונדען־לאַנג. קיין וואַרט־צימער איז ניטאָ. קיין בענקעל וואו צוצוזעצען זיך אין דרויסען — אויך ניט, זיצט מען אויף האַרטע און ניט גלאַטע שטיינער. אין די צימערען, וואו די וואַנעס געפינען זיך, איז ניט איבעריג ציכטיג. נאַס, ווילגאָטנע און די ווענט פאַרשטויבט. די רפואה, קען זיין, איז די זעלבע, מחמת דער עיקר איז דאָך דאָס וואַסער, וואָס האָט אין זיך וואונדערבאַרע הייל־מינעראַלען, אָבער די אומ־געבונג ארום מאַכט ניט קיין זעהר גוטען איינדרוק. עס פעהלט דער גלאַנץ, דער פּוץ, די „דירה נאה", וואָס דאָס איז „מרחיב דעתו של אדם", וואָס מאַכט אַ מענשען גוט אויפגעלעגט און פיהלען בעסער, אנגענעמער און באקוועמער.

דאָס זעלבע איז אויך אין די באסעינען, „ברכות" אָדער מקוואות.

ליגען ליגט עס משנים קדמוניות אין די הענד פון אראבער, וועלכע ווייסען ניט פון בעסערס און דארפען ניט בעסערס. די ארץ ישראל אידען פון פריהער האבען אויך ניט געהאט קיין גרעסערען פארלאנג, און דאס איז פאר זיי גענוג געווען. אין די לעצטע יאהרען אבער, ווען ארץ ישראל האט שוין אויך א מאדערנע קלאסע מענשען איינוואוינער, און טוריסטען פון אמע־ריקא און אנדערע לענדער קומען אהין, האט מען געקענט און געדארפט מאכען די בעדער מאדערנע, איינריכטען אלעס ווי ביי לייטען, און דאס וואלט צוגעצויגען פילע אויסלענדער. אנשטאט צו פאהרען אין בעדער אנדערשוואו, וואלטען זיי געפאהרען אין פאלעסטינא. דאס וואלט געבראכט פיל פרנסה, ניט בלויז פאר טבריא, נאר פאר'ן גאנצען לאנד בכלל.

אפשר האט עס די ציוניסטישע ארגאניזאציע געדארפט טאן, און דאס וואלט געווען א דאנקבארע, אנגעלעגטע און פון אלעמען אנערקענטע „אימפרואוומענט”.

אזוי האב איך מיר ביי זיך געטראכט און באדויערט דעם פאקט וואס אזא אוצר, אן אונערשעפליכער אוצר וואלגערט זיך און עס איז ניטא ווער עס זאל איהם ארויסנעמען. דאס איז ביי מיר אויסגעקומען אזוי ווי א טייערער דימענט איינגעפאסט אין אייזען אדער אין ליים.

איך האב זיך אבער נאכהער דערוואוסט פון אזעלכעס, וואס איך האב פריהער ניט געוואוסט. מען האט מיר איבערגעגעבען, אז עס געהען וועגען דעם אן פארהאנדלונגען שוין א לענגערע צייט. די ענגלישע רעגירונג וויל איבערנעמען די בעדער און ארויסגעבען א קאנצעסיע איינצוריכטען זיי ווי געהעריג איז. וועט עס, האפענטליך, מיט דער צייט ווערען. מען וועט די בעדער איבערבויען און פון די באריהמטע אור־אלטע חמי טבריא וועלען געצויגען ווערען די נוצען, וואס מען קען פון דעם ציהען.

די דאזיגע ידיעה האט ביי מיר ארונטערגענומען א שטיין פון הארצען.

זיצען לעדיג איז א שאד די צייט. דער צוועק פון אונזער

פאָהרען קיין ארץ ישראל איז דאָך געווען צו זעהן ארץ ישראל, זיינען מיר ווידער ארויסגעפאָהרען עפּעס זעהן.

מיר זיינען אריינגעפאָהרען אין מגדל, וואו עס בילדט זיך א אידישער ישוב אויף א גרויסען מאסשטאב.

מגדל איז ערשט מיט א פּאָר צעהנדליג יאָהר צוריק געווען א דייטשע קאָלאָניע, אָדער א דערפעל באזעצט פון דייטשען מיט א מין פעסטונג ארום, ווארשיינליך צו זיין באשיצט פון איבער־פאַלען פון אראבער. א טייל פון די „שטארקע ווענד" איז נאָך איצט אויך פאַראַן. איצט איז עס אין אידישע הענד. עס שטעהען דאָרט גאַנץ שעהנע הייזער, איינגעריכטעט מיט אַלע מאָדערנע איינריכטונגען, מיט קאַלטע און הייסע וואסער, וואַנעס, שפריץ־בעדער, עלעקטרישע באלייכטונג, הכל כמנהג אמעריקא.

אויסער דעם בויט זיך דאָרט א האָטעל. א קאָרפּאָריישאָן פון אמעריקאנער אידען מיט מר. דזשייקאָב ניענקין, איינער פון די אָנגעזעהענסטע און חשוב׳סטע אידען פון ברוקלין, אַלס פּרעזידענט. מר. אָדער אדון משה גליקין, דער מנהל אָדער פאַר־וואַלטער פון מגדל, האָט מיר איבערגעגעבען, אז אין דעם האָטעל ליגט שוין זעקס און זעכציג טויזענד דאָלאר און עס וועט נאָך דארפען קאָסטען בערך צוואנציג טויזענד דאָלאר צו פאַרפאַרטיגען איהם.

דער האָטעל וועט הויפּטזעכליך געבויט פאַר אמעריקאנער טוריסטען אָדער פאַר אזעלכע וואָס וועלען קומען באָדען זיך אין די חמי טבריא, און דעריבער וועט ער זיין לויט דעם אמעריקאנער סטייל, לויט דעם געשמאַק פון אמעריקאנער.

מר. ראטנער, דער „מזכיר" אָדער סעקרעטער, האָט אונז געפיהרט צייגען די „חוה", די מגדל פארם, איהרע פּראָדוקטען און אַלעס וואָס דאָרט און ארום מגדל געפינט זיך.

ער האָט אונז דורכגעפיהרט דורך די פּרדסים, די פרוכט־גערטנער. אי, די פּרדסים׳לאך, ווי ליב איך האָב זיי! דעם גרעסטען פאַרגעניגען האָבען מיר אין ארץ ישראל פאַרשאַפט די אידישע פּרדסים. איך בין בכלל א ליבהאָבער פון בוימער און וואו נאָר איך האָב געזעהן אַליוו בוימער, אָראנדזש־בוימער אָדער

ציטראָנען־בוימער און מאַנדעל־בוימער, און נאָך געפּלאַנצט און קולטיווירט פון אידען, האָב איך מיר פּשוט מחיה געווען.

מר. ראַטנער האָט אונז דורכגעפיהרט דורך אַלייען פון כל׳ערליי בוימער, צווישען זיי אויך גרייפּ־פרוט בוימער, און עס האָט זיך ממש ניט געוואָלט אַוועק פון דאָרט. ער האָט אונז אָנגעציינט אויף באַנאַנעס, וואָס וואַקסען דאָרט אויף אַ היבשען שטח לאַנד.

די ארץ ישראל באַנאַנאַס זיינען קליין געוויקסיג. קאַרלי־קעס געגען די באַנאַנאַס וואָס מיר זעהען דאָ. דאָס איז, האָט מען מיר ערקלערט, צוליב דעם, ווייל די באַנאַנאַ־קולטיווירונג איז נאָך דאָרט יונג. מען האָט זיך ניט לאַנג אָנגעהויבען אָפּ־געבען דערמיט, זיינען נאָך די באַנאַנאַ־בוימער אָדער פּלאַנצען ניט איינגעוואַקסען געגוג זיי זאָלען ברענגען גרויסע פּרוכט. זיי זיי־נען אָבער באַ׳טעמ׳ט, געשמאַק און איך האָב פון זיי שטאַרק הנאה געהאַט. מען האָפט, אַז די „קאַרליקעס" וועלען אמאָל איבערשטייגען די „ריזען", און די פּלאַנצער זייערע וועלען מאַכען גוטע פּראָפיטען.

זיי האָבען דאָרט אין מגדל עופות און קיה און אַנדערעווירטשאַפטען. זיי האָבען אויך אַ שולע, וואו דרייסיג קינדער לערנען, אַ דאָקטאָר און אַן אַפּטייק פון די הדסה און אַן אייז־פאַבריק. איינינגע פראָמינענטע ניו יאָרקער האָבען דאָרט נחלאות.

אונזער פיהרער צייגט אונז אָן אויף די חורבות פון „מבצר ארבל", אַ פאַרצייטיגער פעסטונג אויפ׳ן נאָמען פון נתי הארבלי, וואָס ווערט דערמאָנט אין פּרקי אָבות. די דאָזיגע פעסטונג, ביי וועלכע די נוסעי הצלב, די קרייץ־ציגע האָבען געהאַט זייער לעצטע מפּלה, ליגט ביי מגדל, און אַ היסטאָרישער פּלאַץ, מעג עס זיין אַ חורבה, איז אינטערעסאַנט אָנצוקוקען.

פון מגדל פאָהרען מיר אַוועק צו כפר נחום. כפר נחום, וואָס איז איצט אפילו קיין כפר, קיין דאָרף, ווערט דערמאָנט אין תלמוד. „חיטי כפר נחום", די ווייץ פון דאָרף נחום, זאָגט די גמרא אין מנחות, איז געווען פון די בעסטע און מען מעג פון

יענע ווייץ מקריב זיין דעם עומר. אנדערע ווילען האבען, אז כפר נחום איז אמאל גאר געווען א גרויסע שטאדט, ניט קיין דארף. איצט פאהרען טוריסטען אהין אנקוקען א שוהל פון צוויי טויזענד יאהר צוריק, וואס איז דארט אויסגעגראבען געווארען.

פאהרענדיג אהין, האבען אראבישע אינגלאך און מיידלאך געריסען רויטע בלימעלאך, וואס וואקסען אויף די פעלדער און אונז „מכבד" געווען מיט בוקעטען. אזוי ווי מוראשקעס זיינען זיי אונז באפאלען, און די וואס האבען ניט געקענט צוקומען צום אויטאמאביל, האבען געווארפען די בלומען אין מאשין אריין. אזוי ווי קלעקס האבען זיי זיך צוגעטשעפעט און מען האט זיי ניט געקענט אפטרייבען. געמיינט האט עס געוועהנליך „באקשיש". האבען מיר צוטיילט עטליכע מטבעות, אבער אפילו ביים בעסטען ווילען האט מען ניט געקענט צופרידענשטעלען אלעמען, מחמת זיי זיינען געווען אין די צעהנדליגע. איין שייגעצעל, א געקריוודעטער, האט אפילו פון כעס א ווארף געטאן א שטיינדעל, אבער ער האט ניט געטראפען.

די אויסגראבונגען אין כפר נחום איז זעהר אינטערעסאנט צו זעהן. פרעכטיגע מארמאר־זיילען, ריזיגע געהאקטע מארמאר־שטיינער מיט פארשיידענע שעהנע און קונציגע ציורים, צווישען זיי מגן דוד'ס, אז עס פארנעמט אן אויג. מען זעהט דארט, אז מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק האבען אידען געהאט ארכיטעקטען און קינסטלער בעלי מלאכה, וואס האבען געקענט מאכען ארבייט, מיט וועלכע זיי וואלטען ניט פארשעמט געווארען אפילו איצט, אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט.

עס שיינט, אז זיי האבען דארט אלע חלקים פון דער אור־אלטער שוהל, אפילו שטיינערנע בענק, אויף וועלכע מען פלעגט זיצען. מען ארבייט דארויף אויפצושטעלען צוריק די גאנצע געביידע ווי זי איז געווען, און א טייל פון דעם איז שוין צוזאמענגעשטעלט. ווען איינגאנצען צוזאמענגעשטעלט וועט מען ערשט זעהן, וואס פאר א פרעכטיגער בנין דאס איז געווען.

פון כפר נחום האבען מיר זיך אומגעקערט צוריק קיין טבריא.

פון דאָרט זיינען מיר געפאָהרען קיין דגניא א׳ און דגניא ב׳, די קאָאָפּעראַטיווע אָדער קאָמוניסטישע קאָלאָניעס, וועגען וועלכע איך האָב שוין געשריבען ביי אַ פריהעריגער געלעגענהייט.

19.

קברי צדיקים און לעבעדיגע „קברים". — שוסטער געהען באָרוועס. — „באַקשיש" און „באַקסים". — אַ איד מאַכט שבת. — עונג שבת פון פרענקישע ווייבער. — אידישע פיש־פאַנגער.

טבריא איז אַן אינטערעסאַנטע שטאָדט; אַ שטאָדט וואָס האָט אין זיך אַ סך אַלטע זכרונות.

אין טבריא געפינען זיך פילע קברי צדיקים. דאָרט זיינען די קברים פון ר׳ מאיר בעל הנס, ר׳ יוחנן בן זכאי, ר׳ אמי ור׳ אסא, ר׳ אליעזר בן הורקנוס, ר׳ אליעזר בן ערך, ר׳ שמעון בן נתנאל, ר׳ חייא, ר׳ כהנא און ר׳ עקיבא. אזוי, הייסט עס, זאָגט די מסורה.

אויסער די פאַרצייטיגע אידישע ריזען, וועמעס קברים מען ציינט אָן אין טבריא, זיינען דאָרט אויך די קברים פון שפּעטערע גדולי ישראל, דער רמב"ם און דער של"ה הקדוש. טוריסטען, גוי׳אישע אַזוי גוט ווי אידישע, פאַרפעלען ניט צו באַזוכען די אַלע היסטאָרישע קברים און מען קלעטערט אפילו צו ר׳ עקיבא׳ס קבר, וואָס געפינט זיך אויף אַ הויכען באַרג און עס איז גאַנץ שווער צוצוקומען אַהין.

די אַלטע שטאָדט טבריא פאַרמאָגט אויך אַ היבשע ביסעל „קברים", וואו עס וואוינען לעבעדיגע מענשען. באַהיט און באַשירמט זאָל מען ווערען פון אַזעלכע דירות ווי מען האָט דאָרט.

די געסלאַך זיינען שמאָל, געדרעהט באַרג ארויף און באַרג אראָפּ. דאָ דאַרף מען אַרויפקלעטערען מיט צובראָכענע שטיי־נערנע טרעפּ און דאָ דאַרף מען קריכען אַרונטער. די וואוינונגען, איבערהויפּט אונטען אין די קעלערען, זיינען שרעקליך. פינ־

סטער, חושך, אָהן ליכט און אָהן לופט, אז עס כאַפּט פּשוט אָן אַן אימה. קיין טיש, קיין באַנק, קיין בעט. די האַרטע שטיינערנע דילען דינען פאר מעבעל. אויפ'ן דיל זיצט מען, אויפ'ן דיל עסט מען און אויפ'ן דיל שלאָפט מען.

קיינע הילצערנע דילען זיינען אייגענטליך אין ארץ־ישראל כמעט ניטאָ. איבעראל שטיינערנע אָדער פון צעמענט געגאָסענע. אין לייטישע הייזער זיינען די דילען מאַרמאָרנע, גלאַט, שעהן, אפשר נאָך שעהנער ווי פּאַרקעט פלאָרס. אין די אָרימע וואוינונגען אָבער אין טבריא זיינען אויסגעלייגט פּשוט'ע שטיינער, אבנים מאבני המקום, ניט צו געהן און ניט צו שטעהן אויף זיי מיט שיך מיט דינע פּאָדעשוועס, באָרוועס — אודאי ניט.

עס קען זיין אז די תפלה, וואָס דער כהן גדול האָט תפלה געטאָן יום כפור: „שלא יעשו בתיהם קבריהם“, איז עס געווען געמיינט אויף אַזעלכע הייזער.

איך האָב שפּעטער געזעהן עהנליכע דירות אין אַלט־ירושלים אויך; אָבער זיי זיינען מיר ניט פאָרגעקומען אַזוי סטראַשנע, אפשר צוליב דעם, ווייל איך בין שוין געווען צוגעוואוינט צו דעם.

דאָרט, אין די אָרימע נאָכבאַרשאַפט פון טבריא, וואוינען אָממעהרסטען ספרד'ישע אָדער פרענקישע אידען, ווי מען רופט זיי, און אויך אונזערע אייראָפּעאישע אידישע אַלטע תושבים. דאָרט זיינען דאָ עטליכע שוהלען, אַלע נאָהענט איינער פון די אנדערע, א מין שוהל־הויף, אַזוי ווי ביי אונז אין דער אַלטער היים אין קליינע שטעטלאַך.

שוסטער זיינען אין אַלט טבריא פאַראַן לרוב. זיי וואַרפען זיך אין די אויגען מעהר ווי אַנדערע בעלי מלאכה. איהר זעהט זיי אין קרעמלאַך, אין ביידלאַך, אין הייזער און אַפילו גלאַט אין דרויסען. וואו איהר טהוט זיך א קעהר, איבערהויפּט אין דער הויפּט געסעל, וואָס פיהרט אין שטאָדט אריין, איז רק מען ציהט דראַטווע און מען קלאַפּט טשוועקלאַך. אַפשר צוליב דעם זעהט מען דאָרט א סך באָרועסע, ווייל עס איז אַן אָנגענומענער כלל ביי אידען, אז „אַלע שוסטער געהען באָרוועס“.

אַט די אומבאַשוכטע, נעבאַך, די באָרוועסע און אָפּגעריי־

סענע, ווען זיי דערזעהען אַן אורח, אַ פרעמדען מענשען, מאָנען זיי „באַקשיש“. אפילו פּיצלאַך קינדער, וואָס קענען נאָך ניט שאַרף ריידען, לויפען אויך נאָך מיט אויסגעשטרעקטע הענטלאַך און שרייען: „באַקסים“.

עס איז געווען אַ פרייטאג, זיינען מיר, עטליכע אַמעריקאַנער, אַרום זעהן ווי אַזוי דער ערב שבת געהט צו אין אָרימען קוואַרטאַל, און מיר האָבען זיך אָנגעקוקט אויף אַ היבשע ביסעל דלות ואביונות. איין סצענע שטעהט מיר נאָך איצט פאַר די אויגען און איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

מיר האָבען זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ קעלער שטוב, וואו די טהיר איז געווען אָפען. פענסטער פאַרשפּאַרט מען דאָרט עפענען, ווייל דער מין פענסטער איז גאָר ניטאָ. די גאַנצע דירה באַשטעהט פון איין צימער. פינסטער, חושך, די ווענט פאַררויכערט אַזוי ווי אין אַ קוזניע. קיין סימן פון וועלכע עס איז באַלעבאַטישקייט. קיין טיש, קיין בענקעל און קיין זאַך. זיצט דאָרט אַ איד, אַ פרענקישער איד, מיט אַ קרענקליכען פנים, געקליידעט אין שמאַטעס, אויף אַ קעסטעל און פּרעגעלט פיש אויף אַ מין ליימענעם פייער־טאָפּ. נעבען איהם אויף אַ ברודיגען זאַק ליגט אַ קינד, אַ בלאַס, אַן אויסגעמאָגערט, מיט אויסגעסטשירעטע אויגעלאַך און בלויז אַ קוטיג צעריסען העמדעל אויפ'ן לייב. דאָס קינד כאַפּט זיך אַלעמאָל אויף מיט אַ פאַרשטיקטען געוויין, אַז עס שניידט ממש ביים האַרצען. אַ פאַרבייגעהענדער פרענקישער יונגערמאַן שטעלט זיך אָפּ און דערצעהלט אונז: „הוא מכין דגים לכבוד שבת“ — ער גרייט צו פיש לכבוד שבת. פרעג איך איהם, אויב דער מאַן האָט אַ ווייב? ענטפערט ער: „כן, יש לו אשה ובנים“ — יאָ, ער האָט אַ ווייב מיט קינדער. נאָר ער איז שוואַך, קען ניט געהן פאַרדינען, געהט די ווייב זוכען צו פאַרדינען ערגעץ אַ „גרוש“ (אַ פיאַסטער אָדער פינף סענט).

געווען מיט אונז אַ פילאַדעלפיער איד, איינער אַ מיסטער אָרליינער, בטבע אַ רך לב און אַ בעל בכי, האָט ער, קוקענדיג אויף דעם בילד, אָנגעהויבען גיסען טרעהרען.

מיר האָבען דאָרט געזעהן נאָך עהנליכע סצענעס אין די

לעבעדיגע קברים; אָבער איך ווייס ניט אויב זיי זיינען דורכ־אויס א סימן דלות, אָדער אפשר אין פּרטים בלויז א געוואוינהייט אזעלכע, אָדער א מאָדע צו וואוינען אין „קברים", צו געהן באָרוועס, אָפּגעריסען און בעטען „באקשיש" אָדער „באקסים". ביי די קליינוואַרג, קען זיין, איז דאָס א שטיף, און זיי זיינען גאָרניט אויסען צו שנאָרען.

עס קען אפשר זיין, אַז צווישען די באוואוינער פון אָרימען קוואַרטאַל זיינען דאָ אזעלכע וואָס קענען לעבען בעסער און שעהנער, נאָר זיי ווילען ניט נהנה זיין פון דער זינדיגער וועלט, כדי אָפּצוקומען פאר זינד, און זיין מעהר בארעכטיגט צו עולם הבא, צו נהנה זיין, לאחד מאת שנה, מזיו השכינה...

דער גוטער יאָהר ווייסט זיי. אזוי ווי ניט אַלעס וואָס בליסטשעט איז גאָלד, אזוי קען מען אפשר זאָגען, אַז ניט אַלעס וואָס שוואַרץ איז סאַזשע.

אָבער עס איז קיין ספק, אַז דאָרט זיינען פאַראַן אביונים, טאַקע בתכלית האביונות. און וואו זיינען זיי ניטאָ, אָט די אמת'דיגע טיטולירטע אביונים? אפילו אין דער רייכער מעט־ראָפּאָלים ניו יאָרק, גלויב איך, קען מען זיי אויך געפינען. דער כלל: „כי לא יחדל אביון מקרב הארץ" האַלט אויס אומעטום, אין אַלע לענדער, וואו נאָר מענשען וואוינען. און מען מוז דאָך זיי האָבען, די קבצנים, וואָרום ווען ניט די אָרימע לייט, וואָלטען מיר דאָך ניט געהאַט די גרויסע מצוות פון צדקה און גמילת חסדים....

שבת איז אין דער דאָזיגער אָרימער שכונה עכט שבת'דיג. אַלע, מעהר־ווייניגער, צוגעפּוצט, און אויף אַלעמענס פּנים'ער ליגט א צופרידענהייט, א מין „הרחבת הדעת". אפילו דער ריח פון טשאָלענט שפּירט זיך דאָרט גאַנץ שטאַרק, און דאָ און דאָרט הערט מען אונזערע אידען אָדער פרענקישע אידען זינ־גענדיג זמירות.

שבת בייטאָג לאָזט מען זיך אַרויס שפּאַצירען אין שטאָד־טישען פּאַרק, וואָס איז ניט ווייט פון דער אַלטער שטאָדט, אָדער אויף די וועגען און שטעגען ביי טבריא. די פרענקישע ווייבער פּראַווען זייער „עונג שבת" אויף א בערגעל, ניט ווייט

פון אריינגאנג אין שטאָדט. דאָרט זעצען זיי זיך אויס אויף שטיינער אָדער אויף דער ערד און באַלאַקען צווישען זיך. אפשר א קאַפּעלע רכילות אָדער לשון הרע לכבוד שבת — דער גוטער יאָהר ווייסט זיי. איין זאַך בין איך זיכער, אַז וועגען דזשולערי, טייערע דרעסעס, בעלער און טעאַטערס ריידען זיי ניט, ווייל אזעלכע זאכען אינטערעסירט זיי ניט.

איך האָב געהאַט אינטערעס אין אָנקוקען די קופּקעלאַך ווייבער אויפ'ן בערגעל און בין געזעסען אויפ'ן באַלקאָן פון אונזער האָטעל און זיי באַאָבאַכטעט פון דערווייטענס.

אין טבריא האָב איך געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן זיך מיט א בן עיר, א לאַנדסמאַן פון מיין שטעדטעל, אדון חנא עליאָוויטש, וועלכען איך האָב שוין ניט געזעהן א יאָהר עטליכע און דרייסיג.

דער חנא עליאָוויטש, פון דערהיים חנא מאיר משה'ס אָדער חנא רעשיל'ס, איז א קאָלאָניסט אין באַראָן ראָטשילד'ס קאָלאָניע יבנאל, ניט ווייט פון טבריא, און איינער פון די אָנגעזעהענסטע בעלי הבתים און מנהלים פון דער קאָלאָניע, א איד א בן טובים, א לערנער, וואָס וואָלט געקענט שטעהן אויף דער ליסטע פון שעהנע אידען אפילו אין א גרויסער שטאָדט, אָבער נעבאַך אַן אָרימאַן. א איד וואָס פאַרמאָגט תורה, חכמה און אָרענטליכקייט מעהר ווי הצלחה. עס איז איהם נעבאַך ניט געגאַלטען און ער האָט געלעבט אין דחקות. שפּעטער האָט ער געשריבען צו פריינד אין אַמעריקא, אַז די לאַגע האָט זיך פאַרבעסערט. דער באַראָן, זאָל לעבען, — שרייבט ער, — האַלט איהם און אנדערע אונטער פינאַנציעל, און עס וועט שוין איה"ש, האָפענטליך, פיעל בעסער זיין.

אָבער אפילו דאַמאָלסט ווען די לאַגע זיינע איז געווען כמעט א פאַרצווייפעלטע, האָט דער אדון עליאָוויטש זיך אויך ניט שטאַרק באַקלאָגט און זיך געטרייסט דערמיט וואָס ער באַאַרבייט די אדמת קודש, כאָטש די אדמת קודש האָט איהם קיין חיונה ניט געגעבען.

איך האָב אין ארץ ישראל באַגעגענט נאָך אָרימע אידען, וואָס וואָלטען אפשר אַנדערשוואו געווען בעסער אָפּ; אָבער

ארץ ישראל איז זיי ליעב, און וואו עס האנדעלט זיך וועגען ליעבע, איז מען פון איינמאל אין טאג א שטיקעל ברויט אויך זאט.

א מאדנע מדינה די ארץ ישראל! עפעס האט זי אין זיך א צוציהונגס-קראפט, א מין גייסטיגען מאגנעט, וואס ציהט צו זיך. דער חילוק איז נאר, וואס מאגנעט ציהט צו זיך שטאהל, און ארץ ישראל האט נים קיין שטארקע ווירקונג אויף שטאה-לענע הערצער...

אפשר וועט זיך דאס אויך איבערראנדערשען און ארץ ישראל וועט אזוי מאגנעטיזירט ווערען, אז זי וועט צו זיך צוציהען אלע הערצער.

סמנים צייגען אז אזא ענדערונג קומט.

ארום אונזער האטעל האט זיך געריבען א פרענקישער יונגער בחור'ל, א זוהן פון א בלינדען טאטען און א קראנקע מאמע. ער פלעגט די געסט פוצען די שיך, פאלגען א גאנג אדער טהאן פאר זיי אנדערע זאכען און פארדינען א פאר „גרוש". דער האטעל פארוואלטער האט איהם געגעבען די „פריווילעגיע" צו רייבען זיך ארום די געסט, ובשכר זה האט ער איהם, דעם האטעל פארוואלטער אליין, געדינט אלס א שיק-יונג און משרת.

א וואויל קינד געוועזן, אט דער יונגער פרענקעל. נים קיין פראסטאק, ארענטליך, פרום, באשיידען און נים קיין נאר. וואס ער האט פארדינט, האט ער אוועקגעגעבען זיין מוטער, און אליין איז ער נעבאך געגאנגען ארומגעריסען און אהן שיך. ער האט אפשר געהונגערט אויך, אבער ער האט פאר קיינעם גאר נים געזאגט און זיך פאר קיינעם נים באקלאגט.

ער האט קיינמאל ביי אימיצען וואס געבעטען. אפילו ווען ער האט פאר איינעם וואס געטאן, האט ער נים געמאהנט פאר זיין טרחה. ער האט זיך פארלאזט אויף יושר. האט יענער ארייגעשטעקט א מטבע, איז מה טוב; ווען נים, איז

איך רעכט געווען. ווען מען האט איהם געפרעגט: „פארוואס מאהנסטו ניט?“ האט דער העברעאיש־שפרעכענדער איינגעל, וועלכער האט, רייבענדיג זיך צווישען אידישע טוריסטען, זיך אויסגעלערנט א קאפעלע אידיש, געענטפערט: „איך ניט קען, איך זיך שעהם“.

אזוי דוקא ניט קיין בישן, א גאנץ לעבעדיגער, לוסטיגער יונג, און בעטען אדער אפילו מאהנען וואס איהם קומט, שעהמט ער זיך.

דאס איז דאך איינער פון די כאראקטער־שטריכען פון אידען — בישנים.

קומט איינמאל דער יונג און זאגט צו מיר: „אם חפץ אדוני, קום, איך דיר צייגען אפיאט מאצאט“ (אפית מצות), ווי מען באקט מצות אין טבריא. זיינען מיר געגאנגען.

דאס איז געווען א בעקעריי, וואו פרענקישע אידען האבען געבאקט שמורה מצות, און עס איז אינטערעסאנט געווען צו זעהן דעם פראצעס ווי דאס געהט צו.

די שווארצע פליגעל פון דלות זיינען דארט אויסגעשפרייט אויף דער געביידע, אויף די באשעפטיגטע און אויף די אומ־געבונג בכלל. אין א ווינקעל זיצט א פרענקישע פרוי און פארמישט די מעהל, דאן גיט זי עס איבער צו קנעטען. ביים קנעטען זיינען באשעפטיגט צוויי מענער, איינער הויבט און לאזט ארונטער א שטעקען, וואס איז צוגעפעסטיגט צו א פרו־זשינע, און דריקט די טייג, און דער צווייטער קעהרט אלעמאל איבער די טייג פון איין זייט אויפ'ן אנדערען. ווען די טייג איז אויסגעקנאטען, דערלאנגט מען עס צו די וועלגער, פרענקישע עלטערע אידען און אינגלאך, וועלכע זיצען אויף דער ערד, אנגעשפארט די פלייצעס אויף קעסטלאך, אין וועלכע עס זיינען אנגעלייגט שטיינער. איינער צורייסט די טייג אויף שטיקלאך און טיילט איין יעדען א חלק אדער א „טייגעל“. וועלגערען, וועלגערט מען אויף גלאטע ווייסע שטיינער, וואס ליגען משופע אין פראנט פון די וועלגער.

די מצות ווערען אויסגעוועלגערט גרויס און דין אזוי ווי בלעטלאך לאָקשען. ווען א מצה איז אויסגעוועלגערט, ווארפט מען זי ארויף אויף א ראָזשנע ביים זייט פון אויווען, פון וואנען דער „זעצער“ ווארפט זי אריין אין אויווען, און זיי קומען פון דאָרט ארויס ניט פלאך, נאָר אויפגעבלאָזען, אזוי ווי גרויסע פלאכע יארמולקעס, פארברוינט און צוגעברענט.

איך וויים ניט וואָס פאר א טעם די מצות האָבען, און ווען אפילו איך זאָל זיין א מדקדק צו עסען פסח דוקא מצה שמורה, וואָלט איך אפשר אויך ניט געוואָלט וויסען דעם טעם פון יענע מצות, ניט חלילה אוים חשד טאָמער זיינען זיי ניט כשר געווען, נאָר צוליב אן אנדער טעם...

א פאָר פון די וועלגער האָבען, דרעהענדיג מיט די וואלגער־העלצער, ביי אונז געמאָהנט „באקשיש“; אָבער דער משגיח, דוקא איינער פון אונזערע אידען, האָט זיך אויף זיי אָנגעבייזערט, אז עס איז ניט קיין שטאָט צו שנאָרען ביי פרעמדע מענשען. דערפאר אָבער איז ער, דער משגיח אליין, נאכהער אונז נאָכ־געגאנגען און פארלאנגט „באקשיש“, און מיר האָבען איהם געגעבען.

אז א איד בעט, מסתמא דארף ער נעבאך; מסתמא ווייסט ער, אז פון די שבירות, וואָס ער קריגט פאר זיין השגחה, וועט ער ניט קענען מאכען פסח, האָבען מיר מקים געווען א שטיקעלע מצוה פון מעות חטים.

איין טאָג איז מיר אויסגעקומען צו באקענען זיך מיט א פאָר אידישע „דיגים“ (פיש־פאנגער). יונגען מיט, אָהן עין הרע, פולע פנים'ער און ברייטע פלייצעס. זיי ריידען העברעאיש און מאכען א לעבען בלויז פון פיש־פאנג. ווי זיי האָבען מיר איבערגעגעבען, האָבען זיי ניט צו באקלאָגען זיך. זיי קומען אוים מיט חיונה און זיינען צופרידען.

20

עליונים ותחתונים. — די ישיבה אין טבריא. — טויטע זיינען מזל׳דיגער. — אין מירון. — אַ שעה מיט אַלטיטשקע. — פון טבריא קיין ירושלים. — אַ אידענע מיט אַ מענה לשון. — פאַרקערטע יוצרות. יוסף׳ס קבר.

איין פאַרנאַכט געהען מיר, אַ גרופּע אַמעריקאַנער, צום קבר ר׳ מאיר בעל הנס, וואו עס געפינט זיך אויך די ישיבה אור תורה. דער קבר איז אונטען און די ישיבה — אויבען, באַרג־ארויף. אונטען געוועלטיגען ספרד׳ישע אָדער פרענקישע אידען און די ישיבה אויבען, געגרינדעט פון ר׳ אברהמ׳על׳ע סלאָנימער, ז״ל, ווערט פאַרוואַלטעט פון אונזערע אידען.

אונטען קומען מענשען אומגעבעטענערהייד. ווי איז שייך מען זאָל זיין אין טבריא און ניט באַזוכען דעם קבר פון הייליגען צדיק ר׳ מאיר בעל הנס, וואָס איז אַזוי פּאָפּולער? וועלכער איד אָדער וועלכע אידענע ווייסט ניט פון איהם? אין וועלכע אידישע הויז איז עס ניטאָ אַ ר׳ מאיר בעל הנס פּושקע? און אַז גאָט העלפט און מען איז אין ארץ־ישראל, געהט מען צום קבר אָנצינדען אַ לעמפּעל פאַר ר׳ מאיר׳ס הייליגע נשמה.

לא כן, אָבער ניט אַזוי איז עס מיט דער ישיבה. ארויפצו־קומען אַהין דאַרף מען שוין בעטען, איינריידען, שלעפּען פאַר די פּאָלעס. די טויטע האָבען אָפטמאָל מעהר מזל פון די לעבעדיגע. אַזוי איז עס דאָ ביי אונז און איבעראַל. מיר ווייסען, למשל, פון קינדער, וואָס בעת זייערע טאַטעס אָדער זייערע מאַמעס לעבען קוקען זיי זיך אויף זיי ניט אום, מען קען זיי ניט ליידען, מען דולדעט זיי ניט, מען וויל זיך גאָרניט געפינען אין זייערע דלד אמות און מען קימערט זיך ניט פאַר זייער לעבען און גע־זונד. דערפאַר אָבער נאָך זייער טויט לויפען די קינדער צו „יזכור״ און היטען אָפּ זייערע יאָהרצייטען, ווי די אויגען אין קאָפּ.

דאָס זעלבע האָב איך אויך געזעהן אין ארץ ישראל. זיינען געווען אידען, אַמעריקאַנער טוריסטען, וואָס זיינען געגאַנגען אויף

„קבר אָבות", אויף אַלע היסטאָרישע קברים, איבעראַל געצונדען ליכטלאַך, געלאָזט מאַכען „מלא'ס" די צדיקים וצדקניות און זיך אַפילו גוט אויסגעוויינט ביי די היילינע קברים. און האָט מען זיי געבעטען צו קומען זעהן אַ אידישען אַנשטאַלט, אַ ישיבה, אַ תלמוד תורה, אַ מושב זקנים, אַ האָספּיטאַל אָדער אַן אַנדער אינ־סטיטוציע, האָבען זיי זיך ניט גערירהט פון'ם אָרט. מנדב זיין עפּעס בלאַ ראיה — אודאי ניט. דערפאַר אפשר האָט קהלת געזאָגט: „ושבח אני את המתים" — איך באַטראַכט די טויטע אַלס בעסער אָפּ ווי די לעבעדיגע.

ווען מיר זיינען צוגעקומען צו ר' מאיר בעל הנס געביידע, האָט מען אונז איינגעלאַדען אַרויפצוקומען אויבען אין דער ישיבה. האָבען אָבער איינינע פון אונזער גרופּע זיך איינגעשפּאַרט: ניין, זיי געהען ניט. זיי זיינען — זאָגען זיי — געקומען זעהן דעם קבר פון ר' מאיר בעל הנס און מעהר ווילען זיי ניט זעהן. שטעהט דערביי אַ יונגערמאַן. רופט ער זיך אָפּ: „אויב איהר ווילט זעהן דעם קבר, איז טאַקע דאָרט אַרום קומט איהר צום ריכטיגען קבר". כאַפּט אונטער אַ ספרד'ישער אידעל: „ניט אמת. דאָרט איז דער צופוסענס און דאָ איז דער צוקאָפּענס".

גלויבט מען מסתמא דעם צווייטען און מען געהט צום קאָפּ, ניט צו די פיס...

איך און איינינע אַנדערע האָבען שפּעטער אָפּגעשטאַט אַ באַזונדערען באַזוך דער ישיבה, און לאָמיר אייך זאָגען, אַז ווען איך וואָלט עס ניט געטאָן, וואָלט איך זיך אַליין קיינמאָל ניט מוחל געווען.

די ישיבת אור תורה, דאָרט אין בית המדרש דר' מאיר בעל הנס, איז, אַזוי צו זאָגען, אַ תורה־בוים, וואָס האָט אויך צווייגען אין מרכז־העיר, אינ'ם צענטער פון שטאָדט, וואו עס געפינט זיך די תלמוד תורה הכללי, אין וועלכער עס לערנען הונדערטע קינ־דער אונטער די זעלבע הנהלה און השגחה פון דער ישיבה, וואו יונגע לייט זיצען און לערנען.

דאָרט איז אויך דאָ אַ „בית תבשיל", אַ קיך פאַר די ישיבה־

לייט און אויך פאר אָרימע חולאים, וואָס קומען זיך באָדען אין די מעיני הישועה, אין די חמי טבריא.

עס קען אפשר זיין, אז דאָרט איז דאָ מעהר תורה ווי קמח, אָבער אין דעם זיינען די מנהלים ניט שולדיג. וואָלטען זיי גע־האַט גרעסערע הכנסות, וואָלטען זיי געקענט מאַכען גרעסערע הוצאות. דער שניידער, זאָגט מען, שניידט צו לויט דער מאַ־טעריע וואָס מען גיט איהם, און ווען עס איז קאַרגלאַך מאַטעריע, מוז מען אמאָל פארשמעלען אָדער פאַרקירצען.

אין אַלגעמיין איז עס אַ וויכטיגער און אַ שעהנער אַנשטאַלט, וואָס וואָלט געווען נאָך שעהנער, ווען ער איז ניט באַפּוצט מיט דער אידישער צירונג פון „יאה עניותא"...

מיר מאַכען אַ ספּעציעלע רייזע קיין מירון. איך, מיין פרוי און מר. אָרליינער, וועמעס נאָמען איך האָב שוין דערמאָנט ביי אַן אַנדער געלעגענהייט. דאָרט, אויפ'ן קבר פון געטליכען תנא ר' שמעון בן יוחאי, אַזוי ווי אויפ'ן קבר פון ר' מאיר בעל הנס אין טבריא, זיינען אויך דאָ תחתונים און עליונים, אָדער דרי מטה און דרי מעלה. אונטען, וואו דער קבר איז, געוועלטיגען ספרדים, פרענקישע אידען, און אויבען איז די ישיבת בר יוחאי ובית מושב זקנים, וואָס ווערט פאַרוואַלטעט פון אונזערע אידען. איז אויך די זעלבע מעשה: אונטען קומט מען פרייוויליג און אויבען לאָזען זיך אידען אָפּטמאָל בעטען אַרויפצוקומען.

דער ספרד'ישער שמש אונטען איז אַ איד אַ מאַדים, אַ וואַזשנער „פאָלע רייסער"; אַ איד וואָס שטעלט אַ פרייז פאַר זיין „סחורה" און לאָזט זיך ניט אָפּדינגען. אָט דאָס וויל ער, און דאָס מוז מען איהם געבען. מיט איין וואָרט; אַ איד וואָס טויג צום געשעפט. די געלדער וואָס ווערט דאָרט געזאַמעלט פון אורחים, געהט געוועהנליך אויף אויפהאַלטען דעם פלאַץ און די ספרד'ישע זקנים, וואָס לערנען און זיינען מתפלל ביים קבר פון פאַרצייטיגען צדיק.

ווען מיר זיינען אַהין געקומען, זיינען מיר אויפגענומען גע־וואָרען פון שמש. ער האָט אונז אַריינגעפיהרט אין אַ חדר, וואו עס זיינען געזעסען פיר אַלטיטשקע ספרדים. איינער האָט „גע־

זופט" זוהר, א צווייטער האָט „געקלאַפּט" תהלים, א דריטער האָט אריינגעקוקט אין א קבלה־ספר און דער פערטער האָט גע־קאַכט אָדער געוואַרימט געקעכץ אויף א נאַפט־אויוועלע.

„מיר האָבען דאָ צעהן „יושבים" — דערצעהלט אונז דער שמש אין ספרד'ישען העברעאיש — „וועלכע זיצען און לערנען און זיינען מתפלל בשלום האורחים, וואָס קומען אהער, נאָר די איבעריגע זיינען גראָד אוועק אין דער שטאָדט אריין, אין צפת".

און ריידען רעדט דער שמש שנעל, אזוי ווי דער בעל קורא לייענט די עשרת בני המן אין דער מגילה. ער האָט אפּנים קיין צייט ניט, דער איד, און וויל וואָס שנעלער אָפּ'פּטור'ן זיינע „קונדען", טאָמער קומען אַן אנדערע.

ער מאַכט ניט קיינע שהיות און געהט גלייך צום „פּסוק". „לכו אחרי" — טוט ער א זאָג און פיהרט אייך אריין אין אַן אנדער גרויסען און ברייטען צימער, וואו ער ציינט אַן אויפ'ן קבר פון ר' שמעון בן יוחאי און פון זיין זוהן ר' אליעזר, וואָס איז דערביי. דאָרט הייסט ער אייך אָנצינדען א לעמפּעל „לזכר נשמת התנא האלקי" און מאַכט א „הזכרה" מיט א „מי שברך" כמעט בנשימה אחת, אין איין אָטעם. ביים „בעבור שנדב" שטעלט ער זיך אָפּ און טוט א פרעג: „כמה?", האַו מאָטש, הייסט עס. אָבער ער פאַרלאָזט זיך ניט אויף אייער יושר און שטעלט זיין איינענעם פּרייז. טאָמער זאָגט איהר: א דאָלאַר, צוויי דאָלאַר אָדער א חצי פונט (צוויי און א האַלב דאָלאַר) דינגט ער זיך און וויל דוקא א „לירא שלמה", א גאַנצען פונט, און אָפּ־דינגען איז שווער, א איד אַן עקשן, און טו איהם עפּעס!

האָט מיר איינער דערצעהלט, אז ער האָט זיך אויך פאַר־עקשנ'ט און געזאָגט בדרך הלצה: „נעמט אייך צוריק די „הזכרה" מיט'ן „מי שברך" און בטל די קניה". איז דער שמש אריין אין א הקפּדה און עס איז שיער געקומען צו אַן ערנסטע מחלוקת, און אויסגעפיהרט האָט דער שמש.

פּראָווען קאַטאָוועס ביי ר' שמעון בן יוחאי'ס קבר איז אפשר ניט אם פּלאַץ, און מען האָט אפשר דעם אידען געדאַרפט קנס'ע־נען דערפאַר גופא.

אָבער קיין גזלן, קיין האַלד־אפּניק, איז דער שמש חלילה ניט. ווען עס לאָזט זיך ניט נעמען מעהר, נעמט ער ווייניגער. פּרובירען שאַדט דאָך ניט.

ווען ער ווערט מיט אייך פאַרטיג אינוועניג, געהט דער שמש מיט אייך ארויס אין דרויסען, פיהרט אייך ארונטער אין אַ טיפען טאָל, וואו ער צייגט אייך אָן אויפ'ן קבר פון ר' יוחנן הסנדלר. דאָס — זאָגט ער אייך — טוט ער פריי, אַלס אַ צוגאָב צו אייער ביישטייערונג.

ווען מיר זיינען פאַרטיג געוואָרען אונטען, האָט אונז הרב ר' משה פּודהורצר, זעהר אַ וואוילער און ליבליכער איד פון אונזערע אידען, ארויפגענומען אויבען אין דער ישיבת בר־יוחאי ומושב זקנים, וואו ער איז דער מנהל.

מיר האָבען דאָרט פאַרבראַכט אַ היבשע שטיקעל צייט און איך האָב געהאַט אַן אמת'ען נחת רוח.

איך האָב געהאַט אַ גייסטיגען גענוס, ווען הרב פּודהורצר האָט אונז אריינגעפיהרט אין שוהל אָדער בית־המדרש, וואו אידען זקנים זיינען געזעסען, ווער ביי אַ בלאַט גמרא, ווער ביי אַ משניות, ווער ביי אַן אַנדער ספר און געלערענט. אַ נחת געוועזן צו קוקען אויף די אַלטיטשקע. יעדען איינעמ'ס „שלום עליכם" איז געווען עפּעס אַזוי אַנגענעם, אַזוי וואַרים, אַזוי ליב, אַז עס האָט זיך גאָר ניט געוואָלט ארויסלאָזען זייערע אַ האַנד פון מיין האַנד. זיי זיינען צופרידען געווען, די אַלטיטשקע, וואָס מיר, בני חוץ לאָרץ, זיינען געקומען געוואָהר ווערען צו זיי און זיי האָבען אונז געגעבען אַ הארציגען קבלת פּנים.

היינט די זקנות, די אידענקעס מיט די ווייסע טשעפּקעלאַך און פאַרטיכער זיינען אויך מלאות חן. מאַנכע פון זיי האָבען אביסעל געבאַלעבאָסטעוועט און מאַנכע זיינען געזעסען אין הויף, זיך געוואָרימט אונטער'ן שעהנעם בלויען הימעל און געשעפּט נחת פון ארץ־ישראל.

איך האָב מיט אַ פּאָר פון זיי פאַרפיהרט אַ שמועס. גע־פרעגט: ווי עס געהט זיי, ווי עס לעבט זיך זיי? און זיי האָבען

געענטפערט: א דאנק זיין ליבען נאָמען, ניט צו פאַרזינדיגען, הלואי ניט ערגער כל זמן עס איז אונז נאָך באַשערט צו לעבען".

איינע האָט דערצעהלט, אַז זי האָט קינדער אין אַמעריקא. אויף דער פראַגע: אויב זי וואָלט געוואָלט פאָהרען צו די קינ־דער? האָט זי געענטפערט: „זאָלען זיי זיך זיין געזונט דאָרטען און מיר דאָ".

ווי הרב פודהורצר האָט מיר איבערגעגעבען, איז דער וועג צווישען צפת און מירון אַמאָל געווען זעהר שלעכט און עס איז געווען שווער צוצוקומען אַהין. דער אַנשטאַלט האָט אויסגעגעבען פיר הונדערט דאָלאַר צו פאַרריכטען דעם וועג און איינער, מר. אָדער ר' ישראל קעניגסבערג, פון ניו יאָרק, האָט מנדב געווען אַכט הונדערט און פופציג דאָלאַר צו מאַכען דעם וועג פאָלקאָם גוט. דער וועג ווערט גערופען אויף זיין נאָמען — „דרך ישראל".

הלואי זאָלען אַ סך אידען געהן אין דעם ר' ישראל'ס דרך.

אָפּגע'פּטור'ט מירון, האָבען מיר זיך אומגעקערט צוריק קיין טבריא און אויף מאָרגען געזעגענען מיר זיך אָפּ מיט טבריא און מיר פאָהרען קיין ירושלים.

מיר האָבען געהאַט אַן אויטאָמאָביל מיט זיבען זיץ־פּלעצער, זעקס „פּאַרשוינען" אויסער דעם שאָופער. די פאַרשוינען זיינען געווען: אַ יונג ווייבעל, אַ יונגער מאַנטשיקעל מיט אַ פּאָר לאַנגע אָבער שמאָלע פאות; אַן עלטערע אידענע, דוקא, אָהן עין הרע, אי אַ לאַנגע, אי אַ ברייטע; אַ מיטעליעהריגער מאַן, און איך מיט מיין פרוי. אונזער לאַנדסמאַן און אונזער לאַנדספרוי זיינען פריהער אוועקגעפאָהרען קיין ירושלים.

איך, מיין צווייטע העלפט און די אידענע, האָבען זיך אוועק־געזעצט אויף די הינטערשטע זיץ־פּלעצער, דער מאַן — אַנטקעגען אונז, און דער יונגערמאַנטשיק מיט די לאַנגע און שמאָלע פאות האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אין פראָנט, נעבען שאָופער. די ווייבעלע, אָדער דאָס ווייבכען, ווי אַ דייטש וואָלט געזאָגט, איז געבליבען שטעהן עפּעס אַזוי ווי פאַר איהר וואָלט קיין פּלאַץ ניט געווען.

„וואָס שטעהסטו?" פרעגט דער אויטאָמאָביל־טרייבער, אַ יונגאַטש, וואָס האָט אויסגעזעהען ווי אַ היימישער שמייסער אָדער

איזוואזשטשיק, — „קריך אריין און לאמיר פאהרען". אבער די אשה'לע ריהרט זיך ניט פון ארט, קוקט עפעס מיט רחמנות־בליקען, אזוי ווי א מענש וואס שטעהט אין א סכנה און בעט הילף אהן ווערטער.

„דו קריכסט אריין, צי ניט?" — בייזערט זיך שוין דער שאופער — „אפשר געהן אונטערהויבען דיר, הא?" און די אידענע טוט מיר א שושקע: „זי וועט ניט זיצען נעבען א פרעמדען מאנסביל". האב איך שוין צוליב איהר, צוליב דער צנועה'דיגער ווייבעלע, געמוזט „אוועקוואַרפען" מיין ווייב און זיך איבערקלייבען געגענאיבער צום מאן. איצט איז שוין כשר געווארען, און די ווייבעלע האט זיך אוועקגעזעצט אין „עזרת נשים", אין איין רייהע מיט מיינער און די לאנגע און ברייטע אידענע, און מען איז אוועקגעפאהרען.

די ווייבעלע, דוקא א שעהנינקע, האט אויסגעזעהן ווי א מיידעלע פון א יאהר פופצעהן, נאר איהר שטרענג פארדעקטער קאפ מיט א טיכעל האט עדות געזאגט, אז זי איז א אשת אשה'לע.

מיין ווייב האט מיט איהר געמאכט א שמועס און די ווייבעלע האט דערצעהלט, אז זי איז שוין א פאר יאהר פאר־הייראט צו דעם יונגענמאנטשיק מיט די לאנגע און שמאלע פאות, וועלכער איז א לערנער און פאהרט קיין ירושלים לערנען.

„ווי אלט זייט איהר?" — האט מיין פרוי איהר א פרעג געטאן.

די ווייבעלע האט זיך גערויטעלט און געענטפערט: „איין און צוואנציג יאהר".

שקר וכזב — טראכט איך ביי זיך — און וואלט געשווארען ביי דער מוטער רחל'ס קבר און ביים כותל המערבי, אז זי איז א סך אינגער, און עס וואונדערט מיך וואס זי איז דער קאנ־טראסט פון אונזערע ווייבלאך. אונזערע ווייבלאך פארלייקענען יאהרען און זי גיט זיך אן א היבשע ביסעל עלטער ווי זי איז!

טאקע טשיקאווע, אן עולם הפוך אין ארץ ישראל! פאר־קערטע יוצרות, ווי מען זאגט.

דער מאן, וואס איז מיט מיר געזעסען זייט ביי זייט, האט

מיט מיר פארפיהרט א שמועס אין העברעאיש. זיין נאָמען האָט ער מיר אָנגעגעבען: א. א. ארצי, מנהל, אָדער פּרינסיפּאַל, פון דער אידישער שולע אין יבנאל. ער האָט מיט מיר גערעדט איבער פארשיידענע ענינים, מיר אָנגעצייגט פארשיידענע פּלעצער, וועלכע מיר זיינען פארבייגעפאָהרען: דאָ איז דאָס, דאָ איז יענעס, און אַלץ אין העברעאיש, אין ספרד׳ישען העברעאיש.

די ווייבער האָבען אפּנים אונז ניט געוואָלט שטערען, האָבען זיי איינגעהאַלטען זייער רעדעוודיגען יצר הרע און געשוויגען.

דער מאַן האָט זיך גראָד אָפּגעקערט אָן א זייט און מיינע האָט מיר שטילערהייט א שושקע געטאָן: „פרעג איהם, אויב ער קען אידיש". איך האָב עס איהם געפרעגט, און ער האָט גע־ענטפערט: „כן, מדבר אָנכי זשארגאָן" — יאָ, איך רייד זשארגאָן, אידיש, הייסט עס. זאָג איך: „לאָמיר אפשר ריידען אידיש כדי די ווייבער זאָלען אויך פארשטעהן?" איז ער מסכים. „מפּני כבוד הנשים" — זאָגט ער „נדבר זשארגאָן".

האָט מען אָנגעהויבען ריידען מאמע־לשון, און די אידענע, וועלכע האָט ביז איצט געשוויגען און איז שוין געווען „אָנגע־פּוישט" אפשר מיט פולע „ניין מאָס", האָט זיך פאנאנדערגע־לאָזט מיט א רעדע מכח ארץ־ישראל.

אז איך זאָג „א רעדע" מיין איך טאקע א רעדע ממש, אַן עכט־ציוניסטישע רעדע, וואָס א ציון־אַגיטאַטאָר האָט געמעגט זאָגען אויף דער בימה.

א געזונד אויף איהר, אָט אויף דער לאַנגער און ברייטער אידענע. אי האָט זי א לשון! מיר דאַכט, אז מיט איהר גלאַטען צונג וואָלט זי די פארביסענסטע „נאָן־זייאָניסטס" געקענט בא־קעהרען צום ציוניזם. אזא כח האָט זי אין זיך, די פרוי.

ווער איז זי, די אידענע? זי איז די מוטער פון אַן ענג־לישען הויכען מיליטער־באאמטען, מיט וועלכען זי וואוינט צוזאַ־מען אין א רייכער רעגירונגס־דירה אין ירושלים, און עס געהט איהר גאַנץ גוט. זי איז אַן אמת־פרומע אידענע. מיר האָבען איהר שפּעטער געטראָפען ביים קבר רחל, ביי דער מערת המכפלה און ביים כותל המערבי, וואו זי האָט געזאָגט תהלים און געלייענט

תחנות. איהר זוהן, דער אָפיציר, האָט זי אונז דערצעהלט, איז אויך אַן עכט־אידישער מענש און אַזוי זיינען איהרע אַנדערע קינדער.

אויפ'ן וועג האָב איך געהאַט אויסצופיהרען אַ שליחות. איך האָב געהאַט צוגעזאָגט מיין פריינד און אַלעמענס פריינד, דעם פּאָלקס־רעדנער צבי הירש מאַסליאַנסקי, אַז איך וועל אָפּגעבען אַ גרוס זיינעם אַ ברודער אין דער נייער קאָלאָניע באַלפוריא, און איך האָב מיין הבטחה מקיים געווען. מיר זיינען עקסטרא צו־געפאָהרען צו דער קאָלאָניע, געזעהן זיך מיט מאַסליאַנסקי'ס ברודער און אַגב ארומגערעדט די לאַגע פון יענעם אידישען מושב, און אַ ביסעל באַקוקט זייער באַלעבאַטישקייט.

מיר פאָהרען פאַרביי די היסטאָרישע שטאָדט שכם. דאָרט זעהען מיר פון איין זייט דעם הר גריזים און פון צווייטען זייט דעם הר עבל — די באַריהמטע בערג פון ברכה וקללה, ווי עס ווערט דערצעהלט אין חומש. אויפ'ן הר גריזים שטעהט דער טעמפּעל אָדער „בית המקדש" פון די שומרונים, וואו זיי זיינען ערב פסח מקריב אַ קרבן פסח. אַראָפּפאָהרען קיין שכם, האָט אונזער שאָופער ניט געוואָלט און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבען אַ געביידע ביים וועג. „דאָ — האָט ער אונז געזאָגט — געהט ארונטער, וועט איהר זעהן יעקב'ס ברונים".

מיר געהען אַרונטער מיט טרעפּ אונטען. ערשט, וואָס איז דאָרט? אַ פּשוט'ער קלויסטער, מיט צלמים און איקאָנעס פון „מוטער און זוהן" און „הייליגע". אין מיטען איז אַ ברונים, אַן אומגעהייער טיפער ברונים. אַ גוי, וואָס איז דאָרט דער שומר, לאָזט ארונטער אַן אָנגעצונדענע ליכט און מען זעהט ווי וויים עס איז ביז'ן וואַסער. דאַן ציהט ער ארויף אַן עמער וואַסער און איז „מכבד" צו טרינקען פיל מען וויל.

דעם אמת זאָגענדיג, בין איך געווען דער איינציגער, וואָס האָט דאָרט אַ ביסעל פאַרוויילט. דער מנהל פון דער שולע איז גאָר ניט ארונטער און די איבעריגע פון אונזער גרופּע האָבען ביים ערשטען בליק אַ שפּיי געטאָן און זיינען אַוועק.

וואָרום טראָגט יענער ברונים דעם נאָמען „יעקב'ס ברונים",

ווייס איך ניט און האָב עס ניט געקענט דערגעהן. זאָל דאָס מיינען יענער ברונים, ביי וועלכען יעקב אָבינו האָט באַגעגענט רחל'ען, אָדער אפשר איז עס איינגאַנצען עפּעס אַן אויסגעטראַכטע זאַך.

דאָרט, ניט זעהר ווייט פון יענעם פּלאַץ, שטעהט אַ מויעריל, אין וועלכען, ווי מען זאָגט, עס געפינט זיך דער קבר פון יוסף הצדיק. אַז יוסף איז נקבר געוואָרען אין שכם, זאָגט די תורה „ואת עצמות יוסף קברו בשכם", און עס איז אָנגענומען אַז דאָרט איז עס דער קבר. דער ממונה אויף דעם, אַזוי ווי אויף פילע אָנגענומענע הייליגע פּלעצער, איז אַן אַראַבער.

האָט די אידענע דוקא געוואָלט באַזוכען דעם קבר פון דעם פּאַרצייטיגען אידישען שני למלך פון מצרים. זי האָט עקסטרא געפיהרט אַ גוטע פלאַש בוימעל פון טבריא צו גיסען אויפ'ן קבר און זי האָט עס געוואָלט דורכפיהרען. האָט אָבער דער שאָופער געזאָגט: „ניין", און עס איז צווישען זיי פאָרגעקומען אַ מחלוקת. ענדליך האָט זי איהם צוגעזאָגט „באַקשיש" און ער האָט איינגעוויליגט אַז זי, אָדער מיר אַלע זאָלען אַהין געהן און ער וועט וואַרטען מיט דער מאַשין ביז מען וועט צוריקקומען.

דער צוגאַנג אַהין איז זעהר זאַמדיג. דאָך זיינען די אַלטע פרוי און די יונגיטשקע פּאָר־פאָלק אַהין אַוועק און צוריקגעקומען צופרידענע.

מיר האָבען פאָרטגעזעצט אונזער רייזע און אין אַ פּאָר שעה ארום זיינען מיר אָנגעקומען אין ירושלים.

21.

גרויס ירושלים. — קורצע, אָבער לאַנגע וועגען. — די איסט בראָדוויי פון ירושלים. — שירי ציון און הוליע קבצן. — איינלאַדונגס־קאַרטען און „פּולער־אין". — מיינע באַזוכער נאַאיווע אידען.

ירושלים איז אַ שטאָדט, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון איינינע שטעטלאך מיט פאַרשידענע נעמען. צורעכענענדיג די פאַרשטעטלאך, וואָס זיינען אין די לעצטע יאָהרען אויסגעבויט

געוואָרען, צעהלען זיי אפשר א פּאָר טוצען און אַלע צוזאמען בילדען זיי גרוים־ירושלים.

מאנכע געגענדען פון שטאָדט, וואָס טראָגען באַזונדערע נעמען, זיינען אָפּגעטיילט מיט געמויערטע ווענט. ווען איהר קענט אריבערפליהען פון איין אָרט אין אנדערען מיט אן עראָ־פּלאַן, איז עס גאָר ניט ווייט; אָבער געהן צופוס אָדער אפילו פאָהרען מיט א דראָזשקע אָדער אָטאָמאָביל, קומט עס שוין אוים ווייט, ווייל איהר שטויסט זיך אָן אויף א וואַנט און איהר מוזט געהן אָדער פאָהרען ארום און ארום, אָפטמאָל א גאַנץ היבשע שטרעקע.

אזעלכע וועגען, וואָס זיינען „קצרות וארוכות“, וואָס זעהען אוים קורץ און זיינען אין אמת׳ען לאַנג, זיינען אין דער צו־וואָרפענער שטאָדט ירושלים דאָ א סך. אויסער די ווענט, וואָס מען באַגעגענט אָפט, דארף מען אמאָל, געהענדיג פון איין טייל שטאָדט אין אן אנדערען, אויסמיידען בערג און טאָלען, און אויב מען געהט פאר א דבר מצוה, קען מען האָבען פיינע שכר הליכה.

דער עיקר ירושלים איז די אַלטע שטאָדט, דאָרט וואו עס איז אמאָל געשטאַנען דער בית המקדש און היינט — די ביסעל נשאר, די כותל המערבי. דאָרט געפינען זיך אויך די קברי מלכי בית דוד און אנדערע הייליגע און וואָכעדיגע אַלטערטהימער.

מיר זיינען פאָרפאָהרען אין האָטעל ווארשאַווסקי, אויף רחוב יפו, אויף יפו׳ער גאַס, וואָס פיהרט גלייך צום שער יפו, ביים מגדל דוד, און פון דאָרט באַלד אין דער אַלטער שטאָדט.

רחוב יפו איז, אזוי צו זאָגען, די איסט בראָדוויי פון ירושלים. אזוי ווי אמאָל איז אין איסט בראָדוויי אין ניו יאָרק געווען דער צענטער פון די אידישע אינטעליגענץ, אזוי איז די יפו גאַס היינט אין ירושלים. איבערהויפּט מערקט זיך עס און מען זעהט עס שבת אָדער יום טוב, ווען די „אינטעליגענטען“, אָדער די מאָדערנע יוגענט, לאָזט זיך ארוים אויף א שפּאַציר.

אין מאה שערים, דער גרעסטער אידישער צענטער אין ירושלים, למשל, נעהמען א שבת׳דיגען שפּאַציר די דאָרטיגע

איינוואוינער. דארט זעהט איהר שטריימעל אידען, אידענעס מיט טשעפּאקעס אדער טיכלאך אויף די קעפּ, יונגע לייט אין לאנגע קאפּאטעס און פּאות ביז די אקסלען, מיידלאך צנועות, וואס שעהמען זיך אדער האבען מורא צו ריידען מיט א בחור. דער דארטיגער אידישער עולם איז באשידען און האט זיך דעם עונג שבת אויף זיין שטייגער. די שבת'דיגע שפּאצירענדע אבער אין יפו גאס זיינען דאס רוב פון אן אנדער קלאס. דארט שפּאצירען די „היינט־וועלטיגע", בחורים ובתולות יחדיו, יונגע לייט אהן פּאות, מיידלאך אהן צעפּ, נאר „געבאבטע", גאר אן אנדער וועלט דארט, גאר אן אנדער מין שבת'דיגע אטמאספערע.

און אזוי ווי אמאל, אין דער ניו יארקער איסט בראדוויי, פלעגט די „אינטעליגענץ" ריידען רוסיש, אזוי הערט מען אין דער איסט בראדוויי פון ירושלים כמעט בלויז העברעאיש. מען רעדט העברעאיש, מען זינגט העברעאישע שירים, מען לאכט און מען שפּאסט אויף העברעאיש און מען שטיפט אויף העברעאיש.

און די לאכער, שפּאסער און שטיפער זיינען מעהרסטענס ניט פון די בני עליה, פון דעם רייכערען קלאס, נאר דוקא ארימע קינדער, חלוצים, חלוצות, אפשר צווישען זיי אזעלכע, וואס האבען געגעסען טשאלענט און קוגעל אין „בית תבשיל הכללי", אין דער אלגעמיינער אדער קהל'שער קיך, אבער זיי מאכען זיך לוסטיג לכבוד שבת, און עס איז — הוליע קבצן.

עס זיינען דא זאכען וואס איך בין מיט די דאזיגע יונגע שבת'דיגע הוליאקעס ניט איינפארשטאנען; אבער פון די שירי ציון, וואס איך פלעג פון זיי הערען אין גאס, בין איך שטארק באגייסטערט געווען. עפּעס אזוי זיס, אזוי אנגענעהם האבען זיי געקלונגען אין מיינע אויערען, אז עס וואלט מיר ניט נמאס געווארען צו הערען זיי טאג און נאכט.

איך בין ניט קיין מוזיק קריטיקער און האב קיין ידיעה אין דער חכמת המוזיקא, איך רייד נאר פון מיין פּערזענליכען געשמאק. איך האב פון די שירי ציון על אדמת ציון געפיהלט

אַ מאָדנעם נחת רוח, אַ מין נשמה באַפרידיגונג, וואָס לאָזט זיך ניט שילדערען.

וואו האָבען זיי עס גענומען אַזעלכע נגונים׳לאַך? ווער האָט עס אויסגעטראַכט אַזעלכע האַניגדיגע מעלאָדיען? זיינען זיי אפשר גלגולים פון די אַמאָליגע שירי ציון, וואָס די לויים פלעגען זינגען און שפּילען? שטאַמען אפשר די שירים, וואָס ווערען איצט געזונגען אין ארץ ישראל, פון יענע שירים וואָס אונזערע שונאים האָבען ביי די נהרי בבל פאַרלאַנגט פון די געפאַנגענע לויים: „שירו לנו משיר ציון“?

סאַי ווי סאַי, האָב איך פון זיי הנאה געהאַט, און דאָס איז געווען אַ טייל פון דעם גייסטיגען פאַרגעניגען וואָס איך האָב גענאָסען אין ארץ ישראל.

אין האָטעל אין ירושלים האָב איך געטראָפען שיפס־ברידער, מיט וועלכע איך האָב זיך צושיידט אין חיפה, איבערהויפּט מיינע טיש־גענאָסען אויף דער שיף, מר. און מרס. מ. י. ראַגאָוו, בכבוד׳ע לייט פון פענסאַנהווירסט.

איך דריק אויס מיין טיפען טרויער, וואָס דערמאָנענדיג איצט דעם מר. ראַגאָוו, מוז איך צולייגען די ווערטער „עליו השלום“. מר. ראַגאָוו, וועלכער איז אין איינינע מאָנאַטען ארום נאָך אונזער צוריקקומען געשטאָרבען, איז געווען מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער און פריינד און איינער פון מיינע פאַר־עהרער, האָט לכתחילה, נאָך מיט וואָכען פריהער איידער איך האָב באַשלאָסען צו מאַכען די רייזע, מיך געוואָלט האָבען אַלס קאָמפּאַניאָן, און מיר האָבען זיך טאַקע זעהר גוט פאַרהאַלטען.

עס איז מיר אָנגענעהם געווען צו זיצען מיט איהם ביי איין טיש און פאַרברענגען צוזאַמען. ער איז אויך געווען צופרידען מיט מיר, און אַלס אַנדענקען פון אונזער פריינדשאַפט אָדער חבר׳שאַפט, האָט דער מר. ראַגאָוו מיר פּרעזענטירט מיט אַ שעהנע מתנה, געקויפט אין דער בצלאל שולע.

אויף מאָרגען נאָך אונזער אָנקומען אין ירושלים, האָט מיר אדון הרלינג, דער אייגענטימער פון האָטעל, איבערגעגעבען אַ פּעקעל בריעף, אַדרעסירט: „אדון וגברת אַגוז“, דאָס מיינט

מען מיך און מיין ווייב. דאָס איז געווען „הזמנות'ן" (איינ־לאַדונגען) צו קומען באַזוכען ירושלים'ער אנשטאַלטען.

אַזוי איז עס איינגעפיהרט אין ירושלים, אַז די אורחים וואָס קומען אַהין, ווערען געבעטען צו געהן אָנקוקען די אינסטיטוציעס, און צי דאָס איז אייך לרצון אָדער ניט, קענט איהר זיך דערפון ניט אויסדרעהען.

אין מיין שטעדטעל, געדענק איך, איז געווען אַ מאָדע, אַז ווען איינער האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט ער מיט אַ שטיקעל צייט פריהער אַרויסגעשיקט „חתונה בילעטען" צו מקורבים. און אויסערדעם פלעגט אין דער טאָג פון דער חתונה געהן דער שטאָדט שמש צו יעדען איינעם פון די איינגעלאַדענע מיט אַ מינדליכע איינלאַדונג: „ר' דער און ר' דער האָט געלאָזט בעטען אויף דער חתונה". אַזוי איז דאָס אויך דאָרט אין ירושלים. צוערשט שיקט מען אַרויס „בילעטען" און נאָכהער קומען שמשים אוןריידען פערזענליך מיט יעדען גאַסט און בעטען און באַוועגען מען זאָל די איינלאַדונג אָננעהמען.

די דאָזיגע, אַזוי צו זאָגען, „פּולער־אין", טויגען זיך צום עסק. זיי לאָזען אייך שוין ניט אָפּ ביז איהר מאַכט מיט זיי אַן „אַפּאָינטמענט", ביז איהר זאָגט זיי צו אויף אַ געוויסע צייט ווען איהר וועט פאַרטיג זיין צו געהן אַהין וואוהין זיי רופען אייך. אויב איהר פוילט זיך צו געהן, אויב עס איז אייך שווער צו געהן, אָדער אויב עס איז טאַקע צו ווייט, פיהרען אייך די דאָזיגע לייט אַוועק מיט אַ דראָזשקע אָדער אַן אויטאָמאָביל, אבי לכו וראו, קומט און זעהט.

און עס איז נישט קיין חידוש. יעדע פאָלקס־אינסטיטוציע וויל אַז מען זאָל זעהן און וויסען וואָס זי טהוט אויף, בפרט די אידישע אינסטיטוציעס אין ארץ ישראל, וואָס זיינען פיעל אָנגעוויזען אויף אַמעריקאַ, אויף די שטיצע פון אַמעריקאַנער אידען, זיינען געווים גערן אַז די אַמעריקאַנער, וואָס קומען אַהין, זאָלען זעהן מיט זייערע אייגענע אויגען וואָס עס ווערט אויפ־געטאָן מיט זייערע סענטען, ניקעלס, דאַימס אָדער דאָלאַרס. דעריבער אַרבייטען זיי אויף אַלע כלים צו פאַראינטערעסירען

די קומענדע טוריסטען וואָס מעהר אין דער זאַך, כדי צו באַקומען מעהר הילף, מעהר שטיצע.

געפינען זיך אפשר מענשען, וואָס אין פלוג געפעלט זיי ניט די דאָזיגע מעטאָדע, און זיי באַטראַכטען עס אלס „פּאָלע־רייסעריי", אַלס שנאָרעריי. אָבער פּאַקטיש איז דאָס ניט אַזוי. מען רייסט ביי קיינעם קיין פּאָלעס, מען שנאָרעט ניט און מען באַלעסטיגט ניט קיינעם: איהר מוזט געבען. מען צייגט אייך סחורה, און ווענען קויפען אָדער ניט קויפען, איז די ברירה ביי אייך.

און געזעהן האָב איך, אַז אפילו אַזעלכע וואָס האָבען זיך געקווענקעלט און האָבען שטאַרק תרעומות געהאַט וואָס מען „באַדערט" זיי מיט אינסטיטושאָנס, האָט זיי אָבער נאָכדעם, ווי זיי האָבען באַזוכט געוויסע אַנשטאַלטען, זעהר הנאה געטאָן. צי זיי זיינען געווען נותנים פון פריהער, צי זיי זיינען געוואָרען נותנים, צי זיי זיינען פּאַרלויפיג ניט געווען און ניט געוואָרען, ווייס איך ניט; אָבער זיי האָבען געהאַט אַ גוט וואָרט צו זאָגען, און דאָס אַליין איז שוין אויך עפּעס ווערטה.

איך האָב באַזוכט אַ היבשע ביסעל אידישע אינסטיטוציעס אין אַלטען ישוב און בין פון אַלע אוועק אַ צופרידענער. שעהנע, זעהר שעהנע און וויכטיגע אינסטיטוציעס פאַרמאָגט ירושלים, און עס איז ווערטה אָנצוקוקען זיי, און טאַקע העלפען און מעהר פאַרזיכערען זייער עקזיסטענץ.

איך וועל זיי אַלע באַשרייבען לויט מיינע אַנזיכטען, לויט די איינדריקע, וואָס זיי האָבען אויף מיר געמאַכט בעת איך האָב זיי געזעהן.

איך, אַלס צייטונגס־מאַן, האָב כמעט קיין באַרוהטע שעה ניט געהאַט אין ירושלים. אויסערדעם וואָס איך האָב, ווי אַלע אַנדערע טוריסטען, געהאַט צו באַזוכען אַלע הייליגע, היסטאָרישע און וויכטיגע פּלעצער אין שטאָדט, און אויסער די איינלאַדונגען אין די אַנשטאַלטען, וואָס איך האָב מיט פאַרגעניגען אָנגענומען, פלעגען כמעט טאָג טעגליך צו מיר קומען אידען מיט פאַרשי־דענע בקשות, אַזוי ווי צו אַ גוטען אידען. אַלע האָבען געוואָלט איך זאָל פאַר זיי אויספיהרען געוויסע זאַכען מיט'ן כח פון

דער פעדער, און איך האָב אַלעמען געמוזט אויסהערען, אפילו אויך „טשייניק האקערס“ — זאָלען זיי מיר מוחל זיין פאר מיין אויסדרוק.

זאָלען זיי געזונט און שטארק זיין. קיין נודניקעס פעהלען אין ארץ ישראל אויך ניט. דערשמעקט אַן אַמעריקאנער אידי־שען צייטונגס־שרייבער, זיינען מאנכע געקומען באַשפּרעכען נוי־טיגע און וויכטיגע פראַגען און פּראָבלעמען, און מאנכע האָבען גערדרעהט אַ ספּאָדעק מיט נארישקייטען, מיט נעכטיגע טעג.

אַ קליינינקייט, אַ מיטארבייטער אין אַן אַמעריקאנער גרוי־סער צייטונג! זיין שטימע, דענקען זיי, הערט זיך מסוף העולם עד סופו און מיט אַ דרעה מיט'ן פעדער קען ער איבערקעהרען וועלטען. האָבען זיי דורך מיר געוואָלט מתקן זיין געוויסע תקנות, וויכטיגע און אומוויכטיגע, מעגליכע און אוממעגליכע.

זיינען, למשל, צו מיר געקומען אָרימע אידען נעבאך, וואָס האָבען קרובים אין אַמעריקא, אין שיקאַגאָ אָדער אין סאַן־פראַנציסקאָ, און פארלאַנגט פון מיר, אַז איך זאָל זיי, די קרובים זייערע, מיט די תקיפות פון מיין צייטונג, מאַכען צו שיקען זיי נדן פאר טעכטער, אָדער עטליכע הונדערטער פאר אַנדערע צוועקען.

און כנהוג בישראל, האָבען זיי מיר אויסדערצעהלט זייערע ביאָגראַפיעס פון אלף ביז תיו און איך האָב אַלעס געמוזט אויסהערען. אַמאָל האָבען זיי מיר מיט זייערע מעשיות אַמוזירט און אַמאָל זיינען זיי געווען איבערדריסיג, אָבער איך האָב אַלץ געמוזט מקבל באהבה זיין.

אָדער קומען צו מיר אַ פּאָר אידען און שילדערען ווי די כותל המערבי איז נעבאך אין גלות, ווי די הייליגע וואַנט איז ארומגערינגעלט מיט אַראַבישע הייזקעס און מיר אידען האָבען אַן ענגען צוטריט צו איהר, און האָבען צו מיר אַ טענה: וואָרום זאָלט איהר זי, די וואַנט, הייסט עס, ניט אויסלייזען פון די אַראַבער? שפּאַס איך און זאָג: „מיינע ליעבע אידען, אַז איך וועל אויסקויפען די וואַנט און די הייזער מיט דעם לאַנד דערביי, האָב איך מורא, וועל איך ניט האָבען אויף הוצאות צו פאָהרען צוריק אַהיים“. געפעלט די אידען מיין המצאה און

זיי לאכען אויך. „מיר מיינען ניט“ — זאָגען זיי — „איהר אליין, מיר מיינען אייער אמעריקא. איהר זייט דאָך א שרייבער אין א גרויסע אידישע צייטונג, שרייבט וועגען דעם, וועלען דאָך דאָס אודאי הונדערט טויזענט אידען לייענען און — מיר וועלען ניט זאָגען קיין סך — ווען יעדער איד וועט געבען איין פונט, איינע פינף דאָלאר, וועט שוין זיין גענוג אויסצולייזען דעם כותל און אפילו אויף אַן התחלה אויף א נייעם בית המקדש“.

און די אידען האָבען גערעדט מיט אַזא נאאיוויטעט, מיט אזא ערנסט, אַז ווען איך האָב דערביי א שמייכעל געטאָן, האָבען זיי אויף מיר געקוקט עפּעס אזוי ווי אויף א גזלן, ווי איינער רעדט: „איהר זייט מעכב די גאולה. די זאך ליגט אין אייערע הענט, נאָר איהר ווילט עס ניט דורכפיהרען“.

טהו איך די נאאיווע אידען צוליב און איך שרייב וועגען דעם, און איך זאָג, אַז אויסלייזען אָדער אויסקויפען די הייליגע וואנט פון די אראבער איז געוויס זעהר א וויכטיגער ענין, א דבר גדול, וואָס אידען דארפען זיך סטארען דורכצופיהרען. ויהי רצון, אַז עס זאָל זיין פון מיין פעדער אין די אויערען פון מיינע הונדערט טויזענט לעזער, און דער וואָס אין הימעל זאָל שטארקען זייערע הערצער און זיי זאָלען אלע מנדב זיין, לכל הפּחות, צו פינפערלאך פאר דעם הייליגען צוועק, ובא להכותל ולציון גואל.

איך האָב אויך געהאט באזוכער, וואָס האָבען אויפגעבראכט אנדערע וויכטיגע פראגען אין די אינטערעסען פון ארץ ישראל. די פראגע, למשל, פון א באנק, וואָס זאָל באָרגען געלד אויף מעסיגע פּראָצענטען. וועגען דעם האָבען א פּאָר אידען מיט מיר גערעדט מעהרערע מאָל. די אידען האָבען מיר דערצעהלט — און דאָס איז טאקע זעהר אמת — אַז די הויכע פּראָצענטען, וואָס מען מוז צאָהלען אין ארץ ישראל, איז אַן אומגליק, א דלות. דאָס שטערט די אנטוויקלונג פון מסחר, אינדוסטריע און דעם בנין הארץ בכלל. עס איז שווער עפּעס צו טהאָן, פאר־נעהמען זיך מיט עפּעס, מחמת די פּראָצענטען פרעסען אויף די קרן׳ס. בויט איינער א הויז, פארבלייבט ער שטעהן אין מיטען, און האָט ער שוין די הויז פארטיג, קען זי זיך איהם ניט

באצאהלען צוליב די הויכע פראצענטען אויף די מארטגיידזשעס, און אזוי איז אלעס.

אבער אויך די אייגענע מעשה: יענע אידען איבערשאצען אויך די קראפט פון א צייטונגס־שרייבער. זיי מיינען, אז מיין שרייבען אדער אן אנדערענ׳ס שרייבען קען שוין באלד ברייגנען די ישועה. ווען מיר, די שרייבער משפחה, וואלטען געהאט אזא מאכט; ווען די פעדער וואלט ווירקליך געווען, ווי די וועלט זאגט, שטארקער פון שווערד, וואלט פון אונזער צד קיין מניעה ניט געווען און מיר וואלטען אלעס געטאן לטובתנו ולטובת הכלל. אבער אזוי ווי פאקטיש איז עס ניט קיין כלל, פארבלייבט אונז צו ווארטען און האפען, אז אלעס וועט גוט זיין.

דער ערשטער טאג פון אונזער זיין אין ירושלים איז געווען ערב ראש חודש ניסן, און אזוי ווי מען האט אונז געזאגט אז אין דעם טאג געהט מען אממעהרסטען צום קבר רחל און צו דער מערת המכפלה, האב איך אויף יענעם טאג קיינע איינלאדונגען ניט אנגענומען און איך מיט מיין פרוי מיט נאך א פאר אמע־ריקאנער האבען געדונגען אן אויטאמאביל, וואס זאל אונז פיהרען צו דער מוטער רחל׳ס קבר און פון דארט קיין חברון.

22

בייַ דער מוטער רחל׳ס קבר. — פראצענט אויף „רחל מבכה על בניה”. — חלוצים אויפ׳ן גיים־טיגען געביט. — א פאבריק צו שאפען אידען. — בייַ דער מערת המכפלה. — א פראטעסט פון יצחק און רבקה. — אברהם אבינו׳ס שוהל.

דער קבר רחל איז ניט זעהר ווייט פון ירושלים. א גוטער פוס־געהער קען אהין קומען אין א שטונדע אדער דריי־פערטעל שטונדע צייט.

געהען טאקע אהין א סך מענשען צו־פוס. פאר איין וועגס ווילען זיי שוין אויך האבען שכר הליכה.

מיר האבען, פאהרענדיג אהין, באגעגענט אידען און אידענעס,

יונגע לייט און ווייבלאך, וואָס האָבען עולה לרגל געווען צום הים־טאַרישען קבר מיט תהלים׳לאך אָדער תחנות אָדער ספּעציעלע ספרים׳לאך, וואָס זיי האָבען דאָרט, מיט ספּעציעלע תפלות צו זאָגען ביים קבר. גאַנצע קאַראַוואַנען פוס־געהער האָבען זיך אַהין געצויגען, אויסער די וואָס זיינען געפאָהרען מיט אויטאָמאָבילען און אָמניבוסען.

מיר פאָהרען דורך די דייטשע רייכע קאָלאָניע ביי ירושלים. זעהר א שעהנער שטיקעל ישוב. זיי האָבען א גוטען געשמאַק, די דייטשען, און קענען איינאָרדנען א זאך געשמאַקפול. די דייטשע קאָלאָניע, זעהט מען, איז געבויט געוואָרען מיט א ברייטע האַנד און עס איז ניט געשפּאָרט געוואָרען קיין געלד צו מאַכען איהר שעהן בתכלית השעהנקייט. מיט גענוג געלד, וואָלטען אידען אפשר אויך געקענט באַווייזען אזא קונץ.

אונזער אויטאָמאָביל פאָהרט פאַרביי די „ברכת שלמה", א לעיק אָדער אַן אָזערע, וואָס שטאַמט נאָך פון שלמה המלך׳ס צייטען. ער, שלמה המלך, האָט די „ברכה" געגראָבען און איינ־געריכטעט, און פון איהר ציהט זיך איצט די וואַסער־לייטונג אין ירושלים.

אָבער בלויז א קליינער טייל פון ירושלים באַנוצט זיך מיט די וואַסער־לייטונג. אין אַלטען ישוב און אויך טיילווייז אין נייעם ישוב געברויכט מען רעגען־וואַסער פון „בורות", גריבער אָדער ברונימס, וואָס זיי האָבען אין די הויפען. די „בורות" זיינען פּשוט׳ע טיפע גריבער, אינוועניג אויסגעצעמענטעוועט און אין די „ימי הגשמים", אין די עטליכע וואָכען ווינטערצייט, ווען עס רעגענט אין ארץ ישראל, קומט אַהין אריין די רעגען־וואַסער פון די דעכער, און דאָס האָבען זיי אויף א גאַנץ יאָהר ביז עס קומען פרישע רעגענס און פילען צוריק אָן די גריבער. די „בורות" זיינען אויבען צוגעדעקט און מען באַקומט די וואַסער מיט א פּאָמפּ.

אויסער דעם פאַרקויפט מען אין ירושלים וואַסער. אין דער אַלטער שטאָדט זעהט מען נאָך אַראַבער וואָס טראָגען וואַ־סער, צום פאַרקויפען, אין „לאָגלען", זעק אַזעלכע געמאַכט פון פעל. אונזערען א מענשען כאַפּט אָן אן עקעל צו קוקען אויף די

דאָזיגע וואַסער־כלים, וועלכע זיינען אויסוועניג ניט איבעריג ציכ־טיג; אָבער ביי זיי איז דאָס אַ גאַנץ געוועהנליכע זאַך און מען געברויכט די וואַסער.

מיר קומען צו נעהנטער צום קבר רחל און מיר הערען פון דער ווייטענס הערצרייסענדע קולות, וועה־געשרייען, וואָס קומען ארויס פון דער געביידע. וואָס נעהנטער מיר קומען צום פּלאַץ, אַלץ ווערען די קולות שטאַרקער און פירכטערליכער. איבער־הויפּט לאָזען זיך הערען די ווייבער, וועלכע יאָמערען דאָרט ביים לייענען תחנות אָדער בעטענדיג ביי דער מוטער רחל פאַרשיידענע בקשות אויסוועניג.

ווען מיר זיינען אהין געקומען, איז די געביידע, וואו דער קבר געפינט זיך, געווען איבערפילט, ממש ניט אריינצושפּאַרען זיך, און פון די בכיות און יללות האָט מען פשוט געקענט פאַר־טויבט ווערען, און ווער? טאַקע נאָר די נשים, זאָלען געזונד און שטאַרק זיין. עס זיינען דאָרט געווען אַ סך מאַנסבילען אויך, אָבער זיי האָט מען ווענינ־וואָס געהערט, כאָטש די מעהרסטע פון זיי זיינען אויך ניט געשטאַנען לעדיג. זיי האָבען געזאָגט תהלים אָדער תפלות, אָבער שטיל, געלאַסען, ווי אַ קינד דאַרף רעדען צו אַ מאַמע.

האָט איין אידענע געשריען „מאַמעלע”, קלינגט מיר נאָך איצט איהר קול אין די אויערען. זי האָט דאָס וואָרט „מאַמעלע” איבערגע׳חזר׳ט אפשר הונדערט מאָל און האָט איבערגעשריען אַלע אַנדערע ווייבער.

אפנים אז איין חנה, די מוטער פון שמואל הנביא, איז געווען אַן אויסנאַהם און האָט תפלה געטאָן שטילערהייד, ווי עס ווערט דערצעהלט אין שמואל א׳: „רק שפתיה נעות”, בלויז איהרע ליפּען האָבען זיך באַוועגט, אָבער איהר קול איז ניט גע־הערט געוואָרען.

אפילו אונזער מוטער רחל, ע״ה, אַליין איז אויך געווען אַ וויינערקע, „רחל מבכה על בניה”, רחל וויינט איפ׳ן אונגליק פון איהרע קינדער, דערצעהלט אונז ירמיהו הנביא. דערפאַר

וויינען איצט אָפּ איהרע קינדער, איבערהויפּט די טעכטער, אויף איהר קבר מיט פּראָצענט...

די סצענע דאָרט איז זעהר אַן איינדרוקספּאָלע און אַ ריהר־רענדע. אויב איהר זייט בטבע ניט קיין בעל בכי, מוזט איהר פאַרלירען אַ טרער, ווען איהר זייט דאָרט און איהר הערט מיט אייערע אויגען וואָס דאָרט קומט פאָר.

אחוץ די תפלות און תחנות, וואָס מען זאָגט ביים קבר, איז מען זיך אויך נוהג אָנצוצינדען אַ לעמפּעל פאַר דער הייליגער נשמה פון דער גוטער מוטער רחל. פאַר דעם צוועק איז דאָרט דאָ אַ גרויסער ראָד מיט לעמפּעלאך און יעדער, ווער עס וויל, צינדט אָן אַ לעמפּעל, און דער שמש מאַכט אַ „מי שברך" מיט אַ „בעבור שנדר". דאָס געלד געהט אויף בוימעל, אויף בדק הבית און אויף אויפהאַלטען די געביידע בכלל.

ווער עס וויל, קריגט דאָרט אַ זעקעלע ארץ ישראל ערד, מיט אַן אויפשריפט אויף יעדען זעקעלע: הייליגע ארץ ישראל ערד פון דער מוטער רחל'ס קבר".

מיר פאַרווייל'ען אַ שטיקעל צייט ביים קבר רחל און מיר פאָהרען ווייטער, קיין חברון.

מיר קומען צו דער אור־אַלטער שטאָדט און איידער מיר פאָהרען נאָך רעכט אריין אין דער ערשטער גאַס, דערגרייכען מיינע אויערען קלאַנגען פון אַלט־באַקאַנטע קולות און טענער פון פאַרשיידענע שטימען, באַסאָווע, טענאָרען און סאָפּראַנאָס. אַ מין כאָר, אָבער ניט פון יאָמער־געשרייען, אַזוי ווי ביי רחל'ס קבר, נאָר פון אַן אַנדער מין.

וואו האָב איך עס געהערט אַזעלכע קולות? יאַ, איך האָב זיי געהערט אמאָל אין דער אַלטער היים אין ישיבות אָדער פון ישיבה־בחורים, וואָס זיינען געזעסען אין בית המדרש און געלע־רענט. און עס דערוועקט זיך אין מיר אַלטע זכרונות, זכרונות פון מיין יוגענד, ווען איך אַליין בין געווען אַ ישיבה־בחור און האָב אויך געזונגען אין אַזאַ כאָר.

און ווירקליך זיינען טאַקע די קולות געקומען פון דער ישיבת כנסת ישראל, וואָס איז אַ צווייג פון דער סלאָבאָדקער ישיבה,

וואָס איז נאָך דער מלחמה איבערגעטראָגען געוואָרען קיין חברון.

אונזער ערשטער אָפּשטעל איז געווען ביי דער ישיבה. מיר זיינען איינגעלאַדען געוואָרען אינוועניג און מיר האָט זיך ממש ניט געוואָלט פאַרלאָזען דעם פּלאַץ. איך האָב אָן אמת'ן נחת־רוח געהאַט צו זעהן און צו הערען ווי יונגע לייט שטעהען ביי סטענדערס און לערנען מיט אַלע פּישטשעווקעס און קליפּערלאַך און קנייטשעלאַך אַזוי ווי אַמאָל אין די ישיבות אין דער אַלטער היים.

איך האָב שוין פריהער געזעהן אַ ישיבה אין טבריא, אָבער יענע איז אין אַ קלענערען מאַסשטאַב און די ישיבה־לייט דאָרט זיינען פון אַן אַנדער סאָרט. עפּעס ניט אַזוי לעבעדיג, ניט אַזוי פריש און מונטער ווי די וואָס לערנען אין חברון. אויף די ישיבה־לייט פון טבריא ליגט דער שטעמפּעל פון „וחיי צער תחיה", און אויף די חברונ'ער זעהט איהר עס ניט, כאָטש עס איז ניט אויס־געשלאָסען אַז צווישען זיי זיינען אויך דאָ אַזעלכע וואָס לעבען אַ „חיי צער", ווייל דער אַנשטאַלט איז ניט רייך גענוג צו שאַפען פאַר אַלעמען אַ רחבות'דיגען לעבען; אָבער איהר דערקענט עס ניט אויף די בחורים. ווען איהר קוקט זיי אָן, זיינען זיי כמעט אַלע וואויילע יונגען, מונטערע, שטאַלצע, מיט שטראַהלענדע פּנים'ער, אַ סאָרט חלוצים, אָבער ניט אויפ'ן מאַטעריעלען געביט, נאָר אויפ'ן גייסטיגען.

און איהר מוזט זיי ליב באַקומען, אַט די דאָזיגע חלוצים, און שעפּען פאַרגעניגען פון זיי, ווייל זיי זיינען די בויער פון גייסטיגען אידענטום אין ארץ־ישראל.

זעהר ריכטיג האָט זיך אויסגעדריקט דער גאון הרב ר' משה מרדכי עפּשטיין, דער ראש ומנהל פון דער ישיבה: „אַלע אידישע אַנשטאַלטען זיינען פאַר אידען און די ישיבה איז אַ פאַבריק צו שאַפען אידען".

מיר טרעפען דאָרט ביי אַ הונדערט און פופציג בחורים, צווישען זיי אַנדערהאַלבען מנינים אַמעריקאַנער. מאַנכע פון זיי נאָך גאָר יונגע קינדער, אָבער קינדער מיט קעפּ און מיט פעהיג־קייטען. צווישען די ישיבה־לייט זיינען דאָ ניט בלויז לומדים,

נאָר אויך מופלגים און חריפים. אויף דעם זאָגט עדות הרב הגאון עפשטיין, און מען קען זיך אויף איהם פארלאָזען.

עס פארשטעהט זיך, אז אויסהאַלטען אָט די „פאבריקעל" פון תורה איז פארבונדען מיט גרויסע הוצאות און אַמעריקאַנער אידען גיבען איהר תמיכה, אָבער ניט גענוג צו דעקען אַלע הוצאות און אויף מאכען וועלכע עס איז „אימפּרואוומענטס" — אודאי ניט.

דערמאָנט מען דאָרט, אין חברון, צו גוטען די נעמען פון די הערען: הערי שיף, סעמיועל קויפמאַן, מאָריס שטערן, א. סאָלאָ־מאָן, בענדזשאמין שאפּיראָ, א. מארקוסאָן, דזשייקאָב וויינשטיין, איזראַעל מערסלאַווסקי, סעמיועל בערנשטיין, וועלכע בילדען אין ניו יאָרק א קאָמיטע צו שטיצען די ישיבה. מען האָט מיר איבער־געגעבען, אז די דאָזיגע נאָבעלע מענשען מיט דער הילף פון נאָך מוקירי תורה טוען אויף פאר'ן לעהר־אנשטאלט זעהר פיל; אָבער „אין הקומץ משביע את הארי" און די ישיבה שטעהט נאָך ניט אויף א ריכטיגען פעסטען באָדען. זי איז אין דירה ביי אַן אַראַ־בער, און האָט נאָך אזוי אויך דעפיציטען.

הרב עפשטיין האָט מיר געזאָגט, אז ער האָט אמונה אין אַמעריקאַנער אידען און ער האָפט אז מיט זייער הילף וועט די ישיבה כנסת ישראל שיינען און וועט זיין לשם ולתפארת ניט בלויז פאר די אידען פון ארץ ישראל, נאָר פאר דער גאנצער אידישער וועלט.

צו מיין גרויסען צער און דעם צער פון אַלע אידען, זיינען א פּאָר מנינים פון יענע גייסטיגע חלוצים אומגעקומען דורך די הענט פון ברוטאַלע אראבער אין חודש אב, תרפ"ט, קנאַפּע אַנדערטהאַלבען יאָהר נאָכדעם ווי איך האָב זיי געזעהן לערנענדיג מיט התמדה ביי זייערע סטענדערס. זאָל גאָט טרייסטען די אַלע וואָס טרויערען נאָך זיי.

מיר פארלאָזען די ישיבה און מיר לאָזען זיך צו דער מערת המכפלה, אויך א פּלאַץ וואו אידישע קינדער, די בני אברהם, יצחק ויעקב, קומען אויסגיסען זייערע ביטערע הערצער, אַם מעהר־סטען ערב ראש חודש, א טאָג וואָס איז אָנגענומען אַלס יום־כפור קטן.

די מערת המכפלה איז א גאנץ הויכע געביידע מיט טורעמס אויבען אויפ'ן דאך. אום אריינצוקומען אין הייל, דארף מען ארויפגעהן מיט טרעפ גאנץ הויך. די טרעפ, זיינען צווישען צוויי ווענד. הינטער איין וואנד, איז אנגענומען, זיינען די קברים פון די פיר הייליגע פארלאך: אדם וחוה, אברהם ושרה, יצחק ורבקה, יעקב ולאה, און די וואנד געגענאיבער איז סתם א וואנד. צייגט אונז אן אונזער פיהרער אויף איין טורעם אין דער הויך, פון וועל־כען עס פעהלט א שטיק. דא, זאגט ער, איז אונטען דער קבר פון יצחק ורבקה. איז דער טורעם מיט יאהרען צוריק איינגעפאלען. האט מען עס שוין איינינע מאל פאררירכט, ארויפגעמויערט דאס איינגעפאלענע; אבער עס פאלט צוריק איין, ווייל זיי, דער טאטע יצחק און די מאמע רבקה, ווילען דאס ניט האבען. פאר וואס זיי ווילען דאס ניט, קען ער ניט וויסען, און איך — אודאי ניט.

אפשר דריקען זיי דערמיט אויס א פראטעסט, וואס זייערע הייליגע רוה־פלעצער זיינען אין די הענד פון אראבער.

עס זיינען דא אפשר עטליכע צעהנדליג טרעפ ארויפצוקומען צום אריינגאנג אין דער מערה, אבער אידען איז נאר ערלויבט ארויפצוקומען זעקס אדער זיבען טרעפ. איז דארט דא אויפ'ן וואנד א צייכען מיט בלויע פארב, וואס עס מיינט: „עד פה תבא", נאר ביז אהער קענסטו, איד, קומען און ניט ווייטער. און עס שטעהען אראבישע „שמשים", וואס גיבען אכטונג אז א אידיש קינד זאל זיך ניט אריבערכאפען די גרעניץ. זיי, די אראבער, געהען פראנק און פריי אזוי ווייט ווי זיי ווילען, אינ־וועניג אין דער מערה אויך, און אידען טארען ניט.

עס איז געוועזען פאר אונזער אפפאהרען פון ארץ ישראל, ווען די אראבער, האט מען געזאגט, האבען ארונטערגענומען דעם „חרם" און האבען אנגעהויבען אריינלאזען אידען אין דער מערת המכפלה פאר א געוויסע געצאלט, אבער בעת מיר זיינען דארט געוועזען איז עס געוועזען שטרענג און דער גרויסער אידישער עולם, וואס איז דארט געוועזען פארזאמעלט, האט זיך געמוזט דריקען אין דעם שטיקעל באשרענקטען פלאץ.

אין דער וואנד, ביי וועלכע מען איז מתפלל, זיינען פאראן שפאלטען, אין וועלכע מעןווארפט אריין קוויטלאך מיט בקשות. שפארען זיך פרויען צו שטעהן דוקא ביי אן עפענונג און מען שטויסט זיך און מען שטופט זיך און עס איז א געדרענג און די קולות פון די תחנות־לייענער און תהלים־זאגער דערגרייכען עד לב השמים.

און דערזעהען די אראבישע וועכטער א פרעמדען מענשען, איבערהויפט אן אמעריקאנער, רייסען זיי די פאלעס, גיב זיי „באקשיש״. אזוי ווי ווילדע חיות באפאלען זיי אייך. קומט איינער און זאגט אז ער איז דער „שמש״, קומט אן אנדערער און טענה'ט אז ער איז דאס און עס ברעכט צווישען זיי אויס א מחלוקת, און זיי לאזען אייך ניט אפ, און צי איהר ווילט, צי איהר ווילט ניט, מוזט איהר זיי „פארשטעכען די הענט״.

רבונו של עולם, וואס האבען זיי צו אונז? דאכט זיך אז אונזער זיידע אברהם האט געקויפט די מערת המכפלה פאר מזומן געלד, האט באצאהלט דעם פולען פרייז, אהן שום מארטגיידזשעס, באלאנגט דאך דאס צו אונז, זיינע יורשים. איז לא די, וואס די אראבער לאזען אונז ניט צו צו אונזער ירושה, איז גיב זיי נאך געלד! אבער גיי טענה זיך אויס מיט זיי, אז איך בין א שטומער צונג און קען קיין אראביש ניט ריידען!

פון דער מערת המכפלה פיהרט מען אונז אין „אברהם אבינו'ס שוהל״. דאס איז א שוהל א פאר הונדערט יאהר אלט, וואס באלאנגט צו פרענקישע אידען. די שוהל רופט זיך „אברהם אבינו'ס שוהל״ צוליב א מעשה אדער א לעגענדע, וואס מען דערצעהלט.

מען דערצעהלט אז אמאל איז געווען א גירוש אויף אידען אין חברון. דערצו האט נאך אויסגעבראכען א מגפה און א סך אידען זיינען אויסגעשטארבען. זיינען פארבליבען בלויז ניין אידען, און דא איז אנגעקומען יום כפור און עס איז ניט געבליבען קיין מנין צום דאווגען. האבען זיך די אידען זעהר מצער געווען. האט גאט צוגעזעהען זייער צער און פונקט צו כל נדרי איז געקומען

אַן אורח אַן אַלטער מאַן, וועלכען זיי האָבען מצרף געווען צום מנין. דער אורח איז דאָרט אָפּגעווען ביז נאָך יום כפּור און איז פאַרשוואונדען געוואָרען. מען האָט זיך נאַכהער דערוואוסט, אַז דער אורח איז געווען ניט קיין אַנדערער ווי אברהם אָבינו, און דעריבער האָט מען די שוהל אַ נאָמען געגעבען אויף זיין נאָמען.

עס איז ווערט צו דערמאָנען, אַז אין ירושלים, אין דער אַלטער שטאָדט, איז דאָ אַ שוהל וועלכע מען רופט „אליהו הנביא'ס שוהל", אויך צוליב דעם, ווייל מען דערצעהלט יאַקבי, אַז עס האָט דאָרט אויסגעפעהלט צו אַ מנין און אליהו הנביא, פאַר־שטעלט אַלס אַ וואַנדערער, איז געקומען און פאַרפילט דעם מנין.

די גרויסע שוהל אין אַלעקסאַנדריא, עגיפּטען, רופט מען „ר' מאיר בעל הנס שוהל", אַלס צוליב דעם זעלבען טעם.

מיר מאַכען אַ שפּאַציר איבער אַלט חברון, וואָס איז אפשר דער שמוציגסטער און העסליכסטער פּונקט אין גאַנץ ארץ ישראל. דאָרט איז נאָך ערגער ווי אין אַראַבישען קוואַרטאַל אין אַלזשיר, וואָס איך האָב אמאָל באַשריבען. דאָרט, אין אַלזשיר, איז מען לכל הפּחות אונטער דעם פרייען הימעל און וואו די אַלטע אַראַ־בישע תושבים אין חברון וואוינען דאַרף מען געהן אונטער גע־מויערטע נידעריגע סופיטען און מען מוז פון צייט צו צייט איינ־בויגען דעם קאָפּ, מען זאָל זיך ניט אָנשטויסען מיט דעם שטערען אָדער מיט דער נאָז אָן די האַרטע שטיינער.

מיר פאָהרען צו צום „אשל אברהם", צום בוים, וואָס מען זאָגט, אַז ער איז געפלאַנצט פון אברהם אָבינו, ווי עס ווערט דערצעהלט אין דער תורה: „ויטע אברהם אשל בבאר שבע". מען קען אָבער אַהין ניט צוקומען איבער אַ וואַנד וואָס איז דאָרט איינגעפאַלען בעת דער ערד־ציטערניש, מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק, און מיר קעהרען זיך אום צוריק קיין ירושלים.

23.

א שפאַציר אין דער אַלטער שטאָדט.—די אַמאָ־ליגע כלילת יופי, וואָס איז פאַרקירפּעלט.— די חורבה שוהל. — די ישיבת עץ חיים. — יוסף הצדיק און פּוטיפר'ס ווייב. — אין בקור חולים האָספּיטאַל.

מיר האָבען געהאַט צו ערפילען אַ צוזאָג צו אונזער שכנה, הרבנית טייטעלבאום, צו זעהן אין ירושלים איהרע עלטערען און אָפּגעבען זיי אַ ריכטיגען גרוס. מיר האָבען דאָס ניט געוואָלט אָפּלייגען און אויף'ן צווייטען טאָג נאָך אונזער קומען קיין ירושלים, האָבען מיר, איך און מיין פרוי, זיך געלאָזט געהן צו דער אידישער גאַס אין דער אַלטער שטאָדט, וואו די מאַנ־דעלבוים'ס, די שווער און שוויגער פון הרב טייטעלבוים, האַלטען אַ געשעפט.

ר' שמחה מאַנדעלבאום איז איינער פון די חשוב'סטע און אָנגעזעהענסטע אידען אין ירושלים, און אפילו ניט וויסענדיג קיין געגויעם אַדרעס, קען מען זיך צו איהם דערפרעגען. מען האָט אונז געזאָגט ווי אַזוי מיר זאָלען געהן צו דער אַלטער שטאָדט און דאָרט וועלען מיר עס שוין לייכט אויסגעפינען.

מיר געהען דורך דעם שער יפו און מיר קומען אריין אין דער ערשטער געסעל פון אַלט-ירושלים.

איך זאָג „געסעל", מחמת מען קען עס ניט אָנרופען גאַס, כאָטש עס שווייבעלט דאָרט און עס גריבעלט, אַזוי ווי אין אַ גרויסען געשעפט-צענטער. די געסעל איז, אמת, לאַנג, אָבער שמאָל. קיינע טראָטוארען זיינען ניטאָ. אויףביידע זייטען קרעמלאַך און סטענדס, אָדער לאָדענס, וואו מען פאַרקויפט פאַרשידענע סחורות, און דער אינמיטען איז פאַרנומען מיט פוס-געהער, אַראַבער, אַראַבערקעס און אויך אידען. פאָהרען דאָרט מיט אַ וואָגען אָדער אַן אויטאָמאָביל, קען מען ניט, סיידען רייטען אויף אַן עזעל, און דאָס איז אויך ניט אַזוי לייכט, ווייל עס איז דורכאויס טרעפּ, און ניט קיין גלאַטע טרעפּ.

כמעט גאַנץ אַלט־ירושלים באַשטעהט פון אַזעלכע געסלאַך, איינע העכער איבער די אַנדערע. איהר געהט מיט אַ געסעל אַלץ נידעריגער און נידעריגער און איהר מיינט אַז איהר וועט אַזוי קומען צום שאול תחתיה ר"ל, און פּלוצלונג דאַרפט איהר זיך פאַרקירעווען אין אַן אַנדער געסעל און איהר האָט שוין צו קלעטערן מיט טרעפּ אַרויף. אַזוי איז דאָס ווען מען געהט צום כותל המערבי און אין אַנדערע פּונקטען פון דער אַלטער שטאָדט.

מען קען ניט אָפּמעלדען גענוי ווי דאָס איז. אָבער פאַר איינעם, וואָס איז ניט געוואוינט צו געהן אַזעלכע „דרכים", קומט עס אָן זעהר שווער.

לאָזען מיר אַרונטער פּיס און מיר הויבען פּיס און מיר ווערען פאַרמאַטערט. אגב איז נאָך גראַד געווען אַ הייסע טאָג. אפילו אין ארץ ישראל'דיגע טרוקענע היץ, אָבער פּאַרט היים.

אין מיטען דערינען קומט נאָך אָן אַן אַראַבער מיט אַן עזעל אָנגעלאָדען מיט משא. אַן עזעל שלעפּט אויף זיין רוקען קאַסטענס סחורה, שטיינער, ציגעל, זעקלאַך צעמענט, וואָס אַ פּאָר פערד וואָלטען אפשר ניט געקענט שלעפּען. אַ מאָדנע האָרעפּאַשנע חיה איז דער עזעל. דאַכט זיך קליינגעוויקסיג און כח האָט עס אָהן אַ שיעור. מוז מען פאַר דעם חמור, פאַר דעם עזעל־קאָפּ אָפּטרעטען דעם וועג. דריקט מען זיך צוזאַמען אַזוי ווי קנוילען ביז דער וועג ווערט פריי און מען קען ווייטער געהן.

מיר ווייסען, אַז ירושלים, טאַקע די אַלט־ירושלים, אונזער אַמאָליגע מלוכה־שטאָדט, איז געווען אַ „כלילת יופי", אַ וואונ־דער־שעהנע שטאָדט; אַ שטאָדט פול מיט פּראַכט און גלאַנץ. איצט אָבער זיינען גאָר ווייניג שפּורען פאַראַן פון איהר פאַר־צייטיגער שעהנקייט. זי האָט זייט דעם חורבן פאַרלאָרען איהר אָריגינעלען חן, פרעמדע פעלקער האָבען איהר — ווי אַן אַמע־ריקאַנער איד האָט זיך אויסגעדריקט — צופּאַטשקעט. אַזוי געשמאַקלאָז אויסגעלייגט און געבויט, אַז עס צופּט ממש ביים האַרצען קוקענדיג.

אָבער די ליעבע צו ירושלים, וואָס איז איינגעוואָרצעלט

אין אַ אידיש האַרץ, ווערט צוליב דעם ניט אָפּגעשוואַכט. אַ שעהן קינד, וואָס ווערט חלילה פאַרקריפּעלט, איז אַלץ ביי די עלטערען ליעב און טייער. פאַרקעהרט, די ליעבע איז נאָך אפשר שטאַרקער, ווען זי איז אויסגעמישט מיט אַ געפיהל פון באַדויערען און רחמנות. און אָט דיביידע געפיהלען באַהערשען אייך, ווען איהר באַזוכט די אַלטע שטאָדט. איהר פיהלט בעת מעשה אַזוי ווי איינער וואָס זעהט זיין געראָטען קינד, וואָס האָט דורך אַ סבה פאַרלאָרען זיין שעהן פּנים און באַקומען אַ העסליכען אויסזעהען.

אַזוי אויך פיהלט אַ איד מיט אַ אידיש האַרץ, ווען ער באַזוכט די הייליגע און היסטאָרישע פּלעצער אין ירושלים, וואָס זיינען אין די הענט פון אַראַבער. די דאָזיגע פּלעצער זיינען איהם איינגעבאַקען אין האַרצען, אפשר נאָך מעהר צוליב דעם, וואָס זיי זיינען אין פרעמדע הענט. דאָס קען מען פאַר־גלייכען, למשל, צו איינעם וואָס זעהט זיין ליעב קינד אין די הענט פון „קידנעפּערס“, און ער קען עס ניט אויסלייזען...

איך הויב זיך אָן נאָכפרעגען ווי אַזוי מען קומט אין דער אידישער גאַס. טרעף איך אָן אַ אידען, דוקא אַ באַקאַנטען אידען, זעהר אַ בכבוד'ער מענש, וואָס איז פאַרבונדען מיט דער ישיבת עץ חיים, און איז שוין געווען ביי אונז אין האָטעל איינ־לאַדען אונז צו קומען זעהן דעם אַנשטאַלט.

„איהר געהט צו אונז?“ פרעגט ער.

זאָג איך: „מיר ווילען צו אייך אויך קומען. נאָר איצט געהען מיר צו ר' שמחה מאַנדעלבאום אין דער אידישער גאַס“.

זאָגט ער: „קומט, איך וועל אייך צופיהרען גלייך אין זיין געשעפט, נאָר פריהער ווילען מיר אריינגעהן אין „דער ישיבה אָט דאָ באַלד“.

אויך גוט. ווילען מיר שוין, הייסט עס, פאַר איין וועג אָפּטאָן צוויי זאַכען, און אגב האָבען אַ געלעגענהייט אויסצורוהען אַביסעל אונזערע מיעדע פיס.

געהען מיר מיט אונזער מנהיג און מיר קומען באַלד צו אַ גרויסע פראַכטפולע געביידע מיט אַן אונגעהויער הויכען קופּאָל, אַ בנין מפואר, וואָס האָט צווישען די אָרומיגע געביי־

דעם אין מיינע אויגען אויסגעזעהען כשושנה בין החוחים, ווי א בלום צווישען דערנער — אויב מען מעג זיך אזוי אויס־דריקען. „דאס — האט אונז דער איד ערקלערט — „איז די חורבה שוהל. איהר האט דאך מסתמא געהערט פון דער חורבה שוהל. אויב איהר האט חשק, קענען מיר ארייננגעהן אויף א ווייל״. האבען מיר טאקע חשק געהאט און מיר זיינען אריין.

די בארי‌המטע שוהל איז געוועו אפען, כאטש עס איז ניט געוועו די צייט פון דאווענען, ווייל בעלי מלאכות האבען דארט געארבייט. מען האט געבויט א נייע מארמארנע בימה, א געשאנק פון מר. הערי פישעל פון ניו יארק. איך האב שפעטער געזעהן די בימה א פארטיגע מיט די נעמען פון נדבן און זיין פרוי אויסגעקריצט אויף איהר.

א וואונדערבאר־שעהנע געביידע די שוהל, וואס טראגט דעם נאמען „חורבה״ מחמת זי שטעהט אויפ'ן פלאץ וואו עס איז אמאל געשטאנען די חורבת ר' יהודה החסיד ז״ל. מיט אזא שוהל וואלט אפילו די רייכסטע קאנגרעגיישאן אין אמע־ריקא אדער אנדערשוואו ניט געהאט צו שעהמען זיך.

מיר האבען דארט פארוויילט אייניגע מינוטען און דאן האט דער איד אונז אוועקגעפיהרט אין דער ישיבה.

פאר מיר אפשר ניט אזוי פיעל, אבער פאר מיין פרוי איז דער איד געוועו אן אמת'ער מלאך מושיע. זי האט שוין פשוט מעהר ניט געקענט געהן און האט זיך צוגעכאפט צום זיצען אזוי ווי איינער וואס האט דריי טעג געהונגערט כאפט זיך צו צום עסען.

דאס איז אבער בלויז געוועו צוליב דעם, ווייל כל התחלות קשות, ווייל דאס איז געוועו דאס ערשטע מאל. נאכהער אבער איז עס געוועו לייכטער. זיינען מיר מעהרערע מאל געגאנגען צום כותל המערבי און אין אנדערע פלעצער אין יענעם קווארטאל און אפילו זי, מיין אשה, איז ניט אזוי מיעד געווארען פון גאנג, ווי צום ערשטען מאל.

עס האט מיר שטארק הנאה געטאן, וואס דער צופאל האט מיר געבראכט אין דעם וויכטיגען מקום תורה. איך האב, אמת, סאי ווי סאי בדעה געהאט צו באזוכען דעם דאזיגען לעהר־

אנשטאַלט, אָבער אפשר וואָלט פּאַסירט אַ סבה און איך וואָלט עס דורכגעלאָזט, בין איך געווען העכסט צופרידען וואָס איך האָב אריינגעכאַפּט און אַלעס געזעהן מיט מיינע אויגען און געהערט מיט מיינע אויערען.

איך זאָג „אַלעס“, אָבער אין די ריכטיגקייט איז עס ניט אַלעס. איך האָב נאָר געזעהן דעם הויפּט שטאַם פון דעם גרויסען תורה בוים, אָבער ניט אַלע צווייגען פון דעם בוים.

די ישיבת עץ חיים האָט נאָך אַ „מרכז“, אַ צענטער, אין דער נייער שטאָדט, און צווייגען אין שכונות אַרום ירושלים. די הויפּט השפעה אָבער קומט פון דער אַלטער שטאָדט, וואו דער לעהרער־אַנשטאַלט איז צוערשט געגרינדעט געוואָרען מיט אַ יאָהר נייַנציג צוריק.

די ישיבה אָדער תלמוד תורה וישיבה האָט אַכט מחלקות אָדער קלאַסען, אָנפאַנגענדיג מיט עלעמענטאַרע לימודים, מיט אָנפאנגער, און ענדיגענדיג מיט לערנען גוט אַ בלאַט גמרא און באַהאַוועגט זיין אין אייניגע מסכתות. פון די וואָס מאַכען דורך אַלע קלאַסען, זיינען דאָ אַזעלכע וואָס פאַרבלייבען דאָרט לערנען „פאַר זיך“, אפילו אַזוי ווייט ביז הוראה אָדער רבנות, און מאַנכע געהען אַוועק ענדיגען זייער אידישען שטודיום אין דער כנסת ישראל ישיבה אין חברון.

טויזענטער קינדער לערנען דורכשניטליך אין דער תלמוד תורה וישיבה. ניט אַלע גראַדואירען. אַ טייל גיבען אויף דאָס לערנען דאָרט פריהער אָדער שפּעטער און דערגרייכען ניט די לעצטע מחלקות. ווי הגאון ר׳ יחיאל מיכל טוקאַטשינסקי, דער הויפּט מנהל פון אַנשטאַלט, האָט מיר איבערגעגעבען, האָ־בען אין דעם משך פון די לעצטע עטליכע און דרייסיג יאָהר זיבען טויזענט מיט זיבען הונדערט קינדער דורכגעמאַכט פולע קורסען. פון די באַשעפטיגט זיך אַ געוויסער פּראָצענט מיט מלמדות, אַ געוויסער פּראָצענט — מיט שחיטה און אַ געווי־סער פּראָצענט זיינען געוואָרען מורי הוראה און אויך רבנים שלמים.

עס איז אָבער קיין ספק, אַז אויך די געוועזענע תלמידים פון דעם לעהר־אַנשטאַלט, וואָס זיינען זיך ניט עוסק מיט

מלאכת קודש און זיינען בעלי מלאכות, הענדלער אָדער וואָס עס איז, זיינען געטרייע און איבערגעבענע קינדער פון אונזער פאָלק. דאָס זעלבע קען מען אויך זיכער ערוואַרטען פון די תלמידים וואָס לערנען איצט דאָרט.

די „גירסא דינקותא", די קינדערשע לעהרע פון אזא מקום תורה מוז איינגעזאַפּט ווערען און קיינמאָל ניט אויסגעוועפּט ווערען. די אטמאָספערע איז דאָרט אַזעלכע וואָס מוז איבער־לאָזען אַ גוטען רושם אין די מחות פון די וואָס לערנען דאָרט.

איך האָב באַזוכט אייניגע קלאַסען, נידעריגע און העכערע, און בין זעהר צופרידען געוועזן פון די אויסצייכנונג פון די תלמידים. מען לערנט דאָרט גרונטאָוונע און מען ווייס גרונ־טאָוונע, כאָטש אָהן די נייע מעטאָדעס און אפילו ניט בעברית, נאָר פשוט אויף אידיש, מיט די „אויסריידעניש" פון רש"י און קנייטשעלאך, אזוי ווי אמאָל ביי אונז אין דער אַלטער היים.

אין אַ קלאַס פון חומש, למשל, האָט מען גראָד געלערנט די מעשה פון יוסף און פוטיפר'ס ווייב אין דער סדרה וישב. זינגט זיך אויס אַ אינגעלע: „ולא שמע, און ער האָט ניט געהערט, אליה, צו איהר, לשכב, צו ליגען, אצלה, נעבען איהר, להיות, צו זיין, עמה, מיט איהר אויף יענער וועלט". די לעצטע פאָר ווערטער האָט ער שטאַרק באַטאָנט מיט אַ קוויטשיג קול'כעל, אזוי ווי ער זאָל האָבען אויסגעפיהרט עפּעס אַ גרויסען נצחון.

מאָדערנע מורים אָדער לעהרער איז אזא אַרט לערנען ניט געפעלען און זיי וועלען אפשר דערפון אָפּחוזק'ען; אָבער איך בין אַ איד פון דער אַלטער וועלט, און איך מיין, אַז רש"י ז"ל, איז געוועזן אַ גוטער מלמד און מען מעג נאָך היינט אויך לערנען חומש מיט זיין פירוש. מיר האָבען געהאַט גדולי ישראל און מיר האָבען נאָך היינט אויך פאַרבליבענע גרויסע אידען פון אַלטען דור, וואָס זיינען דוקא ערצויגען געוואָרען אויף אזא מין אַרט לימוד. הרב טוקאַטשינסקי, דער מנהל פון דעם עץ חיים לעהר־אַנשטאַלט איז אָהן ספק אַ אדם גדול און ער האָט אויך אזוי געלערנט ווי עס לערנען איצט די קינדער אונטער זיין השגחה.

און די העברעאישע שפּראַך, מאַכט מען דאָרט אויך ניט אוועק מיט דער האַנט. מען לערנט דאָרט די קינדער לשון הקודש און דקדוק און זיי האָבען אין דעם גאַנץ פיינע ידיעות. אויב העברעאיש וועט איינגעפונדעווועט ווערען אין ארץ ישראל און וועט פאַרבלייבען די אָפיציעלע שפּראַך — האָפענטליך, אַז אַזוי וועט עס איה"ש זיין — וועלען זיכער די תלמידים פון עץ חיים חס וחלילה ניט פאַרבלייבען הינטערשטעליג.

איך האָב גרויס פאַרגעניגען געהאַט צו פאַרברענגען אַ שטיקעל צייט מיט'ן ראש ומנהל, הרב טוקאַטשינסקי. אַ זעלטען סימפּאַטישע פּערזענליכקייט, אַ חכם און אַ ידען אין מילי דעלמא, וואָס מאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק אויף אַלע קלאַסען מענשען און איז אויף יעדען איינעם משפּיע אַ מין עונג רוחני.

איך בין פון דאָרט אוועק מיט אַ סך באַגייסטערונג. עס איז ווערטה צו האָבען אינטערעס אין אַזאַ שעהנעם און וויכטיגען אַנשטאַלט און העלפען זיין עקזיסטענץ, ווער פינאַנציעל און ווער כאָטש מיט אַ גוט וואָרט.

אַן אַנדער טאָג באַזוכען מיר דעם בקור חולים האָספּיטאַל. מיר זיינען דאָרט געווען אומגעבעטענע, אָבער ווילקאָמענע געסט. דאָס הייסט: קיין איינלאַדונג צו דעם פילאַנטראָפּישען אַנשטאַלט האָבען מיר ניט געהאַט. און מיר זיינען אַהין געקומען באַזוכען אַ גוטען באַקאַנטען און פריינד, ר' בערטשע קרעמער, אַ איד אַ זקן און אַ תלמיד חכם, וועלכער איז יאָהרען לאַנג געווען פאַרבונדען מיט'ן „מאָרגען זשורנאַל".

דער מר. קרעמער, זעהר אַ וואוילער איד, איז געפאָהרען קיין ארץ ישראל אויף אַ באַזוך, מיט דער דעה צוריק צו קומען. איז ער קראַנק געוואָרען און האָט אַ לענגערע צייט געמוזט ליגען אין האָספּיטאַל, ביז מען האָט איהם אויסקורירט, און אַזוי ווי ער איז אַלט און שוואַך, איז ער שוין דאָרט פאַרבליבען, מחמת ער האָט דאָרט אַ גוטע היים. ער איז דאָרט ניט אויף לאַסקאָווען ברויט. ער האָט אַ געוויסע מאָנאַטליכע הכנסה פון דערהיים, גענוג אויף זיין הוצאה און נאָך אויף טיילען צדקה צו עניים הגונים, ווען ער צאָהלט מאָנאַטליכע „געהאַלט".

זיינען מיר, הייסט עס, געקומען איהם זעהן און פאַר איין

וועגס בעאַבאַכטען דעם אַנשטאַלט, וואָס איז זעהר שעהן אויסערליך און אינערליך אַזוי, אַז אפילו אַזאַ שטאָדט ווי ניו יאָרק האָט געמעגט מיט אַזאַ געביידע שטאָלצירען.

אָבער דער בנין אַליין איז ניט אַלעס. „אַל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו". איבערהויפּט האָט אויף מיר געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק די אמת אידישע אַטמאָספערע דאָרט און די באַציהונג פון די ממונים, דאָקטוירים און אָנגעשטעלטע צו די חולאים.

אַ איד אין אַ ווייסען כאַלאַט מיט אַ באָרד, אַ גאַנצע באָרד ניט קיין „געטרימטע", מיט אַ יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ, ווערט פאַר מיר פאָרגעשטעלט אַלס דאָקטאָר דער און דער. אַן אַנדערער, אויך אַ איד אַ הדרת פנים, וואָס וואָלט מעהר געפּאַסט פאַר אַ רב, אַ דיין אָדער אַ ראש ישיבה, זאָגט מען מיר, איז דער אַפּטייקער פון הייל-אַנשטאַלט. און אַלע דאָרט עפּעס אַזעלכע ליבע הארציגע אידען אַז עס ווילט זיך אייך מיט זיי פארברייגגען. אָבער זיי זיינען פארנומען, זיי האָבען קיין צייט ניט. זיי דארפען באַהאַנדלען די פּאַציענטען, טרייסטען זיי, זאָגען זיי אַ גוט וואָרט און געבען גוטע האָפנונגען, אַז זיי וועלען איה"ש געזונט ווערען.

איך בין ממש ענטציקט געוועזן פון די איבערגעבענהייט פון די ממונים און אָנגעשטעלטע צו די ליידענדע, וואָס געפינען זיך דאָרט, און פון דער עכט-אידישער רעליגיעזער אַטמאָספערע וואָס הערשט דאָרט אין אַלע ווינקעלאַך.

.24

דער ערשטער שבת אין ירושלים. — ביים כותל המערבי. — פארשיידענארטיגע בגדי שבת. — אין גאס אַזוי ווי אין קלויז. — אַ געניאָסע קריגט אַ קאַטער. — דער מקום המקדש. — אונזער אַמאָליגער רב. — „עונג שבת".

פון דעם ערשטען שבת אין ירושלים האָב איך שטארק הנאה געהאַט. פון די אַנדערע פּאָר שבתים, וואָס מיר איז אויסגע-

קומען צו זיין אין דער עיר הקודש, האָב איך אויך, חס ושלום, קיין צער ניט געהאַט. הלואי ניט קיין ערגערע שבתים ביי אַלע אידען אין ארץ ישראל און אין חוץ לאָרץ; אָבער דער ערשטער שבת, ווייל עס איז ביי מיר געווען אַ נייעס, איז עס געווען מעהר אינטערעסאַנט, מעהר איינדרוקספול׳

מיין ערשטען באזוך, למשל, ביים כותל המערבי, פרייטאָג נאכט, איז ביי מיר געווען אַן איבערראשונג. די סצענע דאָרט האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיגען איינדרוק און ארויסגערופען גרויס אינטערעס.

האָבען זיך דאָרט, אין דער געסעלע, צווישען כותל און די אַראַבישע הייזקעס, פאַרזאַמעלט אַן עדה אידען געקליידט אין פאַרשיידענאַרטיגע מלבושים. אידען אין שטריימלאַך און אַטלעסענע זשופּיצעס פון פאַרשיידענע קאָלירען — שווארצע, ווייסע, רויטליכע און געשטרייפטע; אידען אייראָפּעאיש געקליידט; אידען, וואָס טראָגען אייגענאַרטיגע קליידער, ניט אייראָפּעאיש און ניט ארץ ישראל׳דיג. דאָס זיינען פראַנקען אָדער ספרדים, מיט טערקישע פעסעס אויף די קעפּ, לאַנגע געשטרייפטע קיטלען אָדער כאַלאַטען און אויף די כאַלאַטען — פּשוט׳ע קורצע רעקלאַך אַזוי ווי די וואָס מיר טראָגען. דאָס קוקט אויס מאָדנע. נאָך אונזער געשמאַק האַרמאָנירט עס ניט. דער מיטוואָך לענגער פון דעם דאָנערשטאָג. אָבער ביי זיי איז דאָס שעהן, און זיי רופען עס בגדי שבת.

און פרויען זעהט מען דאָרט אויך פאַרשיידענאַרטיג געקליידט. און אינגלאַך, מאנכע פון זיי אין לאַנגע קאַפּאָטקעלאַך מיט פּאות׳לאַך — זאָל מיר גאָט ניט שטראָפען פאַר די רייד — כמעט לאַנג גענוג צו דינען פאַר לייצעס אויף שפּילען אין „פערדלאַך”...

און די אַלע פאַרזאַמעלטע זיינען עכט שבת׳דיג געשטימט. אַלעמענס פּנים׳ער שטראַהלען און אַ מין הדרת קודש איז אויף זיי אויסגעגאָסען.

דאַוונען מאַנכע מנחה, מאַנכע זאָגען שיר השירים, מאַנכע אַ קאַפּיטעל תהלים און מאַנכע צינדען דאָרט ליכט לכבוד שבת,

און אלע מיט כונה, מיט התלהבות און מיט א זאנדערבארע הכנעה. שטעהענדיג ביי דער גרויסער וואנט, פון וועלכע עס וואקסען ארויס ערטערווייזווילדע גראזען, איז מען ריכטיג מקים דעם „ודע לפני מי אתה עומד".

עס איז דא ווערט צו דערמאנען, אז עס זיינען דא אידען, וואס זיינען זעהר גערן צו קריגען עטוואס פון די גראז אדער זשיליע וואס וואקסען ארויס צווישען די שטיינער פון דער הייליגער וואנד. עס איז אבער דא א פארבאט אז מען זאל דאס ניט רייסען.

ערטערווייז זעהט מען דארט נעמען פון פערזאנען אויסגע־קריצט אויף די אור־אלטע שטיינער. דאס האבען אידען דארט אמאל אויסגעקריצט, אבער היינט לאזט מען עס ניט.

איז מען מקבל שבת, אבער ניט אלע בצבור, נאר באזונדערע מנינים: אשכנזים האבען זיך זייער מנין, חסידים האבען אן אנדער מנין, און די פרענקישע אידען ווידער דאווענען באזונדער מיט זייער אייגענעם חזן אדער בעל תפלה.

הערט איהר דארט פארשיידענע נוסחאות און דיאלעקטען. זינגען א טייל מתפללים: „התעוררי, התעוררי" און אנדערע דריקען אויס די זעלבע ווערטער פון זעלבען סידור אנדערש: „היט־אררי, היט־ארר"; פון מאנכע מיילער קומען ארויס די ווערטער: „כמשוש חתן על כלה", ווי מיר דריקען זיי אויס, און ביי אנדערע קומט עס אויס: „קימסאס כאטאן על קאלא", און אזוי דורכאויס דער גאנצער דאווענען.

אבער אלע זיינען מכון לבם לשמים. יעדעס ווארט געהט ארויס פון טיפען הארצען און איז דורכגעדרונגען מיט יראת הרוממות. און איהר זעהט עס און איהר פיהלט עס און איהר ווערט הינגעריסען פון מאדנע געפיהלען, עפעס גאר ניט קיין געוועהנליכע, און אייערע אויגען ווערען פייכט און איהר ווייסט אליין ניט צי פון פרייד, צי פון צער אדער פוןביידע זאכען צוזאמען.

שבת פריה בין איך געגאנגען צום כותל שוין צוזאמען מיט מיין פרוי, און שוין געהענדיג אהין האבען מיר געהאט אן איבער־

ראשונג. אין די שמאָלע געסלאַך וואָס זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט אַראַבער באַגעגענען מיר אידען מיט לאַנגע טליתים מיט ברייטע עטרות אויף די אַקסלען אָדער גאָר אויף די קעפּ. זיי געהען דאָס צום כותל דאַוונען, און זיי געהען פריי, מיט שטאָלצע טריט אַזוי ווי ביי זיך אין דערהיים אָדער אין קלויז און קיינער טשעפּעט זיי ניט. דאָ, ביי אונז אין ניו יאָרק, אפילו אין אַן עכט אידישע געגענד, וואו עס איז שווער צו קריגען אַ שבת־גוי, וואָלט אויך אַ איד אַזוי ניט ארויסגעגאַנגען אין גאַס.

און דאָרט, ביים כותל, איז דער עולם אַ פיל גרעסערער ווי פרייטאָג נאַכט, און אויך די זעלבע בילדער און סצנעס, נאָר אין אַ גרעסערען מאַסשטאַב. עס דאַוונען עטליכע מנינים. די האַלטען „ברוך שאָמר״, די — „ברכו״, די — „קדושה״, די — „יקום פורקן״ און עס איז אַ מיש־מאַש פון פאַרשיידענע דיאַ־לעקטען: ליטווישע, גאַליציאַנישע און פרענקישע, און איהר ווערט נאָך מעהר היגנעריסען. עפּעס אַזוי ווי אַ געטליכער פונק ווערט אין אייך אריינגעבלאָזען און אייער נשמה פלאַטערט אויסער־געוועהנליך.

מיר האָבען דאָרט געטראָפען אַ פּאָר פּאָליצאַנטען, דוקא אידישע, וועלכע האָבען אונז פרעמדע באַגריסט מיט אַ „שאַבאַט שאַלאָם״, אָדער מיט אַ פשוט׳ן היימישען „גוט שבת״. דאָס איז זעהר אַנגענעם צו הערען פון אַ מעשענעם קנעפּעל און דאָס גיט אייך צו מעהר באַגייסטערונג.

זיינען דאָרט אויסגעהאַנגען „מודעות״ אין ענגליש און אַנ־דערע שפראַכען, אַז עס איז שטרענג פאַרבאָטען צו נעמען פאָטאָ־גראַפישע בילדער בעת׳ן דאַוונען אָדער טאָן עטוואָס אַנדערש וואָס קען זיין אַ שטערונג פאַר די מתפללים. היטען עס די פּאָליצייליים אַז די דאָזיגע פאַראָרדנונג זאָל ניט פאַרלעצט ווערען. האָב איך טאַקע איין שבת געזעהן ווי אַ גוי׳אישער טוריסט איז געקומען מיט אַ קאַמערא און האָט געוואָלט „ארונטערכאַפּען״ אַ אידען אַ הדרת פנים מיט אַ שעהנע באָרד, אַ שטריימעל און אַ ווייס געשטרייפטע זשופּיצע. האָט אַ פּאָליציימאַן דערזעהן און ער איז באַלד צוגעלאָפען און געהייסען דעם „פאָטאָגראַפטשיק״

פארלאָזען דעם פּלאַץ, אָבער אַזוי ווי ער האָט זיך געלאָזט בעטען האָט מען איהם גאַנץ שעהן אַרויסגעפיהרט אונטער די הענד.

זיצען דאָרט אָן אַ זייט פרענקישע פרויען ביי אַ טישעל מיט בלומען און בשמים און ווער עס וויל געהט צו און שמעקט. די ווייבער האַלטען עס אַפּנים פאַר אַ מצוה מכבד צו זיין אידישע קינדער מיט אַ ריח טוב לכבוד שבת.

אויף מיר האָבען די אַלע זאַכען זעהר אַ גוטען איינדרוק געמאַכט. ווען איך בין געווען ביים כותל האָב איך געפיהלט אַ מין השתפכות הנפש, און ווען נאָר איך האָב געהאַט אַ געלעגענהייט בין איך אַהין געגאַנגען דאַווענען. איך ווייס, אַז „וואוילע יונגען" קענען מיר דערפאַר האַלטען פאַר אַ „יאָלד", אָבער מיך קימערט עס ניט. דאָס קענען זיי לאַכען און אָפּ'חוזק'ן אונטער די אויגען, און זאָלען זיי קומען אַהין, וועלען זיי אויך אַנדערש פיהלען.

האָט מען מיר טאַקע דערצעהלט אין ירושלים, אַז מיט איינינע יאָהר צוריק איז דאָרט געווען אַן אַמעריקאַנער אידישער „גענאָסע" פון די גאָר געהויבענע „גענאָסען", האָט מען אין האָטעל, וואו ער איז געשטאַנען, גערעדט וועגען דער כותל המערבי. מען האָט דערצעהלט, אַז אידען דאַווענען דאָרט, זיינען מתפּלל און וויינען, האָט ער זיך אויסגעלאַכט: „בע, מע, נאַרישקייטען. וואָס איז דאָרט, אַ הורבע שטיינער? אויף מיר וועט עס קיין שום ווירקונג ניט מאַכען". ווען אָבער ער איז אַהין געקומען, האָט זיין גענאָסישע הערצעלע אָנגעהויבען טיאָכקען און ער האָט גאָר אַנדערש געפיהלט. ער האָט באַקומען אַ קאַטער אין די אויגען און די טרערען־קראַנען האָבען אָנגעהויבען רינען. ער האָט בחרפּתו געווישט די אויגען און האָט געמוזט מודה זיין, אַז עפּעס ליגט אין די אַלטע שטיינער און אין דער אַטמאָספערע אַרום אַזאַ מין פאַרבאָרגענע קראַפט, וואָס האָט ביכולת צו עפענען די שערי דמעות אפילו ביי אַ גענאָסע, וואָס האַלט אפשר בכלל ניט פון דער אידישער אָדער ווייבערשער מדה פון וויינען.

יאָ, יאָ, די קאַלטע גרויע שטיינער פון דער אַלטער הייליגער וואַנד האָבען אין זיך אַזאַ מין טשיקאַווע אייגענשאַפט, אַז זיי

קענען אמאל אפילו א שטיינערנע הארץ ריהרען און דערווארימען א קאלטען לונג און לעבער. די פראקטיק האט עס באוויזען.

איין שבת האב איך מיט מיין פרוי פארבלאנדזשעט. מיר זיינען געקומען צו א שעהנעם ברייטען פלאץ, אבער איידער מיר האבען צייט געהאט צו זעהן וואס דארט איז, איז א גרויסער אראבער אונז געקומען אנטקעגען, האט עפעס א זאג געטאן מיט א בייזען טאן און א מאך געטאן מיטביידע הענד, וואס דאס איז, ווי מיר האבען פארשטאנען, געווען א קאפוליער אנצוהער־רעניש, אז מיר זאלען זיך שוין אפטראגען. האבען מיר, פאר־שטעהט זיך, געפאלגט און געמאכט א „השיבנו נאזאד".

דאס האבען מיר געהאט פארבלאנדזשעט צום מקום המקדש, צום פלאץ, וואו עס איז אמאל געשטאנען דער בית המקדש און איצט שטעהט דארט די אמאר מאסק, א גרויסע ,רייכע מחמד'א־נישע קירכע. די אראבער האבען ארויפגעלעגט אן איסור אויף ניט־מוסולמאנער צו קומען אהין סיידען מען באצאהלט דריי שילינג (75 סענט) איינטריט־געלד.

אויסער דעם איסור פון די אראבער, וואס קען ווערען א היתר ווען מען באצאהלט, איז פאראן נאך אן איסור, וואס קיין געלד קען ניט מתיר מאכען. דאס איז דער אידישער איסור, דער אידישער דין, וואס ערלויבט ניט א אידען צו באטרעטען די אמאליגע הייליגע ערד, כאטש איהר קדושה איז שוין, צום בא־דויערען, פארשוועכט.

דער טעם ווארום א איד טאר אהין ניט קומען איז, ווייל געהענדיג אויפ'ן מקום המקדש, קען דאך זיין מען זאל טרעטען אויפ'ן פלאץ וואו עס איז אמאל געווען דער קדשי הקדשים, און אין קדשי הקדשים האט דאך קיינער אויסער דעם כהן גדול אום יום כפור ניט געטארט אריינקומען.

בעת איך בין געווען אין ירושלים, האט עפעס א רב געפונען א היתר אז מען מעג יא געהן אויפ'ן מקום המקדש. און ער האט עס פארעפענטליכט. זיינען אבער געקומען די הויפט רבנים און גאוני ירושלים: הרב קוק, הרב זאנענפעלד און הרב קלאצקין און האבען אויפגעוויזען אז מען טאר ניט. זיי האבען די נייע

באשטעטיגונג אויפ'ן איסור פארעפענטליכט אין צייטונגען מיט ראיות ברורות, אז דער דין איז ניט ווי יענער „מקיל" וויל האבען, און האבען אויך געלאזט אויסקלעפען מודעות, אז דאס איז אן איסור חמור און קיין איד זאל ניט וואגען איבערצוטרעטען איהם.

האבען, הייסט עס, די רבנים קאליע געמאכט די אראבער א היבשע ביסעל ביזנעס. א סך אידען וואס וואלטען זיך אפשר פארלאזט אויף יענעם רב און וואלטען געגעבען צו לייזען פינף און זיבעציג סענטיגע פאר דער פריווילעגיע צו קומען אויפ'ן מקום המקדש, האבען בעסער געפאלגט די דריי רבנים און זיינען ניט געגאנגען.

אז איך האב דערמאנט דעם אלטען גדול ר' אליהו קלאצקין, אדער ווי ער איז ידוע אלס דער לובלינער רב, איז ווערט צו דערמאנען, אז ער איז אמאל געווען רב אין אונזער שטעדטעל קארטון בערעזע, גראדנער גובערניע. זיין זוהן, דער באריהמטער דר. יעקב קלאצקין פון בערלין, האט זיך ביי אונז אין שטעדטעל אויסגעהאדעוועט, האט געלערענט אין אלט־מאדישע חדרים, און איז דאך ארויסגעקומען א געלערענטער, א באריהמטער פערזענ־ליכקייט אין דער גוי'אישער אזוי גוט ווי אין דער אידישער וועלט.

מיר האבען באזוכט דעם אלטען גדול הדור, וועלכער איז שוין, גלויב איך, א בן שמונים — ד' יאריך ימיו — איז ער נאך דער זעלבער הויכער שלאנקער איד ווי מיט א יאהר פערציג צוריק, ווען ער איז געווען רב אין מיין שטעדטעל, אבער זיין ברייטער שטערען איז שטארק פארקארטשעט, צוקנייטשט אונטער דער משא פון תורה און קענטנים וואס ליגט אין זיין מח.

דער זקן הגדולים איז נאך אבער, אהן עין הרע, שארף אין שכל, אין זכרון און אין אלע גייסטיגע אייגענשאפטען. ער גע־דענקט אלעס פון אונזער שטעדטעל פינקטליך. ער האט אפילו פאר מיר איבערגעזאגט געוויסע שטעלען פון דרשות, וואס ער האט געהאלטען ביי געוויסע וויכטיגע געלעגענהייטען מיט אריבער פיר צעהנדליג יאהר צוריק.

פון געדרוקטען ווארט אין אידיש האלט ער ניט. ער לייענט

אָבער און פאַרשטעהט אַנדערע שפּראַכען. ענגליש — האָט ער מיר געזאָגט — האָט ער ערלערענט אין די לעצטע יאָהרען.

אָבער לאָמיר זיך אומקערען צוריק צום ערשטען שבת אין ירושלים.

אויסער די באַגייסטערונג און דעם גרויסען גענוס, וואָס איך האָב געהאַט ביים כותל, האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט פון די שירי ציון פרייטאָג נאַכט און שבת פאַרנאַכט. א מחיה צו הערען ווי יונגע לייט און מיידלאַך שפּאַצירען אין רחוב יפו און זינגען, אפילו מאַנכע אַביסעל שטיפעריש, אָבער דאָך שעהן.

היינט דער „עונג שבת" — דאָס איז גאָר אַן אַנטיקעל. דער „עונג שבת" ווערט געפּראַוועט שבת פאַרנאַכט אין „מרכז המזרחי", אין צענטער פון די מזרחים. דאָרט קומט צוזאַמען אַן עולם אין שוהל, וואו עס ווערען געהאַלטען רעדעס מעניני דיומא אָדער סתם איבער אידישע פראַגען און פּראָבלעמען אין העברעאיש, אין ספרד'ישען העברעאיש. דערצו זינגט מען זמירות און שירים און מען טיילט צוקערקעס. אַזוי פאַרברענגט מען ביז סאַמע אין אָוונד. דאַן דאַווענט מען מעריב, מען מאַכט הבדלה און מען געהט אַהיים לשלום.

די דאָזיגע אינסטיטוציע איז מיר זעהר שטאַרק געפעלען געוועז און איך האָב דערפון געשעפּט נחת מיט פולע הויפענס.

דערמאָנענדיג דעם „מרכז המזרחי" איז כדאי צו דערמאָנען די מזרחים בכלל צו גוטען. זייערע שולעס, זייערע לעהר־אַנשטאַל־טען אין ירושלים טוען אויף זעהר פיל פאַר'ן ישוב הארץ און חיזוק הדת. זייער מאָטאָ: „ארץ ישראל על פי תורת ישראל" ווערט דורכגעפיהרט אויפ'ן בעסטען אופן, וואָס בעסער קען ניט זיין.

פרייטאָג נאַכט האָבען מיר געהאַט אַ באַזונדערע שמחה'לע אין האָטעל ווארשאַווסקי, וואו מיר האָבען קוואַרטירט. עס איז דאָרט געפּראַוועט געוואָרען אַ „שבע ברכות". דער חתן, אַ רוסישער, און דער הויפּט מחותן פון זיין צד — זיין שטיף־פאָטער, דער אין ניו יאָרק גוט־באַקאַנטער עסקן און תלמיד חכם מר. עלען, וועלכער איז געוועזן מנהל פון דער סטאַון עוועניו

תלמוד תורה אין בראָנזוויל און איצט אַ תושב אין תל אביב, און די כלה — אַ פרענקישע. זיינען ביי דער שמחה געווען אונזערע אידען און אויך פרענקישע אידען מצד הכלה און יעדער האָט זיך און אַנדערע משמח געווען אויף זייער שטייגער, און עס איז געווען פרעהליך.

הכלל, אַ שבת אין ירושלים איז אַ ריכטיגער שבת.

.25

אַלטערטימער אין און ארום ירושלים. — די געשיכטע פון כותל המערבי. — די דריטע וואַנד. — אַ שפּיצעל פון אראבער. — אומגעלומפּערטקייט און בוי-קונסט. — „קברי בית כלבא שבוע" און דער פעלז פון גיבראַלטאַר.

אין און ארום ירושלים זיינען פאַראַן זעהר פיל זאַכען צו זעהן. עס זיינען דאָרט פאַראַן אַזוי פיל היסטאָרישע אַלטערטימער, הייליגע און וואַכעדיגע, אַז עס וואָלט פאַרנומען אַ צו גרויסער צעטעל אויסצורעכענען זיי.

אַ טוריסט וואָס וויל אַלעס זעהן און באַאָבאַכטען, מוז האָבען צוויי זאַכען: צייט און אַ פּאָר געזונטע פיס, ווייל ניט איבעראַל קען מען פאָהרען, און עס זיינען דאַ אַ סך וויכטיגע פּלעצער, וואוהין מען מוז געהן צופוס. און אפילו פּלעצער וואָס מען קען דערגרייכען מיט אַן אויטאָמאָביל אָדער מיט אַ וואָגען, מוז מען אָבער דאָרט קלעטערען אויף הויכע בערג אָדער קריכען אין היילען, און פאר אַ מענשען מיט ניט עכט געזונטע פיס איז דאָס אַ צו שווערע אויפגאַבע.

דער הר הזיתים, למשל, דער אַלגעמיינער בית עלמין פון ירושלים, וואו עס געפינען זיך אויך קברי צדיקים און גדולי ישראל, איז ניט ווייט. מען קען אהין געהן צופוס, און פוילט מען זיך געהן, קען מען אהין צופאָהרען. אָבער קומט מען אהין און מען וויל עפּעס אָנקוקען, ווענדט זיך שוין אַן די רגלים. קענען זיי קלעטערען, קען מען דאָרט אַלעס זעהן; ובאם לאו, איז

א מאוס׳קייט. מוז מען יוצא זיין מיט א בליק פון דערווייטענס. דאָרט, נעבען הר הזיתים, געפינט זיך אויך דער קבר פון זכריה הנביא, אַנדערע היסטאָרישע קברים און דער יד אבשלום, אָבער אויב מען וויל זיי ריכטיג אָנקוקען, דאַרף מען ניט פויל זיין און צולעגען א היבשע ביסעל טרחה.

אָדער וויל מען באזוכען די „קברי סנהדרין" אָדער די „קברי בית כלבא שבוע", האָט מען דורכצושפּאַצירען טיפע הייהלען, איינע נידעריגער פון די אַנדערע, און סתם בערגלאַך מיט גריבער און מען ווערט שטארק פאַרמאַטערט, אפילו מיט געזונטע פיס.

עס זיינען דאָ פלעצער, וואָס מען געהט אָנקוקען בלויז צוליב דעם, וויל זיי זיינען לויט טראַדיציע היסטאָריש אָדער הייליג, אָבער קיינע וואונדער, קיינע חידושים זעהט מען אין זיי ניט, און פלעצער ווידער, וואָס זיינען צו באוואונדערען מצד די בוי־קונסט, מצד די ארכיטעקטור, וואָס איז אַן און פאַר זיך כדאי אָנצוקוקען.

נעהמט אפילו די כותל המערבי, איינע פון די היסטאָרישסטע און הייליגסטע, אָדער די סאַמע הייליגסטע פון די אַלטערטימער וואָס ירושלים פאַרמאָגט, קען מען זיך אפשר פאָרשטעלען, אַז דאָס איז מי יודע וואָס. א וואַנט פון בית המקדש, קען מען דענקען, איז וואונדער־שעהן, אָדער לכל הפחות איז אויף דעם פארבליבען שפּורען פון די אָריגינעלע שעהנקייט, פון קינסטלערישע ארכיטעקטור. אין אמת׳ען אָבער קענט איהר פון דעם געבוי פון דער וואַנט ווייניג וואָס נתפעל ווערען. א הויכע פינסטערע וואַנט, געבויט פון גרויסע געהאַקטע שטיינער, מאַנכע פון זיי שוין צושפּאַלטען, אויסגעבערעקעלט פון אַלטקייט און דאָס אַלעס. ניטאָ דאָרט קיינע צייכענס פון בוי־קונסט, קיינע שפּורען פון שניצעריי אָדער שטיין־שניידעריי. פשוט׳ע גרויסע שטיינער איינער אויף דעם אַנדערען און מעהר גאָרניט. דאָס איינציגע וואָס רופט ביי אייך ארויס פאַרוואונדערונג איז, דאָס וואָס די שטיינער זיינען אומגעהויער גרויס און דיק, און איהר פרעגט זיך: ווי אַזוי האָט מען זיי געבראַכט, און ווי אַזוי האָט מען זיי ארויפגעצויגען איינע אויף די אַנדערע.

זיינען פארצייטען אויך געווען אזעלכע הויב־מאשינען ווי היינט? אדער זיינען מענשען געווען אזעלכע גבורים און זיי האבען דאס געקענט טאן אהן מאשינען? אבער די ארכיטעקטור איז ניטא וואס צו באוואונדערען.

דערביי איז ווערטה צו באמערקען פאר די וואס ווייסען עס ניט, אז די כותל המערבי איז ניט קיין וואנט פון בית המקדש גופא. מעגליך, און אפשר זיכער, אז די ווענט פון הייליגען בנין גופא זיינען געווען שעהן און קונציג. די פארבליבענע וואנט איז אבער פון חצר, פון הויף, וואס האט ארומגערינגעלט דעם בית המקדש. איך וועל פרובירען אפמעלדען ווי דאס איז.

דער בית המקדש איז געשטאנען אויף א בארג, אויפ'ן הר הבית. דארט, וואו די פארבליבענע וואנט געפינט זיך, איז א נידעריגער פלאץ. די וואנט ציהט זיך פון אונטען ביים הר הבית ארויף אין דער הויך. אמאל איז זי געווען פיעל העכער און האט פארשטעלט דעם בית המקדש פון מערב זייט. עס קען זיין, אז דער אויבערשטער טייל פון דער וואנט, וואס האט געבילדעט א זייט פון הצר, איז געווען פון אנדערע שטיינער און געבויט אויף אן אנדער ארט צו באשעהנען די פראכטפולע געביידע — דעם בית המקדש.

דאס איז אפילו ניט קיין היסטארישער פאקט, אבער א לעגענדע דערצעהלט, אז די כותל המערבי איז ענטדעקט געווארען ערשט מיט דריי הונדערט יאהר צוריק. פריהער פלעגט מען פון דערהויך ארונטערווארפען מיסט אונטען אין טאהל אריין. עס האט זיך אנגעקליבען אזוי פיעל מיסט, אז עס האט פארשטעלט כמעט די גאנצע וואנט. איז געווען א מושל אין ירושלים, וואס האט אויסגערעכענט, אז דארט דארף זיין א וואנט, וואס האט באלאנגט צום אמאליגען אידישען הייליגען טעמפעל, און ער האט דעם פלאץ געוואלט אפרייניגען. ווערט דערצעהלט, אז דער דאזיגער מושל האט די אראבער אדער טערקען פון יענער צייט אפגענארט. ער האט אין די מיסט אנגעווארפען מטבעות. די תושבים האבען זיך דערוואוסט, אז דארט געפינען

זיך „אוצרות“ און מען האָט זוכענדיג די געלד דערווייל אָפּגע־ראַמט די מיסט. דער מושל האָט נאָכהער געגעבען אַ באַפעהל, אַז מען זאָל אָהין מעהר קיין מיסט ניט וואַרפען און די הייליגע וואַנט איז פאַרבליבען פריי.

שפּעטער האָט מען ווידער אָנגעהויבען וואַרפען מיסט פון דערהויך, אפשר צו להכעיס די אידען, אָבער ווען משה מאָנטעפיאָרע, ע״ה, איז געווען אין ירושלים מיט עטליכע צעהנד־ליג יאָהר צוריק, האָט ער געלאָזט מאַכען די וואַנט העכער, כדי מען זאָל ניט קענען שליידערען מיסט פון אויבען. מען זעהט, אַז אין דערהויך איז צוגעמויערט אייניגע רייהען מעסיגע שטיי־נער, בעת די אָריגינעלע וואַנט איז, ווי געזאָגט, פון גאַנץ גרויסע שטיינער.

עהנליכע שטיינער זעהט מען אויך אין מגדל דוד און אין טיילען וואָס זיינען פאַרבליבען פון אַן אור־אַלטע שוץ־וואַנט ביי אַלט־ירושלים.

אַלט־ירושלים איז געווען מוקפת חומה, אַרומגערינגעלט מיט שוץ־ווענט, פעסטונגען, וואָס מען האָט געבויט צו באַשיצען די שטאָדט פון אַן איבערפאַל פון אַ שונא. אין צוויי פּלעצער זיינען נאָך דאָ איבערבלייבונגען פון גאַנץ אַלטע שוץ־ווענט פון פאַר׳ן חורבן. מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָט מען דורך אַ צופאַל ענטדעקט אַ דריטע וואַנט, וואָס איז אַזוי אַלט ווי די כותל המערבי אָדער נאָך עלטער.

מען האָט געגראָבען אַ פונדאַמענט אין צפון זייט פון ירושלים און מען האָט זיך אָנגעשטויסען אויף שטיינער ניט זעהר טיעף אין דער ערד. מען האָט אָפּגעגראָבען די ערד אַרום און עס איז ענטדעקט געוואָרען אַ לאַנגע, ברייטע וואַנט, אָדער אַ פונדאַמענט פון אַ וואַנט, געבויט פון דיזעלבע מאָס און דיזעלבע פאָרמע שטיינער ווי דער כותל המערבי. עס איז באַשטעטיגט געוואָרען פון אַלטערטימער־פאָרשער, אַז דאָס איז אַ דריטע אור־אַלטע שוץ־וואַנט אויסער די צוויי וואָס מען האָט פריהער געוואוסט.

די דאָזיגע אויסגראָבונג איז פארבליבען אָפען און מען געהט אָדער מען פאָהרט זי זעהן.

קיין באַזונדערע טשיקאַוועקייט איז אין דעם ניטאָ. גרויסע, ברייטע און דיקע פיער־עקיגע שטיינער, און דאָס אלעס. אָבער זיי, אָט די דאָזיגע שטומע שטיינער, האָבען ענטדעקט א סוד און צוואָוואָרפען אן אלטע טראַדיציע פון די נוצרים, פון יעזוס'עס נאָכפאָלגער.

זיי, די קריסטען, אזוי ווי מיר אידען, האָבען אין אלט־ירושלים זייערע „היילינע" היסטאָרישע פלעצער. ציינט מען אָן אויף דער תפיסה, וואו דער אותו האיש, יעזוס, איז געזעסען; דעם מקום המשפט, די געריכטס הויז, וואו ער איז גע'משפט געוואָרען, און אפילו אויף א שטיין, וואו ער פלעגט זיך זעצען אָפרוהען, בעת מען פלעגט איהם פיהרען צום אָדער פון געריכט. דער דאָזיגער שטיין, ניט קיין גרויסער, קיילעכדיג ווי א האלבע קויל, איז עד היום ביי זיי פארהייליגט און פרומע קריסטען, ווען זיי קומען אין ירושלים, פאלען זיי אויף די קניע און קושען דעם דאָזיגען שטיין.

און ניט נאָר איז דער שטיין ביי זיי פאררעכענט אלס א הייליגטום, נאָר די גאנצע געסעל אָדער געסלאך, וואו יעזוס האָט געטראָטען מיט זיינע פיס. אמאָל איז פאַר די אידען געווען א סכנה דורכצוגעהן דאָרט. בפרט אין א קריסטליכען חגא־טאָג האָט זיך א איד געוויס ניט געקענט איינשטעלען צו קומען אהין. היינט אָבער געהען דאָרט אידען פראַנק און פריי און מען טשעפּעט קיינעם ניט.

דערצעהלט מען מיר, אז מיט א פאָר יאָהר צוריק, אין דער קריסטליכער „פאסכא" אָדער איסטער, ווען מי רופט עס דאָ, האָבען אראַבער אָנגעשאָטען פעפער אויף יענעם „הייליגען" שטיין. קריסטליכע גוים און גוי'עס האָבען, ווי זייער מנהג איז, געקושט דעם שטיין, ניט וויסענדיג אז ער איז באפעפערט, און זיי האָבען געהאַט צו ניסען און צו הוסטען.

קיין געוואַלדיגע „חכמה" איז עס אפילו ניט: אָבער די מוסולמאַנישע אראַבער האָבען הנאה געהאַט פון דעם שפּאַס.

די קריסטען פאַרהייליגען אַ געוויסען פּלאַץ ביי ירושלים אַלס דער קבר פון זייער „משיח", פון יעזוס'ען. איז דאָרט די קריסטליכע מעקא, און קריסטען פון גאַר דער וועלט קומען אַהין מתפלל זיין. איז איידער די דריטע וואַנט איז ענטדעקט געוואָרען, האָט קיינער ניט געקענט אָפּלייקענען אַז דער קבר פון אותו האיש איז דאָרט, אויף יענעם פּלאַץ. איצט אָבער איז ברה כשמש אַז עס איז אַ פאַלשע מסורה, ווייל עס קען ניט זיין, אַז דער פּאָטער פון קריסטענטום זאָל דאָרט זיין באערדיגט.

עס איז ידוע, אַז מען האָט אין ירושלים מבית לחומה, אינעווייניג פון די מויערען, פון די פעסטונגען אַרום שטאָדט, ניט מקבר געווען קיין מתים. אַלע מתים זיינען באערדיגט גע־וואָרען אויסערהאַלב די פעסטונגען. אַזוי איז געווען דער דין ביי אידען אַז אין דער עיר הקודש האָט קיין קבר ניט געטאָרט זיין. איז פריהער, איידער מען האָט געוואוסט פון דער דריטער וואַנט, האָט מען געקענט אָננעהמען אַז זי איז געשטאַנען אויף יענער זייט פון קבר, נעהנטער צום שטאָדט. איצט אָבער זעהט מען, אַז עס איז פאַרקעהרט: דער אָנגענומענער יעזוס'עס קבר איז נעהנטער צום שטאָדט ווי די ענטדעקטע וואַנט, קומט דאָך דאָס אויס מבית לחומה, און דאָס קען ניט זיין.

מילא, איז ניט. זאָלען זיי, די נוצרים, די קריסטען, זיך זאָרגען. פאַר אונז אידען איז עס קיין חילוק ניט. איך דערצעהל דאָס נאָר דרך אגב, ריידענדיג וועגען די דאָזיגע שטיינער, וואָס מען האָט פאַרצייטען געברויכט אין ירושלים אַלס בוי־מאַטעריאַל. איצט וועלען מיר אייך פיהרען אין אָנגענומענע היסטאָרישע פּלעצער, וואָס רופען אַרויס באַוואונדערונג פון אַנאַנדער שטאַנד־פּונקט — פון שטאַנדפּונקט פון קונציגע ארבייט.

באַזוכט איהר די „קברי סנהדרין", וואו עס זיינען אין אַ שטיין אויסגעהאַקט הייהלען איבער הייהלען, ווערט איהר שטאַרק נתפעל פון דער אַרט און וויזע ווי דאָס איז געמאַכט. אויס־האַקען אין איין שטיין אַזוי פיעל אונטערערדישע חדרים און חדרים'לאך, איז הפלא ופלא.

דאָ איז שוין ניט די אומגעלומפּערטקייט פון דער זאַך, וואָס ציהט אייער אויפמערקזאַמקייט, נאָר די קונסט, די סקולפּ־טור, די שטיין־שניידעריי, פון וועלכע איהר קענט זיך ניט אָפּקוקען.

איהר זעהט דאָרט וואונדערבאַרע שניצערייען אין שטיין, קונציגע ארבייט געמאַכט פון די הענט פון געניטע און גוטע בעלי מלאכה, און ווי אַלט דאָס איז, ליגט נאָך אויף דעם דער שטעמפּעל פון קונסט־ווערק.

די „קברי בית כלבא שבוע“, אָדער „קברי מלכי ישראל“, ווי עס איז דאָרט געשריבען אויף אַ שילד ביים אריינגאַנג, איז נאָך מעהר צו באַוואונדערען. דאָרט איז אריינגעלייגט געוואָרען ארבייט, וואָס איז ניט משער צו זיין און אַ פאַנטאַזיע קען דאָס גאָרניט פאָרשטעלען.

יענער פּלאַץ, אַזוי ווי אַ סך אַנדערע אידישע היסטאָרישע פּלעצער אין הייליגען לאַנד, ליגט אין די הענט פון אַראַבער. ווען איהר קומט אַהין, האָט איהר צו באַצאָהלען אַ שילינג (25 סענט) איינטריט־געלט. דער אַראַבישער שומר גיט אייך אַ ליכטעל מיט אַ פּאָר שוועבעלאַך צו באַלייכטען דעם וועג אין די פינסטערע הייהלען, און ער ווייזט אייך אויך אָן דעם וועג וואו ארונטערצוגעהן.

אָבער איידער איהר קומט צו די הייהלען, געהט איהר ארונטער אין אַ טיפען ברייטען טהאָל, וואו עס געפינען זיך דריי מקואות אויסגעהאַקט אין שטיין. די אַרבייט איז ניט קיין פּאַרטאַטשקע, שוין איינמאָל אַ שטיקעל ארבייט. אום אָפּצושאַצען די דאָזיגע ארבייט, מוז מען דאָס אַליין זעהן. אָפּמעלדען דאָס גענוי — קען מען ניט.

דער אריינגאַנג אין די הייהלען איז זעהר שעהן און קונציג אויסגעאַרבייט, אויך אין שטיין. איהר געהט דורך אַן אַרטש, אַ האַלב־רונדיגען טויער, וואו עס ליגט אַ מאַסע ארכיטעקטור. אינוויינינג קומט איהר אריין אין אַ לאַבירינט פון הייהלען, העכערע און נידעריגערע, אַלע אויסגעהאַקט אין שטיין, און איהר קענט דאָרט פאַרבלאָנדזשען. ביים שיין פון דער ברע־

נענדער ליכטעל קוקט איהר זיך צו און איהר זעהט, אז אלעס איז מעשי ידי אמן, געמאכט פון מייסטערס. איהר זייט איבער־ציייגט, אז דארט ליגט די ארבייט ניט בלויז פון געזונטע הענט, פון שטארקע מוסקולען, נאר אויך קאפ־ארבייט, געהירען־ארבייט, און איהר קענט זיך ניט אפוואונדערען דערפון.

פאראן אין ירושלים נאך עהנליכע פלעצער, וועלכע איבער־צייגען, אז מען איז דארט מיט פיעלע הונדערטע יאהרען אדער מיט א פאר טויזענט יאהר צוריק ניט געווען הינטערשטעליג אין בוי־קונסט אדער סקולפטור.

איך האב געזעהן דעם בארימטען פעלז פון גיבראלטאר, האב דורכגעשפאצירט די „גאלעריען" אין איהם, און האב עס בעת מעשה זעהר באוואונדערט. אבער נאכהער ווי איך האב אין ירושלים געזעהן די אויבענדערמאנטע פלעצער און עהנליכעס, האב איך געזאגט און זאג איצט אויך, אז די לעצטע איז מעהר צו באוואונדערען, ווייל דער פעלז איז דאך א פון נאטור באשאפענע זאך, א שאפונג פון עושה פלא, פון באשעפער פון דער גאנצער וועלט, וואס באשטעהט דורכאויס פון אומבא־גרייפליכע וואונדער; דא אבער זעהט איהר וואונדער געשאפען פון מענשליכע הענט, און דאס איז מעהר חידוש.

און דער חידוש איז נאך גרעסער און דרינגט דורך אייער הארץ און מח, ווייל דאס אלעס איז געשאפען געווארען פאר־צייטען, און מסתמא טאקי פון אידישע הענט, אין א צייט ווען עס איז ווארשיינליך קיין עלעקטריציטעט און קיינע מאשינען, ווי מיר האבען היינט, ניט געווען.

היוצא מזה, אז עס איז דא וואס צו זעהן אין הייליגען לאנד און מען קען דארט אויף יעדען טריט און שריט געפינען אינטערעסאנטעס, אינטערעסאנט צוליב דער מסורה, צוליב דער טראדיציע, אז דאס איז אונזערס, און אינטערעסאנט אן און פאר זיך.

איך האב נאך געהאט פילע זאכען צו ערליידיגען אין ירושלים; אבער איך האב באשלאסען אפצושטאטען א וויזיט

אין תל אביב און אומגעגענד, און וואָס איך האָב נאָך געהאַט צו זעהן אָדער צו טהאָן אין ירושלים, האָב איך אָפּגעלייגט אויף שפּעטער.

.26

אַן עיר ישראל אין ארץ ישראל. — אידישקייט אין תל אביב. — „פּרייגעזאַנענע" אין גלות. — פּאָליציי רופט אין שול.—עליונים ותחתונים אין שול.—אין אַ בית משפט.—אַ באַזוך ביי ביאַליק'ן.

תל אביב איז די שענסטע און מאָדערנסטע שטאָדט אין ארץ ישראל.

תל אביב שטעהט ביים ברעג ים און איז טיילווייז פאַר־בונדען מיט דער אַלטער שטאָדט יפו. אָבער אַז איהר קומט פון תל אביב קיין יפו, אָדער פאַרקעהרט, דאַכט זיך אייך אַז איהר געהט אריבער גאָר אין אַן אַנדער וועלט.

תל אביב איז אַ אידישע שטאָדט אין פולען זינען פון דיזען וואָרט. זי איז אפשר די איינציגע אויסשליסליך אידישע שטאָדט אין דער וועלט. אַ שטאָדט, און טאַקע אַ שטאָדט, ניט קיין שטעדטעל, וואו אויסער אידישע שולען געפינט זיך דאָרט קיין שום קירכע, קיין שום בית תפלה פון וועלכע עס איז אַנדער אמונה. אַ שטאָדט לכתחילה געבויט פון אידען, פאַר אידען, באַזעצט דורכאויס פון אידען און ווערט פאַרוואַלטעט און רעגירט פון אידען. מיט איין וואָרט: אַן עכטע עיר ישראל אין ארץ־ישראל.

און דערפאַר טאַקע בין איך זעהר נייגעריג געווען צו זעהן די דאָזיגע טשיקאַווע שטאָדט, און בין אַהין געפאָהרען איידער איך האָב ערלעדיגט מיינע באַשטימטע באַזוכען אין ירושלים.

מיר פאָהרען מיט אַן אַטאָמאָביל. פינף פּערזאָן זיינען מיר אין מאַשין: איך מיט מיין פרוי, מיינע לאַנדסלייט מר. עפּ־שטיין און מרס. האָראָוויץ און אַ ספרדישער „חאַכאַם" (חכם), דאָס הייסט: אַ רב ביי ספרדישע אָדער פרענקישע אידען,

ער איז איינער פון די ווichטיגסטע ספרדישע רבנים אין ארץ ישראל. זיין נאָמען האָב איך, ליידער, פארגעסען.

די רייזע איז אַן אנגענעמע. די פאר׳פסח׳דיגע ארץ ישראל לופט איז געשמאַק. א ריח נחוח׳דיגער גערוך שפּירט זיך אויסער׳ן שטאָדט מעהר ווי אין שטאָדט. אפילו פון וויסטע בערג בלאָזען אויך אנגענעהמע ריחות, בפרט ווען מען פאָהרט פאַרביי פעלדער, פרדסים און וויינגערטנער, איז די אַטמאָספערע גאָר א בשמים׳דיגע.

דער שאָסעע צווישען ירושלים און תל אביב ציהט זיך טיילווייז דורך בערג און טהאָלען און טהיילווייז דורך א גרויסען און ברייטען „מישור" — א גלייכע לאַנד פלעכע פון פעלדער און גערטנער. מיר באַגעגענען אויפ׳ן וועג אראבער אויף קעמלען, אויף עזלען און פוס־געהער, וועלכע באַגריסען אונז מיט א פריינדליכען אראבישען „יברכך". אויב זיי זיינען דאָס אויסען געווען אונז אַמעריקאַנער אָדער אוים רעספּעקט צום ספרדישען רב, א איד א הדרת פנים, א הויכער און א ברייטער, אָהן עין הרע, וואָס האָט ארויסגעשיינט פון אַטאָמאָביל מיט זיינע „חאכאם" מלבושים — דאָס וויים איך ניט.

מיר טרעפען אויך אויף א פעלד, ניט ווייט פון וועג, א לאַגער פון בעדואינער, א וואנדער־פאָלק אזוי ווי ציגיינער. אמאָל זיינען זיי געווען שעדליך, איצט אָבער הערט מען פון זיי קיין שלעכטעס. זיי רעספּעקטירען, אפנים, דעם ענגלישען געזעץ און זיי טשעפּען קיינעם ניט. אזוי בין איך אינפאָרמירט געוואָרען.

מיר טרעפען אויך אויפ׳ן וועג חלוצים און חלוצות, וואָס האַקען שטיינער און טהוען אַנדערע ארבייט ביים פאַרריכטען דעם שאָסעע. צוליב דעם כבוד פון „חאכאם", וועלכער האָט זיך געאיילט צוליב א געוויסען ענין צו קומען וואָס שנעלער אין תל אביב, האָבען מיר זיך ניט געקענט אָפּשטעלען פאַרפירען א שטיקעל שמועס מיט די חלוצים און מיר האָבען געמוזט יוצא זיין מיט א „שאַלאָם" (שלום).

אין תל אָביב פאָהרען מיר אריין אין א האָטעל אויף רחוב אחד העם, לב תל אביב, און מיר טרעפען דאָרט אויך שיפס־

גענאָסען, וועלכע זיינען מיט אונז צוזאַמען געקומען קיין ארץ־ישראל. דער פאַרוואַלטער פון פּלאַץ, הרב טאַבאַטשניק, איז אַ איד פון אונזערע אידען; אָבער אַ חובב ציון אין פולען זין פון וואָרט. דער איד, קענטיג גאָר ניט קיין עושר, האָוועט ניט און יאָגט זיך ניט נאָך פּראָפיטען. איז צופרידען מיט פיעל עס איז, אבי ער איז אין היילינגען לאנד; דאָס לאַנד וואָס איז איהם איינגעבאַקען אין האַרצען, ווייל ער קריגט אין איהר אַ פולע גייסטיגע באַפרידיגונג.

מיט אונז, בני חוץ לארץ, רעדט ער אידיש, מחמת ניט אַלע פאַרשטעהען העברעאיש און נאָך אַ העברעאיש מיט'ן ספרדישען דיאַלעקט. אָבער דאָס רעדען אידיש אָדער „זשאַרגאָן" איז איהם ניט צום האַרצען. ער באַטראַכט עס פאַר אַ „ביטול זמן" אָדער פאַר אַ „חילול הקודש", און עס איז איהם אָפטמאָל ליבער צו שווייגען איידער צו רעדען.

ער האַלט, אַז אין ארץ־ישראל דאַרף מען רעדען העברעאיש, און טאַקע דוקא ווי זיי האָבען דאָרט אָנגענומען — „בהברת ספרדית", מיט'ן ספרדישען דיאַלעקט. ארץ ישראל, זאָגט ער, איז אַן אדמת קודש און מען דאַרף דאָ רעדען לשון הקודש. דאָס איז זיין מיינונג אָדער איבערצייגונג און ווען עס קומט צו רייד אַגיטירט ער דערפאַר.

קיין קנאי איז אָבער דער אדון אָדער הרב טאַבאַטשניק ניט. ער זאָל זיך קריגען מיט אייך דערפאַר אָדער באַליידיגען אייך, חלילה, אויב איהר זייט אַ אידישיסט — דאָס ניט. איך בין זיכער, אַז ער באַלאַנגט ניט צום „גדוד", וואָס האָט געמאַכט אַן איבערפאַל אויף אידישיסטען, טאַקע אין תל אביב, און ער האַלט ניט מיט זיי.

איך נעהם אַ שפּאַציר אין גאַס און באַגעגען אַ שיפס־ברודער, אַ איד פון מאַסאַטשוזעטס, וועלכער איז געקומען מיט זיין פרוי באַזעצען זיך אין ארץ ישראל. שטעהט דער מאַן און קוקט אַרויף אין דער הויך אויף די שעהנע ווייסע געביידעס און שאָקעלט מיט'ן קאָפּ עפּעס אַזוי ווי ער זעהט דאָרט אַ דבר חידוש. פרעג איך איהם: „וואָס קוקט איהר דאָרט? איהר צעהלט

די שויבען פון די פענסטער?" זאָגט ער: „ניין, איך באַוואונדער אַ מאָדנע זאַך. מען האָט מיר געזאָגט, אַז אין גאַנץ תל אביב איז ניט צו געפינען קיינע צוויי געביידעס, וואָס זאָלען זיין גלייך איינע צו דער אַנדערער. שפּאַציר איך מיר אום און קוק נאָך אויב עס איז ריכטיג אַזוי, און בין איצט איבערצייגט אין דעם.

איך האָב אוים קוריאָזיטעט אויך נאָכגעפאָלגט יענעם אידען'ס ביישפּיל און האָב, פאַר דער צייט וואָס איך בין געווען אין תל אביב, בעאָבאַכטעט די זאַך און זיך פאָלשטענדיג איבערצייגט אַז עס איז אמת.

און דאָס איז טאַקע אין מיינע אויגען אַ חידוש גדול. אַזאַ שטאָדט מיט אַזוי פיעל הייזער, ניט קיין כאַלופּקעס, נאָר מעהר־סטענס הויכע מויערען פון שעהנער אַרכיטעקטור, און יעדער בנין איז געבויט אונטער אַן אַנדער פאָרמע, אונטער אַן אַנדער מאָדעל! אין אַ שטאָדט זאָלען זיך ניט געפינען צוויי איינאַרטיגע געביידעס, איז ווירקליך אַ דבר פּלא.

איך וויים ניט אויב די וועלט פאַרמאָגט נאָך אַ שטאָדט, וואָס יעדער פון איהרע בנינים זאָל זיין איינגענאַרטיג געבויט.

בכלל איז תל אביב אַ שעהנע שטאָדט, אַ שטאָדט מיט וועלכע אייראָפּאַ אָדער אַמעריקאַ וואָלט אויך ניט געהאַט צו שעהמען זיך מיט די פּלענער און אַרכיטעקטור ווי זי איז געבויט.

און נעהמענדיג תל אביב פון אידישען שטאַנדפּונקט, איז דאָך ניט שייך, אַז קיינע גוים זיינען דאָרט ניטאָ, און אויב עס געפינען זיך אין שטאָדט, אַזוי צו זאָגען, חצי גוים, אידישע קינדער „פּראָגרעסיוועֿ", אָדער „פרייגעזאָנענע", זיינען זיי נעבאך אין גלות און מוזען זיך שטיקען און דריקען מיט זייערע „פרייע" אידעען אין זייערע היימען, אָבער ניט אַרויסצייגען דעם „שייגעץ" אין דער עפענטליכקייט.

איינער, אַ באַוויבטער, האָט אַמאָל געזאָגט: „איך פייף אויף גרשום מיט זיין חרם, אַז מען זאָל ניט האָבען קיין צוויי ווייבער, און איך וואָלט גאַנץ שעהן גענומען נאָך אַ ווייב אין זאַפּאַס; אָבער די פּאָליציי, אַ מפּלה זאָל אויף איהר קומען,

לאָזט ניט". אזוי איז דאָס אויך אין תל אביב. עס זיינען דאָרט אפשר פאַראַן אידען, וואָס וואָלטען, למשל, געפייפט אויפ'ן שלחן ערוך און וואָלטען גאַנץ שעהן, אָדער גאַנץ מיאוס מחלל שבת געווען אין דער עפענטליכקייט, בפרהסיא; אָבער די אידישע פּאָליציי — א געזונט אויף איהר — לאָזט ניט, ווייל שמירת שבת איז אין תל אביב א געזעץ, אזוי ווי דאָ ביי אונז שמירת זונטאָג.

שפּאַצירט איהר אין תל אביב'ער גאַסען זעהט איהר אין מאַנכע פלעצער שילדען, ווען די „שקיעה" וועט זיין קומענדיגען פרייטאג, כדי אידישע קינדער זאָלען וויסען און געדענקען, ווען אָנצונעהמען שבת. אויסער דעם, ווי עס קומט פרייטאג פאַר־נאַכט, געהט א פּאָליציי־מאַן מיט א טראָמפּעיט און טרובעט. דאָס מיינט, א שטייגער, אזוי ווי אמאָל ביי אונז אין די היימישע שטעטלאך פלעגט דער שטאָדט־שמש געהן פרייטאג פארנאכט און שרייען: „אין שול אריין!"

איך בין חלילה ניט חושד אַלע תל אביב'ער אידען, אָהן אויסנאָהם, אז זיי געהען טאַקע אין שול מקבל שבת זיין און דאַווענען מעריב בצבור. עס זיינען אפשר דאָ יוצאים מן הכלל, אידישע קינדער, וואָס ביי זיי איז רעכט יאָ דאַווענען, ניט דאַווענען; אָבער דערהערט מען דעם פּאָליצייאישען טראָמפּייט, ווערען אַלע געשעפטען געשלאָסען. דער וואָכעדיגער הו־האַ פארשווינדט און אַלעס שבת'ט, וויינינגסטענס אויסערליך. געהן אריינקוקען ביי לייטען אין די טעפּלאך, איז קיינער ניט מחויב; אָבער אין גאַס הערשט אַן אמת שבת'דיגע מנוחה.

און די געטליכע פרינצעסין, די שבת מלכתא, ווערט דעם גאַנצען יום מנוחה געהאַלטען בכבוד. מען זינגט פאַר איהר זמירות און אַנדערע שירים און לכבודה פראַוועט מען אַן „עונג שבת", אַביסעל אויף אַן אַנדער שטייגער ווי אין ירושלים.

אין ירושלים — האָב איך שוין דערצעהלט — געהט עס צו אויף א חסידישען שטייגער, און אין תל אביב שמעקט עס א קאַפּעלע מיט „רעפאָרם".

אַן דער שפּיצע פון דער „עונג שבת" אינסטיטוציע אין תל

אביב שטעהט אונזער גרויסער משורר חיים נחמן ביאליק. מען קומט זיך צוזאמען אין זאל פון דער גימנאזיע, וואו ביאליק און אויך אנדערע האלטען רעדעס אדער לעקטשורס — עס פארשטעהט זיך אין העברעאיש. דארט איז מען ניט מדקדק צו זיצען דוקא בכסוי ראש, און מען הערט די רעדעס און מען זינגט שירים און מען געניסט שבת אויבסט, און — איך וויל אידישע קינדער ניט חושד זיין — אפשר בלא ברכה. ווען עס ווערט גוט פינסטער, צינדט מען אן פייער, מען מאכט הבדלה, און דאן געזעגענט זיך דער עולם מיט דער „נשמה יתירה" און מען ווערט פאר־וואנדעלט פון שבת'דיג אויף וואכעדיג. מעריב דאווענען און זאגען „ויתן לך" איז א „פריוואט זאך" און ווער עס וויל קען דאס טהאן ב״י זיך אין דערהיים.

אבער שעהן איז דאס פארט און ערהאבען. אז אידישע קינדער פראווען אן „עונג שבת", אפילו ניט אזוי פינקטליך חסידיש, איז א נחת צו זעהן. טויזענט מאל שעהנער און לייטישער ווי פראווען אן „עונג זונטאג".

דער פלאץ דארט אין גימנאזיע איז געווען באשרענקט און ניט געקענט אריינעהמען אזוי פיעל מענשען וויפיל עס האבען געוואלט בייוואהנען דעם „עונג שבת". איז געקומען א פילאדעלפיער איד, איינער א מר. בלום, וואס האט זיך באזעצט אין ארץ ישראל, און האט מנדב געווען צעהן טויזענט דאלאר צו בויען אן עקסטרא געביידע פאר דיזען צוועק. איצט איז שוין די געביידע דא און האט גענוג פלאץ פאר אלע, וואס זיינען פאראינטערעסירט אין דער זאך און ווילען הערען א אידיש ווארט און הנאה האבען לכבוד שבת.

צו די איניגע שולען און מנינים, וואס געפינען זיך אין תל אביב, האט די שטאדט אויסגעבויט א גרויסע, שעהנע און פראכטפולע שול. ווען מיר זיינען דארט געווען, איז זי נאך ניט אינגאנצען פארטיג געווען, אבער מען האט שוין דארט געדאווענט. די שול האט אונטען א בית-מדרש צו דאווענען און לערנען אלע טאג, און אויבען איז די בית הכנסת. איז דארט פארגעקומען אביסעל שטרייטיגקייטען. עס איז געווען

געמאַכט געװאָרען אַ „תקנה“, אַז אין שול זאָל גערעדט װערען דוקא בהברת ספרדית. די עברי, װאָס מיר געברויכען און אידיש — לא יזכר ולא יפקד. זיינען אָבער געקומען אידען און האָבען גע'טענה'ט, אַז זיי קענען ניט די ספרדישע אָדער פרענקישע עברי, און לערנען אַ בלעטעל גמרא, אַ פּרק משניות אָדער אַ שטיקעל חיי־אדם מוזען זיי אויף מאַמע־לשון. האָבען די עקסטרעמע העברעאיסטען דאָס ניט געװאָלט צולאָזען. זיינען פאַרגעקומען מחלוקות. ענדליך אָבער האָט מען זיך פאַרגלייכט אויף אַ פּשרה: אונטען אין בית המדרש האָט מען „מתיר“ געמאַכט אונזער עברי און אידיש; אויבען אָבער, נעהנטער צום הימעל, צו די מלאכים, װאָס זיינען מקבל די תפלות, דאַװענט מען און מען לייענט אין דער תורה דוקא מיט'ן ספרדישען דיאַלעקט.

װאָס אַנבאַלאַנגט שמועסען בעת'ן דאַװנען אָדער בעת קריאת התורה, איז מסתמא אויך אַזוי: אונטען שמועסט מען אויף אידיש און אויבען — אויף ספרדיש־העברעאיש.

מיר האָבען אין תל אביב אויפגעזוכט לאַנדסלייט פון אונזער שטעדטעל. געה איך איינמאָל מיט אַ לאַנדסמאַן אין גאַס און ער פיהרט מיך אַריין אין אַ „בעיט מישפּאַט“, אַ בית משפט, אַ קאָורט אָדער אַ געריכטס־הויז, װאו איך האָב געהאַט דעם פאַרגעניגען צו זעהען װי אַזוי עס װערט אויס־געטיילט גערעכטיגקייט אין דער קליינער אידישער מלוכה.

דער פּלאַץ, אַפילו אָרים אויסגעשטאַטעט און אין אַ הינטער־שטוב, אָבער מיט מזוזות אויף די טיהרען. דער ריכטער, דער סעקרעטער און אַלע אָנגעשטעלטע, פאַרשטעהט זיך, אידען. נאָר דאָס איז קיין גרויסער חידוש. דאָ ביי אונז אין אמעריקא זיינען פאַראַן גענוג אידישע דזשאַדזשעס אָדער ריכטער. אינ־טערעסאַנט איז אָבער, װאָס אַלעס געהט דאָרט אָן אין העב־רעאיש. װען איך בין דאָרט געװעזען, איז אָנגעגאַנגען אַ פּראָצעס פון איינעם, װאָס האָט ביים אַנדערען געמאָהנט אַ געװיסע סומע דערפאַר, װאָס יענער האָט באַשעדיגט זיינעם אַן אויטאָמאָביל. האָבען די אַדװאָקאַטען פון ביידע צדדים, דער מאָהנער און

עדות, אלע געריידט העברעאיש, אויסער דער נתבע, דער אָנ־געקלאָגטער, קענטיג נאָך א האלב־„גרינער" אידעל, וועלכער האָט גערעדט אידיש, און עס איז שעהן געווען צו הערען זייערע טענות און נאָך שעהנער צו זעהן ווי דער ריכטער און דער קלוירק אָדער סעקרעטאר האָבען אלעס געשריבען און פארצייכענט פון רעכטס צו לינקס אין העברעאיש. איך האָב שוין אמאָל געזאָגט, אז איך בין ניט קיין אויסגעשפּראָכענער העברעאיסט; עס איז אָבער פאָרט זעהר אינטערעסאנט צו הערען און צו זעהן ווי א פּראָצעס ווערט אָנגעפיהרט אין דער דאָזיגער שפּראַך.

איך און מיין פרוי האָבען אָפּגעשטאַט א וויזיט בבית ביאליק, ברחוב ביאליק, און פארבראַכט א זעהר אנגענעהמע שטונדע מיט'ן גרעסטען משורר פון אונזער דור, וועלכער האָט מיט אונז גערעדט מאַמע-לשון, מעהרסטענס בשבח ארץ ישראל.

ער האָט אונז געצייגט זיין פּראַכטפולע וואוינונג, וואָס איז געבויט און אויסגעשטאַטעט טאַקע אויף א פּאָעטישען שטייגער. עס איז אזוי שעהן, אזוי געשמאַקפול, אז עס דאכט זיך, אז די שטומע ווענט, די ציילען און אלעס אין הויז זינגט, און איהר פיהלט אזוי ווי איהר זאָלט זיצען אין א צויבער־פּאַלאַץ.

אדון ביאליק האָט אונז ארויסגעפיהרט און געצייגט זיין גאָרטען. אויף אלע אידען געזאָגט געוואָרען אזעלכע הייזער מיט אזעלכע גערטנער.

.27

אין ראשון לציון.—א „קיבעץ" פון א אידישען אָקציזניק.—אין פתח תקוה.—בייזע פליגען פאר פסח.—שוידערליכע געשעהענים פון יאָהר תרפ"א. מעשה ר' דוד נאָוויק.—א שטאָלץ פאר לאַנדסלייט.

איין טאָג נעהמען מיר אן אויטאָמאָביל און מיר פאָהרען קיין ראשון לציון, די אלטע אידישע קאָלאָניע, וואו עס געפינען זיך ראָטשילד'ס וויין קעלערען.

נאָך אין מיינע יונגע בחור'שע יאָהרען האָב איך פיעל

געלייענט וועגען ראשון לציון און די ווייגען, וואס ווערען דארט פאבריצירט, און איך האב עס געוואלט זעהן מיט מיינע אויגען.

מיר פאהרען פארביי ווייגגערטנער, גרויסע שטרעקעס לאנד פארפלאנצט מיט וויינטרויבען, דער פראדוקט, פון וועלכען מען מאכט וויין. מיר זעהען ווי אידישע ארבייטער ארבייטען דארט און עס פיהלט זיך עפעס א מין נחת רוח; אבער צו דערזעלבער צייט אויך א מין פאררדרוס, וואס קומט פון קנאה, וואס איך בין יענע מענשען מקנא זייער ארט לעבען. מיר דאכט, אז זייער לעבען איז א זים לעבען, ריין פון ביטערקייט, וואס איז אריינגעמישט אין די לעבענס פון גרוים-שטעטישע.

מיר פאהרען אריין אין שטעדטעל. מיר שפאצירען ארום, מיר באזוכען די שול, וואס שטעהט שטאלץ אויף א ברייטען הויכען פלאץ און מיר לאזען זיך נאכהער צו די קעלערען, צו דער גרויסער וויין פאבריק, וואס פארזארגט אידען מיט ארבע כוסות, ניט בלויז אין ארץ ישראל, נאר אין אלע לענדער.

איבער׳ן טיהר ביים אריינגאנג זעה איך די אויפשריפטען: „ויחל נח איש האדמה ויטע כרם“ און „בנות ישראל יוצאות במחולות בכרמים“. דערביי זיינען אויסגעמאהלט בילדער ווי נח פלאנצט וויינטרויבען און ווי מיידלאך טאנצען.

אינווייניג גיט מען אונז א מאן, וואס פיהרט אונז צייגען די אלע איינריכטונגען, די ריזיגע באסיינען און פעסער, און ער ערקלערט אונז אין ספרדישען העברעאיש דעם פראצעס ווי אזוי די ווייגען און קאניאקס ווערען געמאכט.

אין דעם פאדער-צימער, א גאנץ לאנגער און ברייטער צימער, וואו עס זיינען אנגעשטעלט פילע פעסער, שטעהט א מאן, מעסט די שטארקייט פון משקאות, וואס מען דערלאנגט איהם פון די פעסער, און צייכענט אין א בוך. דער מאן האט מיר איבערגעגעבען, אז זיין נאמען איז פופקא און ער קומט פון לידע. „דא — זאגט ער — בין איך אנגעשטעלט פון דער רעגירונג. איהר געדענקט דאך מסתמא די אקציזניקעס פון דער אלטער היים, אט דאס בין איך, אן אקציזניק, א אידישער אקציזניק“.

אויף דער פראגע: ווי עס געהען די געשעפטען? האט מען מיר געענטפערט, אז די פראהיבישאן אין אמעריקא האט ביי זיי אוועקגענומען א סך פדיון. פונדעסטוועגען האט מען אויף פסח אוועקגעשיקט א גרויסען ארדער.

„זאלען נאר — האט דער אקציזניק סארקאסטיש באַמערקט — אייערע אקציזניקעס, איך מיין, די רבנים, וואס האבען ביי אייך צו זאגען אויף קידוש ווייז, ניט קאליע מאכען און ברייגען דערצו, אז מען זאל די אויסגעשאפטע ווייגען דארפען צוריקשיקען".

איך האב ניט געוואלט אריינגעהן אין דיסקוסיעס און דעטאלען וועגען דעם ענין, אויס מורא אז איך וועל דורכדעם ברייגען צו חילול כבוד הרבנים, און איך האב קיינע שאלות ניט געמאכט. דער איד איז חושד אמעריקאנער רבנים — אויף איהם די עבירה...

אן אנדער טאג מאכען מיר א רייזע פון תל אביב קיין פתח תקוה און אומגעגענד. ביים דינגען אן אויטאמאביל גיט מען אונז די ברירה: אויב א פארד קאסט עס זיבען שילינג פון א פערזאן, און אויב אן אנדער מאשין איז דער פרייז אכט שילינג, מיט פינף און צוואנציג סענט מעהר. און אזוי ווי מר. פארד, וועלכער איז אמאל געווען חשוד אין אנטיסעמיטיזם, איז, כידוע, געווארען א בעל תשובה, האבען מיר איהם געגעבען א „שאו" און גענומען זיינס א מאשין, און אגב אורחא דערביי פראפיטירט.

פאהרען מיר. און אלץ דיזעלבע מעשה: באַארעס אדער פרדסים, עס שמעקט, א מחיה. מיר לויפען פארביי אידישע ישובים, צווישען זיי די נייע קאלאניע „בני ברק". אונזער פיהרער לעגט אן ווענ, אבער ער טהוט דאס אויף אונזער פארלאנג.

בני ברק איז אמאל געווען א שטעדטעל אדער א שטאדט אין ארץ ישראל, וואו עס האבען שטענדיג אדער צייטוויילינ געוואוינט תלמידי חכמים. דערצעהלט דאך אונז די הגדה: „מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע ורבי אליעזר בן עזריה

ורבי עקיבא ורבי טרפון שהיו מסבין בבני ברק". די איצטיגע נייע בני ברק איז אויך א מושב פון שעהנע אידען, א חסידישע קאָלאָניע, וואו מען ארבייט ארום לאנדווירטשאפט אין יארמול־קעס און טלית קטן'ס, אזוי ווי אין דער קאָלאָניע „נחלת יעקב" פון יאבלאָנער רבי. אן דער שפיצע פון די בני ברק קאָלאָניע שטעהט הרב גערשענקאָרן, וועלכער סטארעט זיך פאר'ן וואויל און בעסטען פון די קאָלאָניסטען, וועמעס מאַטעריעלער און עקאָ־נאָמישער מצב איז נאָך פאָרלויפיג ניט אמבעסטען.

מיר קומען אין פתח תקוה, וועלכע קען מיט רעכט אָנ־גערופען ווערען „עיר ואם בארץ ישראל", ווייל זי איז די מוטער פון אידישע קאָלאָניעס אין היילינגען לאנד. ניט לאנג צוריק האָט די קאָלאָניע געפייערט דעם יובל, די ענדע פון פופציג יאָהר זייט איהר עקזיסטענץ.

פתח־תקוה איז בכלל פאררעכענט פאר א רייכע קאָלאָניע. זי איז אָן איינגעפונדעוועט שטעדטעל. דאָס רוב פון איהרע תושבים זיצען תחת גפנם ותחת תאינתם און מאכען א בכבוד'ען לעבען. די דאָרטיגע תושבים זעהען אממעהרסטען אויס אזוי ווי היימישע רייכע ישוב'ניקעס אָדער פּאָסעסאָרען. עס זיינען צווישען זיי פאראן גאנץ רייכע לייט, אזוי צו זאָגען: אידישע פריצים, וועלכע פארוואוינען רייכע הויפען טאקע ווי פריצים, ווי מאגנאטען. בכלל אָבער זעהט איהר דאָרט ווייניג וואָס מאָדערניזם. אלעס פשוט, איינפאך, אָבער באלעבאטיש.

זעהר א גוטען איינדרוק האָט אויף מיר געמאכט, ווען איך האָב פארנאכט געזעהען אידישע „איכרים" — פעלד ארבייטער, געהענדיג און פאָהרענדיג פון דער ארבייט. א גאנצער קאראַ־וואן האָט זיך געצויגען, ווער מיט גראָב־אייזענס, ווער מיט גראבליעס און ווער מיט אנדערע פעלד און גאָרטען געצייג. און אלע האָבען זיי געזונגען אין כאָר, א נחת געווען צו הערען.

מיר האָבען אין פתח־תקוה בני עיר, לאנדסלייט פון אונזער שטעדטעל. האָבען מיר זיי אויפגעזוכט און זיי אָפּגעשטאַט וויזיטען.

ביי איין לאנדסמאן אונזערע האָבען מיר געהאָט ניט קיין

אנגענעהמען קבלת פנים, ניט חלילה פון לאנדסמאן אדער פון די בני בית, נאר פון פליגען, וואס זיינען אונז באפאלען טאקע אזוי ווי פליגען און אונז דערלאנגט בייסענדע שלום עליכם׳ס...

לכתחילה זיינען זיי אנגעפאלען אויפ׳ן צוקער, וואס מען האט דערלאנגט צו טהעע און אויף די צובייסענס, און אגב אורחא, אפנים, האבען זיי געוואלט פארזוכען וואס פאר א טעם עס האט א שטערען, א באק אדער א נאז פון א חוץ לארצ׳דיגען...

מען דארף ניט פארגעסען, אז דאס איז געווען פאר פסח, און פאר פסח פליגען איז עפעס אזוי ווי אין תמוז א שנעע, און זייער בייסען האט אפשר מעהר וועה געטאן.

אבער נאך אלעמען האב איך עס באטראכט פאר יסורים של אהבה. אין ארץ ישראל איז אלעס ליעב. און בכלל איז לייכטער צו פארטראגען א ביס פון א פליג, אדער אפילו פון א ביען, ווי א קוש פון א כלב, צי אין ארץ ישראל, צי אנדערשוואו...

מיר באזוכען גברת אדער מאדאם נאוויק, איינע פון די אנגעזעהענסטע באלעבאסטעס אין פתח תקוה. מאדאם נאוויק איז די אלמנה פון ר׳ דוד נאוויק ז״ל, א בן עיר אונזערער, פון קארטוז בערעזע, גראדנער גוברניע. עלטערע לאנדסלייט געדענקען איהם גיווים. דוד שמואל דעם פערדשטאדטער׳ס, האט מען איהם אין דערהיים גערופען.

ר׳ דוד נאוויק איז געווען איינער פון די עלטערע קאלאניסטען אין פתח תקוה, און כאטש א פשוט׳ער איד, א איד פון א גאנץ יאהר, ווערט איצט זיין נאמען דערמאנט מיט יראת הכבוד, מיט א „ז״ל“ אדער „זצ״ל“, ווייל איהם צו פארדאנקען איז פתח תקוה און אנדערע אידישע קאלאניעס ניט חרוב געווארען און זייערע איינוואוינער ניט אויסגעשלאכטעט געווארען. ר׳ דוד האט זיך ממש מוסר נפש געווען, איז געגאנגען אויף קדוש השם און געראטעוועט די לעבענס אפשר פון פיעלע הונדערטע נפשות.

פאר די וואס ווייסען דאס ניט, איז כדאי איבערצודערצעהלען, וואס דער ר׳ דוד פון קארטוז בערעזע האט אויפגעטאן.

דאָס גאַנצע אידישע פאָלק בכלל און מיר לאַנדסלייט בפרט מעגען שטאָלצירען וואָס עס האָט זיך געפונען א ר׳ דוד נאַוויק, וואָס האָט מפקיר געווען זיין לעבען לטובת הכלל. יהי זכרו ברוך.

דאָס איז געווען כ״ז ניסן, תרפ״א (1921), ווען א מחנה פון טויזענטע אויפגעהעצטע אראַבער, אונטער דער פיהרערשאַפט פון שעיך אבו־קישאק, זיינען באַפאַלען די קאָלאָניע פתח תקוה מיט דער אבזיכט אויסצושלאַכטען איהרע איינוואָהנער און צו ראַבירען זייער האָב און גוטס. דער אָנפאַל איז געווען צוערשט אויף פתח תקוה, אָבער ווען די צעיושעטע אַראַבער זאָל זיך געווען איינגעבען און זיי וואָלטען דורכגעפיהרט זייערע טייפעלשע פּלענער, וואָלטען זיי געגאַנגען ווייטער אין די אַנדערע נאָהענטע אידישע קאָלאָניעס.

די באַנדיטען זיינען געווען באַוואָפענט מיט שווערדען, ביקסען, מעסערס און אַנדערע כלי משחית. הינטער דער באַוואָפענטער מחנה, וואָס האָט זיך געצעהלט אין די טויזענטער, האָט זיך געצויגען א גרויסער קאַראַוואַן מיט קעמלען, וועלכע האָבען געטראָגען קוישען און קערב אויף זייערע האַרבעס, און אויך עזלען און פערד געשפּאַנט צו וואָגענס אויף אַוועקפיהרען די אידישע האָב און גוטס.

דער אָנפאַל איז געווען אַזוי אָרגאַניזירט, אַז אַלאַרמירען, רופען הילף איז געווען אוממעגליך. דער נעקסטער ענגלישער פּאָסטען האָט זיך געפונען ביי דער באַהן סטאַנציע ראש־על־עין, און קומען אַהין האָט מען ניט געקענט, מחמת די צעווילדעטע אַראַבער האָבען אַרומגערינגעלט פתח־תקוה פון אַלע זייטען, און א פּאַרזוך אַרויסצוכאַפּען זיך פון שטעדטעל האָט געמיינט א זיכערער טויט.

די בראַווע און העלדישע קאָלאָניסטען האָבען זיך אָבער אינגאַנצען ניט פאַרלאָרען. אַזוי באַלד ווי די אַראַבער האָבען אָנגעהויבען מאַרשירען פון אַלע זייטען אין שטאָדט אריין, האָבען א היבשע צאָהל איינוואוינער אָנגעהויבען האָגלען אויף זיי מיט קוילען פון גוט באַפעסטיגטע הייזער און עס איז געוואָרען א ריכטיגע שלאַכט, א בלוטיגע מלחמה, ביי וועלכער א צאָהל

אראַבער זיינען געפאַלען טויט און פאַרוואונדעט. פון דעם צד פון די קעמפענדע פאַרטיידיגער פון פּתח תקוה זיינען אויך געפאַלען אַ פּאָר קרבנות.

די פאַרטיידיגונג פון די קאָלאָניסטען וואָלט אָבער לאַנג ניט געקענט אָנהאַלטען, ווייל די אַראַבישע מחנה איז געווען זעהר גרויס און דערזעהענדיג בלוט אין זייערע רייהען, זיינען זיי נאָך מעהר אויפגערייצט געוואָרען און זיך געריסען אין שטאָדט אריין מיט מעהר ווילדקייט און בלוטדורשטיגקייט. די אידען האָבען געזעהען אַז זיי זיינען הילפלאָז, פאַרלאָרען, און פון קומען אין פאַרבינדונג מיט אַן אָפּטיילונג פון ענגלישע חיל און בעטען ביי זיי הילף — דערפון איז אָפּגערעדט.

דאַן איז ר׳ דוד נאָוויק ז״ל, געקומען אלס מלאך מושיע. ער האָט זיך פאַרקליידעט אַלס אַ דערוויש, אַלס טערקישער מאָנאַך, און זיך ארויסגערוקט פון פּתח תקוה. עס פאַרשטעהט זיך, אַז ווען די אַראַבער וואָלטען איהם געווען דערקענט אַז ער איז ניט פון זייערע, וואָלט עס געמיינט אַ באַלדיגער טויט. גליקליכערווייזע האָבען זיי דעם אידען טאַקע אָנגענומען פאַר זייערע אַ „הייליגען“ און זיי האָבען איהם דורכגעלאָזט.

ר׳ דוד איז אָהן אַן אָטעם געקומען צום ענגלישען פּאָסטען. ריידען ענגליש האָט ער ניט געקענט. ער האָט זיך אָבער אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און מיט אַ שרעקליך געוויין כמעט אויף שטום־לשון איבערגעגעבען דעם קאַפּיטאַן וואָס עס געהט פאָר אין פּתח תקוה. דער קאַפּיטאַן האָט איהם פאַרשטאַנען און ער האָט זיך טעלעפאָניש פאַרבונדען מיט אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטען אין אַ דאָרף, און די ווילדע אַראַבער האָבען פּלוצלונג דערזעהן פינף ענגלישע עראָפּלאַנען איבער זייערע קעפּ. אָבער זיי האָבען אַליין ניט אויפגעהערט צו שיסען, ביז עטליכע באָמ־בעס, ארונטערגעשליידערט פון די עראָפּלאַנען, זיינען אויפגעריי־סען געוואָרען אין די אַראַבישע מחנות און דאַן זיינען זיי צולאָפען איבערלאָזענדיג הינטער זיך מאסען הרוגים און פאַר־וואונדעטע.

פון די בראַווע גבורי פתח תקוה זיינען פיער יונגע לעבענס אויסגעלאָשען געוואָרען און אַ פּאָר צעהנדליג זיינען געווען פאַר־וואונדעט.

איינער פון די קדושים איז געווען אבשלום ניסין. דער־צעהלט מען מיר, אַז אויף מאָרגען נאָך דער קבורה פון די אומ־געקומענע, איז ר׳ משה ניסין, דער פאָטער פון אבשלום, צוגע־קומען צום פרישען קבר פון זיין געראָטענעם זוהן און מיט פארגליווערטע טרעהרען אין די אויגען געזאָגט: „אבשלום בני, אני מתגאה בך, שהקרבת את חייך בשביל עמנו וארצנו״ (אבשלום מיין זוהן, איך בין שטאָלץ אויף דיר, וואָס דו האָסט געאָפּפערט דיין לעבען פאר אונזער פאָלק און לאַנד).

פון דאמאָלסט אָן איז דער דאָזיגער טאָג, זיבען און צוואַנ־ציגסטער ניסן, אַ יום טוב אין פתח תקוה. מען זאָגט „הלל״ און מען דאַנקט גאָט פאר דעם נס וואָס איז אין יענעם טאָג אין יאָהר תרפ״א געטאָן געוואָרען דורך דעם גוטען בראַווען שליח ר׳ דוד נאַוויק. מען געהט אויך אויפ׳ן בית עלמין און מען מאַכט „אזכרות״ די פיער קדושים און מען עהרט זייער אנדענקען דורך רעדעס און צערעמאָניעס.

זייט ר׳ דוד נאַוויק ז״ל, איז געשטאָרבען, ווערט אויך זיין אנדענקען געהערט אין דעם זעלבען טאָג. מען געהט אויף זיין קבר, מען האלט רעדעס און מען זאָגט תפלות פאר זיין היי־ליגער נשמה.

אָט דאָס איז די מעשה ר׳ דוד נאַוויק, ז״ל, וואָס וועט קיינמאָל ניט פארגעסען ווערען און וועט פארבלייבען לזכרון לדור דורות.

זאָג איך נאָך אמאָל, אַז מיר לאַנדסלייט פון דעם שטעדטעל קארטוז בערעזע דארפען שטאָלץ זיין אויף אונזער בן עיר, וואָס האָט אויפגעטאָן אַזאַ דבר גדול, און מיר און אונזערע קינדער און קינדס־קינדער דארפען עהרען זיין אנדענקען אַזוי ווי עס טוען דאָס און עס וועלען שטענדיג טאָן די אידען פון פתח תקוה.

28

א שטעדטעל בלויז פאר אלטע לייט. — אן אנ־שטאלט מיט „פרי ספיטש". — עזרת נשים, א יחיד במינו. — אן המצאה פון א משוגענעם. — טראגעדיע פון א פאפולערען ניו יארקער זקן.

מיר קומען צוריק אין ירושלים און איך נעם זיך צו דער ארבייט אפצושטאטען פארשפראכענע וויזיטען.

איך און מיין פרוי באזוכען דעם מושב זקנים וזקנות המאוחד, אביסעל וויטלאך פון שטאדט. ראשית, לשם אנקומען דעם אנשטאלט; והשנית, אפגעבען א גרוס אן אלטיטשקען פון זיינע קינדער, מיט וועלכע מיר זיינען גוט באקאנט.

א מושב זקנים, א היים פאר אלטע לייט אין אדער ביי ירושלים, האב איך מיר פארגעשטעלט, איז אזוי ווי ביי אונז אין ניו יארק, א געביידע א גרעסערע אדער א קלענערע, א שעהנערע אדער ניט אזא שעהנע, און דארט האלטען זיך אויף אלטע לייט. איז עס אבער ניט אזוי. דער מושב זקנים וזקנות המאוחד איז א גאנצע שטעדטעל פאר זיך. דער אנשטאלט באשטעהט ניט פון איין געביידע, נאר פון א סך הייזקעס און געסלאך, וואו דאס רוב זקנים און זקנות באלעבאטעווען פאר זיך אזוי ווי ביי זיך אין דערהיים.

זעהען מיר ווי אן אלטער איד זעגט א ברעטעל און מעסט און טראכט און חשבונ'ט, מעשה ארכיטעקט. קומט צו איהם צו אן אנדער אלטיטשקער און פרעגט: „ר' משה, וואס מיים־טרעוועט איהר?" „איך מאך א ביינקעל, מאך איך", — ענט־פערט דער „מייסטער". איז דאך די טבע פון א אידען צו געבען עצות, זאגט איהם דער צווייטער: „אזוי ווי איהר מאכט, וועט ניט טויגען", און ער גיט איהם אויף זיין פלאן. ישוב'ט מען זיך און מען מעסט און מען טראכט און ביידע האבען הנאה פון דעם ענין.

אדער שטעהט אן אלטיטשקע מיט א בעזים און קעהרט נעבען איהר הייזקע און אן אנדערע בייזערט זיך אויף איהר,

למאי זי מאַכט אַן אַ שטויב. „געדאַרפט געווען, — זאָגט זי, — פריהער באַשפּריצען מיט אַ ביסעל וואַסער, אָבער עס איז קיין שכל ניטאָ. שוין צייט, כ'לעבען, איהר זאָלט האָבען אַביסעל מעהר שכל".

איך רוף אָן דעם אַלטען, וואָס מיר האָבען געוואָלט זעהן, ביים נאָמען און פרעג ביי איינעם: וואו ער וואוינט? „אָט דאָרט" — ציינגט ער מיר אָן פון דערווייטענס. געהט צו אַ אַ אידענע און הערט זיך אונטער וואָס מירריידען. מאַכט זי: „הערט איהם ניט, דעם עובר בטל. ער ווייסט עפּעס? פרעגט איהם בחרם. קומט מיט מיר, וועל איך אייך ציינגען".

זיינען צוגעקומען נאָך אַ פּאָר און זיי זיינען מסכים, אַז זי, די אידענע, האָט רעכט און ווייס טאַקע וואו יענער אַלטער וואוינט.

די אידענע האָט אונז אהין צוגעפיהרט. מיר זיינען אריין אין אַ שטיבעלע און געטראָפען דעם זקן קאַלכענדיג זיין דירה'לע לכבוד פסח. ער האָט אונז גאַנץ פיין אויפגענומען און איז זעהר צופרידען געווען פון דעם גרוס, וואָס מיר האָבען איהם געבראַכט.

אָט אַזוי באַלעבאַטעווען אַ סך פון די דריי הונדערט אָדער מעהר זקנים און זקנות, וואָס האַלטען זיך דאָרט אויף. אָבער דאָס איז חלילה ניט קיין צוואַנג־אַרבייט. זיי טוען דאָס מיט זייער אייגענעם ווילען, ווייל זיי האָבען דערפון פאַרגעניגען.

אין דעם אַנשטאַלט איז אַזוי איינגעפיהרט:

ווען עס קומען אהין אריין פאַרמעגליכע, אַזעלכע וואָס קענען באַצאָהלען אַ געוויסע סומע און ווילען האָבען אַ גוטען און רוהיגען עלטער, פאַרקויפט מען זיי אַ שטיבעלע צו וואוינען אין איהר, אָבער מיט'ן באַדינג, אַז לאחר מאה שנה, זאָל די שטיבעלע פאַרבלייבען די אייגענטום פון אַנשטאַלט. ווען, למשל, אַ פּאָר־פאָלק קויפט דאָרט אַ מקום מנוחה, וואוינען זיי זיך צו־זאַמען אין זייערע פיר ווינקעלאַך ווי גאָט האָט געבאָטען. אין פאַל די פרוי שטאַרבט, מוז דער מאַן אריינעמען נאָך אַ מאַן אין זיין דירה. שטאַרבט דער מאַן פריהער, קריגט די אַלמנה

אריין אַ פּרוי אלס שותפ׳טע. ניט דער מאן און ניט די פרוי קענען האָבען טענות, אַז דאָס איז זייער אייגענס. אזוי ווערט עס אָפּגעמאַכט כתוב וחתום.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז ניט די אַלע, וואָס האַלטען זיך אויף אין מושב זקנים, האָבען באַצאָהלט פאַר הייזקעס. עס זיינען דאָ פרייע אויך, אפשר מעהר פרייע ווי די וואָס האָבען איינגעצאָהלט געוויסע סומען, און די פּריווילעגיעס האָבען אַלע איינע און דיזעלבע, ווייל קיין אבסאָלוטע „פּריוואַט אייגענטום" איז דאָרט פּאַקטיש ניטאָ. אַלע הייזקעלאַך און אַלע גרעסערע געביידעס באַלאַנגען צום אַנשטאַלט.

אַ קיך איז דאָרט דאָ אַן אַלגעמיינע. אַלע עסען דאָס וואָס ווערט געקאָכט און געבאַקט אין דער קיך. עס איז אויך דאָ אַן עס־שטוב, אָבער ניט אַלע עסען דאָרט. די מעהרסטע נעמען זייערע פּאָרציאָנען צו זיך אין די דירה׳לאַך, אָדער מען ברענגט עס זיי צו.

אין די שטיבעלאַך האָבען זיי זיך אַלע זייער ביסעל באַלע־באַטישקייט, וואָס די איינוואוינער פּאַרוואַלטען נאָך זייער גע־שמאַק. די וואָס האָבען ליב צו פּאַרקען זיך, צו מייסטרעווען, מאַכען אינוועניג אָדער אויסוועניג געוויסע „אימפּרוואוומענטס". האָט דער אַלטער פּאַטער פון אונזערע באַקאַנטע אַליין צוגעבויט אַ סוכה׳לע צו זיין הייזקע. אין דער היים געווען אַ איד אַ בעל הבית, געהאַט אַ שטענדיגע סוכה אין זיין הויז, וויל ער דאָס דאָרט, אין מושב זקנים, אויך האָבען.

דריי שוהלען געפינען זיך אין דעם מושב זקנים שטעדטעל. אין איינע דאַוונען חסידים נוסח ספרד און צוויי פאַר „מתנגדים". עס איז דאָרט אויך פאַראַן אַ שפּיטאַל פאַר קראַנקע, אַן אַפּטייק און אַ מרחץ.

קיין דיסציפּלין, קיין מורא פאַר אַ סופּעראינטענדענט איז דאָרט ניטאָ. האָבען אַ פּאָר „קיקערס" פאַר אונז גע׳מסר׳ט אויף דער פאַרוואַלטונג פון אַנשטאַלט, האָבען אָנגערעדט אויף די מנהלים כל בו און בקול רם. ביי די אַנוועזענהייט פון נאָך זקנים און זקנות, און אפילו איינער פון קאַנטאָר, פון אָפיס, איז

אויך דערביי געווען. אמת, אנדערע אלטיטשקע האבען אפגע־לייקענט די שרייערס און האבען זיי גערופען בונטאווששיקעס, בלבול־מאכער און לשון־הרע׳ניקעס, אבער יענע האבען ניט מורא געהאט צו ריידען און פלאפלען, וואס זיי האבען געוואלט.

„פרי ספיטש" דארט ביי זיי, און וואס איינער וויל זאגען, זאגט ער.

דער אנשטאלט איז שוין אלט אריבער פופציג יאהר און איז איינער פון די וויכטיגסטע אנשטאלטען אין ירושלים, וויכטיג און אינטערעסאנט. א גאנצע שטעדטעל פון בלויז אלטע לייט, קיינע יונגווארג און קיינע קינדער. דאס איז איבערראשענד און מאכט א מאדנעם איינדרוק.

געגענאיבער דעם מושב זקנים וזקנות המאוחד איז אן אנ־שטאלט א יחיד במינו, אן איינציגער פון דעם סארט, ניט בלויז אין ארץ ישראל נאר אפשר אין דער גאנצער וועלט. דאס איז א אידישער „בית מחסה לחולי רוח", א שוץ־הויז פאר אידישע גייסטיג־קראנקע, געגרינדעט און פארוואלטעט פון די „עזרת נשים" סאסייעטי.

איבעראל, אין אלע לענדער, זיינען פאראן אנשטאלטען פאר גייסטיג־קראנקע אדער פשוט משוגעים־הייזער, אבער זיי זיינען אלגעמיינע, ווערען אויפגעהאלטען פון שטאדט אדער שטאאט פאר אלע פון גאט געשטראפטע פון דער באפעלקערונג, וואס פאר־לירען זייער פארשטאנד. אין ארץ ישראל איז אויך דא אזעלכער אין בית לחם. אבער דער אנשטאלט, וואס ווערט אויפגעהאלטען פון די „עזרת נשים", איז אויסשליסליך פון אידען און פאר אידען.

גברת אדער מאדאם יעלין, די פרוי פון דעם באוואוסטען געלערנטען און כלל־טוער דוד יעלין, איז די פרעזידענטין, די הויפט־פיהרערין פון אנשטאלט, פאר וועלכען זי גיט אוועק זעהר פיעל צייט און מיה. ה׳ דוד יעלין אליין טוט אויך א סך פאר׳ן אויפהאלט פון פלאץ, וואס קומט אן זעהר שווער. און די אינ־סטיטוציע איז זעהר נויטיג, מחמת דער אלגעמיינער שפיטאל פאר גייסטיג־קראנקע איז ניט קיין פלאץ פאר אידען. א איד וואס האט אפילו, רחמנא לצלן, פארלוירען זיין פארשטאנד, ווינשט

זיך ניט אָנצוקומען אַהין. ערשטענס באַהאַנדעלט מען דאָרט בכלל ניט די פּאַציענטען מיט זיידענע הענטשקעס; והשנית, איז דאָך ניט אַלע אידען פאַרשטעהען אַראַביש. און אַז עס פעלט אַהין אַריין אַ „גרינער”, לעקט ער געוויס קיין האָניג ניט. כשרות האָט אויך אַ סך צו זאָגען. עס זיינען דאָ, לא עלינו, משוגעים, וואָס ווייסען נעבאַך ניט אויף וואָס'ער וועלט זיי זיינען, אָבער קיין טרפות ווילען זיי ניט עסען. דאָס האָבען נאָבעלע פרויען איינגעזעהן און געגרינדעט דעם בית המשוגעים פאַר אומגליקליכע אידישע קינדער.

מיר האָבען דעם דאָזיגען שוידערליכען און יאָמער־פּלאַץ באַ־זוכט אַן אַנדער טאָג און מיר זיינען פון דאָרט אַוועק מיט פאַר־קלעמטע הערצער.

די בילדער און סצענעס, וואָס איך האָב דאָרט געזעהן, שטעהען נאָך איצט פאַר מיינע אויגען. די געשרייען, געלעכטערס, זינגעריי און בכיות פון די אומגליקליכע קלינגען נאָך איצט אין מיינע אויערען און איך וועל עס קיינמאָל ניט פאַרגעסען.

צווישען די גייסטיג־קראַנקע, וואָס ווערען דאָרט אויפגעהאַל־טען, אַממעהרסטען יונגע מענשען, זיינען פאַראַן מעלאַנכאָלישע, וואָס זיצען אָדער ליגען אָדער שטעהען פאַרטראַכט און מען הערט פון זיי קיין פּיפּס ניט; אַזעלכע, וואָס ריידען, זינגען אָדער וויינען נאָכאַנאַנד, אָבער זיינען ניט שעדליך, און אויך אַזעלכע, וואָס ווערען נעבאַך געהאַלטען הינטער גראַטעס, אין ווייך געבעטע קאַמערלאַך, כדי זיי זאָלען ניט קענען מזיק זיין זיך אָדער אַנדערע.

ווערט איהר דאָרט מבולבל פון די משונה'דיגע קולות, פון דעם צוזאַמענמיש פון געוויין, געלעכטער, געזאַנג און פּלאַפּלעריי.

געהען מיר פאַרביי אַ קעמערעל, וואו עס איז איינגעשפּאַרט אַ יונג מיידעל. עס קומט אונז אויס פאַרבייצוגעהן ביים טיר מיט די אייזערנע גראַטעס און די אומגליקליכע מיט איהרע ווילדע אויגען שטרעקט אַרויס אַ האַנד און רעדט עפּעס מיט אַן אומ־געלומפּערטען קול. „מלכה'לע, רוהיג!” — זאָגט איהר דער מאַן, וואָס פיהרט אונז — „זעץ זיך אַוועק”. אָבער זי פאָלגט איהם

ניט. עס געלינגט איהר א צופ טאָן מיין ווייב'ס האנד און זי שיסט אוים מיט א ווילדען געלעכטער.

ביי אונזער אנוועזענהייט ברענגען פּאָליצייליים אריין א יונגען מאַן, א שעהנער יונגערמאַן, אָבער די בגדים אויף איהם ערטערווייז צוריסען. רעדט ער, דער יונגערמאַן, און רעדט און רעדט אָהן אַן אויפהער. דאַן צייגט ער אויף די הענד צייכענס פון שטריק אָדער קייטען, מיט וועלכע ער איז געווען געבונדען, און זאָגט: „איהר זעהט? זיי האָבען מיר געלעגט תפלין אויףביידע הענד און אָט זיינען נאָך די סמנים". און עס געפעלט איהם אפנים די „חכמה", וואָס ער האָט געזאָגט, און ער לאַכט זיך פאַנאַנדער אויפ'ן קול.

„איהר ווילט הערען א שעהנע זאַך, — זאָגט ער ווייטער, — איך שטעה א געבונדענער ארומגערינגעלט פון א צעהנדליג אראַבישע פּאָליצייליים. בעט איך זיך ביי זיי: „בינדט מיך אָפּ". זאָגען זיי: „מיר האָבען מורא אז דו וועסט אונז שלאָגען". זאָג איך: „עס פרעהט מיך זעהר און איך האָב שטארק הנאה, וואָס צעהן אראבער האָבען מורא פאר איין אידען". אָט די המצאה איז אלעמען געפעלען געוואָרען. דאָס איז א וואָרט שוין גאָר ניט פון א משוגענעם, און מען האָט געפאטשט בראַוואָ.

דערצעהלט מען מיר, אז דער יונגערמאַן איז שוין דאָרט אין אנשטאַלט אַן אלטער באקאנטער. ער קומט פון פּתח תקוה פון זעהר א שעהנער פאמיליע. דער פאָטער זיינער, זאָגט מען מיר, איז איינער פון די אנגעזעהענסטע בעלי בתים אין דער אלטער קאָלאָניע. א איד א למדן און בכלל זעהר א חשוב'ער מענש. ער, דער יונגערמאַן, איז שוין מיט א שטיקעל צייט צוריק געווען געריהרט פון זינען און מען האָט איהם דאָרט אין „עזרת נשים" אויסקורירט. איז ער אוועק אהיים, האָט חתונה געהאַט און דער משוגעת האָט זיך צו איהם אומגעקערט. די פּאָליציי האָט איהם ערגעץ אויפגענומען, האָט ער געבעטען מען זאָל איהם פיהרען אין דעם אידישען אנשטאַלט, און מען האָט איהם געבראַכט.

געהען מיר פארביי א געלען יונגען־מאַנטשיק, וואָס זיצט אין דרויסען פארטראַכט און דרעהט מיט א פינגער אזוי ווי ער פלאַ־

נעוועט עפּעס א וויכטיגע זאך. זאָגט אונזער פיהרער צו איהם: „שאַלאָם" (שלום), און יענער ענטפערט ניט. זאָגט ער איהם נאָך אמאַל: „שאַלאָם, וואָס מאכסטו עפּעס?" ענטפערט ער בייז: „שאַלאָם, וואָס מאכסטו עפּעס? קענסט ניט זאָגען: שאַלאָם, אדון זשאבאָטינסקי?" פרעג איך: „איז ער א פאַר־וואַנדטער צו וולאַדימיר זשאבאָטינסקי אָדער אפשר א ברודער זיינער?" זאָגט ער: „ניין, ער קעהר זיך גאָר ניט אָן מיט'ן באַריהמטען זשאבאָטינסקי און ער הייסט גאָר ניט זשאבאָטינסקי, נאָר ער האָט זיך איינגעשמועסט אז ער איז זשאבאָטינסקי און קאָמאַנדירט א „גדוד" אָדער א לעגיאָן. דאָס איז זיין איינציגע משוגעת". דער יונגערמאַן — דערצעהלט ער מיר — איז א בר אוריין, קען לערנען און א מלומד אין אַנדערע זאַכען און ווען ניט דער שטיקעל משוגעת זיינער, איז ער א גאַנץ וואוילער מענש.

ווי איך האָב געזעהן, פיהלען זיך די אומגליקליכע נעבאך גוט אין דער אידישער אַטמאָספערע, יעדענפאַלס, גאָר ניט דער ערך בעסער ווי זיי וואָלטען זיך געפיהלט צווישען אראבער.

און די השגחה אויף זיי איז זעהר א גוטע. זיי ווערען באַ־האַנדעלט פון געניטע דאָקטוירים און מען טוט פאַר זיי אַלעס וואָס נאָר מעגליך איז, און פילע ווערען טאקע פאָלקאָם געהיילט.

דער פּלאַץ איז ניט גרויס גענוג. ווי הער יעלין האָט מיר איבערגעגעבען, פאָדערט די רעגירונג מען זאָל דעם פּלאַץ פאַר־גרעסערען, דאַרף מען פאַר דעם זוכען עקסטרא נדבות, בעת אויס־האַלטען דעם אַנשטאַלט ווי ער איז, קומט אויך אָן גאַנץ שווער.

שטרענגען זיך אָן די מנהלות און מנהלים. ארבייטען שווער און ביטער אריינצוקריגען א פונט אָדער א דאָלאַר. זאָל זיי גאָט דערפאַר באַלוינען.

פון א סך טראַגעדיעס צו נאָך א טראַגעדיעלע.

מיר באַזוכען ר' שמואל יצחק ענדראָן, גרינדער און מנהל פון דער ישיבת ר' יעקב יוסף אין ניו יאָרק, וועלכער וואוינט איצט אין גבעת שאול ביי ירושלים. מיר האָבען אָפּצוגעבען איהם און זיין פרוי א גרוס פון זייערע קינדער.

דער אלטער תלמיד חכם ר׳ שמואל יצחק האט א גאנץ שעהנע נחלה דארט אין שטעדטעל. אבער ער קען עס נעבאך ניט זעהן, ווייל ער איז, לא עלינו, געווארען א סגי נהור, א שטאק־בלינדער אויףביידע אויגען.

מיר טרעפען איהם ניט אין הויז. וואו איז ר׳ שמואל יצחק? ר׳ שמואל יצחק איז אין זיין ישיבה, לערענט דארט מיט בחורים א שיעור. מיר האבען ניט געוואוסט, אז ער איז בלינד, איז עס ביי אונז קיין חידוש ניט געווען. א איד וואס האט מרביץ תורה געווען אין אמעריקא, טוט דאס זעלבע אין ארץ ישראל. אבער ווי איבערראשט זיינען מיר געווארען, ווען ער איז נאכהער גע־קומען און מיר האבען געזעהן אז ער זעהט ניט אפילו די שיין פאר זיך. בלינדערהייד זאגט ער א שיעור פאר בחורים! בלינ־דערהייד איז ער מקיים די מצוה פון ללמוד וללמד!

דער זקן שקנה חכמה איז זעהר צופרידען פון דעם גרוס, וואס מיר גיבען איהם אפ און פרעגט זיך נאך אויף אייניגע מענ־שען און ענינים אין ניו יארק.

„ווי געפעלט אייך עפעס מיין נחלה?" — טוט ער א פרעג — „דאס האב איך צו פארדאנקען מיינע קינדער, זאלען געזונט זיין. קומט איך וועל אייך צייגען מיין סוכה".

און דער בלינדער פיהרט אונז זעהענדיגע אריין אין דער סוכה, טאקע א שעהנע סוכה, און מיט א טאן פון צופרידענהייט טוט ער א פרעג: נו, הא, וואס זאגט איהר? א יא א שעהן סוכה׳לע?"

פון זיין שטראהלענדען פנים איז געווען צו מערקען, אז כאטש ער זעהט ניט די סוכה מיט זיינע אויגען, זעהט ער זי אין זיינע רעיונות, אין זיין פאנטאזיע, און ער קלייבט נחת פון דער „הידור מצוה".

א טראגעדיעלע וואס האט שטארק צובראכען אונזערע הער־צער.

29

דער דיסקין בית יתומים. — דער בית היתומות הכללי. — וואו מען לערענט מאַמעס ווי אַזוי צו זיין מאַמעס. — וואו בלינדע שטייגען איבער זעהענדיגע. — אַ בית אברהם אָבינו אין ירושלים.

דער דיסקין בית יתומים, אָדער ווי ער רופט זיך: „בית מחסה ליתומים הגדול דיסקין", איז אַן אַלטע אינסטיטוציע אין ירושלים, געגרינדעט פון דעם גאון וצדיק משה יהושע יהודה ליב דיסקין אין יאָהר תרמ"א (1881). ניט לאַנג צוריק האָט דער אַנשטאַלט זיך אריינגעצויגען אין אַ נייע געביידע. האָט מען מיר נאָך אין דער היים דערצעהלט, אַז די געביידע און דער אַנ־שטאַלט בכלל איז צו באַוואונדערען. מען האָט פון איהם גע־רעדט מיט גרויס התפעלות און איהם פאָרגעשטעלט אַלס דער שעהנסטער פון דיזען סאָרט וואָס זיי האָבען ווען געזעהן.

עס פאַרשטעהט זיך, אַז איך וואָלט ניט פאַרפעהלט צו באַ־זוכען דעם דאָזיגען פּלאַץ ווען אַפילו מען זאָל ניט שלעפען פאַר די פאָלעס. בפרט אַז מנהלים אָדער אָנגעשטעלטע האָבען מיך און מיין ווייב איינגעלאַדען און מעהרערע מאָל געבעטען, אַז מיר זאָלען זיי „באַעהרען" מיט אַ באַזוך, האָבען מיר דאָס מיט פאַר־גניגען געטאָן.

און איך בין איבערראַשט געוואָרען פון דער פּראַכטפאָלער שעהנער געביידע וואָס שטעהט אויף אַ באַרג און זעהט אויס ווי אַ שלאָס, ווי אַ פּאַלאַץ.

אויב דער פּלאַץ איז „תוכו כברו", אינווענינג אַזוי שעהן ווי אויסווענינג — האָב איך ביי זיך געטראַכט, — איז אפשר טאַקע אין כמוהו, איז אפשר טאַקע נאָך אַזאַ אידישער אַנשטאַלט ניטאָ.

מיר קומען אריין אינווענינג און מען פיהרט אונז צייגען די חדרים, וואו די קינדער לערנען, וואו זיי עסען און וואו זיי שלאָפען.

ווען איך זאָל ניט געווען וויסען אַז דאָס איז אַן אַנשטאַלט פאַר אָרימע עלענדע יתומים, וואָלט עס געווען פאַר מיר אַן איבער־

ראשונג אָדער אַן ענטוישונג. אַזאַ פּרעכטיגער פּאַלאַץ אויס־ווענינ און די אויסשטאַטונג אינווענינ בלויז באַלעבאַטיש, אָבער ניט רייך. און די מענשען דאָרט — אידען, פּשוט'ע אידען אין יאַרמולקעס און טלית קטן'ס. און קינדערלאַך, גרעסערע און קלענערע, אויף וועלכע מען זעהט אויך ניט קיין סימן פון עשירות, קומט עס עפּעס אויס אַזוי ווי אַ מילכיגער קרופּניק אין אַ גאָלדענע שיסעל. אָבער אַזוי ווי איך האָב געוואוסט וואו איך בין אין דער וועלט, איז עס ביי מיר ניט געווען קיין חידוש.

נעמענדיג אָבער דאָס אינערליכע פון דער געביידע פון גייס־טיגען שטאַנדפּונקט, איז די געקעכץ אין שיסעל אפשר אַזוי רייך ווי די שיסעל... עס געפינען זיך דאָרט צוויי הונדערט מיט פופציג קינדער, גרעסערע, קלענערע און גאָר קליינינקע. אַלע יתומים נעבאַך, אָהן טאַטעס, אָהן מאַמעס, אָדער אָהןביידען. די קינדער האָבען דאָרט אַ גוטע היים, אַ באַקוועמע היים און קריגען אַן עכט־אידישע ערציהונג אין פולען זינען פון דיזען וואָרט. קלאַסען אָדער חדרים זיינען דאָרט פאַראַן פון התחלה, פון אלף בית ביז לערנען אַ בלאַט גמרא „פאַר זיך". דער סדר הלימוד איז אין אידיש, אויפ'ן אַלט־היימישען שטייגער, און וואָס די קינדער, פון קלענסטען ביז'ן גרעסטען, לערנען, ווייסען זיי גרונד־טאָוונע. ביי אַלע איז דאָס לערנען ניט סתם „אריינגעדויבעט" אין די קעפּ, נאָר זיי ווייסען טאַקע און פאַרשטעהען. טוט זיי אַ פרעג עפּעס מן הצד, ענטפערען זיי צום פּונקט, ריכטיג און לאָגיש.

און מען לערענט דאָרט ניט בלויז לשם לערנען, נאָר טאַקע „לשמור לעשות ולקים". לערענט מען דאָרט מיט איינגלאַך חיי אָדם, און עס ווערט אויפגעפּאַסט, אַז אַלע, סיי די קלענערע און סיי די גרעסערע, זאָלען ניט אָפּטרעטען פון טראַדיציאָנעלען אידענטום. זיי טראָגען אַלע ציצית און היטען אָפּ אַלע אידישע דינים און מנהגים.

די יתומים, וואָס ווערען דאָרט אויפגעהאַלטען, זיינען אַ טייל ארץ ישראל'דיגע און אַ טייל קומען פון פאַרשיידענע לענ־דער. אין איין קלאַס האָב איך איינינע קינדער געפרעגט פון

וואַנען זיי קומען, האָט איינער געענטפערט: פון וואַרשאַ; אַ צווייטער — פון מינסק; אַ דריטער — פון לעמבערג; אַ פערטער — פון זשיטאָמיר, און אַ פינפטער — פון קאַירא. עס זיינען דאָרט דאָ יתומים'לאך וואָס ווייסען נעבאך ניט פון וואַנען זיי קומען. זייערע עלטערען זיינען פון זיי אָפּגעריסען געוואָרען ווען זיי זיינען נאָך געווען פּיצלאַך קינדער, און זיי געדענקען ניט פון וואָס פאַר אַ שטאָדט אָדער לאַנד מען האָט זיי געבראַכט.

דער בית יתומים האָט אויך אַן אָפּטיילונג, וואו מען לערענט עלטערע קינדער מלאָכות: שניידעריי, שוסטעריי און סטאָלעריי. די וואָס האָבען גוטע קעפּ און התמדה צום לערנען, רייסט מען ניט אָפּ פון די הייליגע לימודים, נאָר אַזעלכע, וואָס באַנעמען ניט אָדער האָבען קיין חשק צו גמרא, מאַכט מען פאַר בעלי מלאָכות לשם תכלית.

שניידעריי, שוסטעריי און סטאָלעריי זיינען חלילה ניט קיין מלאָכות בזויות, עס זיינען אָבער דאָ נאָך מלאָכות און פּראָפעסיאָנען מאָדערנערע און קינסטלערישערע פון די. האָב איך זיך אַליין געפרעגט: וואָרום זיין באַשרענקט דוקא אויף די דריי פּשוט'ע מלאכות? עס קען דאָך זיין, אַז צווישען די וואָס שטשאָבען מיט'ן נאָדעל, שטעכען מיט'ן אָל אָדער ציהען דעם הובעל געפינען זיך אַזעלכע, וואָס וואָלטען געווען פעהיג און געהאַט טאַלאַנט צו עפּעס אַן אַנדער פּראָפעסיע און זיך ניצליך געמאַכט אין אַנדערע פאַכען.

און בכלל איז מיין השערה געווען: האָט אפשר דער אַנשטאַלט געמעגט זיין אַ קאַפּעלע מאָדערנער און ניט געהאַלטען ווערען אין די ראַמען פון אַלט-מאָדישקייט. נאָך אַלעמען לעבען מיר דאָך אין אַ מאָדערנע צייט, מוז מען נאָכגעהן דעם רוח הזמן, אַזוי ווי עס פיהרט זיך אין אַזעלכע אַנשטאַלטען דאָ ביי אונז אין אַמעריקאַ.

דאָס וואָלט, האָב איך געדענקט, האַרמאָנירט מיט'ן פּראַכט פון דער געביידע, און דאָס וואָלט אפשר מעהר אַנטוויקעלט דעם גייסט פון די קינדער.

די שאלה איז מיר אָבער פאַרענטפערט געוואָרען. איך

האָב איינגעזעהן אז עס פעהלען נאָך דאָרט נויטווענדיגקייטען. עס איז נאָך דאָרט, למשל, ניט געווען קיין עלעקטרישע באלייכ־טונג און מען האָט געברויכט קעראָסין־לאָמפּען. עס האָבען געפעהלט נאָך זאכען, אָהן וועלכע מען קען כמעט ניט אויס־קומען. אויף דער געביידע גופא, האָט מען מיר געזאָגט, איז מען נאָך שולדיג 150 טויזענד דאָלאַר און עס איז אַ מאנגעל אין פאָנדען, און אונטער אַזעלכע אומשטענדען קען קיין רייד ניט זיין צו טראַכטען וועגען מאָדערניזם. בעת עס פעהלט אויס אויף קרופּניק, קען מען ניט דענקען וועגען געבראָטענע קאטש־קעס.

דער אַנשטאַלט איז אָבער זעהר וויכטיג און פּאָפּולער. טויזענדער אידען זיינען אין איהם פאראינטערעסירט. וועט ער מסתמא ניט פארבלייבען הינטערשטעליג, און דער בית היתומים דיסקין וועט זיין און פארבלייבען לשם ולתפארת אין אַלע פרטים, ניט בלויז פאַר ארץ ישראל נאָר פאַר דער גאנצער אידישער וועלט.

ירושלים פארמאָגט, אַזוי צו זאָגען, אַ שוועסטער־אינסטי־טוציע צום בית היתומים דיסקין. דאָס איז דער בית היתומות הכללי. דיזער אַנשטאַלט געפינט זיך אין שטאָדט, און איז אין אַ פרט אַנדערש ווי דער דיסקין בית היתומים.

די געביידע וואו די יתומות ווערען אויפגעהאַלטען, איז אַן אַלטע, גאָר ניט נתפעל צו ווערען פון איהר. אַ הויז ווי פילע אַנדערע אַלטע הייזער אין ירושלים. דערפאַר אָבער איז די הנהלה אינוועניג אַביסעל מעהר מאָדערנע.

אין דעם בית היתומות הכללי ווערען אויסגעהאַלטען הונ־דערט מיט פופציג מיידלאַך אין עלטער פון דריי ביז זיבעצעהן יאָהר. די יתומות זיינען אויך אַ טייל ארץ ישראל'דיגע און אַ טייל קומען פון פארשיידענע לענדער. זיי טראָגען אַלע איין אַרט אָדער איין פאָרמע הלבשה. זיי קריגען אונטעררינכט פון ערפאַהרענע לעהרער, און פאַר די קליינוואַרג איז דאָ אַ קינדער־גאָרטען, וואו זיי האָבען פארשיידענע שפּילצייג מיט וואָס צו שפּילען זיך. מען לערענט זיי דאָרט אויך אַביסעל גימנאַסטיקע,

קערפּערליכע איבונגען, און די עלטערע לערענט מען קיך־אַרבייט און האַנד־אַרבייט — שניידעריי, דאַמסקי שניידעריי און אויס־נייאַכץ אָדער שטיקעריי.

מען האָט אונז דאָרט געצייגט אַ „סטאַק" פון פּאַרטיגע אַרבייט, וואָס זיינען אַרויס פון די הענד פון יונגע יתומות און מיר זיינען איבערראַשט געוואָרען. זעהר שעהנע און קונציגע אַרבייט, אַז עס פאַרנעמט ממש אַן אויג.

דאָס וואָס די פּאַך־מיידלאַך שאַפען און פּראָדוצירען, אי־בערהויפּט די קונסט־אַרבייט, ווערט פאַרקויפט פאַר גוטע געלד און די מייסטערינס קריגען באַצאָהלט פאַר זייער אַרבייט. מיידלאַך העלפען אין קיך, יעדע וואָך אַן אַנדערע, און זיי קריגען אויך באַצאָהלט. דער אַנשטאַלט סטאַרעט זיך אויך צו באַזאָרגען יתומות וואָס האָבען דורכגעמאַכט זייערע קורסען מיט פּאַסענדע שטעלעס.

בכלל איז די הנהלה אינוועניג זעהר סיסטעמאַטיש און לויבענסווערט, כאָטש די אויסערליכע זייט, די געביידע, הייסט עס, איז אַן אָרימע.

קליידונג קריגט דער אַנשטאַלט צוגעשיקט פון אַמעריקא, געניצטע און נייע, מאַנכע גלייך צום טראָגען און מאַנכע נעהט מען איבער אַז זיי זאָלען פּאַסען פאַר די קינדער לויט זייער עלטער. די בגדים ווערען אַריינגעלאָזט אין לאַנד אָהן אָפּ־צאָהל, אָהן טאַריף־שטייער. דער בית היתומים דיסקין קריגט אויך אַריין בגדים פון אַמעריקא. איך האָב דאָרט געזעהן אַ גאַנץ היבשען מאַגאַזין פון קליידער. לעבען זאָלען פאָרט אַמע־ריקאַנער אידען. פאַר אַלעס זאָרגען זיי און צו אַלע גוטע זאַכען לעגען זיי צו אַ האַנד. אפשר נאָך ניט גענוג פיל זיי דאַרפען און קענען, אָבער אַ דאַנק פריהער גאָט און נאָכהער זיי דערפאַר וואָס זיי טוען פאַר ארץ ישראל.

מען האָט מיר דאַמאָלס איבערגעגעבען, אַז דער אַנשטאַלט פּלאַנט צו בויען אַ נייע הויז נעבען בית היתומים דיסקין. אויב דאָס איז נאָך ניט דורכגעפיהרט געוואָרען, וועלען מסתמא גאָט און גוטע מענשען העלפען, אַז עס זאָל דורכגעפיהרט ווערען.

שפּעטער האָב איך דאָ אין ניו יאָרק געהערט, אַז דער אַנשטאַלט האָט זיך איבערגעקליבען אין אַ גרעסערע, שעהנערע געביידע, אָבער אויך צייטווייליג.

עס איז אין ירושלים געווען נאָך אַ בית יתומות אין אַ קליינעם פאָרמאַט — דער בית היתומות עזרא. אָבער מען האָט מיר לעצטענס אינפאָרמירט, אַז דיזער האָט זיך אויפגעלייזט און איז געוואָרען איינס מיט'ן בית היתומות הכללי, וועלכער האָט די עזרא יתומות אריינגענומען צו זיך.

די הדסה פאַרנעמט זעהר אַ גרויסען און וויכטיגען פּלאַץ אין ירושלים און אין גאַנץ ארץ ישראל. די דאָזיגע פרויען־אָרגאַניזאַציע טוט זעהר פיל גוטע ארבייט אין הייליגען לאַנד. צו באַזוכען אַלע הדסה אינסטיטוציעס, וואָלט מען געדאַרפט האָבען זעהר פיל צייט, און באַשרייבען זיי וואָלט פאַרנומען זעהר פיל פּלאַץ. די הדסה איז אָבער גענוג פּאָפּולער און ברויכט ניט קיין פּראָפּאַגאַנדאַ. מיר איז אויסגעקומען צו באַזוכען בלויז איין אָפּטיילונג, און פון דעם קען מען שוין דרינגען אויף די אַנדערע פילע צווייגען פון דער הדסה, וואָס געפינען זיך אין ירושלים און אין אַנדערע שטעדט און ערטער אין ארץ ישראל.

איך האָב באַזוכט די „תחנות טפול ביונקים“ — די סטאַנציאָן אָדער די אָפּטיילונג, וואו מען לערענט יונגע, אונערפאַהרענע מוטערס פון דער אָרימער באַפעלקערונג ווי אַזוי צו באַגעהן זיך מיט זייערע זויג־קינדער, אַז זיי זאָלען זיך גוט אַנטוויקלען. האָט עס אויף מיר געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק און איך בין שטאַרק נתפעל געוואָרען פון די גוטע און וויכטיגע אַרבייט וואָס ווערט דאָרט אויפגעטאָן.

ווען איך בין אַהין געקומען, האָב איך דאָרט געטראָפען אַ צאָהל יונגע ווייבלאַך, תימנ'ער, פּערסיאַנער און אויך אונזערע, מיט זייערע בייבים אין די אָרעמס. אַ פּאָר פון די יונגע מאַמעלאַך זיינען נאָך אַזוי יונג, כמעט אַליין בייבים. איינע איז דאָרט געווען מיט אַ צווילינגעל.

איז יעדע בייבי אונטערזוכט געוואָרען פון אַ דאָקטאָר. יעדע בייבי האָט מען געוואויגען און געמאָסטען, און יעדע

מוטער האָט געקראָגען אַ לעקציע פון אַ נוירס ווי אַזוי זי זאָל באהאנדלען איהר עופה'לע און ווי זי זאָל זיך אַליין פיהרען, אום עס זאָל זיין בעסער און געזינטער פאַר'ן קינד און עס זאָל זיך שנעלער און בעסער אנטוויקלען.

עטליכע נוירסעס זיינען געווען באשעפטיגט צו צייגען די יונגע מאַמעס ווי אַזוי זיי זאָלען זייערע קינדערלאך אָנטאָן, העמדעלאך, ווי אַזוי זיי זאָלען זיי לעגען שלאָפען, ווי אַזוי זיי זאָלען זיי וואַשען אָדער באָדען. מאַנכע האָט מען געדאַרפט „דויבען" אין די קעפ, צייגען איינס און דאָס זעלבע נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. איבערהויפט האָבען די נוירסעס געהאַט צו „קנעלען" מיט די ווייבלאך, וואָס זייערע פיצלאך דאַרפען האָבען ספּעציעלע באהאַנדלונג, ווי איינגעבען מעדיצין וכדומה.

די זעלבע מאַמעס מיט די בייביס קומען אהין פון צייט צו צייט און אין פילע פעלע געהען דאָקטוירים אָדער נוירסעס צו זיי אהיים.

איך מיין, אַז דאָס איז זעהר אַ גוטער און וויכטיגער אויפטו פאַר די אָרימע און אין פּרטים אפשר אומוויסענדע באַפעלקע־רונג, און דערפאַר אַליין איז שוין די פרויען־אָרגאַניזאַציע הדסה זעהר און זעהר לויבענסווערט.

זעהר אַ שעהנער און וויכטיגער אנשטאַלט איז דער „בית חנוך עורים לבני ישראל", אַן אנשטאַלט, אָדער ריכטיגער, אַ שולע פאַר בלינדע אידישע קינדער.

דער דאָזיגער אנשטאַלט וועלכער עקזיסטירט זייט דעם יאָהר תרס"ב (1902) איז אויך אַזוי ווי דער אנשטאַלט פאַר גייסטיג־קראַנקע פון די „עזרת נשים" אַ יחיד במינו, דער איינ־ציגער פון דיזען סאָרט, געגרינדעט און אויסגעהאַלטען פון אידען פאַר אידען.

ביי אַ פערציג פּאַציענטען אָדער תלמידים און תלמידות געפינען זיך דאָרט, צווישען זיי איניגע נאָך גאָר יונגע קינדער. פאַר די קליינוואַרג איז דאָ אַ קינדער־גאָרטען, וואו זיי שפּילען זיך און מען לערענט זיי אויך העברעאיש, דאַווגען, מעשיות פון תנ"ך און לייכטע האַנד־אַרבייט.

אין דער שולע פאַר די עלטערע לערענט מען די בלינדע לייענען, שרייבען, דאַווענען, תנ"ך, דינים, משניות, אגדה, דקדוק, אידישע געשיכטע און אַביסעל אַלגעמיינע לימודים. אַלעס ווערט געלערנט דורך די שריפט פאַר בלינדע, וואָס זיי טאַפּען אָן מיט די פינגער, און געמאַכט ספּעציעל פאַר אידישע אותיות. זיי האָבען אַפילו אַזאַ מפּת ארץ ישראל, אַ לאַנד־קאַרטע פון ארץ ישראל, וועלכע זיי קענען לייענען און אָנצייגען יעדען פּונקט אין לאַנד טאַפּענדיג מיט די פינגער.

זיי האָבען דאָרט אויך אַ „בית המלאָכה", אַ קלאַס וואו מען לערענט זיי ארבייט. מאַכען בערשט און פלעכטען קערב, שטוה־לען און אַנדערע שטוב־זאַכען. די ארבייט, וואָס זיי מאַכען דאָרט, איז זעהר שעהן און קונציג. זעהענדיגע וואָלטען ניט גע־מאַכט שעהנער און בעסער.

דער אַנשטאַלט האָט זיין אייגענעם בענד. די שפּילער זיינען אַלע בלינדע און זייער „לידער", זייער קאַפּעל־מייסטער איז אויך אַ שטאָק־בלינדער. זיי לייענען נאָטען אויך דורך בולט'ע צייכענס און שפּילען אויסגעצייכענט. דער בענד פון די בלינדע איז זעהר פּאָפּולער און זיי שפּילען אָפט ביי בעלער אָדער אַנדערע אונטערהאַלטונגען און אויך אויף פּריוואַט שמחות.

דאָרט איז אויך דאָ אַ שוהל, וואו די בלינדע דאַווענען אין דער פריה, מנחה און מעריב. און אויך אַ 'קלוב, וואו זיי פאַר־ברענגען זייערע פרייע שטונדען אין דיסקוסיאָנען און פאַרשיי־דענע שפּילערייען. כדי זיי זאָלען וויסען וואָס אויף דער וועלט טוט זיך, לייענט מען פאַר זיי אַלע טאָג צייטונגען.

„סומא חשוב כמת", אַ בלינדער איז גלייך ווי אַ טויטער, ווערט ערגעץ געזאָגט. דעריבער זאָג איך, אַז דער וואָס שטיצט דעם „בית חנוך עורים", דער וואָס העלפט אויסהאַלטען איהם, איז אַן אמת'ער מחיה מתים.

עס פרעהט מיך זעהר וואָס איך האָב געהאַט די געלעגענהייט צו באַזוכען דעם „בית תבשיל הכללי והכנסת אורחים", אויך איינער פון די שעהנסטע און וויכטיגסטע אידישע אינסטיטו־ציעס אין ירושלים. דאָס איז אַ קאָמבינאַציע פון אַ קהל'שע

קיך, וואו ירושלים׳ער אָרימע מענשען קריגען אָפּצועסען, און אורחים, וואָס קומען פון דער פרעמד, קריגען אויך נאַכטלעגער פאַר אַ געוויסע צייט ביז זיי עטאַבלירען זיך.

אַ בית אברהם אָבינו, וואָס ווערט זעהר גוט געפיהרט און פּאַרוואַלטעט.

די יעניגע וואָס ווענדען זיך צום אַנשטאַלט און זיינען עט־וואָס פאַרמעגליך און ווילען ניט נהנה זיין לחלוטין פון צדקה, צאָהלען פאַר זייערע מאָלצייטען אַ קלייניגקייט, בלויז פון יוצא ווענען, אבי עס זאָל ניט הייסען איינגאַנצען „לחם חסד״. דאָס ווערט אָבער אויף קיינעם ניט ארויסגעצוואונגען, און די מערסטע קריגען אי עסען, אי נאַכט־לעגער, אבסאָלוט פריי.

איך בין אין דעם אַנשטאַלט געווען אַ שבת מיטאָג־צייט. האָב דאָרט געטראָפען עטליכע צעהנדליג פּערזאָן, די מעהרסטע יונגע לייט און אויך מיידלאך, חלוצים און חלוצות, פאַר וועלכע מען האָט סערווירט טשאָלענט מיט קוגעל און אַנדערע שבת׳דיגע מאכלים מיט אַ ברייטער האַנד. און מען האָט געזונגען זמירות, און לויט ווי איך האָב געזעהן אויף די טישען, האָבען אַלע מיט זיכערהייט געמעגט זינגען „שבענו והותרנו״, ווייל מען האָט יוירקליך צוריקגענומען פון די טישען אַ היבש ביסעל „שריים״.

נאָכ׳ן עסען האָט מען געזונגען שירי ציון און אפילו גע־כאַפּט אַ גאַנץ געשמאַקען עכט־אידישען טענצעל.

און עס איז ביי מיר געווען אַן עונג שבת צו זעהן און צוקוקען דאָס אַלעס.

אַ גוט וואָרט דאַרף אויך געזאָגט ווערען ווענען „בית החולים שערי צדק״, אָדער דר. וואַלאַך׳ס שפּיטאָל, ווי ער איז באַקאַנט אין ירושלים. דער אַנשטאַלט איז אויך איינער פון די וויכטיגסטע, שטעהט אויף אַ שעהנעם פּלאַץ צווישען בוימער און לאַנקעס און איז זעהר שעהן און גוט איינגעריכטעט. דער בית החולים האָט אייגענע קיה און די חולים דאָרט קריגען אמת ריינע און פרישע מילך. דאָס איז איינע פון די זאַכען וואָס קיין אַנדער האָספּיטאָל האָט ניט.

דער גרינדער און פּאַרוואַלטער פון קראַנקען־הויז, דר. וואָ־

לאך, איז א דייטשער איד, אָבער ניט פון די יאהודים׳שע אידען, נאָר א שטרענג־פרומער בתכלית הפרומקייט. מאנכע אָנגע־שטעלטע דאָרט ריידען אויך גאנץ אָדער דריי פערטעל דייטש, און דערפאר אפשר איז דער אנשטאלט ניט אזוי פּאָפּולער ווי, למשל, דער בקור חולים האָספּיטאל. ווי האָט יענער ליטוואק געזאָגט: „די דייטשען זיינען גאנץ פיינע מענשען, אָבער דער לאָשען הרג׳עט זיי אוועק״.

איך האַלט אויך פאר א גרויסע פליכט צו זאָגען א פּאָר גוטע ווערטער וועגען דער גרויסער ישיבה אין מאה שערים, וועלכע איז, צום באדויערען, זעהר פאראָרימט און נויטיגט זיך אין פינאנציעלע הילף. דאָס איז אַן אינסטיטוציע, וואָס פאר־דינט זיכער די שטיצע פון אלע אידען. דאָס איז א קוואל פון תורה, וואָס טאָר ניט דערלאָזען ווערען, אז ער זאָל, חלילה, אויסטריקענען.

30

אויפ׳ן הר הצופים. — די אידישע אוניווערזי־טעט. — ביי די תימנ׳ער אידען. — דער מחמד׳א־נישער יום־טוב „ניבא מוסא״. — גרויסארטיגע געסט אין ירושלים. — צו בדיקת חמץ אין מאה שערים.

זייענדיג אין ירושלים האָב איך, פארשטעהט זיך, ניט דורכ־געלאָזט צו באזוכען די „אוניברסיטה העברית״, די העברעאישע אוניווערזיטעט אויפ׳ן הר הצופים.

א באזוך אויפ׳ן הר הצופים איז אַן און פאר זיך זעהר אינטערעסאנט. שטעהענדיג אויפ׳ן בארג זעהט איהר די פּאַ־נאָראמא פון גאנץ ירושלים. די פּאנאָראמא איז א פּראכטפולע. ווען איהר זייט אין שטאָדט זעהט איהר ניט און איהר האָט קיין באגריף ניט ווי ירושלים זעהט אויס אלס א גאנצע. סתם אלס שטאָדט ווערט איהר פון ירושלים גאָר ניט נתפעל. איהר קענט נתפעל ווערען פון געוויסע פּלעצער, אָבער ניט פון דער שטאָדט

גופא. האָב איך טאקע געהערט ווי אַן אַמעריקאַנער איד האָט זיך אויסגעדריקט: „עט, אויך מיר אַ שטאָדט, אַ העק". קוקט איהר אָבער אויף איהר פון הר הצופים, קענען אייערע אויגען ממש ניט זאַט ווערען פון דער שעהנער פּאַנאָראַמאַ.

ווען איהר קוקט אַרונטער אונטען פון באַרג, זעהט איהר דעם נחל קדרון, וואָס ווערט דערמאָנט אין תנ"ך. ווייטער אַרויף זעהט זיך דער ים המלח, דער געזאַלצענער אָדער דער זאַלץ־ים, אָדער ווי מען רופט איהם: דער טויטער ים, ווייל קיין לעבע־דיגע ברואים זיינען אין איהם ניטאָ.

אַז איהר קוקט צום ים המלח, קענט איהר מיינען, אַז איהר קענט פּאַרקאַטשען די פּאָלעס און אַוועקשפּאַצירען צו איהם; אָבער דאָס דאַכט זיך נאָר אַזוי. אין אמת'ן איז מיט איין פּאָר פיס גאַנץ שווער צו דערגרייכען איהם.

די ארץ ישראל'דיגע לופט איז זעהר קלאָר און דעריבער זעהען דאָרט ווייטע געגענשטענדע אויס אַלס נאָהענט, אַזוי ווי מיראַזשען, וואָס מען זעהט אָפט אין די טראָפּישע געגענדען.

זיינען מיר, למשל, געווען אין דעם שטעדטעל תלפיות, ניט ווייט פון ירושלים, צו־גאַסט ביי מר. פלאַקסמאַן, אַ בּאָראָ פּאַר־קער בעל הבית, וואָס האָט זיך דאָרט באַזעצט, זעהט מען דאָרט אויך דעם ים המלח גאַנץ דייטליך. זאָג איך צו דעם מר. פלאַקס־מאַן, וועלכער איז אַ איד אַ חסיד: „איהר קענט אַלע פאַר'ן דאַווענען געהן אין וואַסער אַריין אינ'ם ים המלח". לאַכט ער און זאָגט: „ווען איך געה אַוועק גאַנץ פריה, וואָלט איך אַהין געקומען צו מנחה און אפשר ערשט צו מעריב".

אַזוי איז עס אומעטום. ווען איהר שטעהט ביים ים כנרת ביי טבריה, ווייזט זיך אייך אויס, אַז דאָס איז גאָר ניט קיין ברייטער טייך, ווייל אָט זעהט איהר דעם צווייטען ברעג מיט'ן שניי־באַדעקטען הר חרמון, און איהר וואונדערט זיך למאי מען רופט עס „ים". אין אמת'ן אָבער איז דער כנרת גאַנץ ברייט און דער צווייטער ברעג איז גאַנץ ווייט, נאָר די ריינע לופט מאַכט יעדען ווייטען געגענשטאַנד אויסזעהן נאָהענט, אַזוי ווי מען זאָל אויף דעם קוקען דורך אַ טעלעסקאָפּ.

מיר זיינען דאָרט, אויפ'ן הר הצופים, געווען אַ גרופּע אַמעריקאַנער. מען האָט אונז געפיהרט צייגען אַלע אָפּטיילונגען, די אינסטרומענטען און אַפּאַראַטען פאַר כעמיע און אַנדערע וויסענשאַפטליכע לימודים; די אַלע אַנדערע איינריכטונגען, די ביבליאָטעק, דעם אַמפיטעאַטער אָדער סטאַדיום אין דרויסען. און עס האָט זיך ווירקליך געוואָלט מאַכען די ברכה „שהחינו" און דאַנקען און לויבען דעם בורא און די מענשען, וואָס האָבען געהאָלפען אויפבויען אַזא בנין לחכמת ישראל און אַלגעמיינע קענטניס און וויסענשאַפט.

אין מאַנכע אָפּטיילונגען האָבען סטודענטען געאַרבייט אָדער פּראַקטיצירט און מאַנכע זיינען געווען לעדיג. אין דרויסען האָבען חלוצים געאַרבייט אויף אַ געביידע, וואָס האָט זיך נאָך געהאַלטען אין בויען. האָבען מיר געזעהן ווי פיר יונגע לייט האָבען אויפגעהויבען אַ שטיין אויף אַ פינפטען'ס פּלייצע און יענער האָט דעם שטיין אַוועקגעטראָגען אויפ'ן פּלאַץ, וואו מען האָט איהם געדאַרפט איינמויערען. עס פאַרשטעהט זיך, אַז שלעפּען אַ גרויסען שטיין אויפ'ן פּלייצע איז ניט אַ צוקער־לעקאַך אויפעסען. האָט זיך דער יונגערמאַן געבויגען אין דרייען און עס איז געווען אַ ביטערער רחמנות אויף איהם.

פאַרשטעה איך דאָס ניט און קיינער פאַרשטעהט עס ניט. למאי טראָגען אויפ'ן פּלייצע? קען מען ניט פיהרען אַ שטיין מיט אַ טאַטשקע? באַמערקט איינער פון אונזער גרופּע: „צו פאַרשטעהן דעם שכל דערפון דאַרף מען זיין אַן אַקאַדעמיקער און פריהער דורכמאַכען אַ שטודיום דאָ אין דער אוניווערזיטעט".

אָבער עס קען אפשר זיין, אַז ביי די חלוצים איז דאָס געווען אַ שטיף. יונגע חברה, געזונטע, אָהן עין הרע, ווילט זיך זיי שטיפען. אַ געוועט אפשר געווען צווישען זיי, און דער איינער האָט עס פרייוויליג אונטערנומען, כדי צו צייגען אַ בריה'שאַפט, אָדער געווינען אַ פּעקעל פּאַפּיראָסען.

צו די זאַכען, וואָס האָבען אויף מיר געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אין ירושלים, דאַרף אויך צוגערעכענט ווערען מיין

קורצער באזוך אין קווארטאל פון די תימנ'ער אידען, וועגען וועלכע עס איז שוין פיל גערעדט און געשריבען געווארען.

דער דאזיגער צווייג פון אידישען פאלק, אפשר דער שעהנ־סטער צווייג בנוגע אידישקייט און אידישע טראדיציעס, לעבט זיין דלות און דחקות מעהר ווי אלע אנדערע אידען אין היילינגען לאנד. בלויז בלעטער פון דעם דאזיגען צווייג האבען זיך ארויס־געריסען פון זייער געבורטס־ארט, פון דער אזיאטישער מדינה תימן אדער יעמען, וואו זייערע ברידער און שוועסטער ווערען שרעקליך פארפאלגט פון די אראבער, און האבען זיך באזעצט אין ארץ־ישראל. די ערשטע אידען, וואס האבען אויסגעוואנ־דערט פון תימן מיט עטליכע צעהנדליג יאהר צוריק, האבען זיך געשלעפט צופוס זיבען מאנאטען צייט. איצט געפינען זיי זיך אין ארץ ישראל ביי א צוועלף טויזענד נפשות, און די מעהרסטע פון זיי לעבען אין שרעקליכער נויט. עס איז אויף זיי ניטא קיין איינזעהעניש און זיי ווערען פארנאכלעסיגט אזוי ווי שטיף־קינדער. צו שילדערען זייער ארים לעבען, איז אונ־מעגליך. עס איז געגוג צו דערצעהלען, אז א תימנ'ער איד ווייסט ניט צו עסען מעהר ווי איין געריכט פאר א מאלצייט. ער פטור'ט אפ א סעודה מיט א שטיקעל טרוקען ברויט, אדער מיט עפעס א געקעכץ, און ער דאנקט גאט אבי ער האט עס. די תימנ'ער ווייסען ניט פון ברויט מיט קרופניק. דאס איז ביי זיי צו פארשווענדעריש. ביי זיי איז איינס פון דיביידע: אדער ברויט אדער קרופניק.

די תימנ'ער אידען זיינען ניט קיין פוילענצער. זיי ווילען טאן די שווערסטע ארבייט, אבי פארדינען א שטיקעל ברויט אדער א לעפעל געקעכטס. צו דער זעלבער צייט זיינען זיי אויך אריינגעטאן אין לערנען, און עס זיינען טאקע צווישען זיי פאראן גרויסע לומדי תורה. זייערע קינדער ערציהען זיי אויך על דרך התורה, אבער זיי האבען נעבאך ניט קיין ספרים, אין וואס צו לערנען. צוליב דעם זיינען זיי זעהר עקאנאמיש אין ספרים און עטליכע קינדער לערנען פון איין סידור, חומש אדער גמרא.

האָב איך געזעהן אין זייערס אַ תלמוד תורה, וואו אכצעהן קינדערלאך האָבען אַלע צוזאַמען געלערענט פון דריי חומשים. די קינדער זיינען געווען אויסגעזעצט אויף דער ערד אין צוויי רייהען, איינע אַנטקעגען די אַנדערע. אין מיטען אויף אַ הילצערנער באַנק זיינען געלעגען די דריי חומשים אָפען און די קינדער פוןביידע זייטען האָבען געזאָגט די עברי פּינקטליך אָהן דעם מינדעסטען טעות. אזוי לערנען זיי אויך גמרא און אַנדערע העבערע אידישע לימודים. מען געוואוינט זיי איין לכתחילה זיי זאָלען קענען לייענען פון אַ ספר פון ביידע זייטען, ווען דער ספר ליגט מיט׳ן אויבען אַראָפּ אזוי גוט ווי ווען ער ליגט מיט׳ן אויבען אַרויף. אזוי לערנט מען אין זייער אַלטער קלאָגעדיגער היים, אין תימן, און אזוי לערנען זיי אויך אין ארץ ישראל, אין אידישען היימלאַנד, וואו אין דעם פּרט פון עניות איז זייער שיקזאל אפשר ניט בעסער ווי אין תימן.

אַ תימנ׳ער רב פון ירושלים, רבי יצחק אל גאבלי איז געקומען קיין אַמעריקא אַלס שליח פון די תימנ׳ער אידען צו שאַפען פאַר זיי הילף. ער זיצט שוין דאָ אַ פּאָר יאָהר צייט, אָבער ער האָט ניט קיין גרויסען צוטריט צו אַמעריקאַנער אידען צוליב זיין גרויס צדקות און עניוות, און מחמת ער פאַרשטעהט קיין אַנדער שפּראַך אויסער אַראַביש און העברעאיש, און דאָס אויך ניט מיט אונזער דיאַלעקט.

פּסח־צייט האָבען מיר געהאַט טעג פון מאַרטשען און פאַראַדען אין ירושלים, אפילו ניט קיין אידישע, אָבער אידען זיינען געגאַנגען אָנקוקען זיי.

דער מחמד׳אַנישער יום־טוב „ניבא מוסא״ (נביא משה) איז געפייערט געוואָרען פּסח־צייט. דער דאָזיגער יום־טוב געפאַלט ביי זיי שטענדיג אין דער צייט פון דער קריסטליכער „פּאַסכאַ״ און האַלט אָן אַ גאַנצע וואָך. אין די טעג קומען זיך צוזאַמען מוסולמאַנישע אַראַבער פון נאָהענט און פון ווייט, אויף קעמלען, אויף עזלען און פוס־געהער, קיין ירושלים און פון דאָרט מאַרשירט מען מיט מוזיק, געזאַנג און טענץ צום קבר פון אונזער גרויסען לעהרער און מחוקק, וועלכען זיי פאַרהייליגען אויך.

איז דאָך די קשיא: סטייטש, אין דער תורה שטעהט דאָך בפירוש: „ולא ידע איש את קבורתו" — קיינער ווייסט ניט וואו משה רבנו'ס קבר איז, טאָ ווי אזוי ווייסען עס די אראבער? איז דער תירוץ: זיי ווייסען טאקע ניט, נאָר מען האָט זיי אזוי איינגעשמועסט מיט פילע יאָהרען צוריק און זיי האלטען זיך דערביי.

דער מוסולמאנישער יום־טוב „ניבא מוסא" שטאמט פון די אמאָליגע צייטען, נאָך אפשר פון די צייטען פון די נוסעי הצלב, פון די קרייץ־ציגע, ווען פילע קריסטען פלעגען קומען קיין ירושלים, אממערסטען אויף זייער חגא „פאסכא". האָבען די מוסולמאנישע גייסטליכע מורא געהאט, אז זיי, די נוצרים, די קריסטען, וועלען פארכאפען די ממשלה איבער ירושלים. איז דער מופטי, אָדער ריכטיגער „מופתי", דער בעל־מופת, דאָס הייסט: דער אויבער־גייסטליכער, דער מחמד'אנישער ארכיערייי פון ירושלים געפאלען אויף א שכל. ער האָט פאררופען זיין געמיינדע און זיי דערצעהלט א מעשה, אז דאָרט און דאָרט, צווישען ירושלים און יריחו, געפינט זיך דער קבר פון דעם נביא משה. לכן, זאָלען אלע קומען קיין ירושלים אין דער וואָך פון דער קריסטליכער „פאסכא" באוואפענט מיט כל'ערליי כלי־זיין און מען וועט מארשירען צום קבר. געמיינט האָט ער דערמיט, אז אלע זאָלען זיין פארזאמעלט אין איין פונקט מיט מלחמה־געוועהר, כדי אויב די קריסטליכע פילגרימס וועלען מאכען אן אויפשטאנד, זאָל מען איהם קענען אונטערדריקען מיט שווערד און בויגען. פון דעמאָלט אָן איז עס אזוי פארבליבען און יאָהר־איין, יאָהר־אוים ווערט געפייערט דער „ניבא מוסא", שטענדיג אין דער זעלבער צייט.

עס האָט אמאָל פאסירט, אז די צוהוליעטע אראבער האָבען אין דיזען יום־טוב זייערען געמאכט אן איבערפאל אויף אידען. דאָס מאָל אָבער האָט די ענגלישע מאכט געהאלטען אן אויג אויף זיי און זיי האָבען געפראוועט זייערע צערעמאָניעס אונטער א שטרענגע וואך פון פאָליציי און סאָלדאטען און צו קיינע אומרוהען איז ניט געקומען.

זיינען פילע אידען געשטאַנען אויפ'ן פאַרזאַמלונגס־פּלאַץ פון די אַראַבער נעבען שער יפו און מען האָט קיינעם ניט גע־טשעפּעט.

אין דערזעלבער צייט האָט ירושלים געהאַט אַ גאַסט, אַן איטאַליענישען פּרינץ. איז געוועזן באַזונדערע פּאַראַדען און הוליאַנקעס. דאַן איז געקומען די ענגלישע פּרינצעסין מערי, איז געווים געוועזן ששון ושמחה. ארץ ישראל האָט דאָך עפּעס די לעצטע עטליכע יאָהר אַ מחותנ'עשאַפט מיט ענגלאַנד. האָט די פּרינצעסין געהאַט אַ גרויסאַרטיגען קבלת פּנים.

דאָ איז ווערט צו דערמאָנען אַן אינטערעסאַנטע זאַך.

די פּרינצעסין איז אָנגעקומען דעם ערשטען טאָג פּסח. האָט דער פּאָליציי־שעף געוואָלט, אַז דער פּאָליציי־בענד אָדער די פּאָליציי־קאַפּעליע זאָל שפּילען ביים אָפיציעלען קבלת־פּנים. זיינען אָבער אין בענד דאָ אַ צאָהל אידען, און דער קאַפּעל־מייסטער אַליין איז אויך אַ איד, האָט ער געזאָגט: „ביי אונז איז יום־טוב און מיר שפּילען ניט", און זיי האָבען טאַקע ניט געשפּילט. אויס רעספּעקט צום אידישען יום־טוב האָט מען זיי מוחל געוועזן און מען איז אויסגעקומען אָהן זייער שפּילען.

אין אָוועגד פון בדיקת חמץ נעם איך מיר אַ שפּאַציר אין דער שכונת מאה שערים, איז אינטערעסאַנט געוועזן צו זעהן ווי פאַמיליעס האָבען געגעסען אין די חצרים, אין די הויפען. זייערע הייזער זיינען שוין געוועזן גע'כשר'ט אויף פּסח, האָבען זיי גע־געסען די חמצ'דיגע וועטשערע אונטער'ן פרייען הימעל. און אַזוי ווי זייערע טיש און בענק זיינען שוין אויך געוועזן „כשר לפּסח", האָט מען געפּראַוועט די סעודות אויפ'ן ברוק, אויף די שטיינער, וואָס זיינען אויסגעלעגט אין די הויפען.

עס איז געוועזן שעהן צו זעהן ווי מענער, פרויען און קינ־דער זיינען אויסגעזעצט אויף דער ערד און עסען זיך בהרחבה אַזוי ווי ביים טאַטען אין וויינגאָרטען.

שעהנער און אינטערעסאַנטער ווי אין אנדערע הויפען איז געוועזן די סצענע פון די וועטשערע־עסערס אין גרויסען הויף פון נייטען'ס הייזער, וואו עס וואוינט אונזערער אַ בן עיר,

הרב מרדכי דוד לעווין, איינער פון די שעהנסטע טיפּען, וואָס איך האָב באגעגענט אין ירושלים. ווען דער איד זאָל מוחל זיין אויף זיין עניוות, וואָלט איך איהם גערופען „הרב הצדיק". אָבער אזוי ווי איך וויים, אז ער איז אן אמת'ער עניו, אָהן שום פניות, וועל איך איהם ניט וועה טאָן און ניט דערצעהלען זיינע מעלות.

אָבער איין „מעלה" זיינע וועל איך יאָ איבערגעבען — ער איז אן אָרימאַן, און טאקע אן אָרימאַן מיט פּליטערלאך. וואָס דען, א נגיד וועט אזא איד זיין ?! וואו האָט איהר געזעהן, אז א נגיד זאָל זיין אן אמת'ער בורח מן הכבוד ? אָט דאָס אליין וואָס ער וואוינט אין נייטען'ס הייזער, איז שוין א באוויז, אז ער איז ניט קיין בן כלבא שבוע, אָדער אן אנדער עשיר פון ירושלים, וואָס די גמרא רעכענט אוים אין גטין. דער מר. נייטען, אויף וועמעס נאָמען דער גאנצער הויף הייזער רופען זיך, איז געווען א שיקאגאָ'ער רייכער, אָבער פשוט'ער איד. ער האָט די הייזער אויסגעבויט ספּעציעל פאַר אָרימע אידען בני תורה, און זיי וואוינען דאָרט פאַר גאָר א קליינינקייט דירה־געלד, און מאנכע אפילו גאָר פריי פון צאָהלען דירה־געלד. דער מר. נייטען איז געשטאָרבען אן אָרימאַן, און די הייזער זיינע אין ירושלים ווערען פאַרוואלטעט פון אן אפּטרופּוס, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט לפני מותו.

אזעלכע הייזער און הויפען, וואָס יחידים האָבען אויסגעבויט אין ירושלים לטובת אָרימע לייט, זיינען דאָ אייניגע. זאָלען די נעמען פון יענע וואָהלטעטער געבענשט זיין.

איז אין דעם הויף פון נייטען'ס הייזער, וואָס זיינען כמעט דורכאוים באזעצט פון אידען תלמידי חכמים, דער אָוועגד פון בדיקת חמץ געווען מעהר איינדרוקספול ווי אין אנדערע הויפען. ראשית, זיינען דאָרט געווען מעהר וועטשערע־עסערים אין דרוי־סען ; והשנית, האָט מען דאָרט ניט בלויז געגעסען, נאָר איין „קופּקעלע" מיט דער אנדערער האָט זיך אויך איבערגעוואָרפען מיט דברי תורה.

האָב איך דערפון שטאַרק הנאה געהאַט און דאָס איז געווען איינער פון די פאַרגעניגענס, וואָס איך האָב גענאָסען אין ירושלים.

31

ערב פסח אין מאה שערים. — מען באַקלאָגט „גע־באַבטע מיידלאך". — הוליאנקעס ביי די סדרים. — אַ גוט וואָרט פון אַ גאון. — די „חגיגת הרגל" פייערונג. — אַן אָוועגט מיט אַ מקובל.

דער ירושלים'דיגער פסח האָט אַ שם. זיין פסח אין ירושלים איז אָנגענומען פאַר אַ גוטע זאַך. דערפאַר פאָהרען מעהרערע טוריסטען קיין ארץ ישראל אויף פסח.

פסח־צייט איז די לופט אין ארץ ישראל זעהר גוט. ניט צופיל היים און בכלל זעהר אַנגענעם. אַגב איז אין דער דאָזיגער צייט דאָ פרישע אָראַנדזשעס אָדער מאַראַנצען. און ארץ ישראל'־דיגע אָראַנדזשעס זיינען זעהר זאַפטיג און באַ'טעמ'ט. איך בין געווען פאַרליבט אין זיי און פלעג זיי אויפעסען עטליכע אַ טאָג. זיי זיינען ווירקליך מחיה נפשות, ממש טעם גן עדן. אַ שאָד וואָס מען ברענגט ניט די דאָזיגע פרוכט אַהער, קיין אַמעריקאַ, און פאָרלויפיג געהען זיי בלויז קיין ענגלאַנד און ניט ווייטער. געזאָגט האָט מען מיר, אַז די ארץ־ישראל'דיגע קאָלאָניסטען ווייסען נאָך ניט דעם גאַנצען סוד ווי אַזוי צו פּאַקען די פרוכט און דעריבער קען מען זיי ניט שיקען אין אַ דרך רחוקה, ווייל זיי ווערען פאַרדאָרבען. אויב נאָר דאָס איז די מניעה, וועט מען מסתמא אמאָל דערגעהן דעם סוד און מיר, דאָ אין אַמעריקאַ, וועלען אויך קענען הנאה האָבען פון די געשמאַקע פרי הארץ.

היינט דער פסח גופא איז אין ארץ ישראל, איבערהויפּט אין ירושלים, אַנדערש ווי די פסח'ן דאָ אין אַמעריקאַ אָדער אַנ־דערשוואו. איך האָב שוין ב"ה איבערגעלעבט אַריבער זעכציג פסח'ן, און איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געהאַט אַזאַ הנאה און נחת רוח פון דעם יום טוב ווי דעם פסח, וואָס איך האָב פאַר־בראַכט אין ירושלים. אין בעסטען פאַל קען מען אין חוץ לארץ

ניט האָבען אזאַ גייסטיגען געגוס פון פסח ווי אין ירושלים. די יום־טוב׳דיגע אַטמאָספערע דאָרט שטייגט איבער אַלעס.

ערב יום טוב בין איך מיט מיין ווייב ארויס אין שטעדטעל זעהן ווי אַזוי מען קלייבט זיך דאָרט באַגעגענען דעם גרויסען גאַסט „ר׳ פסח”. מיר זיינען אריין אין די סאַמע געדיכטעניש פון עכט־אידישען קוואַרטאל מאה שערים, דאָרט וואו עס איז דער הויפּט־מאַרק, די מעהרסטע קראָמען, קרעמלאַך און לאַדענס אָדער סטענדס. איז דאָרט געוועזען ניט דורכצושפּאַרען זיך. דער פאַר־קויפט כריין, דער חרוסת, דער הגדות, דער בוראַקאָוועז באָרשט אָדער ראָסעל, און דער אַנדערער מכשירים. שילדען „כשר לפּסח” זעהט מען דאָרט ניט אַזוי ווי דאָ ביי אונז. ארץ ישראל אידען זיינען אַפּנים מוחזקים בכשרות, און מען פאַרלאָזט זיך אויף זיי אַליין אַזוי גוט ווי מיר דאָ אויף די הכשרים פון רבנים, רעוור־רענדס און סתם אַזעלכע וואָס באַטיטלען זיך מיט׳ן נאָמען „רב” אָדער „גאון”...

געהען מיר פּאַמעלאַך. מיר שפּאַרען זיך קוים דורך צווישען די פילע מענשען און מיר קוקען זיך צו צום יאַרידעל. פלוצים פאָהרט אריין אַן אַראַבער מיט אַן אָנגעלאָדענעם עזעל און „פנו דרך”, מאַכט אַ וואַרע פאַר׳ן עזעל. רוקט מען זיך צוזאַמען אנשים ונשים און מען מאַכט אַ וועג פאַר׳ן עזעל און די קערב וואָס ער טראָגט אויף זיך. אַ איד וואָס פאַרקויפט הגדות, באַ־מערקט דערביי: „אָט אַזוי איז דאָס. דער עזעל פיהרט די גרענדע און מען דאַרף איהם אָפּטרעטען דעם וועג. דרך ארץ, מענשען, פאַר׳ן עזעל”...

אין אַנאַנדער געסעל, וואו עס שוויבעלט אויך און עס גריבעלט, קומען מיר אריין בעת אַ אידענע לויפט שנעל מיט פאַרבראָכענע הענט און שרייט אויפ׳ן קול:

„אידישע קינדער, מען דאַרף גוזר תענית זיין, קריעה דאַרף מען רייסען! דאָ, אין דער הייליגער שטאָט ירושלים, זאָל טרעפען אַזאַ זאַך! עס איז דאָך הימעל־שרייענד, איז דאָך דאָס! סדאָם (סדום), ערגער ווי סדאָם איז דאָך דאָ געוואָרען! וועה איז מיר, אין ירושלים זאָל אַזעלכעס פּאַסירען”.

נאָך דער אידענע׳ס מענה לשון און מיט וואָס פאר א טאָן זי האָט עס ארויסגעזאָגט, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, אז מען האָט אפשר געכאפּט א אידישען צוויי־ווייבערניק, אָדער סתם אן אשת איש׳ניק, אָדער א רוצח, אָדער לכל הפחות, איינעם וואָס פארקויפט חמצ׳דיגע מצות פאר פסח׳דיגע. לסוף לאָזט זיך אויס אזא מעשה:

א מאַן, איהר אייגענער, אָדער א פרעמדער, האָט געוואָלט ארייגעהן צום צירולניק (באַרבער) אָפּשערען זיך לכבוד יום טוב, איז דער צירולניקי גאָר פארנומען מיט שערען „מוידען״! זיצט איין מויד, וואָס ער שערט, און א צווייטע וואַרט ער זאָל איהר אָפּשערען. טאָ ווי קען א מאַנסביל ארייגעהן זיך אוועקזעצען צווישען מוידען! ?

און עטליכע ווייבער און מענער העלפען דער אידענע אויקען און קרעכצען אויפ׳ן דאָפּעלטען „סקאַנדאַל״, וואָס ווערט אָפּ־געטאָן אין דער הייליגער שטאָדט; ראשית, וואָס מיידלאך שערען זיך; והשנית, וואָס א מאַנסביל שערט זיי.

און זיי באַדויערען עס מיט אזא ערנסט, מיט אזעלכע רחמנות פנים׳ער, אזוי ווי גאַנץ ירושלים זאָל, חס ושלום, פארבלייבען אָהן מצות אויף פסח, אָדער אָהן ארבע בוסות.

מיר אַמעריקאנער זיינען שוין צוגעוואוינט צו אזעלכע „צרות״, און די גאַנצע מעשה קימערט אונז ניט פיעל. און טאָמער האָבען מיר יאָ געהאַט א קאָפּעלע עגמת נפש דערפון, האָבען מיר עס שפּעטער צום סדר אינגאַנצען פארגעסען.

דער עונג רוחני, דער גייסטיגער פארגעניגען, וואָס מיר האָבען געהאַט ביים סדר און נאָכ׳ן סדר, האָט געמאַכט פארגעסען ערגערע קלעמעניסען ווי דאָס וואָס מיידלאך „באָבען״ די האָר אין מאה שערים.

א פופציג פערזאָן געסט זיינען מיר געוועזען ביים סדר אין מלון אָדער האָטעל ווארשאַווסקי. צוזאַמען מיט דער פאַמיליע פון די האָטעל אינהאַבער האָט אונזער סביבה׳לע געצעהלט ביי א זעכציג פערזאָן. ווייבער איז געוועזען לרוב. עס איז געוועזען אזוי ווי, להבדיל, ביי אחשורוש׳ן — „והשתיה כדת״. יעדער

איינער האָט געהאַט זיינע ארבע כוסות און צווישען כוסות,ביים עסען, וועלכע וויין ער האָט געוואָלט. אָבער דאָס איז ניט אַלעס. דער עיקר איז די אַטמאָספערע, די פרעהליכקייט, די אמת׳ע פרייד, וואָס האָט אָנגעפילט יעדעס הארץ.

און א פרעהליכקייט, ניט קיין מגושם׳דיגע, נאָר עפּעס א היילינע, א הימלישע. מען איז געווען אזוי ווי פאַר׳שכור׳ט, אָבער ניט פון וויין, נאָר פון א מאָדנעם גייסטיגען גענוס, וואָס לאָזט זיך ניט שילדערען.

די הגדה האָבען אַלע געזאָגט אונטער דער „פיהרערשאַפט" פון דעם עלטסטען פון די הארלינג ברידער, וועלכע פאַרוואַלטען דעם האָטעל. ער איז געווען, אזוי צו זאָגען, דער קאָמאַנדיר און מיר אַלע — די סאָלדאַטען. און מאַרשירט האָט מען איבער דער הגדה מיט געזאַנג. און ניגונים׳לאַך האָבען זיי אין ארץ־ישראל זיסינקע, ליבינקע און הארציגע, און מען האָט בעת מעשה געפיהלט אזוי ווי מען זאָל זיין ערגעץ אין די עלומות העליונים.

און ווען מיר האָבען אַלע אין כאָר אויסגעשריען: „לשנה הבאה בירושלים", האָבען מיר זיך הערצליך געוואונשען, אז מיר זאָלען איבער א יאָהר אויך זיין אין ירושלים, אין אונזער אמת איינענע ירושלים, און ווידער פּראַווען אזא סדר.

דאָ איז כדאי איבערצוזאָגען א גוט וואָרט, וואָס מען דער־צעהלט פון הרב קוק׳ס וועגען.

מען האָט, דערצעהלט מען, געפרעגט דעם גאון, אויב אידען וואָס וואוינען אין ירושלים דארפען זאָגען „לשנה הבאה בירושלים? האָט ער געענטפערט: „יאָ. זיי דארפען זאָגען די דאָזיגע קורצע תפלה, וואָרום די בני ירושלים זיצען אין ירושלים און זייערע קעפּ זיינען אין אמעריקא, דאַרפען זיי בעטען ביי גאָט, אז לשנה הבאה זאָל זיי זיין אזוי גוט, אז עס זאָל זיי ניט ליגען אין זינען אמעריקא, און זייערע קעפּ, זייערע רעיונות זאָלען אויך זיין אין ירושלים".

נאָכ׳ן סדר האָבען מיר זיך ווייטער משמח געווען מיט געזאַנג און טענץ, בעת אין גאַס, אין רחוב יפו, וואו דער האָטעל ווארשאַווסקי געפינט זיך, איז געווען ששון ושמחה פון יונגע

לייט, וואס זיינען נאכ'ן סדר ארויס פייערען די ליל שמורים אונטער'ן פרייען, בלויען ארץ־ישראל הימעל.

ביז גאנץ שפעט נאך האלבע נאכט האט מען געזונגען שירי ציון און געטאנצט אין גאס לכבוד דעם גרויסען יום טוב, לכבוד זמן חירותנו.

אין ירושלים, כידוע, האבען זיי נאר זיבען טעג פסח. דער ערשטער און דער זיבעטער טאג איז יום טוב און די מיטעלסטע פינף טעג איז ביי זיי חול המועד. מיר, בני חוץ לארץ, דארפען על פי דין האלטען אכט טעג פסח, אזוי ווי דא אין אמעריקא און אין אנדערע לענדער, און אויך פראוועון צוויי סדרים. האבען מיר די צווייטע סדר נאכט אויך ניט געהאט ערגער ווי די ערשטע און מיר האבען גאנץ פיין געהוליעט, צו פארדאנקען צוויי נייע געסט, וואס מיר האבען געהאט ביים סדר־טיש: דר. שלום שכנא פראבע און מיין לאנדסמאן ר. מאיר ליב עפשטיין.

דר. שלום שכנא פראבע, אן אייניקעל פון דעם גרויסען רבי'ן יהושע העשיל אפטער, איז א רייכער איד פון סט. לואיס. ער איז אבער ניט פון די פשוט'ע אמעריקאנער „אלרייטניקעס“, נאר א איד א תלמיד חכם, א למדן אין נגלה און האט אויך א ידיעה אין נסתר, אין קבלה. דער דר. פראבע איז אפנים פארליבט אין ארץ ישראל'דיגען פסח, „כאפט“ ער זיך אריבער פון סט. לואיס קיין ירושלים אויף פסח און נאך יום טוב פאהרט ער צוריק אהיים.

דאס איז געוועזן דער צעהנטער פסח, וואס דר. פראבע איז געוועזן אין ירושלים.

דער טשיקאגאווער איד, וועלכער איז א הייסער ציוניסט, פאר־מאגט אין ארץ ישראל הונדערט דונאם לאנד און א שטיקעל ערד פאר א קבר אויף א פראמינענטען פלאץ אויפ'ן הר הזיתים. אין זיין צוואה ווערט געזאגט, אז לאחר מאה שנה, אויב ער וועט שטארבען אין חוץ לארץ, זאל מען איהם אוועקפיהרען קיין ארץ ישראל און מקבר זיין אין זיין געקויפטען קבר אויפ'ן הר הזיתים.

קיין מרה שחורה'דיגער איד איז ער ניט, דער דר. פראבע.

און פון אונזער לאַנדסמאַן, מר. עפּשטיין, האָב איך שוין ביי אַן אַנדער געלעגענהייט דערצעהלט,אַז ער איז פון אונזערע אַלטע הוליאַקעס. שמחת תורה און פּורים פלעגט ער די גאַנצע שטעטעל משמח זיין. איין פּורים, דאָס איז שוין אַ מעשה פון עטליכע און פופציג יאָהר, געדענק איך, האָט מען געמאַכט אַזאַ מין פּורים־שפּיל: ר׳ מאיר ליב, וועלכער איז נאָך געווען אַ יונגער־מאַנטשיק, אָהן אַ ברעקעל סמן פון אַ באָרד, האָט זיך פאַרקליידעט אַלס גויה, אלס פּויערטע, און ר׳ שמואל ליב, דער שניידער, אַ שעהנער איד, אויך פון די הוליאַקעס (געשטאָרבען אין ירושלים) האָט זיך אָנגעטאָן אַ שטריימעל מיט אַ רבנישע זשופּיצע און איז כלומרשט געווען אַ רב. האָט מען דעם „רב“ מיט דער „ערלית“ צונעשמידט איינע צו די אַנדערע און אַ פּאָר פאַרשטעלטע אלס סאָלדאַטען האָבען זיי געפיהרט מיט׳ן עטאַפּ. די שפּיל האָט געהייסען „פּדיון שבויים“ און מען האָט געזאַמעלט נדבות פאַר אַ געוויסען וואָהלטעטיגען צוועק. מען קען זיך שוין פאָרשטעלען וואָס אין שטעטעל האָט זיך דעמאָלט אָפּגעטאָן. די „ערלית“ האָט זיך געטשעפּעט צום „רב“ און דער רב האָט „מלחמה געהאַלטען“ מיט׳ן יצר הרע, און ער איז געווען פרעהליך אין שטעטעל.

אַן אַנדער פּורים, געדענק איך, האָט מען געשפּילט „אחשורוש שפּיעל“, און ר׳ מאיר ליב האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ קליידעל און איז געווען ושתי. ער איז שוין אָבער דעמאָלט געווען עלטער און אַ בערדעל האָט איהם שוין נישקשה׳דיג אַרויסגעשפּראָצט. טאָ וואָס פאַר אַ זינען האָט עס אַ ושתי מיט אַ באָרד? מילא אַ ושתי מיט עפּעס אַנדערש אויפ׳ן שטערען... ווייסען מיר; אָבער מיט אַ באָרד, איז דאָך לעכערליך! האָט זיך דער יונגער מאיר ליב געפונען אַן עצה. ער האָט אַרומגעבונדען די מאָרדע און די באַקען מיט אַ טיכעל און עס האָט געהייסען, אַז ושתי ליידט פון צייהן־ווייטאָג. און ווען אחשורוש האָט געשיקט רופען דער מלכה זי זאָל קומען צייגען די שרים איהר שעהנקייט, האָט „ושתי“ אויסגעזונגען: „זאָל דער קעניג ניט זיין קיין דוראַק, איך געה ניט מיט אַ געשוואָלענע באַק“.

דער מר. עפּשטיין איז שוין אַ איד אַ זקן, אָבער נאָך,

אומבאשריען, א היבשער הוליאק. האט ער צום צווייטען סדר, צוזאמען מיט מר. פראבע, גאר „געקערט וועלטען". און לויט זייער קאמאנדע האבען כמעט אלע געזונגען, געטאנצט און זיך לוסטיג געמאכט אויף זעהר א שעהנעם אידישען שטייגער. די הארלינג פאמיליע, כאטש זיי זיינען געווען האלב־וואכעדיגע, האבען אויך אנטייל גענומען אין דער שמחה של מצוה מיט ארץ־ישראל'דיגע ניגונים און ריקודים און מען האט געשעפט פארגעניגען מיט פולע הויפענס.

איין טאג, חול המועד פסח האב איך פארבארכט זעהר אן אנגענעהמע שטונדע אין בית הרב פון הגאון קוק. מיין פריינד און קאלעגע זלמן קאטלער האט מיך אהין געפיהרט און פארגע־שטעלט פאר'ן רב, מיט וועמען איך האב די גרויסע זכיה געהאט צו טרינקען טהעע און וויין של פסח. הרב קוק האט מיר פרע־זענטירט מיט א פאר פון זיינע ספרים און מיר געגעבען רשות צו באנוצען זיך מיט זיי און איבערזעצען זאכען, וואס איך וועל געפינען פאר נויטיג.

איך דריק דא אוים מיין הערצליכען דאנק צו פריינד קאטלער פאר די קאלעגיאלע גאסטפריינדשאפט, וואס ער האט צו מיר באוויזען, פאר זיין באקענען מיך מיט הרב קוק, מיט אוסישקין און אנדערע וויכטיגע פערזענליכקייטען אין ירושלם, און פאר אינפארמאציע, וואס איך האב פון איהם געקראגען אין פילע זאכען.

א גוטער ברודער, דער אדון קאטלער, און דאס פארברענגען מיט איהם אליין האט מיר אויך פיעל פארגעניגען פארשאפט.

איך דאנק אויך מיינע פריינד און קאלעגען אליעזר ריבלין און ז. בן טובים, קארעספאנדענטען פון „מארגען זשורנאל", פאר זייער חבר'שאפט צו מיר, פאר זייער אינטערעסירן זיך מיט מיר און פאר זייער מטריח זיין זיך פון מיינעטוועגען. קאלעגע ריבלין האט מיך געפיהרט אויף א באזוך צום אלטען רב וגאון זאנענפעלד אין דער אלטער שטאדט, און א געשפרעך מיט'ן עקסטרים קאנסערוואטיווען רב אין ירושלים איז מיר געווען העכסט אינטערעסאנט.

צו דעם פסח'דיגען עונג רוחני, וואס איך און אנדערע הונ־

דערטע אידען האָבען געגאָסען אין ירושלים, דארף איך צוגערע־כענט ווערען דער „חגיגת הרגל". דאָס איז די נייעס, וואָס מען האָט אָנגעהויבען איינפיהרען.

דאָס איז געווען פרייטאָג, ביי אונז דער צווייטער טאָג יום־טוב און ביי זיי דער ערשטער טאָג חול המועד. האָבען זיך הונדערטע אידישע קינדער, מענער און פרויען, אַלטע און יונגע, פאַרזאַמעלט אין גרויסען הויף פון די הסתדרות ישרון, אָדער מרכז המזרחים, וואו עס האָבען גערעדט הרב קוק און מ. מ. אוסישקין איבער ענינים, וואָס זיינען נוגע ארץ ישראל. דערצו זיינען אויך געווען כלי זמר, וואָס האָבען געשפּילט און אַ כאָר, וואָס האָט געזונגען שירי ציון. ווען מען איז דאָרט פאַרטיג געוואָרען, האָט זיך די גאַנצע אידישע מחנה אַוועקגעלאָזט צום כותל מערבי מקבל שבת זיין און דאַווענען מעריב. די צערעמאָניעס אין הויף און דער מארש צום כותל המערבי איז געווען זעהר איינדרוקספול. דאָס האָט זיך איינגעקריצט אין מיין מח און איך וועל עס קיינ־מאָל ניט פאַרגעסען.

איך וועל דערמאָנען נאָך אַ זאַך, וואָס וועט מיר שטענדיג בלייבען אין זכרון. דאָס איז אַן אָוונט, וואָס מיר האָבען פאַר־בראַכט אין דער מסיבה פון ר' שמעון לידער.

דער ר' שמעון לידער, אַ געבוירענער פון דער שטאָדט לידע, איז אַ מקובל. אין ירושלים זיינען, כידוע, פאַראַן אַ סך מקובלים, אידען וואָס לערנען קבלה, קענען די דאָזיגע מיסטישע חכמה און פיהרען זיך על פי תורת הקבלה. זיי האָבען צוויי שוהלען, וואו זיי לערנען און דאַווענען מיט אַלע כונות פון האר"י הקדוש און אַנדערע בעלי קבלה. דער ר' שמעון איז איינער פון זיי.

אויסער זיינע ברייטע ידיעות אין נגלה און אין נסתר, איז ר' שמעון לידער אַ וועלטליכער מענש. ער האָט באַרייזט כינאַ און אַנדערע געגענדען אין ווייטען מזרח, מיט דעם צוועק צו זוכען שפּורען פון די פאַרלוירענע עשרת השבטים. ער האָט אָפּגע־דרוקט אַ ספר פון זיינע נסיעות, און פון ספר קען מען זעהן, וואָס פאַר אַ וויכטיגע פערזענליכקייט דער ר' שמעון איז, וואָס

פאר א בקי ער איז אין צווייגען פון חכמת העולם און ווי גרויס ער איז אויפ'ן געביט פון פאָרשונג.

ר' שמעון איז געקומען אין האָטעל אויף דער איינלאַדונג פון דר. פראָבע, זיינער א פערזענליכער פריינד. מיר זיינען געווען א מסיבה פון א פּאָר מנינים אידען און מיר האָבען פארבראכט א פּאָר זעהר אנגענעמע שטונדען. איך בין שטארק נתפעל גע־וואָרען פון דעם אידען, וועלכען האָט אָנדערהאַלבען שטונדען כסדר געהאַלטען אין איין זאָגען גימטריאות, נוטריקין און ראשי תיבות אויף איינעם און דעמזעלבען ענין.

בכל איז דער פסח אין ירושלים געווען זעהר אינטערעסאַנט, איינדרוקספול און אַמוזאַנט, און איך זאָג נאָך א מאָל, אז יענער פסח איז געווען דער בעסטער פון די אריבער זעכציג פסח'ן, וואָס איך האָב שוין ב"ה איבערגעלעבט.

איין פעהלער איז אָבער געווען, וואָס מיר זיינען בשעת חדוה שוין געווען רייזע פערטיג, און באַלד נאָך יום טוב האָט מען זיך געדאַרפט קלייבען צוריק קיין חוץ לאָרץ.

.32

א היתר צו זיצען אין א ווייבערשע קופּעע.—אויפ'ן וועג פון ירושלים קיין מצרים. — א שטיק וועג דורכ'ן מדבר סיני.—דאָס אָנקומען אין קאַירא.— דער אידישער האָטעלשטשיק מיט די 8 שפּראַכען.

דאָנערשטאָג האָבען מיר געהאַט אחרון של פסח, און קו־מענדען דינסטאָג האָבען מיר זיך געזעגנט מיט דער הייליגער שטאָט און מיר זיינען געווען אויפ'ן וועג צוריק נאָך וואָכעדיגע שטעט און לענדער.

פון אונזער לאַנדסמאַנשאַפט זיינען פארבליבען בלויז דריי: איך, מיין פרוי און די מרס. הורוויץ. מר. עפּשטיין איז אוועק־געפאָהרען פריהער.

מיר, איך און מיין פרוי, האָבען צוריקוועגס געדאַרפט זיין

אין קארלסבאד און נעהמען דארט א קור קורס. דאס איז געווען א פארזאג פון א דאקטאר מומחה נאך פון ניו יארק, און וואס דאקטוירים הייסען, פאלגט מען זיי. אזא מזל האבען זיי שוין, די דאקטוירים. הלואי וואלטען רבנים, אמת עהרליכע רבנים, און מיר שרייבער געהאט אזא מזל, אז וואס זיי זאגען און מיר שרייבען זאל אנגענומען ווערען. און אז שוין יא ניט פאהרען דירעקט אהיים, האב איך מיר אויסגעמאכט אזא מארשרוט:

ראשית הכל, עגיפטען, מצרים, הייסט עס, דאס לאנד פון די אמאליגע פרעה'ס. אז שוין אנגעקוקט ארץ ישראל, די פארצייטיגע לאנד כנען, איז כדאי צו זעהן דאס לאנד פון וואנען השי"ת און משה רבנו האט אונז אידען ארויסגעצויגען און גע־בראכט קיין ארץ ישראל.

דאן האב איך חשק געהאט צו באזוכען רוים, ווענעציא אדער ווענעדיג און וויען. אז מען האלט שוין אין רייזען ווילט זיך זעהן נאך שטעדט און לענדער. האב איך אט פאר דעם מארשטורט ביז קארלסבאד געהאט רייזע בילעטען מיט וויזעס פון די קאנסולען, און מיר זיינען געפאהרען אויף א זיכערען וועג. א צאהל אנדערע אמעריקאנער זיינען אויך געווען בא־וואפענט מיט רייזע־בילעטען און וויזעס און האבען זיך אויך געלאזט אנקוקען נאך א ווינקעלע אדער נאך ווינקעלאך פון גאט'ס וועלטעל.

איך האב פארלאזט ארץ ישראל א צופרידענער, מיט גוטע איינדריקע פון דעם וואס איך האב דארט געזעהן און בעאבאכ־טעט, און מיט גוטע אויסזיכטען פאר'ן אויפבוי פון אונזער היימ־לאנד. און אויב אפילו עס זיינען געווען מאנכע זאכען וואס זיינען מיר ניט געווען אזוי צום הארצען און האבען אויף מיר ניט געמאכט אזא גוטען איינדרוק, האב איך עס מוחל געווען. ווייסט איהר דאך, אז ווען מען האט אימיצען אדער עפעס ליעב, פאר־קוקט מען די חסרונות און מען האט מעהר אין זינען די מעלות, און אז איך האב ליעב ארץ ישראל, איז איין גאט מיין עדות.

אונזער צוג איז אפגעגאנגען אין דערפריה. דאס איז געווען דאס ערשטע מאל וואס מיר זיינען געפאהרען אויף אן ארץ־

ישראל באהן. די אלע רייזעס אין היילינגען לאנד האבען מיר געמאכט מיט אויטאמאבילען אדער אמניבוסען.

מיר זיינען געפאהרען צווייטען קלאס. אין וואגאן, אין וועלכען מיר זיינען אריין, איז געווען ענגלאך. עס זיינען דארט געווען דייטשע און פראנצויזישע טוריסטען, וואס זיינען אויך געפאהרען נאך קאירא, און אויך אייניגע אראבער. האב איך דערזעהן א ליידיגע קופע מיט אן אויפשריפט אויפ'ן טהיר אין העברעאיש: „רק לגברות", דאס הייסט: נאר פאר דאמען. האב איך מיר אליין מורה היתר געווען און זיך דארט באזעצט מיט מיין ווייב. מיין חשבון איז געווען אז על פי דין התורה בין איך דערצו בארעכטיגט. די תורה זאגט דאך: „והיו לבשר אחד", אז מאן און ווייב, הייסט עס, זיינען איין לייב, קען דאך דאס הייסען אז איך מיט מיין אידענע זיינעןביידע צוזאמען איין אידענע, אדער איין דאמע, אדער איין ליידי... דער אראבישער קאנדוקטאר האט אפנים אויך אזוי געלערנט דעם פשט און ער האט מיר ניט געשטערט צו פארבלייבען דארט.

אונזער צוג שטעלט זיך אפ ביי דער באהן סטאנציע לוד נעבען יפו. דאס איז די לוד, וואס ווערט מעהרערע מאל דערמאנט אין תלמוד. „חביות לודיות", לוד'ער פעסער און „תגרי לוד", לוד'ער סוחרים. ווי עס זעהט אויס, איז די לוד אמאל געווען א צענטער פון מסחר, א מין לייפציג פון ארץ ישראל. דארט זיינען אמאל אויך געווען גרויסע ישיבות. איצט איז דאס ניט מעהר ווי אן אראביש דערפעל און זייט די מלחמה — א באהן סטאנציע.

דארט, אין לוד, זיינען אין באהן צוגעקומען נאך פון אונזערע שיפס ברידער און שוועסטער, וועלכע זיינען געקומען צו דער סטאנציע פון תל אביב און זיינען אויך געפאהרען קיין קאירא, עגיפטען. האבען מיר געהאט א היבשע מסיבה'לע פון אייגענע מענשען און מען האט גערעדט, געבאלאקעט און זיך געוויצעלט ביז מען איז אפגעפאהרען אביסעל ווייטער, און דער צוג האט זיך אנגעהויבען שלעפען טריט ביי טריט, עפעס גאר ניט ווי א באהן, נאר ווי א קעמעל. און דער לאקאמאטיוו האט

געקרעכצט און געסאפעט אזוי ווי, להבדיל, א מענש ווען ער ארבייט שווער אָדער טראָגט א שווערע משא.

מיר קוקען ארויס דורך די פענסטער און מיר זעהען ווי דער צוג געהט בארג ארויף, אזוי הויך אז עס שווינדעלט אזש פאר די אויגען. דאן לאָזט ער זיך ארונטער נידעריגער און שלענגעלט זיך ארום ריזיגע בערג אזוי ווי ארום א שרויף.

מיר האָבען זיך ניט געקענט אָפּקוקען פון דער סצענע, אָדער סצענעס. אָט פאַהרען מיר, דאכט זיך, אויף א גלייכע פלעכע, אָבער מיר זעהען פון דערווייטענס ווי די באהן ליניע ציהט זיך אין א האלב רונד אויף א בארג, וואָס וואָלט אונ־טערגעשפּארט די וואָלקענס, ווען דאָרט וואָלטען געווען וואָלקענס.

און קומען מיר ארויף אויפ'ן בארג, זעהען מיר די ליניע געדרעהט ארונטער ביים זייט בארג איבער א טיעפען טהאָל. אין מאנכע פונקטען האָט עס אויסגעזעהען אזוי ווי די וואַגאָנעס פון אונזער צוג גארטלען ארום א בארג ארום און ארום.

אזוי שלעפּט זיך דער צוג א פּאָר שטונדען צייט ביז ער קומט אויף א גלייכער פלעכע, און דאן „שטעלט ער טריט", אנטלויפט אפנים פון דער שווערער שטיקעל ארבייט, וואָס ער האָט נאָר וואָס אָפּגעטאָן...

דאָן קומען מיר צו צום מדבר, צו אונזער גוט באקאנטען מדבר סיני, דורך וועלכען אונזערע אור־עלטערען האָבען געוואנ־דערט פערציג יאָהר; צו דעם מדבר, וואו מען האָט אונז געגעבען די תורה און אונז געמאכט פאר אַן עם סגולה מכל העמים, א מעהר שעצבארעס פאָלק פון אַלע פעלקער.

דאָס איז אפנים דער „דרך ארץ פלשתים", וואָס איז נאָהענט צו ארץ ישראל און דעריבער האָט זיי משה דורך דאָרט ניט געפיהרט, ווי עס ווערט דערצעהלט אין בשלח.

אין איין זייט זעהט מען נאָר ישוב און פעלדער און וויינ־גערטנער און אין דער צווייטער זייט — בלויז א מאסע וויים־געלבליכע זאמד, וואָס ציהט זיך ווייט ביז'ן האָריזאָנט אזוי ווי א ים, אָהן א סוף און אָהן אַן ענד. ווייטער ווערען די ישובים אינגאנצען פארשוואונדען פון אונזערע אויגען און איןביידע

זײטען זעהט מען ניט מעהר ווי הימעל און זאמד. בלויז וואו ניט וואו שטעהען פּאַלמען בוימער אין מיטען דעם זאמדיגען באָדען.

און דער זאמד איז אין ערטער אויסגעלייגט קונציג, איין שיכטע העכער פון דער אַנדערער, אַזוי ווי טרעפּ, אָבער אַזוי גלייך און אַזוי גלאַט, אַזוי ווי מענשען זאָלען עס אָנשיטען און איינפּרעסען, אַז עס זאָל זיך האַלטען אויף אַן אָרט.

וואו ניט וואו זעהט מען אויפ׳ן זאמד בערגלאַך ביינער, אפשר פון קעמלען, וואָס זיינען דאָרט געפאַלען, און אפשר אויך מענשען־ביינער. ווער ווייסט?

איינער וואָס איז שוין אמאָל געפאָהרען אויף יענעם וועג, צייגט אונז פון דערווייטענס דעם פּלאַץ, וואו עס איז בעת דער מלחמה געווען דער לאַגער פון אידישע לעגיאָנערען. וויצעלט זיך איינער פון אונזערע אַמעריקאַנער און פרעגט: „אפשר וועלען מיר פאַרביי־פאָהרען דעם בארג־סיני? ווען מיר פאָהרען דאָרט פאַרביי, וואָלט געווען אַ יושר אָפּצוגעבען צוריק די תורה, וואָס מיר האָבען דאָרט געקראָגען“.

אַזוי פאָהרען מיר דורך די וויסטעניש איניגע שטונדען. דאַן זעהט מען שוין וואו ניט וואו אַן אַראַבישע הייזקע, אַרום וועלכער עס לויפען אַרום באָרוועסע אַראַבערלאַך, בלויז מיט שמוציגע העמדלאַך אויף זייערע לייבער. דאָ און דאָרט באַגע־געגנט מען שוין אַן אַראַבער מיט אַ קעמעל, און וואָס ווייטער — אַלץ מעהר ישוב.

דאָ קומט שוין אַרויף אַן עגיפּטישער באַאמטער רעווידירען אונזערע פּאַספּאָרטען. באַלד נאָך דעם קומט נאָך איינער, אַפּניט רעווידירען אויב דער ערשטער האָט ריכטיג רעווידרט. מיט׳ן צווייטען איז נאָך אויך ניט געענדיגט. עס קומט נאָך אַ דריטער און אַ פערטער, און קריך אַלץ אין בוזים קעשענע און צייג זיי די פּאַספּאָרטען. צו וואָס אַזוי פיעל — הויב איך נישט אָן צו פאַרשטעהן.

שפּעט פאַרנאַכט קומען מיר אין קאַנטאַרא, וואו עס איז די קאָסטאָם־הויז, אָדער דער צאָהל־אַמט. זיינען דאָרט דאָ אַגענטען

אָדער פּאָדריאַדטשיקעס, וואָס נעהמען איבער די רייזענדע, און זייערע מענשען, אַראַבישע טרעגער, נעהמען שוין אריין די באַגאַזשען אין צאָהל־אמט, און נאָך די רעוויזיע פון די אינספּעקטאָרס טראָגען די מענשען ארויף די פּעקלאך אויפ'ן פּאַראָם — שווים־בריק — וואָס פיהרט איבער'ן זועץ קאַנאַל, דאַן צו דער באהן וואָס פיהרט נאָך קאַירא.

און דאָס רעווידירען דעם באַגאַזש געהט דאָרט צו שטרענג. די צאָהל־באַאמטע פוילען זיך ניט צו זוכען, צו גריבלען זיך אין יעדען טשעמאָדאַן ביז'ן גרונד, און די אַגענטען מאַכען אַן אָנשטעל, אַז זיי האָבען אַ „פּול" ביי די אינספּעקטאָרס און אַז עס געהט דורך זייערע הענט, פּאַרטיגט מען זיך אָפּ שנעלער. אויב דאָס איז טאַקע אמת, ווייס איך ניט. אפשר פון פּרנסה וועגען מעג מען זאָגען אַ ליגען. און פאר'ן אמת, צי פאר'ן ליגען, הייסען זיי זיך גוט באַצאָהלען.

אונז האָט איבערגענומען אַ איד פון אונזערע רוסישע אָדער פּוילישע אידען, אַ אידעל אַ קאַבעדיגס, אַ קוועקזילבער, וואָס האָט פאַרכאַפּט כמעט אונזער גאַנצע אידישע גרופּע. בלויז איייניגע זיינען אריינגעפאַלען אין די הענט פון אַראַבישע אָדער ענגלישע אַגענטען. דער איד האָט זיך אפילו געהייסען באַצאָהלען עטליכע שילינג מעהר, אָבער דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטער כלל, אַז אידישעס קאָסט טייערער ווי גוי'אישעס. זאָל איהם וואויל באַקומען.

מיר קומען אין קאַירא, די הויפּט־שטאָדט פון עגיפּטען, שפּעט ביינאַכט. אויפ'ן גרויסען וואָקזאַל שווּבעלט און גריבעלט. אונזערע אידישע אַמעריקאַנער טוריסטען פאַרלירען איינע די אַנדערע צווישען די פּיעלע מענשען, וואָס דרעהען זיך דאָרט אַרום. מיר האָבען זיך געוואָלט האַלטען צוזאַמען אין איין גרופּע, אָבער אוממעגליך. שטעהט יעדער און היט זיין קלומיקעל. מיר ערוואַרטען אַ אידישען האָטעל קיפּער, וועמען מען האָט פון ירושלים געגעבען צו וויסען, אַז עס קומען אַמעריקאַנער „העכט", אָבער ער איז ניטאָ.

פּלוצים באַווייזט זיך אַ איד, אַ הויכער און אַ ברייט־

פלייציגער, מיט א פאר ידים, אהן עין הרע, אז איך וואלט ניט געוואונשען ניט נאר צו קריגען פון איהם א פאטש, נאר אפשר אפילו א גלעט אויך ניט.

„אמעריקאנער?" — פרעגט ער. „יא, אמעריקאנער". „גוט" — זאגט ער — „מיין נאמען איז בלום. איך האב דא א כשר'ען האטעל און מען האט מיר מודיע געווען וועגען אייך. וואו איז אייער גאנצע קאמפאניע?" — „דא ערגעץ אין וואקזאל" — ענטפער איך.

האט זיך אנגעפאנגען א „קיבוץ גליות". דער איד איז אומגעלאפען ווי א פאר'סם'טע מויז, און וואו ער האט געפונען איינעם אדער איינער פון אונזערע, האט ער ארויסגעפיהרט אויפ'ן פלאטפארמע און געהייסען ווארטען.

דער לייביגער איד האט גוט געשוויצט ביז ער האט אלעמען צוזאמענגעקליבען. האט איבערגעצעהלט וויפיל פארשוינען ער האט, האט געטראכט און גערעכענט און דאן א זאג געטאן אויף אונזער לשון: „אלראיט".

ער האט, הייסט עס, אויסגעפלאנעוועט וואו ער וועט אלע־מען הינטאן און איז געווען צופרידען.

מיך, מיין ווייב און די מרס. הורוויץ האט ער אריינגעזעצט אין א טעקסי און געזאגט דעם טעקסי מאן וואוהין ער זאל אונז פיהרען.

האט ער אונז געבראכט אויף א שעהנעם סקווער — אפערא סקווער, און אונז אנגעצייגט וואו מיר זאלען אריינגעהן. מיר קומען אריין, זיצט דארט א מאן אין אביידעל, הינטער גראטעס. דאס איז אפנים דער נאכט־קלוירק פון האטעל. ער רעדט בלויז אראביש, און ענגליש אדער אידיש — אפילו ניט א ווארט. דרעהט זיך דארט אום אן אראבישער משרת, א בארוועסער, אין א לאנגער העמד, און ער לאדט אונז איין אויף שטום־לשון מיר זאלען געהן מיט איהם און ער וועט אונז צייגען אונזער נאכט־לעגער. דענקען מיר, אז דער טעקסי מאן האט אונז פארפיהרט ניט אין ריכטיגען פלאץ און מיר ריהרען זיך ניט פון ארט און ווארטען.

אפשר א שטונדע צייט האָבען מיר געוואַרט, ביז דער אי־דישער האָטעלשטשיק האָט זיך באוויזען מיט נאָך איינינע פון אונזער גרופּע. „דאָ" — ערקלערט ער אונז, — „איז ניט מיין האָטעל. מיין האָטעל איז דאָ באַלד דערביי. נאָר אזוי ווי איך האָב ניט גענוג פּלאַץ פאר אַלעמען, וועט איהר דאָ שלאָפען, און עסען וועט איהר ביי מיר. אויב איהר ווילט איצט עפּעס א בים טהאָן, אָדער טהעע טרינקען, קומט".

געהען מיר און מיר טרעפען דאָרט אַלע אונזערע, און א צאָהל אמעריקאנער, וואָס זיינען דאָרט געוועזן פון פריהער. מיר טרינקען טהעע, מיר בייסען צו אַלע בחברותא בעת דער בעל הבית פון פּלאַץ דערצעהלט אונז, אַז ער איז א וועלטליכער מענש, איז שוין אויסען געוועזן אין א סך מדינות און רעדט אכט שפּראַכען. און טאָמער גלויבען מיר איהם ניט אויפ'ן וואָרט, וואַרפט ער אריין עטליכע רוסישע ווערטער און אייניגע העברעאישע פראַזען, כדי אפנים מר זאָלען וויסען, אַז מיר האָבען דאָ ניט צו טהאָן מיט אבי וועמען.

מיר געהען שלאָפען מיט דער דעה אויפצושטעהן פריה, עפּעס עסען און אַרויסגעהן אָדער אַרויספאָהרען אָנקוקען די שטעדטעל אָדער אַרום שטעדטעל.

33

די אידען אין קאַירא. — אַן אייגענאַרטיגע אינ־סטיטוציע „מוחר הבתולות". — ביי די פּיראַמידען און דעם ספינקס. — אין דער אַלטער גהעטאָ. — אין רמב"ם'ס שוהל.—אָפּגעטאָן קבצנים אַ שפּיצעל.

אין קאַירא וואוינען א היבשע ביסעל אידען. די מערסטע אַלטע תושבים פון שפּאַניען, מאַראָקאָ און איטאַליען. עס גע־פינען זיך אויך דאָרט רוסישע, גאַליציאַנער, דייטשע און רומע־נישע אידען אָבער ווייניג.

די אידען האָבען דאָרט זייערע שוהלען, ספרד'ישע און אויך

איינע אן אשכנז'ישע. איינע פון די ספרד'ישע שוהלען איז א גאנץ אלטע. די אנדערע זיינען אין משך פון פילע יאהרען זייט זיי עקזיסטירען שוין איין מאל אדער מעהרערע מאל איבערגעבויט געווארען. די אידען האבען דארט אויך ציוניסטישע חברות, תלמוד תורה'ס און אנדערע וואהלטעטיגע אדער פילאנטראפישע אנשטאלטען. צווישען זיי אן אייגענארטיגע אינסטיטוציע, וואס גיט זיך אפ מיט חתונה מאכען ארימע מיידלאך.

„מוהר הבתולות" רופט זיך די דאזיגע אינסטיטוציע, וועלכע מאכט „מצוה חתונות" צוויי מאל אין יאהר על פי גורל. די ארימע פארלאך, וואס אויף זיי פאלט דער גורל חתונה צו מאכען זיי, קריגען אויסשטאטונג, הוצאות החתונה און אביסעל נדן פון דער „מוהר הבתולות"־קאסע, אבער מיט א תנאי אז דער חתן מיט דער כלה זאלען זיך פיהרען אידיש. פאר דער חתונה מוזען זיי זיך מעלדען צום „חאכאם באשי", צום רב הכולל און אויב זיי זיינען פראסטאקעס לערענט מען זיי אידישע דינים און מנהגים, וועלכע זיי פארפליכטען זיך נאכצוקומען.

בכלל איז דער מצב פון אידען אין מצרים ניט שלעכט. קיין גלות, חלילה, ליידען זיי דארט ניט און פיהלען זיך גאנץ פריי אונטער ענגלאנד'ס ממשלה. אין קאירא געפינען זיך גאנץ רייכע אידען, גרויסע געשעפטס־לייט, אבער קיין קבצנים, פארשטעהט זיך, פעהלען אויך ניט.

אידען פרעגען א שאלה: ווי קומען אידען אין מצרים? די תורה זאגט דאך: „לא תוסיפון לשוב בדרך הזה עוד" — איהר זאלט זיך מעהר ניט אומקעהרען קיין מצרים, — טא וואו האט מען זיך גענומען דעם היתר צו קומען אהין און באזעצען זיך דארט? ווען רבנו משה בן מימון, דער רמב"ם, איז אין צוועלפטען יאהרהונדערט געקומען פון זיין געבורטס־לאנד שפא־ניען און זיך באזעצט אין קאירא, האבען די רבנים פון זיין דור שטארק מתרעם געווען אויף איהם. די רבנים האבען דעם רמב"ם חושד געווען, אז ער איז עובר אויף א לאו פון דער תורה. אין אמת'ן אבער האט ער, דער רמב"ם ז"ל, געפונען דעם היתר, ווייל עס איז באוויזען היסטאריש, אז די אלטע מצרים פון וואנען

די אידען זיינען ארויסגענומען געוואָרען דורך משה רבנו איז שוין לאַנג חרוב געוואָרען און בימיו איז מצרים געווען גאָר אַן אַנדער מצרים, אויף וועלכע דער איסור פון „לא תוסיפון” איז שוין ניט חל געווען.

אַזוי איז עס אָנגענומען, און אויב אימיצער דענקט, אַז דאָס איז ניט קיין גענוגענדער תירוץ, קען דער רמב"ם ז"ל זיין שטעדטעל אליין באַשטעהן, און מסתמא אַז ער האָט דאָס געטאָן האָט מען עס געמעגט און מען מעג עס איצט אויך.

אויף מאָרגען, נאָך אונזער אָנקומען אין קאירא, פאָהרען מיר ארויס צו די פיראַמידען. „פיראַמיד” איז דער טעכנישער נאָמען פון אַ געוויסע פאָרמע געביידע. אַ פיראַמיד מיינט: אַ געביידע וואָס פאַנגט זיך אָן אונטען ברייט און וואָס העכער געהט זי אַלץ שמעלער אין אַלע זייטען, ביז סאַמע אין דער הויך, וואו די שטיינער אָדער ציגעל פון אַלע ווענט קומען זיך צוזאַמען אין אַ שפיץ.

מאנכע האָבען אַ טעות און מיינען, אַז די פיראַמידען אין מצרים איז די פתום און רעמסס, וואָס די אידען האָבען אמאָל געבויט. דאָס איז אָבער ניט ריכטיג. די פיראַמידען זיינען געבויט געוואָרען מיט הונדערטער יאָהרען פריהער. אין זיי, אין די פיראַמידען, זיינען געווען קברים פון קעניגע און קעניגליכע פאַמיליעס. ניט פון ווייט פון קאירא איז פאַראַן נשאר פון חורבות, זאָגט מען, אַז דאָרט איז עס געווען די ערי מסכנות, די פתום און רעמסס, וואָס די אידען האָבען אמאָל געבויט; אָבער דאָס איז אויך ניט באַשטעטיגט.

מיר זיינען געווען אַ גרופּע פון עטליכע און דרייסיג פּערזאָן און מיר זיינען געפאָהרען מיט צוויי גרויסע אויטאָמאָבילען. אַ אידישער יונגערמאַן איז געווען אונזער „גאַיד”, אונזער פיהרער. עס איז געווען אַ שרעקליך הייסער טאָג, אַ „חמסון”, ווי די אראַבער רופען עס, אָבער דאָס האָלט אונז ניט אָפּ. מיר האָבען קיין צייט צו וואַרטען אויף אַ קיהלען טאָג, און מען קען זיך איבערהויפּט אין עגיפּטען ניט דערוואַרטען אויף אַזאַ טאָג.

פאָהרענדיג איבער'ן בריק, וואָס ציהט זיך איבער'ן נילוס,

ציייגט אונז דער „גאיד" אָן אויף צוויי בוימער, וואָס שטעהען ביים וואסער, און דערצעהלט אונז, אַז דאָרט, צווישען יענע בוימער, האָט עס פּרעה'ס טאָכטער ארויסגעצויגען משה'ן פון טייך. פון וואנען ווייס ער דאָס? אזוי זאָגען די אראבער און זיי לאָזען זיך ניט אָפּדינגען אפילו אַ טריט. דוקא צווישען יענע צוויי בוימער און ניט אנדערש. די דאָרטיגע תושבים ציייגען אויך אָן אויף אַ פּלאַץ און זאָגען, אַז דאָרט, ריכטיג אין יענעם פּונקט, האָט עס משה תפלה געטאָן צו גאָט אַז די מכת ברד, דער האָגעל, זאָל אויפהערען, ווי עס שטעהט צום סוף פון דער סדרה בא: „ויצא משה את העיר ויפרש כפיו". געהען פרומע אראבער עד היום אהין תפלה טאָן און זיי גלויבען, אַז זייערע תפלות ווערען דאָרט אָנגענומען.

מיר פאָהרען דורך די ארץ גשן, די געגענד וואו יעקב אָבינו און זיין משפחה זיינען געזעסען נאָכדעם ווי זיי זיינען אָנגעקומען אין מצרים. זעהר אַ שעהנע שטיק לאַנד מיט שעהנע פעלדער און לאָנקעס, וואָס ווערען „אָנגעטרונקען" פון קאַנאַלען, וואָס ציהען זיך פון נילוס, ווייל קיין רעגענס האָבען זיי דאָרט ניט, און די פעלדער ווערען צו געוויסע צייטען באוואסערט פון דעם היסטאָרישען טייך בעת ער געהט ארויס פון זיינע ברעגען און צושפּרייט זיך איבער די גראָבענס אָדער קאַנאַלען.

מיר קומען צו על געזעה אָדער גיזה, וואו עס שטעהען אַ גרופּע פון דריי פּיראַמידען. דער גרעסטער פון זיי איז אריבער פיר הונדערט מיט פופציג פוס הויך און אונטען האַלט ער זיבען הונדערט מיט עטליכע און פערציג פוס אין דער לענג און אין דער ברייט. ביים בויען דעם דאָזיגען פּיראַמיד, ווערט געזאָגט, האָבען געארבייט 300,000 מענשען צוואַנציג יאָהר צייט. די פּיראַמידען שטעהען ביים אָנפאַנג פון מדבר און ווייט ארויף אין דער זאַמדיגער וויסטעניש זעהען זיך נאָך אַ גרופּע פון אייניגע פּיראַמידען.

ניט זעהר ווייט פון די ערשטע פּיראַמידען שטעהט אויך דער ספינקס, אַ פון שטיין אויסגעהאַקטע פיגור מיט'ן קאָפּ און ברוסט פון אַ מענשען און קערפּער פון אַ לייב. דער ספינקס איז

א מיטאָלאָגישע חיה און איהר פיגור איז ביי די אַלטע עגיפּטער געשטעלט געוואָרען אַלס מאָנומענט נאָך גדולים. ספינקסען גע־פינען זיך אין מצרים נאָך, אָבער דער וואָס שטעהט אין גיזה איז דער גרעסטער. די פיגור, וואָס איז כמעט דורכאויס פון איין שטיין, איז כמעט הונדערט מיט ניין און אכציג פוס לאַנג. די שטיינערנע ריזיגע פיגור שטעהט, אָדער ריכטיגער: זיצט, אויף א נידעריגע געביידע. אונטען איז א קעלער, וואו עס גע־פינען זיך געוויסע אַלטערטימער.

אויף צוקומען צו דעם ספינקס האָט מען אונז טוריסטען געגעבען דריי ברירות: רייטען אויף קעמלען, רייטען אויף עזלען אָדער פאָהרען מיט אזעלכע קליינע וועגעלאך אָדער בריטשקעס אויף צוויי רעדער. יעדער איינער און יעדע איינע האָט זיך אויסגעקליבען וואָס מען האָט געוואָלט.

און די אַראבער, וואָס שטעהען דאָרט גרייט מיט זייערע קעמלען, עזלען און וועגעלאך, זיינען זעהר גערן צו כאַפּען א פּאר־דינסטעל. וויל יעדער פון זיי קריגען א פּאסאזשיר. יאָגען זיי זיך איינער פאר'ן אנדערען און עס ווערט א מחלוקת. שטעהען דאָרט פּאָליציאנטען מיט בויגעדיגע פּאַלקעס אָדער שטעקעלאך אין די הענד און זיי מקל'ען, און אַלץ הייסט גע'מקל'ט! זיי קוקען ניט וואו, איבער'ן פּלייצע, איבער די הענט, איבער די פיס, איבער'ן פּנים — וואו נאָר זיי טרעפען. און דער אָרימער אראַ־בער נעבאך הויבט אויף די הענט, נאָרעט איין דעם קאָפּ און — קלאָפּ, פּריצ'על.

ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פון דעם ספינקס, האָט מיין ווייב'ס פיהרער געקראָגען געבראָכען די ביינער פון א פּאָליציאנט. האָט זי, די ווייב מיינע, אַזש אָנגעהויבען וויינען. א אשה, א רכת לב, האָט זי ניט געקענט צוקוקען דעם צער פון דעם מענשען. איינער פון אונזער גרופּע האָט איהר געטרייסט: „עס קען זיין — האָט ער געזאָגט — „אז דער מצרי שטאמט פון יענע נוגשים, פון יענע פּאָרלייט אָדער אויפזעהער, וואָס האָבען געשלאָגען די אידען בעת זיי האָבען געאַרבייט אין מצרים בחמר ובלבנים, קריגט ער עס איצט אָפּ קלעפּ פאר יענע קלעפּ".

איך, מײן פרוי און אַ צאָהל אַנדערע מענער און פרויען האָבען געריטען אויף קעמלען. מײנע, כאָטש אַזוי װי דאָס רוב פרויען, אַ ביסעל אַ נערװעזע, האָט זיך ארויסגעצײגט אַלס קאָזאַק און האָט דוקא געװאָלט אַ קעמעל. פאָהרען אויף אַ קעמעל — האָט זי געזאָגט — איז אַ נאָװינע זאַך, אַ נײעס. װען נאָך װעט מען האָבען די געלעגענהײט צו האָבען אַ „יאַזדע" אָט אויף דער חיה? אגב װײסט זי פון טײטש־חומש, אַז אונזער מוטער רחל האָט אויך געריטען אויף אַ קעמעל און אונזער מוטער רבקה אויך, איז כדאי נאָכצוטאָן די אמהות. איז זי, אָהן עין הרע, געװען אַן אשת חיל, און איז געזעסען אויפ'ן קעמעל בראַװ און מוטיג אונטער די היץ פון דער ברענענדיגער זון. אַנדערע פרויען אויף קעמלען זײנען געװען צושראָקען און האָבען געשריען, געקװי־טשעט און מײנע האָט געשפּאַסט און חוזק געמאַכט פון זײ.

די רײזע אַהין און צוריק האָט געדויערט בײ אַן אַנדער־האַלבען שטונדען צײט. דער װעג איז דאָרט אַ מדבר'דיגער, אַ זאַמדיגער, באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ, אָבער מען איז איבער־געקומען בשלום.

די פיהרער אונזערע האָבען זיך געקלעפּט צו אונז. זײ באַ־לאַקען אביסעל ענגליש, האָבען זײ אויפ'ן װעג דערצעהלט, אַז זײ זײנען גרויסע אָרימע לײט, האָבען מפרנס צו זײן פאַמיליעס און די פאַרדינסטען זײנען זעהר קלײן, לכן, בעטען זײ מען זאָל עפּעס אַרײנשטעקען אין די ידים. אָבער דאָס מוז געטאָן װערען אין געהײם, װײל על פּי דין טאָרען זײ ניט בעטען און טאָרען ניט נעמען. איך האָב געגעבען אַ מטבע מײן פיהרער און מײן װײב'ס פיהרער און זײ האָבען פאַרשפּראָכען צו בעטען „אַללאַה" (גאָט) פאַר אונזער געזונד און גליק. מסתמא האָבען זײ גע־האַלטען װאָרט, און זאָלען זײערע תפלות אויך אָנגענומען װערען.

דעם זעלבען טאָג באַזוכען מיר דעם אַלטען אידישען קװאַר־טאַל, די גהעטאָ. דאָרט געפינט זיך אַ תלמוד תורה, װאו עס לערנען אַריבער דרײ הונדערט אָרימע קינדער און װערען אויס־געהאַלטען מיט עסען, קלײדער און דאָקטוירים, װאָס גיבען אַכ־טונג אויף זײער געזונד.

די תלמוד תורה איז אויסגעבויט געוואָרען פון איינעם ראלף גרין, אַ דאָרטיגער געבוירענער און איצט אַ רייכער באנקיר. דער ראלף גרין איז אַ פרומער איד, אַ שומר שבת ויום טוב, און ער דעקט די אַלע הוצאות פון דער תלמוד תורה און טוט נאָך פילע גוטע זאכען פאַר די אָרימע אידישע באפעלקערונג אין קאירא. אזוי האָט מיר איבערגעגעבען אונזער האָטעל־קיפער, וועלכער איז מיט אונז מיטגעגאנגען אַלס פיהרער. מיר זיינען געווען אין דער תלמוד תורה געביידע, אָבער ניט אין דער צייט פון לערנען, און מיר האָבען דאָרט וועניג־וואָס געזעהן.

דאָרט, אין יענעם אָרימען קווארטאַל, האָבען מיר געהאַט אַ קבלת פנים פון נדבות־בעטער. הענט און הענטלאך זיינען אויס־געשטרעקט געוואָרען צו אונז פון אַלע זייטען. אַ סך זיינען אונז נאָכגעלאָפען און מאַנכע האָבען ארויסגעשטעקט הענט דורך די פענסטער און טירען פון זייערע אָרימע וואוינונגען. זיי האָבען גערעדט, געבעטען; אָבער מעהר ווי דאָס וואָרט „מיצווא" (מצוה) האָב איך ניט פארשטאַנען. און קיינער פון אונזערע האָט ניט פארשטאַנען.

אונזער פיהרער, דער האָטעל־קיפער, האָט זיי אָפּגעזאָגט אויף זייער לשון „פאררעדט די צייהן", אַז זיי וועלען עפּעס קריגען און זיי האָבען זיך פארהאַלטען מיט דרך ארץ און ניט שטארק געריסען די פּאָלעס.

ער פיהרט אונז אריין אין רמב"ם'ס שוהל, וואָס שטעהט אין אַ הויף ארומגערינגעלט מיט אַן אייזערנעם פארקאַן. דער שמש צייגט אונז אָן: „פה ישב הרמב"ם הקדוש" — דאָ פלעגט זיצען דער הייליגער רמב"ם, און לאָדעט איין יעדען איינעם אוועקצוזעצען זיך אויף אַ ווײלע אויף יענעם פלאַץ, און מיר טוען דאָס.

דער רמב"ם ז"ל איז, ווי באוואוסט, געווען אַ מעדיצינער, אַ דאָקטאָר אין עגיפּטישען קעניגליכען הויף. איז דאָרט אין שוהל דאָ אַ צימער, אויף וועלכען מען זאָגט, אַז ער פלעגט דאָרט אויפנעמען חולאים. אַ צווייטער צימער, וואו דער רמב"ם זאָל האָבען באהאנדעלט זיינע פּאציענטען, איז פארהאַנגען מיט אַ

פאַרהאַנג. זאָגען זיי דאָרט, אַז נאָך עד היום ווערען קראַנקע וואָס פאַרווײלען אין יענעם חדר אַ מעת לעת צייט, פאַלשטענדיג געהיילט. זיי דערצעהלען זיך דאָרט אָן מופתים פון יענעם חדר. פאַראַליזירטע, דערצעהלען זיי, זיינען זיי פון דאָרט ארויס גע־זונטע מענשען, בלינדע זיינען זעהענדיג געוואָרען, שטומע האָבען אָנגעהויבען ריידען, און נאָך און נאָך.

אַ פּאָר פרויען פון אונזער גרופּע האָבען זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט און זיך אריינגעכאַפּט אַהין כאָטש אויף אייניגע מינוטען, און מיר האָבען זיי געוואונשען, אַז אויב זיי נויטיגען זיך אין אַ רפואה, זאָל זיי דאָס זיין צו רפואה.

מיר דאַווענען דאָרט מנחה בצבור און מיר באַפרידיגען דעם שמש, ווי דער שטייגער איז. דאַן מאַכט דער האָטעל־קיפּער אַ פאָרשלאַג, אַז מיר זאָלען מאַכען אַ קאָלעקציע פאַר די עניים ואביונים וואָס וואַרטען פאַר אונז אין דרויסען. מיר קלייבען צוזאַמען אַ ביסעל שילינגס און דער שמש נעמט זיך אונטער צו זיין דער מחלק.

ווען מיר זיינען ארויסגעגאַנגען פון שוהל האָבען מיר זיך ממש דערשראָקען פאַר דער מחנה מענער, פרויען און קינדער, וואָס האָבען באַלאַגערט דעם פּאַרקאַן פון אויסוועניג. אריינ־קומען אינוועניג האָבען זיי ניט געקענט, ווייל דער טויער איז געווען פאַרשלאָסען.

אונזער האָטעל־קיפּער האָט פאַר זיי געהאַלטען אַ קורצע רעדע אין אַראַביש. וואָס ער האָט זיי געזאָגט, ווייס איך ניט, אָבער דאָס ווייס איך יאַ, אַז ער האָט זיי „אריינגענאַרט אין זאַק”. זיי, די אָרימע נעבאַך, האָבען אפשר געדענקט אַז זיי וועלען פון אונז אַמעריקאַנער קריגען מי יודע וויפיל, לסוף האָט דער שמש געעפענט פאַר זיי דעם טויער און בעת זיי האָבען אַ שפּאַר געטאָן אין הויף אריין, זיינען מיר ארויסגעשטויסען גע־וואָרען דורך אַ זייטיגע טיהר און די נדבות־בעטער זיינען פאַר־בליבען אין הויף בעת מיר זיינען אַהן שטערונג אַוועק אונזער וועג.

ווי דער שמש האָט דאָרט געמאַכט די חלוקה, ווייס איך

ניט; אָבער אויב אפילו אויף'ן בעסטען און עהרליכסטען אופן, איז אויף יעדען איינעם און יעדער איינער אָנגעקומען גאָר א קליינינקייט.

34

ביי די קאַראַאימען. — די גאָלד גאַם אין קאַירא. — אין גרויסען אַרכעאָלאָגישען מוזעאום. — פרעה'ס מומיע און די גאָלדענע טרונע. — יוסף'ס תפיסה און אַנדערע זאַכען.

אין קאַירא איז פאַראַן א היבשע קאַראַאימישע קהלה.

די קאַראַאימען זיינען א סעקטע, וואָס האַלטען ניט פון תורה שמעל פה, פון תלמוד, פון שפעטערע פוסקים — אודאי ניט.

דער נאָמען קאַראַאימען שטאַמט פון וואָרט „קראים“, בעלי מקרא, וואָס האַלטען נאָר פון פסוק, פון דעם וואָס עס איז געשריבען אין תורת משה, אָבער ניט פון איהרע מפורשים, פון די חכמי המשנה והגמרא.

און די תורה גופא זיינען זיי אויך ניט אינגאַנצען מקים און עס פעהלען ביי זיי מאַנכע פון די הויפט מצות דאוריתא, פון תפלין, למשל, האַלטען זיי ניט. ניטאָ ביי זיי קיין תפלין. איך וועל שפּעטער דערצעהלען וואָס איינער פון זייערע האָט מיר וועגען דעם געזאָגט.

פון וואַנען זיי שטאַמען און ווער האָט זיי געגעבען זייער לעהרע, ווייס מען ניט גענוי. אָבער דאָס איז זיכער, אַז זיי זיינען אַן אָפּגעבראָכענער צווייג פון אידישען פאָלק. זיי געפינען זיך אין רוסלאַנד, אין קרים, אין ווילנא און אין אַנדערע מקומות. אין ירושלים זיינען אויך דאָ קאַראַאימען, אָבער זעהר ווייניג. זיי האָבען נאָך דאָרט, אין דער אַלטער שטאָדט, א שולכעל, אָדער א בית תפלה, אָבער זי פוסטעוועט כמעט.

אין קאַירא זיינען זיי דאָ א היבשע צאָהל. זיי האָבען זיך דאָרט באַזעצט אין צעהנטען יאָהרהונדערט. אָבער ווען דער

רמב"ם ז"ל איז אהין אנגעקומען, אין דער צווייטער העלפט פון'ם צוועלפטען יאהרהונדערט, האט ער אנגעפיהרט א קאמף געגען זיי און עס איז איהם געלונגען צו באקעהרען אביסעל פון די קראים צום רבנישען אידענטהום.

די קאראאימען אדער קראים אין קאירא האבען א „בית ועד", א פארזאמלונגס־פלאץ, וואו זיי קומען זיך צוזאמען ארומ־ריידען און פארהאנדלען זייערע אינטערעסען, לייענען אדער לער־נען זייערע ספרים, פראוועו שמחות און אזוי פארברענגען. זיי האבען אויך א שול און זייער אייגענעם „חאכאם", א גייסטיגען פיהרער, און אנדערע „כלי קודש", אזוי ווי אמת אידישע אידען. מיר באזוכען זייער „בית ועד" אדער צענטער. געפין איך דארט א פאר מענשען פון זייערע, גאר ניט קיין פראסטאקעס. ריידען העברעאיש מיט'ן ספרדישען דיאלעקט און זיינען, זעהט אויס, ניט פרעמד אין דער רבנישער ליטעראטור, כאטש זיי האלטען ניט דערפון.

איך זעה דארט אן אלמער ספרים, צווישען זיי משניות'ן און א שולחן ערוך. פרעג איך: „צו וואס נוצען אייך אט די ספרים?" ענטפערען זיי: „רק ללמוד, אבל לא לעשות ולקים" — בלויז צו לערנען, אבער ניט טאן און אפהיטען וואס דארט איז געשריבען.

זיינען דאך ב"ה ביי אונז אידישע אידען אויך פאראן אזעלכע, וואס קענען לערנען און לערנען טאקי, אבער פון מעשה, פון טהאן דאס וואס אונזערע אלטע רבנים און חכמים הייסען — דערפון האלטען זיי ניט.

איינינגע ספרים אדער ביכער, האב איך דארט געזעהן, ענטהאלטען די געשיכטע פון די קאראאימען און וואס געוויסע פארשער און היסטאריקער זאגען איבער זיי.

מען צייגט אונז אן אלטע ספר תורה, געשריבען אויף הירשען פעל. זיי דערצעהלען, אז די דאזיגע ספר תורה איז שוין פילע הונדערטע יאהרען אלט און געשריבען האט איהר איינער פון זייערע גרעסטע „חאכאמים" (רבנים). זיי צייגען אונז געדרוקטע כתובות, וועלכע זיינען כמעט נאכ'ן זעלבען נוסח

ווי אונזערע כתובות, אָבער אין העברעאיש, ניט אין ארמית. איך האָב ביי זיי געקראָגען א קאָפּיע פון א כתובה, אָבער איך האָב עס, לײדער, פארלאָרען.

מיר קומען אין דער קאראאימישער שול. דאָרט ווערען מיר פיין אויפגענומען פון שמש און נאָך א פּאָר פון זײערע, וואָס מיר האָבען דאָרט געטראָפען. איך מאַך א שמועס מיט'ן שמש, אויך א שטיקעל בר־אורין, און ער צײגט אונז זײערע טליתים'לאַך מיט פיר ציצית, ניט ווי אונזערע ציצית, נאָר לאַנגע פלעכטלאַך. ער נעמט צוזאַמען די אַלע פיר ציצית און קושט זיי. ווײס איך ניט, אויב דאָס איז טאַקע אויס „חיבוב מצוה", אָדער אפשר האָט ער עס געמײנט אָפּ'חוזק'ן פון אונז, וואָס מיר קושען די ציצית. ווען זיי טוען אָן דעם טלית, מאַכען זיי א ברכה: „אשר קדשנו במצותיו ללבש ארבע כנפות בציצית".

אויף דער פראַגע: אויב זיי לייגען תפלין? האָט מיר דער שמש געענטפערט: „ניין. תפלין איז ניט קיין מצוה און די תורה האָט אויף דעם ניט אָנגעזאָגט". „סטײטש, — פרעג איך, — די תורה זאָגט דאָך: „והיו לך לאות על ידך ולטוטפות בין עיניך?" ענטפערט ער מיר מיט א שמייכעל: „זה משל הוא" — דאָס איז ניט מעהר ווי א משל, א מליצה, אין וועלכע עס ליגט גאָר אַן אַנדער כונה. „דאָס מײנט, — איז ער מיר מסביר, — אַז מען דאַרף די תורה שטענדיג אין זינען האָבען און זי ניט פארגעסען אַזוי ווי זי זאָל באַצײכענט זיין אויפ'ן האַנד און אויפ'ן מח צווישען די אויגען. דאָס איז אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: „חרות על לבך", די תורה זאָל זיין אויסגעקריצט אויף דײן האַרץ, מײנט דאָך דאָס ניט ממש אויסגעקריצט, און דאָס זעלבע איז אויך מיט'ן „והיו לאות על ידך".

איך בין ניט באַהאַווענט אין די אַלע פּיהרונגען פון די קאראאימען. איך שטעל אָבער אויף דער סברא, אַז זיי פּשט'לען אויס און פארקריפּלען אַנדערע פסוקים אויך, און דאָס וואָס זיי זאָגען, אַז זיי היטען אָפּ תורת משה, איז אויך ניט אמת.

מיר נעמען א שפּאַציר אין דער גאָלד־גאַס, ריכטיגער: געסעל. דאָס איז אַן אויסערגעוועהנליך שמאָלע געסעל און מען

רופט איהר „גאָלד־גאַס” ווייל מען פאַבריצירט דאָרט גאָלד־זאַכען. קיין אַנדערע געשעפטען אָדער ארבייטס־פּלעצער זיינען דאָרט ניטאָ, נאָר בלויז גאָלד און גאָלד.

איןביידע זייטען זיינען קליינע געוועלבלאַך, וואו עס זיצען גאָלד־שמידען און שמעלצען גאָלד און מאַכען פאַרשיידענע אַר־טיקלען, כלים, צירונג און אַנדערע זאַכען, וואָס ווערען געמאַכט פון גאָלד.

די געסעל איז אַזוי שמאָל, אַז צוויי מענשען, אויב זיי זיינען אפילו ניט קיין לייביגע, קענען כמעט ניט דורכגעהן גע־ארעמט. און שטעהט איהר אין מיטען געסעל און איהר צושפּרייט אייערע הענד, קענט איהר זיך שלום עליכם'ען מיט די גאָלד־שמידען, וואָס זיצען ביי זייער ארבייט אין ביידע זייטען.

דאָס איז איינע פון די טשיקאַווע זאַכען אין קאַיראָ, וואָס איז אַ שטאָדט מיט אַ סך טשיקאַוועקייטען.

זעהר טשיקאַווע איז דער גרויסער אַרכעאָלאָגישער מוזעאום אין דער עגיפּטישען הויפּט־שטאָדט. די אַלטערטימער וואָס גע־פינען זיך דאָרט איז ניט משער צו זיין. דער דאָזיגער מוזעאום, זאָגט מען, איז אונפאַרגלייכבאַר מיט אַנדערע גרויסע מוזעאומס אויף דער וועלט.

מיר האָבען דאָרט פאַרבראַכט עטליכע שטונדען צייט, אָבער דאָס איז ניט גענוג אפילו צו קריגען דעם מינדעסטען באַגריף פון די אַרכעאָלאָגישע אוצרות, וואָס געפינען זיך דאָרט. אום צו וויסען מעהר אָדער ווייניגער וועגען די היסטאָרישע אַלטער־טימער פון מוזעאום, דאַרף מען אין פּלאַץ פאַרברענגען וואָכען און אפשר מאָנאַטען און כסדר באַאָבאַכטען און לערנען און שטודירען, און דאַן ערשט אַלץ פאַרבלייבען אַ האַלבער אָדער דריי־פערטעל איגנאָראַמוס אין דער זאַך.

די ווייבער פון אונזער גרופּע האָבען זיך ממש מחיה געווען, ווען מען האָט אונז אָנגעצייגט אויף דער מומיע פון רעמסס דעם צווייטען, דער פרעה ביי וועמען די אידען האָבען אמאָל געדינט. זיי זיינען געווען זאַט פון נקמה קוקענדיג אויף די

הוילע ביינער פון זיין פנים, און יעדער האָט עפּעס געהאַט צו זאָגען וועגען איהם.

„רעכט אויף איהם, — האָט אַן עלטערע אידענע געזאָגט, — אַ מצוה אויף איהם. ער האָט געפּייניגט אידען, ער האָט זיי געצוואונגען צו קנעטען ליים און מאַכען ציגעל, ליגט ער איצט מיט אויסגעשטשירעטע צייהן".

„אָט דאָס איז ער, דער פּאַסקודניאַק?" — האָט זיך אַן אַנדער פרוי אָפּגערופען — „אָט דאָס איז ער, דער רשע, וואָס האָט געהייסען איינמויערען אידישע קינדער אין די ווענט? טפו אויף איהם!"

און אַ דריטע, וואָס איז נאָך מעהר באַהאַווענט אין טייטש־חומש, האָט אויסגערעכענט נאָך אַ גרעסערען צעטעל פון פּרעה'ס אויפטואַכצען געגען די אידען און אויסגעדריקט מעהר פאַראַכטונג צו איהם.

ווען די ווייבער וואָלטען קיין מורא ניט געהאַט, וואָלטען זיי צובראָכען די גלאָז, אונטער וועלכע דער פּרעה ליגט און וואָלטען איהם פאַרשפּיגען דעם „טרפה'נעם פּרצוף" זיינעם, אָבער אַזוי ווי דאָס האָבען זיי ניט געקענט טאָן, האָבען זיי איהם כאָטש אַריינגעשאָטען אַ היבשע ביסעל קללות.

די הונדערטע מומיעס, וואָס געפינען זיך דאָרט, האָט אונז, אין אמת'ן, אַלעמען ווייניג אינטערעסירט, און מיר האָבען זיך איבערהויפּט אָפּגעשטעלט ביי דעם פאַרצייטיגען „מלך חדש", דעם אָריגינעלען פּאַרפאַסער פון דעם „הבה נתחכמה", און אויך זיין פאָטער, וואָס ליגט דאָרט נעבען איהם.

מיט גרויס אינטערעס האָבען מיר אויך באַאָבאַכטעט די לעצטע אויסגראָבונגען פון פּרעה טוט־אַנ־כאַמען'ס קבר אין לאָק־סאָר, וואָס געפינען זיך אין מוזעאום. די מאַסיווע ריין גאָלדענע טרונע, די פיגורען פון די לייב־וועכטער ביי זיין קבר, די צירונג זיינע און פילע אַנדערע זאַכען, וואָס מען האָט דאָרט אין לאָק־סאָר געפונען, איז ווערט אָנצוקוקען. ווען איהר זעהט עס, פרעגט איהר: וואו האָבען עס די אַלטע עגיפּטער גענומען אַזוי פיל עשירות, אַזוי פיל גאָלד? ווען קען עס משער זיין וויפיל די

טרונע אליין איז ווערט, אפילו ניט אלס אנטיק, נאר פשוט אלס גאלד? וויפיל גאלדענע מטבעות וואלט מען עס געקענט פון איהר אויסגיסען אדער אויסקלאפען? אהן א שיעור און אהן אן ערך.

שטעהען אונזערע מענשען און שפעקולירען. זאגט איינער: „ווען איך האב אט די טרונעלע, וואלט איך אין ניו יארק אויס־געבויט הייזער פאר ארימע מענשען, וואס פארמאגען ניט צו צאהלען רענט". „און איך, — רופט זיך אפ נאך איינער, — ווען איך האב אט די טרונעלע, וואלט איך זי אוועקגעשענקט פאר ארץ ישראל און מען וואלט דארט דערמיט זעהר פיל אויפ־געטאן". כאפט זיך ארוים א דריטער מיט אזא פזמון:

„ניט איהר וואלט געבויט הייזער פאר ארימע און ניט איהר וואלט זי אוועקגעשענקט פאר ארץ ישראל. עט! דאס איז בלויז געבעבעט! ווען איהר פארמאגט אט די טרונעלע, וואלט איהר זיך אריינגעלעגט אין איהר לעבעדיגערהייד און ניט געלאזט קיינעם צוריהרען זיך צו איהר".

דער אמת איז, אז מען קען טאקע ניט וויסען וואס עס וואלט געווען, וואס איינער וואלט געטאן, ווען ער באקומט די גאלדענע טרונע אלס זיין אייגענטום. אבער יעדער ארימאן מעג זיך ווינשען אז דער וואס אין הימעל זאל איהם שטעלען צו אזא נסיון.

„יוסף'ס תפיסה" איז אויך איינע פון די אינטערעסאנטסטע און טשיקאווע זאכען, וואס קיין טוריסט לאזט ניט דורך צו זעהן אין קאירא. פאהרען מיר אהין מיט דראזשקעס, מיט דעם זעל־בען אידישען יונגען מאן אלס „גאיד".

מיר האבען א ווייטע שטרעקע צו פאהרען און מיר האבען דערוויל א געלעגענהייט אנצוקוקען פארשיידענע געגענדען פון שטאדט, אייראפעאישע און אלט־אראבישע. מיר פאהרען דורך פראכטפולע גאסען און סקווערס. מיר פאהרען פארביי דעם קעניגליכען הויף און אנדערע באריהמטע געביידעס און פאלאצען אין קאירא, און עס קומט אונז אויך אוים דורכצופאהרען שמו־ציגע און עקעלהאפטע געסלאך, וואו עס שפירען זיך גאר ניט

קיין אנגענעמע ריחות, און מען דאַרף גומל בענשען, ווען מען קומט פון דאָרט אַרויס אָהן אַ קאַטאַר...

אונזערע דראָשקעס שטעלען זיך אָפּ ביים עק שטאָדט ביי אַ באַרג. דאָרט זעהען מיר חורבות פון אַן אַלטער פעסטונג, און דערביי געפינט זיך עס „יוסף'ס תפיסה", אָדער „יוסף'ס הייהל".

מיר קלעטערען אַרויף אויפ'ן באַרג און אונזער מנהיג פיהרט אונז אין דער אור־אַלטער געפענגניס, וואָס איז אפשר אַכציג קלאַפטער אונטער דער ערד.

דאָס זיינען הייהלען איינע איבער די אַנדערע, אויסגעהאַקט אין שטיין. אַרונטערצוקומען סאַמע אונטען, דאַרף מען זיך דרעהען אַזוי ווי מיט שווינדעל־טרעפּ. אָבער קיין טרעפּ זיינען דאָרט ניטאָ, און דערגרייכען דעם סאַמע אונטען איז זעהר אַ שווערע זאַך. אַז מען קוקט אַרונטער פון אויבען אַראָפּ, כאַפּט אַן אימה. אַן אונגעהויער טיפער אָפּגרונד, אַז עס הויבט אַזש אָן שווינדלען אין קאָפּ.

אַז דאָרט איז אַמאָל געווען אַ תפיסה, אַ געפענגניס, איז קיין ספק ניט. אין יוסף'ס צייטען זיינען אויך געווען אַזעלכע אויפהאַלטונגס־פּלעצער פאַר אַרעסטאַנטען. האָט דאָך טאַקע יוסף געזאָגט: „כי שמו אתי בבור" — מען האָט מיר איינגע־זעצט אין גרוב. אָבער אויב יוסף און דער שר המשקים מיט'ן שר האופים זיינען טאַקע געווען איינגעשפּאַרט אָט אין דער תפיסה, וואָס מען ציינגט איצט אָן — ווייס מען ניט. דאָס איז פון די זאַכען וואָס מען זאָגט, אָבער עס איז ניט באַשטעטיגט.

אָבער סאַי ווי סאַי, האָט איין פרוי פון אונזער גרופּע גאַנץ גוט אָנגעשאָלטען דער מרשעת זליכה, פּוטיפר'ס ווייב, וואָס צוליב איהר האָט עס יוסף הצדיק נעבאַך געמוזט פינסטערען און פאַרשוואַרצט ווערען אין אַזאַ גרוב.

ניט ווייט פון דאָרט געפינט זיך דער פּאַלאַץ פון מאַחאַמעד אַלי, אַ טערקישער אַטאַמאַן, וואָס האָט אַמאָל רעגירט אין עגיפּ־טען, און די מאָשעע, די טערקישע קירכע, וואָס ער האָט אויס־געבויט. די קירכע, זאָגט מען, איז די רייכסטע אין קאַיראָ.

איהרע ווענט און זיילען אינווענדיג זיינען דורכאויס פון קלאָרען אַלבאַסטער, און עס זיינען דאָרט פאַראַן נאָך פילע רייכטימער.

מיר באקוקען דעם פּאַלאַץ, די קירכע, און מען פיהרט אונז נאָך אין איינינע וויכטיגע און אינטערעסאַנטע פּלעצער, און מיר זעגענען זיך מיט קאַירא.

35

אויפ׳ן וועג פון קאַירא קיין אַלעקסאַנדריא. — אַ באַגעגעניש מיט אַ מיסיאָנער. — אַ שבת׳דיגע סעודה אום פרייטאָג. — אין דער כנסת אליהו שוהל. — קבצנים וואָס קענען חכמת הפרצוף. — אין אַן איטאַליעניש שטעדטעל.

מיר פאָהרען אָפּ פון קאַירא נאָך אַלעקסאַנדריא. דאָס איז געוועזן פרייטאָג, דעם 20טען אַפּריל, אין דער פריה.

דער הימעל אין רעגענלאָזען לאַנד איז געוועזן לויטער און די זון האָט שטאַרק געוואַרימט. איך קוק אַרויס דורכ׳ן פענסטער, ניטאָ קיין בערג און קיין טאָלען. דורכאויס אַ גלייכע פלעכע פון פעלדער, גערטנער און לאָנקעס, אויף וועלכע עס פאַשען זיך קיה און בופלאָקסען — אַזאַ סאָרט בהמה, וואָס מען זעהט ביי אונז ניט. צווישען די פעלדער, גערטנער און לאָנקעס ציהען זיך שמאָלע קאַנאַלען, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט׳ן נילוס. און די פעלדער און גערטנער, זעהט מען, זיינען פרוכטבאַר. ניטאָ אויף זיי קיין שטיינער. פאַר מיילען און מיילען אַ פלאַכער, גלאַטער און פעטער באָדען, ניט ווי אין ארץ ישראל, וואו מען באַגעגענט בערג און מיט שטיינער באַדעקטע פעלדער. האָט דאָך די תורה אַליין עדות געזאָגט, אַז פון אַגריקולטורעלען שטאַנדפּונקט איז מצרים אַ גוטע לאַנד. שטעהט דאָך בפירוש אין פסוק: „כגן ד׳ כארץ מצרים”. פון דעסטוועגען איז מיר ארץ ישראל ליבער. עס שמעקט פאָרט מיט אייגענס, און וואָס אייגענס איז ליב און טייער.

אגב איז נאָך אַ זאַך: אויב אַפילו אויסערליך, אויפ׳ן בליק, איז דער באָדען אין מצרים בכלל שעהנער ווי דער ארץ ישראל באָדען, איז אָבער די פּרוכטבאַרקייט אין ארץ ישראל ניט ערגער ווי אין מצרים, און אין פּרטים אפשר נאָך בעסער. איז דאָס אַזוי ווי עס טרעפט אַ קינד מיט ניט אַזאַ שעהן פּנים, אָבער מיט גוטע איינגענשאַפטען, און עס איז ביי אייגענע מענשען איינגע־באַקען אין די הערצער.

אין וואַגאָן קומט מיר אויס צו זיצען זייט ביי זייט מיט אַ שעהן־געקליידעטען מאַן מיט אַ טערקישער פעס אוי׳ן קאָפּ. אנטקעגען אונז איז געזעסען אַן אַראַבערקע און שטילערהייד גע־דאַוונט, געזאָגט איהרע תפלות און דערביי געצעהלט פּאַטשער־קעס וואָס זי האָט געהאַלטען אויף אַ שנירעל. די מוסולמאַנער האָבען אין זייערע תפלות אַ געוויסען וואָרט, וועלכען זיי דאַרפען איבערזאָגען אַ געוויסע צאָהל מאָל. איז אום ניט צו פאַרטומלען זיך און ניט איבערזאָגען מעהר אָדער ניט דערזאָגען אַזוי פיל מאָל וויפיל זייער דין פאָדערט, צעהלען זיי עס אויף קרענצלאַך פאַטשערקעס, הילצערנע ביינעלאַך אָדער בורשטינען, אַזוי ווי, להבדיל, מיר צעהלען אויף די פינגער דעם „ד׳ הוא אלקים״, וואָס מען דאַרף אויסשרייען יום כפור נאָך נעילה זיבען מאָל. די דאָזיגע קרענצלאַך, וואָס אנטהאַלטען אַזוי פיל פאַטשערקעס אָדער ביינעלאַך פיל מאָל דאָס באַטרעפענדע וואָרט דאַרף גע־זאָגט ווערען, טראָגען פרומע אַראַבער און אַראַבערקעס מיט זיך און זיי געברויכען עס ווען זיי דאַרפען אָדער ווען זיי ווילען.

זיצט דער מאַן מיט דער רויטער יאַרמולקע, קוקט אויף דער אַראַבערקע, וועלכע איז שטאַרק פאַרטיפט אין איהר געבעט, און איך זעה, אַז ער וויל איהר עפּעס זאָגען, אָבער ער האַלט זיך אָפּ. דאַן ווענדעט ער זיך צו מיר און פרעגט אין ענגליש, אויב מיר זיינען אַמעריקאַנער. „יאַ, — ענטפער איך, — מיר זיינען אַמע־ריקאַנער״. „און ווער זייט איהר?״ — בין איך נייגעריג צו וויסען. דערצעהלט ער מיר אין אַ געמאַטערטען ענגליש, אַז ער איז אַ פּריסט, אַ גייסטליכער אין אַ שטאָדט ניט ווייט פון קאַירא, אַז ער איז אַ געבוירענער מחמד׳אַנער וואָס האָט זיך באַקעהרט

צום קריסטענטום און זיין הויפּט־עובדא איז צו באקעהרען מענשען פון מחמד'אנישען גלויבען צו דער אמונה פון יעזוס'ן און זיין לעהרע.

הייסט עס פשוט: ער איז א מיסיאָנער. ענגליש — האָט ער מיר געזאָגט — פאַרשטעהט ער אביסעל, ווייל ער האָט א שטיקעל צייט געוואוינט אין ענגלאנד.

„איך וויל, — זאָגט ער ווייטער, — אָט דער נארישער פרוי א ביסעל אויפקלערען און געבען איהר צו פאַרשטעהן ווי דום און ווי ווילד עס איז צו זיצען און פלאַפּלען און צעהלען די פּאַ־טשערקעס". זאָגט איך: „לאָזט איהר צורוה, שטערט איהר ניט. אויב זי מיינט עס ערנסט מיט'ן גאַנצען הארצען, לאָזט איהר דינען איהר גאָט אזוי ווי זי וויל".

האָט איהר שוין אפּנים ניט געפּאַסט צו פּראָווען מיסיאָ־נערסטוואָ און ער האָט דער פרוי ניט געשטערט.

און אפשר האָט ער פשוט מורא געהאַט ער זאָל ניט כאַפּען א פּסק פון דער אראבערקע און מיר זאָלען איהם אויסלאַכען, און דעריבער האָט ער איהר ניט געטשעפּעט?

אויף דער פראגע, אויב ער האָט שוין אמאָל באקעהרט א אידען צום קריסטענטום, האָט דער פּריסטער געענטפערט מיט א טאָן פון באַדויערען:

„איהר, אידען, ווילט, ליידער, ניט אנערקענען דעם אמת און עס איז גאַנץ שווער צו מאַכען איינעם פון אייערע פּאַר א גלויביגען".

דער מאָן איז ארונטער אויף א סטאנציע, וואו דער באַהן האָט זיך אָפּגעשטעלט און ביי זיין געזעגענען זיך מיט אונז, האָט ער א זאָג געטאָן: „טהינק איט אָווער", מיר זאָלען זיך, הייסט עס, איבערלעגען, באטראַכטען די זאַך, אפשר לוינט זיך פּאָרט איבערקוליען זיך פון אידען אויף קריסטען.

„זאָלסטו שוין דאַמאָלס לעבען", — האָט איינע פון אונ־זערע, אַן עלטערע אידענע, איהם נאָכגעשריען אויפ'ן קול. ער האָט עס אפּנים אָנגענומען אַלס הסכמה אויף זיינע רייד, און האָט זיך מעשה דזשענטעלמאַן אומגעקערט און העפליך פאַרנייגט.

די רייזע פון קאַירא ביז אַלעקסאַנדריא האָט געדויערט בערך דריי שטונדען און מיר זיינען אהין געקומען ארום האַלבען טאָג. דאָרט האָבען מיר געהאַט צו מעלדען זיך אין איטאַליענישען קאָנ־סולאַט און דורכמאַכען געוויסע פאָרמאַליטעטען, מחמת פון אַלעק־סאַנדריא האָבען מיר געדאַרפט אָפּפאָהרען אויף אַן איטאַליענישע שיף קיין ברענדיזי, איטאַליען. אַן אַגענט האָט אונז אין דעם ארויסגעהאָלפען, און מיר האָבען געהאַט די פּריווילעגיע ארויפצו־געהן אויפ'ן שיף און שוין דאָרט פאַרבלייבען, כאָטש די שיף האָט געדאַרפט אָפּגעהן ערשט מאָרגען, שבת, אום האַלבען טאָג.

זיינען איייניגע פון אונזער אַמעריקאַנער גרופּע ארויף אויפ'ן שיף און שוין דאָרט פאַרבליבען. אָבער איך, מיין פרוי און נאָך אייניגע מיט אונז זיינען ארויסגעפאָהרען אָנקוקען די שטאָדט, די אַלעקסאַנדריא של מצרים, וואָס ווערט דערמאָנט אין תלמוד, אַז דאָרט איז אמאָל געווען אַ גרויסע אידישע קהלה.

די גמרא אין סוכה דערצעהלט, אַז ווער עס האָט ניט געזעהן דעם ריזיגען אידישען פאַרזאַמלונגס־בנין אין אַלעקסאַנדריא של מצרים, דער האָט ניט געזעהן דעם אידישען כבוד. עס ווערט געזאָגט, אַז אָפטמאָל פלעגען זיך אין דעם בנין פאַרזאַמלען „כפלים כיוצאי מצרים" — צוויי מאָל אַזוי פיל מענשען ווי די יוצאי מצרים. דאָס איז אַ חשבון פון אַ מיליאָן מיט צוויי הונ־דערט טויזענד פערזאָן. דאָרט זיינען געווען איין און זיבעציג גאָלדענע קאַטעדרען אָדער שטולען. אין מיטען איז געשטאַנען אַ בימה, אויף וועלכער דער חזן האָט געדאַווענט, און ווען ער האָט געענדיגט אַ ברכה, פלעגט ער אויפהויבען אַ פאָהן, כדי די וואָס זיינען געווען ווייט פון דער בימה און ניט געקענט הערען וואו דער חזן האַלט, זאָלען וויסען צו ענטפערען „אָמן". און דאָרט זיינען געווען באַזונדערע אָפּטיילונגען פאַר כל'ערליי בעלי־מלאָכה. גאָלדשמידען זיינען געזעסען באַזונדער, זילבער־ארביי־טער באַזונדער, וועבער באַזונדער, און אַזוי אַלע. און ווען עס איז געקומען אַן אורח, אַ פרעמדער מענש, האָט ער געוואוסט צו זעצען זיך צווישען זייניגע, צווישען זיינע פראָפעסיאָנס־גנעאָסען. הגם זיי ציינען דאָרט אָן אויף אַ פּלאַץ, וואו עס געפינט

זיך נשאר פון חורבות, און זיי זאָגען, אַז דאָרט איז עס געשטאַנען יענע שוהל, וואָס די גמרא דערצעהלט, זיינען פון דעסטוועגען פאַראַן צווייפלער, וואָס צווייפלען אויב אַזאַ בנין האָט ווירקליך עקזיסטירט. אַז אַ געביידע זאָל האָבען פּלאַץ פאַר "כפלים כיוצאי מצרים" איז גוזמא'דיג. עס קען אפשר זיין אַז דאָס איז אַן אַלעגאָריע און עס ליגט אין דעם עפּעס אַ באַהאַלטענע כונה.

אָבער עס איז ניט פאַר מיר צו גריבלען זיך אין דער זאַך. עס איז אָבער אַ פאַקט, וואָס איז היסטאָריש באַוויזען, אַז אין אַלעקסאַנדריא האָבען געוואוינט אַ סך אידען נאָך מיט אַ דריי הונדערט יאָהר פריהער פאַר דער איצטיגער צייט-רעכענונג. איצט געפינען זיך דאָרט אויך בערך אַ דריי צעהנדליג טויזענד אידען, די מעהרסטע פון זיי אור־אייניקלאַך פון גאַנץ אַלטע תושבים. די אידען דאָרט רעדען די מוטער־שפּראַכען פון זייערע אור־עלטערען און אַ טייל — אויך העברעאיש. אידען פון אונזערע מקומות זיינען דאָרט ניט פיל.

איך האָב זעהר געוואָלט באַגעגענען זיך מיט דאָרטיגע אידען און באַקענען זיך מיט זיי; אָבער די צייט איז געווען קורץ און איך האָב ניט געהאַט קיין געלעגענהייט דערצו.

אָבער אָוועקפאָהרען פון אַלעקסאַנדריא און ניט האָבען גע־זעהן עטוואָס אידישעס, האָב איך אויך ניט געוואָלט. בין איך, און די אַנדערע מיט מיר, קודם כל צוגעפאָהרען אין אַ אידישען כשר'ן רעסטאָראַן, וועמעס אַדרעס איך האָב געהאַט פון ירושלים, און מיר האָבען דאָרט אום פרייטאָג אָפּגעגעסען אַ שעהנע שבת'־דיגע סעודה. דער רעסטאָראַטאָר, ווי אויך די קעלנער, האָבען גערעדט אַראַביש און פראַנצויזיש. האָבען מיר מיט זיי גע־מוזט אויסקומען אויף שטום־לשון, און אַביסעל האָבען מיר זיך אַרויסגעהאָלפען מיט לשון הקודש, וואָס איינער פון זיי האָט עט־וואָס פאַרשטאַנען.

פון רעסטאָראַן נעמען מיר אַ שפּאַציר איבער אַ פּאָר גאַסען. מיר געהען זוכען די גרויסע שוהל פון אַלעקסאַנדריא, וואָס האָט אַ שם. איך האָב אויף דער שוהל נאָכגעפרעגט אין רעסטאָראַן, האָבען זיי מיר אָפּנים ניט ריכטיג פאַרשטאַנען אָדער איך האָב

זיי ניט פארשטאנען, און איך האָב ניט געקענט דערגעהן קיין טאָלק, וואו, אין וועלכער ריכטונג צו געהן און איהר געפינען. זיינען אייניגע פון אונזערע אוועק צום שיף און איך, מיין ווייב און נאָך א פּאָר־פּאָלק, א מר. און מרס. פרידמאן פון דזשאָרדזשיא, האָבען באשלאָסען צו געפינען די שוהל. מיר האָבען געפרעגט ביי אייניגע, אָבער זיי האָבען אונז ניט פארשטאַנען.

ענדליך אָבער האָבען מיר געפּאַקט א „יהודי", וואָס רעדט עטוואָס דייטש און ער האָט באלד געכאַפּט וואָס מיר פארלאַנגען. ער האָט צוגערופען א דראָשקע, זיך אויסגעדונגען דעם פרייז און געזאָגט דעם טרייבער וואוהין ער זאָל אונז פיהרען.

די דראָשקע האָט אונז געבראכט צו דער גרויסער און שעהנער שוהל „כנסת אליהו", וועלכע שטעהט אין א שעהנעם הויף. מען רופט די שוהל „כנסת אליהו", ווייל עס איז דאָ עפּעס א מסורה, אז אליהו הנביא האָט דאָרט געוואוינט.

אנדערע רופען די שוהל „ר' מאיר בעל הנס שוהל", צוליב א לעגענדע, וואָס איך האָב שוין אמאָל פארבייגעהענדיג דערמאָנט. די לעגענדע דערצעהלט, אז עס האָט אמאָל פּאַסירט, אז די אידען דאָרט האָבען ניט געהאַט קיין מנין אויף יום כפור. ניין פּערזאָן זיינען געוועזען און א צעהנטער האָט געפעהלט. איז ר' מאיר בעל הנס געקומען אין געשטאַלט פון אן אורח און משלים געוועזען צום מנין.

די שוהל איז ווירקליך זעהר גרויס, די גרעסטע וואָס איך האָב וואו געזעהן, און איז אויך גאנץ שעהן. מיר האָבען דאָרט געטראָפען אן עלטערען מאַן און א פּאָר יונגע לייט, וועלכע רעדען העברעאיש, ספרד'ישען העברעאיש. זיי האָבען מיר איבערגעגעבען, אז אלעקסאנדריא פארמאָגט נאָך א פּאָר שוהלען, איינע פון זיי זעהר אן אלטע, און אויך צדקה און פילאַנטראָפּישע אנשטאַלטען. עס איז ניט געוועזען קיין צייט צו פארברענגען דאָרט לאַנג און אונזער באזוך איז געוועזען א קורצער.

ארויסגעהענדיג האָבען אונז מקבל פנים געוועזען א פּאָר קריפּעלס, א לאָהמער, א שטומער, א בלינדע פרוי, וואָס א אינגעלע האָט געפיהרט, און אזוי א פּאָר אָרימע מענשען, און געבעטען

נדבות. א מאָדנע זאַך, ווי דער אויבערשטער גיט עס יעדער באַ־שעפענים שבל צו זוכען איהר חיונה! מיר זיינען ניט געוועז שעהנער געקליידט ווי זייערע מענשען, און דאָך האָבען זיי דער־קענט אז מיר זיינען „רייכע" אַמעריקאַנער. „אַמעריקא, אַמע־ריקא" — האָבען זיי אַלע געמורמעלט און זיך געדרונגען און ניט געוואָלט באַנוגענען זיך מיט קליינע מטבעות.

מאָדנע! פון וואַנען טאַקע טרעפען זיי, אַז מיר קומען פון אַמעריקא? ניט אַנדערש — האָב איך געזאָגט — אַז זיי זיינען שטיקלאַך קענער אין „חכמת הפרצוף".

די שיף, אויף וועלכער מיר האָבען געדאַרפט פאָהרען, הייסט „האַלוען". דאָס איז אַ קליינע איטאַליענישע שיף מיט ניט אַזוי פיל באַקוועמליכקייטען ווי אויף די גרויסע שיפען. מיר קומען אַרויף אויפ׳ן שיף פאַרנאַכט און מיר טרעפען דאָרט באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, וועלכע זיינען געפאָהרען דירעקט פון יפו. עס האָט זיך צוזאַמענגעקליבען אַ היבשער אידישער עולם און עס איז געווען מיט וועמען צו באַלאַקען, וויצלען זיך און פאַר־ברענגען.

דאָרט אויפ׳ן שיף האָב איך זיך באַקענט מיט אדון ווייצ־מאַן, דער פאַבריקאַנט פון שוועבעלאַך אין עכו, מיט אדון וויל־סאָן, דער בילדער פון תל אביב, וועמעס נעמען איך האָב שוין דערמאָנט ביי אַן אַנדער געלעגענהייט, און מיט אַנדערע, וועמען איך האָב פריהער ניט געקענט.

די „האַלוען" איז, ווי געזאָגט, אָפּגעגאַנגען מאָרגען, שבת, אום האַלבען טאָג און מאָנטיג מיטאָג־צייט האָט זי געלאַנדעט אין ברענדיזי. מיר זיינען געווען אַ צעהן פערזאָן, וואָס האָבען געוואָלט באַזוכען רוים און מיר זיינען דאָרט אַרונטער. די איבע־ריגע זיינען זיך אַוועקגעפאָהרען מיט דער שיף ווייטער.

ברענדיזי איז אַ קליין שטעדטעל. אונזער צוג נאָך רוים האָט געדאַרפט אָפּגעהן אום זעקס דעם זייגער פאַרנאַכט. האָבען מיר איבערגעלאָזט אונזער באַגאַזש אויפ׳ן קליינעם וואָקזאַל און מיר האָבען זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער׳ן שטעדטעל. דערזעהן אַזאַ „כאַפּטע" אורחים האָט מען אונז נאָכגעקוקט

פון די אָפענע פענסטער און טירען, אָבער שטיל, רוהיג, מען האָט פון קיינעם קיין פּיפּס ניט געהערט. אַן איטאַליענישער אינגעלע האָט אונז אָנגעבאָטען צו פיהרען צו אַ באַזאַר, צו אַ מאַרק-פּלאַץ. מיר האָבען דעם אָנבאָט אָנגענומען און דער אינגעלע האָט דער-פאר געקראָגען פון אונז אַ פּאָר מטבעות, וועלכע ער האָט צוגע-כאַפּט ווי אַן אבן טוב און איז אַנטלאָפען אַ צופרידענער.

אויפ'ן מארק האָבען מיר געגעבען צו לייזען פאר אביסעל פרוכט, האָבען געטרונגען אַ מין סאָדע וואַסער, וואָס האָט, אגב אורחא, געהאַט אַ טעם ווי אַ פאַר-צוויי-וואָכעדיגע וועטשערע, און די פארקויפערס זיינען געווען העכסט צופרידען פון די אומ-געריכטע „פּדיונות" וואָס זיי האָבען געהאַט. די אַנדערע נעבאַך האָבען אויף זיי געקוקט מיט קנאה-בליקען און ממש געשלונגען די שפּייאכץ. אַ שפּאַס — אריינגעכאַפּט אזעלכע רייכע קונדען!

און ווער ווייסט? אפשר האָבען זיי טאַקע פון אונז אַמערי-קאַנער „געריסען אַ פאַס", כאָטש די גאַנצע לייזונג, וואָס זיי האָבען פון אונז געהאַט, האָט ארום און ארום באַטראָפען אפשר אַ האַלבען דאָלאַר.

מיר קומען צוריק צום וואָקזאַל, וואו אונזער צוג שטעהט שוין גרייט, און קורץ נאָך דעם פאָהרען מיר אָפּ, און אויף מאָרגען פריה קומען מיר אין רוים.

36

די שטאָדט רוים. — אַ באַהאַלטענער איד צווישען קאַטאָליקען. — אַ זייל פון בית המקדש. — אידישע הייליגע ווערטער אויף אַ קלויסטער סטאַטוע. — אין דער געהעטאָ. — ביי טיטוס'עס טויער און ביים קאָליסעאום.

רוים איז אַן אַלטע שטאָדט. לויט דער גמרא, איז רוים געבויט געוואָרען אין שלמה המלך'ס צייטען. מאנכע היסטאָ-ריקער גיבען אַן אנדערע דאַטומס, אָבער סאַי ווי סאַי איז די

„ברך גדול שברומי", ווי דער תלמוד רופט איהר אָן, שוין אַ גאַנץ אַלטע שטאָדט.

די חכמי התלמוד רבי אליעזר, רבי יהושע און רבי גמליאל, ווייסט מען, זיינען געווען אין רוים, און שפּעטער האָבען זיך דאָרט אידען באזעצט פריהער ווי אין וועלכע עס איז אַנדער שטאָדט אין אייראָפּאַ. די געשיכטע פון אידען אין רוים ציהט זיך ביז בערך צוויי טויזענד יאָהר צוריק. צרות און רדיפות האָבען דאָרט אידען געהאַט אויסצושטעהן פיל. אויף דעם איז דאָך „לא אלמן ישראל", קיין צרות האָט זיי ערגעץ ניט גע־פעהלט. זיינען אין רוים געווען גרושים אויף אידען, מען האָט פאַרברענט אידישע ספרים און מען האָט זיי צו געוויסע צייטען אָנגעטאָן כל'ערליי נגישות. אָבער אידען זיינען פאַרבליבען אידען און כהיום געפינען זיך נאָך אין רוים עטליכע טויזענד אידישע קינדער, וואָס שטאַמען נאָך פון אור־אַלטע תושבים אָדער פון שפּעטערע שפּאַנישע אָדער פּאָרטוגעזישע משפּחות, וואָס זיינען אַהין געקומען נאָך די גרושים פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. עס וואוינען דאָרט אויך אונזערע רוסישע און פּויל־ישע אידען, אָבער זייער צאָהל איז ניט גרוים.

אין רוים, אַזוי ווי אין פילע אַנדערע שטעדט, זיינען די אידען געווען איינגעשפּאַרט אין אַ גהעטאָ. די גהעטאָ איז אָפּ־געשאַפט געוואָרען אין צווייטען העלפט פון נייצענטען יאָהר־הונדערט און די אידען האָבען זיך אָנגעהויבען צושפּרייטען אין אַנדערע טיילען פון שטאָדט. דאָס האָבען געטאָן די פאַרמעג־ליכערע און די אָרימע זיינען דאָרט פאַרבליבען עד היום, אָבער אַלס פרייע מענשען, וואָס זייער וואוין־אָרט איז ניט באשרענקט און זיי קענען צו יעדער צייט ארויסציהען פון דאָרט.

אַזוי ווי מיר האָבען ניט בדעה געהאַט צו פאַרבלייבען אין רוים אַ לענגערע צייט, האָבען מיר זיך ניט געוואָלט שלעפּען מיט אונזערע באַגאַזשען. מיר האָבען דעריבער איבערגעלאָזט אונזערע טשעמאָדאַנען און פּעקלאַך אויפ'ן וואָקזאַל און מיר זיינען אַוועקגעפאָהרען אין שטאָדט מיט לעדיגע הענד. פאַרפאָהרען זיינען מיר צו אַ היימישען אידען, איינער אַ מר. פינעס, פון דער

באריהמטער פינעס משפחה, און אליין אויך זעהר א שעהנער איד, וועלכער האלט אין רוים א קליינע גאסט־הויז מיט אן עכט כשר'ן רעסטאראן.

קיין נאכט־לעגער, האט מען אונז דארט געזאגט, האבען זיי ניט פאר אונז. איז אויב מיר ווילען נעכטיגען אין רוים, מוזען מיר זיך זוכען א „מקום ללון" אין א האטעל.

דער הער פינעס האט אונז רעקאמענדירט א האטעל ניט וויט פון זיין פלאץ. זיינען מיר געגאנגען אין האטעל באשטעלען א נאכטלעגער.

דעם נאמען פון האטעל געדענק איך ניט, אבער א גרויסער און שעהנער האטעל. ווען מיר זיינען אהין געקומען, האט איינער פון די אנגעשטעלטע א פרעג געטאן: „אמעריקא? ענגליש?" דאס הייסט אפנים, ער וויל וויסען, אויב מיר קומען פון אמעריקא און אויב מיר ריידען ענגליש. אז מיר האבען איהם געזאגט: „יעס, אמעריקא, ענגליש", האט ער אונז צוגעפיהרט צו א יונגען מאן, הינטער א קאנטער, וואס האט גערעדט א צוקאליעטשעטען, א קאליקען ענגליש; אבער מיר האבען איהם פארשטאנען — אלץ בעסער ווי איטאליעניש.

האבען מיר געמיינט, אז מיר האבען דא צו טאן מיט אן איטאליענער. לסוף האט זיך אויסגעלאזט, אז ער איז גאר אחד מאתנו, איינער פון אונזערע גלות־אידען, וואס דער שיקזאל האט איהם געבראכט קיין רוים.

ווען ריידענדיג צווישען זיך, האבען מיר דערמאנט טיטוס'עס טויער, האט זיך דער יונגער מאן ארומגעקוקט אין אלע זייטען, עפעס אזוי ווי אוים מורא, אז מען זאל איהם ניט אונטערהערען, און א זאג געטאן בזה הלשון: „דער טייפעל זאל איהם נעמען, דעם טיטוס".

„א יהודי?" — פרעגען מיר איהם, און ער ענטפערט גאנץ שטיל: „א יהודי, געוועזן ביי אייך אין אמעריקא. בין איך געוועזן א חכם פון דער הגדה און געקומען אהער און טאר ניט אויסזאגען אז איך בין א איד. ווען די קאטוילישע ערלים דא דערוויסען זיך דערפון, פארליר איך מיין שטעלע".

אן אנוס נעבאך, א מאראן, אזוי ווי אמאל אין שפאניען.

ער האט אונז געצייגט צימערען, געזאגט דעם פרייז, וואס מיר האבען צו צאהלען, און מיר זיינען צופרידען געוועזן.

זיינען מיר אוועק, עפעס איבערגעביסען און דאן קריגען מיר א פויליש־אידישען יונגען מאן, א סטודענט, וועלכער פיהרט אונז אנקוקען רוים.

צוערשט איז ער אונז מכבד מיט'ן סאן פיטער'ס קאטהעדראל. ער פיהרט אונז אין דער גרויסער, רייכער קירכע ביים וואטיקאן, וואו דער פאפסט אליין קומט פון צייט צו צייט מתפלל זיין און בענשען זיין פאלק. אזוי — זאגט דער פיהרער אונזערער — קומט איהם אויס דער מארשרוט, און פון דארט וועט ער אונז פיהרען אין אנדערע וויכטיגע און אינטערעסאנטע פלעצער.

איך ווייס ניט, אויב על פי דין מעג מען אריינקומען אין אזא קירכע אדער ניט. זיינען צווישען אונז געוועזן „מחמירים", וואס זיינען טאקע ניט אריין אין „מקילים", וואס האבען זיך מתיר געווען אריינצוגעהן און באקוקען און באאבאכטען וואס דארט אינוועניג טוט זיך. איך בין זיך מודה ומתודה, אז איך בין געוועזן פון די „מקילים". מען האט מיר אמאל דערצעהלט, אז דארט איז פאראן וואס צו זעהן און איך האב ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון און ניט אריינגעהן. זאל עס מיר, מיין פרוי און די אלע אנדערע ניט גערעכענט ווערען פאר קיין זינד.

באלד ביים אריינגאנג דארט שטעהט א שעהנער ווייסער מארמארנער זייל, ארומגעצאמט מיט א דראטענעם נעץ. זאגט מען, אז דאס איז פון בית המקדש. א סברא איז דא, אז דער זייל שטאמט נאך פון בנין שלמה. אויף ווי ווייט דאס איז אמת, ווייס איך ניט.

שטעה איך און קוק אויפ'ן ווייסען שטיין און טראכט ביי זיך: אויב עס איז אמת וואס מען זאגט אויף איהם, אנטהאלט ער אין זיך א קאפיטעל פון אידישע געשיכטע. און וואלט ער ניט געווען קיין שטומער שטיין, וואלט ער געקענט ריידען אדער שרייבען, וואלט ער אונז געהאט צו דערצעהלען אזעלכע זאכען,

פון וועלכע מיר וואָלטען אפשר געשטוינט. ער וואָלט אונז דערצעהלט פון זיינע וואָגלונגען, פון די גלות'ן וואָס ער האָט איבערגעליטען ביז מען האָט איהם אהין געבראכט.

אָבער דער קאַלטער שטיין איז שטום. ער דערצעהלט גאָר־ניט און גיט ניט קיין שום אָנדייטונג וועגען זיין אָפּשטאַמונג, און גלויבט יאָ, אָדער גלויבט ניט וואָס די מסורה אָדער היסטאָ־ריקער און פאָרשער זאָגען.

אַ שעהן ביסעל לוקסוס, קונסט־ווערק און רייכטימער גע־פינען זיך אין יענער קירכע. קיין פאַנטאַזיע קען עס גאָרניט פאָרשטעלען. אַ וועלט מיט אוצרות ליגען דאָרט.

און קיין נחת קלייבט איהר ניט ווען איהר זעהט און באַ־אָבאַכטעט אַלעס. איהר דערמאָנט זיך דאַן אָן די רייכטימער, וואָס מיר אידען האָבען אמאָל פאַרמאָגט, און עס צופּט אייך ביים הארצען. אַן עושר, וואָס פאַרלירט זיין פאַרמעגען און ווערט רואינירט, האָט עגמת נפש ווען ער זעהט אַן אַנדערען וואָס לעבט אין עשירות און לוקסוס. בפרט אַז יענער איז פאַר־אַנטוואָרטלאַך אין זיין אומגליק, איז דער צער נאָך גרעסער און דאָס פּייניגט איהם אָהן אַ שיעור...

צווישען די צעהנדליגע אָדער אפשר הונדערטע פיגורען און סטאַטועז פון זייערע „היילינע" און, להבדיל, פון אונזערע נביאים, וואָס געפינען זיך אין דער קירכע, ווארפט זיך אין די אויגען אַ בראָנזענע סטאַטוע פון איהר, פון דער „מאַמע", אין אַ זיצענדע פּאָזע. די סטאַטוע טראָגט אַ באַנד אויפ'ן שטערן, און אויפ'ן באַנד זיינען די ווערטער „קודש ד' " אין העברע־אישע גאָלדענע אותיות. דער היילינער שם איז במלואו, פול מיט אַלע פיר אותיות, און אויפ'ן גאַרטעל זיינען די ווערטער „מוסר ואמת" אויך אין גאָלד. וואָס דאָס באַדייט ווייס איך ניט, און אונזער פיהרער האָט עס אונז ניט געקענט ערקלערען.

עס איז ניט וויכטיג פאַר אונז אידען צו באשרייבען מעהר איינצעלהייטען פון זאכען, וואָס מען קען דאָרט זעהן, און דאָס ביסעל, וואָס איך האָב דערמאָנט, וועט גענוג זיין. לאָמיר בעסער איבערגעהן צו אידישעס.

גאָרניט ווייט פון דעם גרויסען קלויסטער שטעהט אַ שוהל, אַ גאַנץ שעהנע שוהל אי אויסוועניג, אי אינוועניג. די שוהל שטעהט ביים טייך טיבער, אַזוי צו זאָגען: „על אם הדרך". אין וועג ציהט זיך דאָרט צום וואַטיקאַן און אַ צווייטע — צו טיטוס'עס טויער, אָדער טיטוס'עס בויגען, ווי זיי רופען עס.

אונזער פיהרער ברענגט אונז צום שוהל. זעה איך אין דער הויף ביים אריינגאַנג אין דער געביידע איז אויסגעפּארבט דער פסוק „מה נורא המקום הזה" אין גרויסע גאָלדענע אותיות, און קעהר איך אום דעם פּנים אויף צוריק, זעה איך די זעלבע קירכע, דעם סאַמע מקור פון קאטוילישען גלויבען. איז דאָס אַ שטיקעל נחמה, ווייל מען זעהט דאָך אין דעם רעליגיאָנס-פריי־הייט צווישען די מעכטיגסטע און פאַרביסענסטע שונאים פון אנדערע אמונות. אַ אידישע געבעט-הויז פראַנק און פריי נאָ־הענט צום וואַטיקאַן, און די קאַטוילישע פאָרשטעהער דולדען עס אָדער מוזען עס דולדען!

אין שוהל טרעפען מיר דעם שמש און אַ מלמד'ל, וואָס לערענט מיט צוויי קינדער, אַ אינגעל און אַ מיידעל, עברי מיט'ן ספירד'ישען דיאלעקט. פאַרקוקען זיך אי דער „רבי", אי די תלמידים אויף אונז אורחים און מען האַקט אַ מין עברי, וואָס עס קלעפּט זיך ניט אַ וואָרט צו אַ וואָרט און אַן אות צו אַן אות. ווי עס זעהט אויס, איז דער „רבי" ניט קיין גרויסער למדן, ווייל איך האָב איהם עפּעס געפרעגט אין העברעאיש, איז געווען „נאָו קאַפּישי". ער האָט, הייסט עס, ניט פאַרשטאַנען און געבעטען דעם יונגען מאַן, וואָס איז געווען מיט אונז, ער זאָל איהם מיין פראַגע איבערגעבען אין איטאַליעניש.

דער שמש, מיט אונזער פיהרער אַלס דאָלמעטשער, האָט אונז דערצעהלט, אַז די דאָזיגע שוהל איז געבויט געוואָרען אָנשטאָט די „פינף שוהלען אונטער איין דאך" אין דער גהעטאָ; אַז די אידען אין רוים האָבען נאָך אַ גרויסע שוהל, אַ תלמוד תורה און אַנדערע אידישע אַנשטאַלטען.

די „פינף שוהלען אונטער איין דאך" האָבען אין דער גהעטאָ עקזיסטירט פילע, פילע יאָהרען. דאָרט איז אויך געווען

א תלמוד תורה. איצט איז די געביידע שוין חרוב, ווייל גאנץ ווייניג אידען זיינען פארבליבען אין זייער אמאליגען תחום און די שוהלען ווערען ניט געברויכט.

פון דער שוהל פיהרט אונז אונזער „גאיד" אין דער געוועזענער גהעטא, פון וועלכער דער טויער שטעהט נאך. שמאלע געסלאך, געביידעס האלב און גאנץ חרוב'ע און בכלל אפגעלאזען בתכלית אפגעלאזענקייט. שטיל איז דארט אזוי ווי אויף א בית עולם. מען זעהט כמעט קיין מענשען ניט אן, מחמת א סך הייזער פוסטעווען אין גאנצען און די איינוואוינער דארט זיינען זעהר ווייניג.

א חורבן, וואס איז אייגענטליך א נחמה; א חורבן, וואס די גהעטא אידען האבען קוים דערלעבט; א חורבן, אויף וועלכען מען האט פילע, פילע יאהרען געהאפט און געווארט.

פון דער גהעטא פיהרט מען אונז צו טיטוס'עס טויער אדער טיטוס'עס בויגען. דאס איז דער טריאומף־טויער, וואס איז אויסגעבויט געווארען לכבוד דעם פעלדמארשאל טיטוס, בעת ער איז צוריקגעקומען פון ירושלים א זיגער, נאכדעם ווי ער האט די הייליגע שטאדט איינגענומען און חרוב געמאכט אונזערע הייליגטימער.

קוק איך אויף דעם דאזיגען אלטען טויער, אויף דער מנורה, אויף די פיגורען פון טיטוס'עס חייל, אויף די פיגורען פון אידישע קינדער, געשמידטע אין קייטען, וואס ווערען געטריבען פון שונא, און אויף די אלע אנדערע זאכען, וואס זיינען אויסגעהאקט אין שטיין אין דעם טויער, און וואס דערמאנען דעם גרויסען בראך פון פאלק ישראל, און עס קלעמט ביים הארצען און טרערען שפארען פון די אויגען. רוים האט זיך געפרעהט, רוים האט געהוליעט אויפ'ן אומגליק פון אונזער נאציאן מיט בערך נייינצעהן הונדערט יאהר צוריק, און עס איז נאך פארבליבען אזא זכר, עפעס אזוי ווי צו שיטען אונז זאלץ אויף די וואונדען.

טיטוס'עס טויער האט אויף מיר געמאכט אזא איינדרוק און אזוי צובראכען מיין הארץ, אז איך וועל עס קיינמאל ניט

פארגעסען. די אלע פיגורען זיינען ווי אויסגעקריצט געוואָרען אין מיין מח און שטעהען ווי סטראשידלעס פאר מיינע אויגען און ווארפען אויף מיר אן אימה, ווען זיי קומען מיר ארויף אויפ'ן זכרון.

מיר באזוכען דעם קאָליסעאום, דעם פארצייטיגען ריזיגען אמפיטעאטער, פון וועלכען עס זיינען בלויז פארבליבען חורבות. דאָס איז א פלאץ, וואו די אמאָליגע רוימישע אריסטאָקראטען אָדער שארלאטאנעס האָבען געהאט אונטערהאלטונגען, שוידער־ליכע אונטערהאלטונגען, ביי וועלכע מענשליכע בלוט איז פאר־גאָסען געוואָרען.

דאָרט פלעגען גלאדיאטאָרען פעכטען מיט ווילדע חיות, מיט וועלף, בערען, לייבען און לעמפערטען. ניט איינער פלעגט פון די חיות צוריסען ווערען, און דאָס פאָלק, די רוימישע אויס־געלאסענע שכורים, האָבען זיך דערביי אמוזירט.

אהין פלעגט מען אויך ארויספיהרען צום טויט־פאראור־טיילטע און זיי לאָזען צוריסען ווערען פון ווילדע חיות. דאָס איז, מיט איין וואָרט, געווען א פלאץ פון שרעקליכע, גרויזאמע הריגות, א פלאץ פון אונמענשליכע אכזריות, וועלכע פילע האָבען צוגעקוקט און דערפון נחת געקליבען.

אונזער פיהרער צייגט אונז אָן אויף די פלעצער אין קאָלי־סעאום, וואו די הערשער זיינען געזעסען; אויף די לאָזשעס פון די אדעליגע; אויף דעם פלאץ, וואו עס איז געווען די ארענא, די בימה אָדער דער מזבח אויף וועלכען מענשליכע לעבענס זיינען אויסגעלאָשען געוואָרען אויף זעהר א ברוטאלען אופן.

ער צייגט אונז אָן אויף די שטיבלאך, וואו די בייזע חיות פלעגען געהאלטען ווערען און אויף די אונטערערדישע קאמערען, וואו עס זיינען געוועז איינגעשפארט די אומגליקליכע פריזאָ־נערס, און די טירלאך דורך וועלכע מען פלעגט זיי ארויספיהרען, אום לייבען, טיגערס אָדער אנדערע חיות רעות זאָלען זיך זעטיגען מיט זייער בלוט.

עס געהט איבער א סקרוך איבער'ן לייב, ווען מען שטעלט זיך עס פאָר אין דער פאנטאזיע.

אונזער „גאַיד“ האָט נאָך אונז געוואָלט פיהרען אין די קאַטאַקאָמבס, הייהלען־קברים, וואָס געפינען זיך אין אַ טיפען טאָל דערביי; אָבער אַזוי ווי עס איז שוין געווען שפּעט פאַרנאַכט, האָבען מיר עס דורכגעלאָזט. און אויף מאָרגען פריה האָבען מיר פאַרלאָזט רוים און אַוועקגעפאָהרען נאָך ווענים אָדער ווענעציא.

37

אַ שעהן שטיקעל וועג. — טונעלען ברענגען פאַר־דרום. — די וואונדער־שטאָדט ווענעציא. — די טויבען אויף סאַן מאַרקאָ פּלאַץ.—דער „דאזשען“ פּאַלאַץ. — די שווידערליכע תפיסה. — אין אידישען קווארטאל.

די רייזע מיט דער באַהן פון דער איטאַליענישער הויפּט־שטאָדט, פון רוים קיין ווענעציא, איז זעהר אַן אינטערעסאַנטע. אַ וועג מיט פּראַכטפולע שעהנע לאַנדשאַפטען און פּאַנאָראַמען, וואָס באַגייסטערען און פאַרשאַפען אַ גייסטיגען גענוס.

און דאָס איז אַ היבשע שטיקעל וועג. איהר פאָהרט אַרויס פון רוים גאַנץ פריה און איהר קומט קיין ווענעציא שפּעט ביינאַכט.

זיצען מיר און קוקען דורך די פענסטער און באַוואונדערען די שעהנקייט פון דער נאַטור, מיט וועלכע איטאַליען איז באַ־גאַבט. פעלדער, לאַנקעס, וויינגערטנער, אויף וועלכע עס איז אויסגעגאָסען אַ מין צויבער־חן. זעהט איהר ווי פויערים אַקערען זייערע פעלדער מיט ווייסע אָקסען, עכט־ווייסע, עפּעס אַזוי ווי זיי זאָלען זיין אָנגעטאָן אין קיטלען. איך האָב נאָך קיינמאָל אַזעלכע ווייסע אָקסען ניט געזעהן. דער קאָליר פון די אָקסען האַרמאָנירט מיט די קלאָרקייט פון דער לופט און דעם פּראַכט פון דער נאַטור אין אַלגעמיין אין יענע געגענד.

פאָהרען מיר פאַרביי דערפער און שטעדטלאך, שעהן באַ־

וואקסענע בערג, צוביערהאַפטע טאָלען, טייכלאַך פון קריסטאַל־קלאָרע וואַסער, און דער צוזאַמענמיש פון די פארשיידענפאַר־ביגע סצענעס שטעלען פאָר בילדער, וואָס די אויגען ווערען ניט זאַט קוקענדיג אויף זיי. אַלעס אַזוי לעבעדיג, לוסטיג, וואָס קען ערמוטיגען און ערמונטערען אַפילו דעם גרעסטען מרה־שחורה׳ניק.

לויפט אָבער די באַהן פון צייט צו צייט דורך טונעלען, מאַנכע פון זיי גאַנץ לאַנגע טונעלען, און עס פאַרדריסט אייך, וואָס זיי, אָט די פינסטערע טונעלען, רויבען ביי אייך דעם גייס־טיגען פאַרגעניגען פון קוקען און באַאָבאַכטען די וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמען. אָט קומט איהר צו אַ פּונקט, וואו איהר שפּרינגט ממש אויף פון באַגייסטערונג איבער אַ שעהנע לאַנדשאַפט, וואָס איהר זעהט פאַר אייערע אויגען, און פּלוצלונג לויפט דער צוג אַרונטער אונטער דער ערד און אַלעס פאַרשווינדעט! איהר זעהט נאָר די פינסטערע, שווארצע וועגד פון טונעל, וואָס זעהען אויס אין אייערע אויגען נאָך פינסטערער און שווארצער ווי זיי זיינען אין די ווירקליכקייט, און איהר פיהלט עפּעס אַזוי ווי מען זאָל אייך אַרויסרייסען פון אַ רייכען פּאַלאַץ און איינ־שפּאַרען אין אַן אונטערערדישע תפיסה.

און טונעלען איז מען דורכגעפאָהרען אויף יענער ליניע אַ סך. איך האָב זיי געהאַט געצעהלט, אָבער איך האָב פאַרלוירען דעם חשבון. מאַנכע פון די טונעלען געדויערט אַ גאַנץ היבשע צייט ביז מען פאָהרט זיי דורך.

מיר קומען אָן אין װענעציא שפּעט ביינאַכט. מיר ערוואַר־טען, אַז אַ אידישער האָטעלקיפּער פון לידא, ביי װענעציא, זאָל אונז באַגעגענען אויפ׳ן וואקזאַל און אַוועקפיהרען צו איהם אין האָטעל, אָבער דער איד, קירשבוים, הייסט ער, באַווייזט זיך ניט. הויבען מיר אָן נאַכפרעגען און מיר טרעפען גראַד אויף איינעם וואס רעדט דייטש. מיר זאָגען איהם וואָס מיר פאַרלאַנ־גען, און ער ענטפערט: „דער הער קירשבוים איזט ניכט היער“.

„ווייסט איהר וואָס?“—רופט זיך אָפּ איינער פון אונזערע—„לאָמיר קריגען אַן אויטאָמאָביל וואָס זאָל אונז אַהין אוועק־

פיהרען.״ לאכט ער זיך פאנאנדער, דער דייטשוק. וואס איז אויף איהם דער געלעכטער? דער געלעכטער איז, וואָס מיר זיינען אזעלכע „גרינהאָרנס״ און מיר ווייסען ניט, אז מען קען ניט אריינפאָהרען ניט אין ווענעציא און ניט אין לידאָ מיט דער יבשה.

געוואוסט האָבען מיר גראד יא, אז דער פארקעהר אין ווענעציא׳ער גאסען איז מיט שיפלעך, אז זי איז די איינציגע שטאָדט אין דער וועלט, וואס האָט א רעפוטאציע, אז קיינער איז נאָך דאָרט ניט איבערגעפאָהרען געווארען ניט פון קיין אויטאָמאָ־ביל, ניט פון קיין טראמוואי און ניט פון קיין וואָגען; אָבער מיר האָבען ניט געוואוסט אזוי פיעל, אז שוין פון וואָקזאל אין שטאָדט אריין מוז מען פאָהרען מיט׳ן וואסער.

ענדליך איז אָנגעקומען אן אָנגעשטעלטער פון יענעם לידאָ׳ער האָטעל, אן אונגארישער אידישער יונגערמאן, וועלכער האָט אונז ארויפגענומען אויף א שיפעל, א מין קליינע פערי, און מיר פאָהרען.

אין אונזער גרופּעלע טוריסטען איז געווען איינער, א קאל־טער לונג און לעבער; א איד וואָס איז פון קיין זאך ניט נתפעל געוואָרען. וואָס ער האָט אויף דער רייזע געזעהן, האָט ער אלץ אוועקגעמאכט מיט דער האנט: „עט, ניטאָ וואָס צו זעהן, א פּעני ניט ווערט״. אפילו די גאָלדענע טרונע פון פּרעה טוטענ־כאמען אין קאירא׳ער מוזעאום, האָט ער אויך אוועקגעמאכט מיט׳ן זעלבען בטול: „עט, א פּעני ניט ווערט.״

ווען אָבער מיר זיינען אריינגעפאָהרען אין גראנד קאנאל, די ברייטעסטע גאס פון ווענעציא, וואו איןביידע זייטען שטעהען שעהנע געביידעס, איינגעטונקט אונטען אין וואסער, האָט דער איד באקומען התפעלות. זיין קאלטער לונג־און־לעבער האָט זיך דערוואָרימט און ער האָט געזאָגט: „זעהט איהר, אָט דאָס איז טאקע א חידוש. אויף אזוי פיל האָב איך מיר ניט פאָרגע־שטעלט״.

לידאָ איז א רייכער זומער־פּלאץ ביי א צעהן מינוטען רייזע מיט׳ן וואסער פון ווענעציא. לידאָ שטעהט ביים ברעג ים, א

מין אטלאנטיק סיטי, מיט גרויסע, פראכטפולע האטעלען, וואו רייכע איירָאפּעער און אויך אמעריקאנער פארברענגען די זומער־מאנאטען, און עס פעהלען דארט קיינע לוקסוסען, וואס עשירים קענען זיך נאר פארגינען.

מיר קומען אהין שוין נאך האלבע נאכט. מיר נעכטיגען איבער און אויף מארגען געהען מיר אנקוקען ווענעציא.

ווענעציא, אדער ווענעדיג, אדער ווענים, ווי די אמעריקאנער רופען די שטאדט, האט עטליכע טויזענד אידישע איינוואוינער. דאס רוב אדער כמעט אלע אור־אייניקלאך פון אלטע תושבים, פון דייטשע אידען, וואס האבען זיך דארט באזעצט אין דרייצעהנטען יאהרהונדערט און אידען וואס זיינען אהין געקומען פון שפאניען און פארטוגאל צום סוף פון פערצעהנטען יאהר־הונדערט. דארט האבען געלעבט אידישע גדולים, אברבנאל, לו־צאטו און אנדערע. דארט איז אפילו געווען א אידישע דרוקעריי, און מען קען נאך היינט זעהן ספרים מיט'ן אויפשריפט: „נדפס בוויניציה" אויפ'ן שער בלאט. ווענעציא האט אויך געהאט א אידישע גהעטא, אזוי ווי רוים און אנדערע שטעדט, און אידען האבען דארט דורכגעלעבט פארשיידענע צייטען, בעסערע און ערגערע, מסתמא מעהר ערגערע ווי בעסערע.

דער ענגלישער דראמאטורג שעקספיר, אז ער האט געוואלט אידען „רייבען א מארדע", שטעלען זיי אין ניט קיין גוטער ליכט, האט ער געשאפען זיין באריהמטען „שיילאק", אדער „דער קויפ־מאן פון ווענעדיג". עס זיינען אפילו דא מיינונגס־פארשיידענ־הייטען אין דעם און מאנכע טייטשען אוים „שיילאק" צו גונסטען אידען; אבער אזוי צי אזוי, איז דאך א פאקט, אז שעקספיר האט אנגעמאסטען זיין העלד אויף א אידען פון ווענעציא.

דער הויפט „אטרעקשאן" אין ווענעציא איז דער סאן מארקא פלאץ, וואס איז באריהמט מיט די טויזענדער טויבען, וואס גע־פינען זיך דארט. די טויבען אמוזירען די פילע מענשען וואס קומען אהין. די שעהנע, באשיידענע געפליגעלטע ברואים, זיינען אזוי צוגעוואוינט צו מענשען, אז זיי שטעלען זיך ביי מענשען

אויף די קעפּ, אויף די אַקסלען, אויף די הענד און וואו נאָר מען צייגט זיי קערנער צום עסן. זיינען דאָרט דאָ איטאַליענער, וואָס פאַרקויפן קוקורוזע־קערנער און ווען מען וויל האָבן אַ ביסעל שפּאַס, שיט מען אַרויף קערנער אויפ'ן קאַפּעליוש, אויפ'ן הוילען קאָפּ אָדער אויפ'ן שטערן און די טויבען קומען און פּיקען עס אַרונטער, אָבער אַזוי פאַרזיכטיג, אַז זיי ריהרען ניט אָן מיט זייערע שנאָבעלאַך די לייב. האָב איך אַליין געזעהן, ווי איינער האָט אַרויפגעלעגט עטליכע קערענדלאַך אויפ'ן צונג און טויבען האָבען אַרונטערגענומען.

רינגעלט מען זיך אַרום מיט טויבען ווי נאָר מען וויל און מען פאָטאָגראַפירט זיך, און עס איז דאָרט אַ לעבעדיגע וועלט. די טויבען זיינען צו אייער דינסט אַ גאַנצען טאָג. פּונקט צוועלף דעם זייגער אָבער שיסט אוים אַ קאַנאָנע און דאַן פליהען אַלע טויבען אַוועק צו אַ באַשטימטען פּלאַץ, וואו זיי קריגען זייער רעגולען מיטאָג, און דאַן קומען זיי צוריק.

די טויבען זיינען די אייגענטום פון דער שטאָדט, און ווען זיי פאַרמעהרען זיך און ווערען צופיל, ווערט אַ טייל פון זיי פאַרקויפט.

דאָרט, ביים סאַן מאַרקאָ פּלאַץ, שטעהען האָטעלען, רייכע קאַפּעען און גרויסע געשעפטס־הייזער. אין איין זייט שטעהט די סאַן מאַרקאָ קירכע, וועלכע איז פופצעהן הונדערט יאָהר אַלט, און מען זאָגט, אַז די זילבער, גאָלד און דימענטען, וואָס דאָרט געפינען זיך, איז ווערט אַ גוזמא מיליאָנען. מען זאָגט אויך, אַז אַ גרויסער טייל פון די גאָלד, וואָס די אַלטע רוימער האָבען אָנ־געראַבעוועט אין בית המקדש, איז שפּעטער פאַרברויכט געוואָרען אין דיזער ווענעציאַנישער קירכע. אויב דאָס איז אַ פאַקט אָדער אַ לעגענדע — ווייס איך ניט.

אין זעלבען זייט שטעהט אויך דער „דאָזשען פּאַלאַץ", וואו עס האָבען געוואוינט די רעגירענדע פירסטען, בעת ווענעציא איז געווען אַ באַזונדערע מלוכה פאַר זיך מיט הונדערטע יאָהרען

צוריק. איצט איז דער „דאזשען פאלאץ" א מוזעאום, וואס אנט־האלט פילע בילדער געמאָלען פון די גרעסטע איטאַליענישע קינסטלער, און א סך אנדערע זאכען, וואס זיינען אינטערעסאנט צו זעהן.

קוקט איהר דורך דעם פאלאץ אינוועניג, פיהרט אייך אייער „גאיד" ארונטער אונטען און איז אייך מכבד אָנצוקוקען די שרעקליכסטע טורמע אָדער תפיסה אין דער וועלט.

דאָס איז אַן אונטערערדישע געפענגנים, וואס איז ניט בלויז אונטער דער ערד נאָר טיף אונטער א קאנאל, וואס ציהט זיך פון ים. ביז מען קומט צו דער תפיסה האָט מען דורכצוגעהן קאמערען און קאָרידאָרען אויסגעהאקט אין שטיין, און מען קען, שונאי ישראל, די פיס צודרעהען געהענדיג, מחמת דער גאנגוועג איז געדרעהט און געשלענגעלט אלץ טיפער און טיפער און קיינע ריכטיגע פעסטע טרעפ זיינען ניטאָ. אמאָל איז דאָרט געוועזן אינגאנצען פינסטער. איצט אָבער, לטובת די באזוכער, וואס באצאָהלען איינטריט־געלד, איז וואו ניט וואו באלויכטען מיט אן עלעקטרישען לעמפעל.

'סאמע אונטען אין די קאמערלאך, וואו די אומגליקליכע גע־פאנגענע פלעגען געהאלטען ווערען, זיינען נאָך איצט אויך פאראַן די פארזשאווערטע קייטען, מיט וועלכע זיי פלעגען זיין צוגע־שמידט צו די שווארצע שטיינערנע ווענד, און משונה'דיגע קלע־צער, וועלכע מען פלעגט זיי אָנטאָן אויף די פיס, אפנים כדי זיכער צו זיין אז זיי וועלען ניט אנטלויפען. עס באפאלט אייך א פחד, ווען איהר קוקט עס אלעס צו, און איהר קענט דאָרט לאנג ניט פארבלייבען.

דאָס וואס מען רופט „יוסף'ס תפיסה" אין קאירא איז א לוקסוס־פלאץ געגען דער תפיסה אונטער דעם „דאָזשען"־פאלאץ אין ווענעציא. די פארדומפענע פייכטקייט אליין קען דערשטיקען אפילו א געזונטען מענשען.

אין דעם שרעקליכען פלאץ, וואס ליגט אונטער'ן אָפגרונד פון טיפען וואסער, דערצעהלט מען, פלעגט מען פארפייניגען „אפיקורסים", וואס האָבען ניט געגלויבט אין דער קאטוילישער

אמונה. וואהרשיינליך זיינען אידען דאָרט אויך געפאַלען קרבנות. דאָרט איז געווען אַ מין שפּאַנישע אינקוויזיציע, וואו מען האָט מענשען געמאַטערט מיט כל'ערליי יסורים און נאכהער, ווען זיי האָבען אויסגעהויכט זייערע נשמות, האָט מען זיי אריינגעשליי־דערט אין ים.

מען האָט אונז אַפילו אָנגעציייגט דעם פענסטערעל, דורך וועלכען מען פלעגט די טויטע קערפּערס אַרויסוואַרפען. אונזער פיהרער האָט אונז דערצעהלט, אַז ניט בלויז טויטע פלעגט מען דורך יענער עפענונג אַרונטערוואַרפען, נאָר אָפטמאָל אויך לע־בעדיגע. און אונטען אין וואַסער, האָט ער אונז געזאָגט, זיינען געווען, אָדער זיינען נאָך איצט אויך דאָ, אייזערנע שטאַנגען מיט שאַרפע שפּיצען, אויף וועלכע די אומגליקליכע פלעגען פאַלען און דורכגעשטאָכען ווערען.

איך בין דאָרט בלויז געווען מיט מיין פרוי. די אַנדערע פון אונזער גרופּע האָבען דעם דאָזיגען „פאַרגעניגען" אויסגע־מיטען, און מיר האָבען זיי מקנא געווען וואָס זיי האָבען די שרעקען־בילדער ניט געזעהן.

דאָרט, ביי דעם סאַן מאַרקאָ פּלאַץ, ציהען זיך שמאָלע געס־לאַך, אָנגעפּיקעוועט מיט רייכע געשעפטען. דאָרט קריגט איהר צו קויפען פאַרשיידענע טייערע סחורות — זיידענע שאַלען, וואָס די וועלט האָט ניט זייער גלייכען, און פילע אַנדערע אַרטיקלען, ווי אויך כל'ערליי צירונג. דאָרט איז דער האַנדעלס־צענטער פון שטאָדט און די געסלאַך זיינען געבויט שמאָל, בצמצום, אויס מאַנגעל אין יבשה.

וואָרים די שטאָדט ווענעציאַ איז געבויט אויף פיר און זעכציג אינזלען, אָפּגעטיילט איינע פון די אַנדערע מיט שמעלערע אָדער ברייטערע פאַסען וואַסער, קאַנאַלען. ווייזט עס אויס, אַז דער האַנדעלס־צענטער פאַרנעמט דעם גרעסטע זאינזעל פון דער גרופּע און מען איז געווען שפּאָרזאַם אין ערד און געבויט די געסלאַך גאַנץ שמאָלע.

ווענעציא פארמאָגט הונדערט און פערציג בריקען, גרעסערע און קלענערע, וואָס פאראייניגען די אינזלען אָדער די גאסען איינע מיט די אנדערע. די גרויסע בריקען איבערהויפּט וואָס ציהען זיך איבער'ן גראנד קאנאל זיינען באצייכענט מיט נעמען: סאָן מארקאָ, סאן אנדזשעלא, סאן אנטאָניאָ און אזוי ווייטער — אלץ נעמען פון זייערע „הייליגע".

דריי טעג זיינען מיר געשטאַנען אין לידאָ און יעדען טאָג זיינען מיר ארויסגעפאָהרען אין ווענעציא עפּעס זעהן און אָנקוקען.

איין טאָג — פרייטאָג איז דאָס געווען — האָב איך מיט מיין פרוי, צוזאמען מיט'ן אונגארישען יונגען מאן פון האָטעל אלס „גאיד" געדונגען א „גאָנדאָלא" — אזא שיפעל, געטריבען ביים האנד, און מיר האָבען געמאכט א רייזע איבער'ן שטעדטעל.

דער פארקעהר אויפ'ן גראנד קאנאל איז גרויס. הונדערטער „גאָנדאָלאָס" און מאָטאָר־שיפלאך מיט מענשען אָדער אָנגעלאָדען מיט פארשיידענע משאות טראָגען זיך איבער'ן וואסער הין און צוריק כמעט אזוי ווי ביי אונז אויטאָמאָבילען און טראָקס אויף די „ביזי סטריטען", און מען דארף זיין א געניטער טרייבער ניט צו קומען צו א צוזאמענשטויס. זייטיגע געסלאך ווידער זיינען פאראן אזעלכע שמאָלע, אז מעהר ווי איין שיפעל קען דורכ'ן קאנאל ניט דורכפאָהרען.

אונזער פיהרער ברענגט אונז אין דער געוועזענער אידישער גהעטאָ. מיר זעהען דאָרט די גרויסע אלטע שוהל און אנדערע פראָמינענטע פלעצער פון די אמאָליגע גהעטאָ־צייטען. לאנג קענען מיר דאָרט ניט פארבלייבען. קעהרען מיר זיך אום צוריק אויף אונזער קווארטיר אין לידאָ, וואו עס זיינען געווען נאָך אידישע געסט, און מיר פארברענגען דעם שבת גאנץ אידישלאך מיט קידוש, הבדלה און אפילו זמירות, און זיך געמאכט רייזע־פערטיג קיין וויען.

38

פון ווענעציא קיין וויען. — אין די אלפען־בערג. — אין עסטרייך׳ס הויפט־שטאדט. — דער ערשטער מאי אין א סאציאליסטישער מדינה. — באגעגעניש מיט א קאנטר־רעוואלוציאנער. — וויענער פראַ־פעסארען.

מיר זיינען אפגעפאהרען פון לידא זונטאג, דעם 29טען אפריל, פארטאג, ווייל דער צוג פון ווענעציא קיין וויען געהט אפ גאנץ באגינען.

מיר פאהרען מיט א מאטאר־שיפעל, וואס איז פאר אונז פריהער באשטעלט געווארען. די שיפעל איז צוגעקומען אין קאַנאל געגענאיבער אונזער האטעל און האט אונז געבראכט צו דער באהן.

עס זיינען צוגעקומען נאך אונזערע שיפס־געגאסען און גע־גאסינען, וואס זיינען געהאט געקומען קיין ווענעציא פריהער פאר אונז, און זיינען אויך געפאהרען מיט׳ן זעלבען צוג קיין וויען. האבען מיר געהאט א קרייז פון אייגענע מענשען און עס איז געווען פרעהליך.

דא פיהלען מיר זיך אין אלגעמיין היימישער ווי אויף די באהנען וואס מיר זיינען פריהער געפאהרען. דא פאהרען שוין א היבשע ביסעל דייטשען און אפילו די קאנדוקטארס „שפריכען אויך דעאוטש“. קען מען כמעט מיט אלעמען בעסער אויסקומען ווי מיט איטאליענער און אראבער.

אין וואגאן איז געווען ענג און אייניגע פון אונז האבען גע־מוזט זיצען אויף די טשעמאדאנען. אבער דאס האט חלילה ניט ארויפגעווארפען קיין מרה שחורה אויף אונז. פארקערט: דאס האט אונז געגעבען מאטעריאל צו וויצלען זיך און פראווען שפאס אויפ׳ן אייגענעם אדער אימיצענס חשבון.

אונזער צוג לויפט פארביי פעלדער, לאנקעס און וויינגערט־נער, אבער עס ליגט ניט אויף זיי אזא חן ווי אויף די באוואק־

סענע לאנד אין ארץ ישראל. זיי זיינען שעהן פאר'ן אויג, אָבער אַפּעלירען ניט צום הארצען.

ווייטער ווערט די רייזע אונגעהויער אינטערעסאַנט. די אינטערעסאַנטסטע וואָס מיר האָבען געהאַט אויפ'ן גאַנצען וועג.

מען פאָהרט צווישען די אַלפּען בערג, וואָס ווען ניט באַדעקט אויבען מיט ווייסע שניי־יאַרמולקעס וואָלט מען אפשר זייערע שפּיצען ניט געזעהן, אַזוי הויך זיינען זיי. ניט קיין וואָלקען־קראַצער, נאָר הימעל־קראַצער.

אין דרויסען איז שעהן, די זון שיינט און דער קלימאַט איז וואַרים ווי אין רעכטען מיטען זומער, און איןביידע זייטען זעהט מען דעם ווינטער, דעם שנייאיגען ווינטער! דאָ, וואו אונזער צוג לויפט, שוויצט מען, און דאָרט, גאָר ניט ווייט פון אונז, קען מען וואהרשיינליך כאַפּען אַ ציטער, אויב מען טראָגט ניט אַ גוטען פּעלץ.

און אויבען דאָרט, אויף די שפּיצען פון די בערג, געהט אַן אַ מלחמה צווישען דער וואַרימער זון און דעם קאַלטען שניי. און זיגען זיגט די זון. און עס פאַלען „הרוגים" פון די מיליאַרדען שנייעלאַך, וואָס ליגען דאָרט אין הורבעס איינע אויף די אַנדערע, און ווערען פאַרוואַנדעלט אין פאַרע און פליסיגקייט.

און קריסטאַל קלאַרע טראָפּענס, אַזוי ווי טרערען, פאַלען פון דער הויך. דאָס קלאָגען אַפּנים די באַזיגטע שניי־מחנות אויף זייער מערכה, וואָס די זון־שטראַהלען לאָזען זיי ניט רוהען און מאַכען פון זיי אַ תל.

און די דאָזיגע „טרעהרען" קלייבען זיך צוזאַמען אין די מאַסען און בילדען שמאָלע רינעלאַך, וואָס ציהען זיך פון אויבען, קומען זיך צוזאַמען אונטען און בילדען טייכעלאַך, וועלכע זשומען און רוישען, בייזערען זיך אַפּנים, דריקען אויס אַ פּראָטעסט געגען דער זון, זייער מלאך המות...

און ווי שעהן זיי זיינען, אָט די דאָזיגע רינעלאַך און טייכעלאַך! קיין שעהנער בילד איז, דאַכט זיך, אויף דער וועלט ניטאָ.

בכלל קען דער מענש די אויגען ניט אָפּרייסען פון די וואונדער־שעהנע פּאַנאָראַמען. אונטען גרינט און בליהט און אויבען

איז שניי! גאנצע רייהען פון מאָדנע ריזען אין גרינע קליידער און ווייסע שלייערס...

וואו ניט וואו זעהט מען א דערפעל אָדער אן איינציגע געביידע, וואָס שטעהט אויפ׳ן זייט פון א בארג, און איהר וואונדערט זיך ווי אזוי זי קייקעלט זיך ניט ארונטער.

פארנאכט קומען ארויף עסטרייכישע אינספעקטאָרען, פארלאנגען די פאספאָרטען מיט א העפליכען „ביטע" און זיינען ניט שטרענג מיט׳ן דורכקוקען די באגאזשען. די וואָס זאָגען אז זיי פאָהרען קיין קארלסבאד, מאכען זיי כמעט גאָר אוועק מיט דער האנד, און עס איז רעכט יא עפענען און ניט עפענען די טשעמאָדאנען.

האָבען מיר דורכאויס גייסטיגען גענוס פון די שעהנע לאנדשאפטען און סצענעס, וואָס קיין מאהלער קען ניט מאָהלען, ביז עס ווערט פינסטער און עס פארדריסט אונז זעהר וואָס מיר קענען עס שוין מעהר ניט זעהן.

מיר קומען אין עסטרייך׳ס הויפט־שטאָדט שפעט אין אָווענד. מיר פארפאָהרען אין א האָטעל, וואו עס קווארטירען פון פריהער אונזערע מענשען, ברידער־ און שוועסטער־טוריסטען פון איין שיף, און מיר האָבען דאָרט א היבשען עולם אמעריקאנער און אמעריקאנערקעס.

מיר נעכטיגען איבער די נאכט בשלום און אויף מאָרגען, ווי נאָר מיר האָבען זיך באוויזען אין זיץ־זאל פון האָטעל, זיינען שוין געקומען אידען אָפגעבען אונז „שלום עליכם" און טאָפּען די דופק׳ס אפשר קען מען כאפען עפעס א פארדינסטעל. אפשר דארפען מיר בייטען אמעריקאנישע דאָלארען אויף עסטרייכישע שילינגס; אפשר ווילען מיר קויפען טשעכאָ־סלאָוואקישע, פוילישע אָדער רומענישע געלד, זיינען זיי צו אונזער דינסט. און אפשר ווילען מיר גלאט עפעס איינקויפען אין ווין, וועלען זיי אונז פיהרען אין די ריכטיגע, ראיעלע פלעצער, וואו מיר וועלען קריגען די בעסטע סחורות במקח השוה.

און די הענדלער מיט וואַליוטע קאָנקורירען שטילערהייד איינע מיט די אַנדערע. שטעלט אייך איינער א פרייז פאר וועלכע

עס איז געלד, קומט אן אנדערער און שושקעט אייך אריין א סוד אין אויער, אז ער וועט עס מאכען ביליגער. אידען זוכען נעבאך פרנסה, האלט מען פון דעם כלל, אז פון ווענינע פאר־דינסט ווערט מען ניט בדלות, און פיל מען וועט אריינכאפען איז דאך אלץ בעסער ווי גארניט.

וויען איז איצט א גרויסער אידישער אדער אפילו חסיד׳ישער צענטער. די מלחמה האט אהין פארטריבען רביים, גוטע אידען און א היבשע ביסעל גאליציאנער חסידים, וועלכע זעהען זיך שטארק אן צווישען די „יאהודים״. איהר באגעגענט אין דער אריסטאקראטישער וויען אידען מיט לאנגע קאפאטעס, פאות און יארמולקעס אזוי ווי אין א חסיד׳ישע שטעדטעל אין פוילען אדער גאליציען און עס פעהלט ניט מיט וועמען א אידיש ווארט צו רעדען.

טשיקאווע איז אבער וואס אין וויען האט קיינער ביי אונז קיין נדבות ניט געבעטען. מיר האבען דארט פארוויילט א פאר טעג און מיר זיינען געווען פריי פון צדקה געבען. וויים איך ניט ווי די מעשה איז: צי עס זיינען אין וויען קיין קבצנים ניטא, צי זיי זיינען פאראן נאר זיי זיינען שטאלץ צו בעטען, אדער זיי האבען אונז, אמעריקאנער „עשירים״, פארזעהן, ניט געוואוסט אז מיר זיינען דא.

אויפ׳ן צווייטען טאג, נאך אונזער אנקומען אין וויען, איז געווען דער ערשטער מאי. איז דער פראלעטארישער יום־טוב דארט געפייערט געווארען מיט פראכט און גלאנץ, ווי עס פאסט פאר א סאציאליסטישער מדינה. אלע געשעפטען זיינען געווען געשלאסען און אפילו די טראמווייען זיינען ניט געלאפען ביז ארום צוויי אזייגער נאכמיטאג.

מיר זיינען ארויסגעפאהרען צום ראט־הויז, צום סיטי האל, וואו אלע מארשירענדע זיינען צוזאמענגעקומען און עס איז געווען די הויפט־פייערונג. האב איך געקוקט אויף די מארשירענדע און די פאהנען און פלאקאטען, וואס זיי האבען געטראגען, און געזעהן אידישע אויפשריפטען: „תחית ארץ ישראל עבודיית״, „לזכר ברענער בארץ ישראל״ און אנדערע. מאכט עס א גוטען איינ־

דרוק. אז אידישע קינדער האָבען אין זינען ארץ ישראל, אין וואָס פאר א זינען עס זאָל ניט זיין, איז עס גאַנץ שעהן.

שטעהט נעבען מיר א מאַן, א קריסט, און פאַרפיהרט מיט מיר א שמועס. ער דערצעהלט מיר אז ער האָט א ברודער אין שיקאַגאָ, וועלכער איז ניט אָרים און מאַכט אויס פיל בעסער ווי ער אין וויען. אויף דער פראַגע: אויב זיי זיינען צופרידען מיט דער איצטיגער רעגירונג? האָט זיך דער מאַן ארומגעקוקט און געענטפערט:

„דער טייפעל זאָל זיי האָולען! עס איזט איינס אונד דאס זעלבע. אויסצוהאַלטען דען פרעזידענט קאָסטעט עס פילייכט מעהר אַלס אויסהאַלטען איינען קייזער. אונד וואָס האבען וויר, ארמע קערלען? ניכטס. וויר מוסען גראָסע שטייערן צאָהלען און קריגען גאַרניכטס".

איך האָב גלייך איינגעזעהן, אז איך האָב דאָ צו טאָן מיט א קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, און איך האָב געדאַנקט גאָט, וואָס א פּאָליציימאַן האָט ניט אונטערגעהערט דעם שמועס, אפשר וואָלט איך נאָך אויך אריינגעשלעפּט געוואָרען אין א צרה.

בכלל איז דער פאראַד דאָרט געווען גאַנץ שעהן און איינ־דרוקספאָל, כאָטש ריין סאָציאַליסטיש.

דעם זעלבען טאָג פאָהרען מיר ארויס אין שענברון, דער אמאָליגער וואוין־אָרט פון קייזער, וואו עס איז ווירקליך פאראַן שעהנעס און אינטערעסאַנטעס צו זעהן, און מיר באזוכען נאָך וויכטיגע פּלעצער אין דער שעהנער עסטרייכישער מלוכה־שטאָדט.

איך האָב געמאַכט מיין מאַרשרוט איבער וויען, ווייל איך האָב געוואָלט זעהן וויען. איך בין טשיקאַווע געווען אָנצוקוקען די הויפּט־שטאָדט פון דער אמאָליגער עסטרייך־אונגארישער אימ־פּעריע, וואָס איז איצט צוריסען אויף שטיקער, און איך האָב קיין חרטה ניט געהאַט. וויען איז איינע פון די שעהנסטע שטעדט אין אייראָפּא. כאָטש זי האָט פון דער מלחמה פאַרלוירען א היבשע ביסעל פון איהר פריהעריגען פּראַכט און גלאַנץ, איז נאָך איצט אויך ווערט אָנצוקוקען איהר. אָט דאָס האָב איך געוואָלט און דאָס האָב איך גענאָסען. א צאָהל אָבער פון אונזערע האָבען

זיך אפגעשטעלט אין וויען, ניט צו זעהן וויען, נאר צו זעהן זיך מיט וויענער דאקטוירים אדער פראפעסארען.

וויענער פראפעסארען האבען א שם אזוי ווי וויענער שניצלאך. מען זאגט, יאקבי, אז וויען פארמאגט די גרעסטע מעדיצינער אין דער וועלט. דעם שכל דערפון פארשטעה איך ניט. צו דען איז דער וויענער באדען אזוי גוט געמיסטיגט, אז עס וואקסען אויף איהם דוקא גרויסע פראפעסארען, דוקא ריזיגע מומחים אין דער חכמת הרפואה? אבער אזוי איז ביים עולם אנגענומען אדער איינגעשמועסט.

זיצען טאקע דארט אין האטעל אונזערע אמעריקאנער ווייבער און שמועסען מכח „נירוועזנעס“, „האי בלאד פרעשור“, „רומאטיזם“, „שפארעניש אונטער׳ן הארצען“ און עהנליכע ווייבערשע ענינים...

רופט זיך אפ איינע: „די אמעריקאנער דאקטוירים זיינען שוסטער, באנדארעס זיינען זיי. וואס א היגער פראפעסאר האט אין זיין מינדסטען נאגעל, האט ניט קיין אמעריקאנער אין זיין קאפ“. פארדריסט עס אן אנדער פרוי, וועלכע האט זיך ביי אנדערע געלעגענהייט געהאט באריהמט, אז איהרע א מיידעל „געהט אום“ מיט א דאקטאר, און זי נעמט זיך אן פאר די אמעריקאנער דאקטוירים. האבען מאנכע געהאלטען מיט דער ערשטער און מאנכע מיט דער צווייטער. אבער די מיינונג פון די מערהייט איז געווען, אז איבער וויענער דאקטוירים און פראפעסארען איז גאר אויף דער וועלט ניטא, און די וואס ווילען געזונט ווערען פון וואס פאר א „מיחוש“ עס זאל ניט זיין, מוזען קומען קיין וויען.

עהנליכע שמועסען מכח וויענער דאקטוירים אדער פראפעסארען האב איך ניט איין מאל אויך געהערט אין דער היים, אין ניו יארק. אבער איך בין א שטיקעל אפיקורס אין דעם. אבי געזונד, האבען מיר ב״ה דא ביי אונז אויך גאנץ גרויסע דאקטוירים און כירורגען, און עס איז, דאכט זיך, ניטא קיין אורזאכע וואָרום אמעריקא זאל אויפ׳ן געביט פון דער מעדיצינישער וויסענשאפט זיין הינטערשטעליג.

איך מיין ניט חלילה מלשין צו זיין אויף וויענער דאָקטוירים און פּראָפּעסאָרען בכלל. עס לאָזט זיך אָבער על פּי שכל ניט גלויבען, אַז נאָר אין וויען איז דער מקור פון גדולים אין דער חכמת הרפואה, און פאַר די אָרענטליכקייט און אויפריכטיג־קייט פון זיי אַלע וועל איך אויך ניט גאַראַנטירען, אַקוראַט ווי איך וועל ניט גאַראַנטירען פאַר אַלע אַמעריקאַנער דאָקטוירים. איך האַלט פון דעם כלל, אַז ווייץ וואַקסט קיינמאָל ניט אָהן מעקענע, און די אמונה אין וויענער דאָקטאָריע דוקא, קען זיין, איז אַ בלינדע אמונה.

איך פאַרדעכטיג, אַז אפילו צווישען די, וואָס האָבען זיך שטאַרק אָנגענומען פאַר אַמעריקאַנער דאָקטוירים, האָבען זיך אפשר אויך געפונען אַזעלכע וואָס האָבען אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אַ וויענער פּראָפּעסאָר, אפשר ניט אַזוי לשם רפואה, ווי כדי נאָכהער צו קענען שטאָלצירען און באַריהמען זיך, אַז זיי זיינען געוועזען ביי וויענער פּראָפּעסאָרען און זיינען נאָך אַלץ ניט מיט אַלעמען...

זאָלען זיי געזונד זיין, אונזערע נשים. אַזאַ טבע האָבען מאַנכע פון זיי.

אָנגעקוקט וויען, און מיר לאָזען זיך ווידער אין וועג — נאָך קאַרלסבאַד.

39

פון וויען קיין קאַרלסבאַד. — פּילזנער ביער. — אַ מענש וויל זיין אַ קעמעל. — אַ נסיעה'לע קיין פּראַג. — „האַרי אַפּ" און „שאַראַפּ". — געזעהן און געהערט אין פּראַג. — ענדע פון דער רייזע.

בלויז אַ „מזומן" זיינען מיר געוועזען: איך, מיין פרוי און די מרס. הורוויץ, וועלכע האָט זיך מיט אונז מיטגעהאַלטען די גאַנצע רייזע.

אין וואַגאָן אָבער טרעפען מיר איינינגע אַמעריקאַנער קרים־טען. איין גוי'ע האָט זיך פאַרבענקט נאָך אַ „פּאָוקער געים"

און געזוכט „הענד״, און דער מאַן איהרער האָט מעהר חשק גע־האָט צו אַ גוט גלעזעל ביער. „עס איז מיר טרוקען אין האַלז, — האָט ער גע׳טענה׳ט, — און ווען איך האָב איצט אַ גוט גלעזעל ביער, וואָלט איך זיך פשוט מחיה געווען״.

זיין וואונש און דער וואונש פון אַלע אַמעריקאַנער איז ער־פילט געוואָרען, ווען אונזער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין פילזען, די שטאָדט, וואו עס ווערט פאַבריצירט די באַריהמטע פילזנער ביער, וואָס איז אַפילו אַמאָל, אין די גוטע „נאַסע״ צייטען, געווען אַ גרויס חשיבות אין אַמעריקאַ. לויפען דאָרט טשעכען פאַרביי די וואַגאָנען און זיינען מכריז ומודיע: „פּיוואָ!״ (ביער). דאָס וואָרט, כאָטש די אַמעריקאַנער גוים וויסען אפשר ניט זיין באַ־דייטונג, איז אָבער אַזוי ווי אַ צויבער־וואָרט, וואָס שטעלט אַלעמען אויף די פיס און מען לאָזט זיך צו די פענסטער אָדער מען לויפט ארונטער כאַפּען אַ גלעזעל פון די דאָזיגע לאַקאָמע משקה.

דער צוג איז דאָרט געשטאַנען אַ היבשע צייט און די אַמערי־קאַנער ערלים האָבען אויסגעזשליאָקעט צו עטליכע גלעזער און האָבען זיך גאַנץ געשמאַק באַלעקט.

איינער האָט זיך געוואונשען צו זיין אַ קעמעל. אַ קעמעל, איז ידוע, האָט צוויי וואַסער־בלאָזען אָדער פּענכערס אין זיינע געדערים, איינער אַ געוועהנליכער ווי ביי אַלע חיות, און דער צווייטער דינט איהם אַלס רעזערוואואַר, וואו ער קען האַלטען וואַסער אַ לענגערע צייט אין פרישען צושטאַנד, און ווען ער איז דורשטיג, טרינקט ער פון די וואַסער, וואָס ער האָט אין זאַפּאַס אין זיין בויך. „ווען איך בין אַ קעמעל אָדער ווען איך האָב די אייגענשאַפט פון אַ קעמעל, — האָט ער געזאָגט, — וואָלט איך אריינגעשמוגעלט אַביסעל פילזנער ביער קיין אַמעריקאַ״.

און דער מאַן קוועלט גאָר אָן פון זיין געוואַלדיגען „דזשאָוק״. אָבער אַן אַנדערער קלאַפּט איהם אָפּ די פליגעל און טוט אַ זאָג: „אַן עזעל ביזטו שוין, פעהלט דיך נאָך צו זיין אַ קעמעל?״

יענער געפינט זיך ניט באַליידיגט. ער נעמט עס אָן פאַר אַ גוטמוטיגען שפּאַס און ער לאַכט צוזאַמען מיט אַלעמען.

מיר קומען אָן אין קאַרלסבאַד אין אָוענד, און מיר אָרדערען

זיך איין מיט א קווארטיר פאר דער גאנצער צייט, וואס מיר וועלען האבען דארט צו שטעהן.

אין קארלסבאד זיינען מיר, איך און מיין פרוי, שוין ניט קיין „גרינע". געוועזן שוין דארט אויף א קור-קורס מיט א פאר יאהר צוריק און מיר פיהלען זיך מעהר אדער ווייניגער היימיש. אין גאס באגעגענען מיר אלטע באקאנטע. רעסטאראטארס, וואס רייסען פאר די פאלעס מען זאל געהן צו זיי עסען, קרעמער — מען זאל קומען צו זיי קויפען, און סתם מענשען וואס קענען אונז פון אמאל.

די חידושים פון דעם אלטען קור-ארט זיינען שוין ביי אונז קיינע חידושים. מיר ווערען ניט אזוי שטארק נתפעל פון „שפרו-דעל" און אנדערע טשיקאווע זאכען וואס מען זעהט דארט, ווייל דאס איז שוין פאר אונז קיין נייעס ניט.

פראג, די אמאליגע הויפט-שטאדט פון באהעמיען און איצט פון דער נייער טשעכאסלאוואקישער מדינה, איז ניט ווייט פון קארלסבאד, בערך דריי שטונדען רייזע מיט דער באהן. האב איך ניט געוואלט דורכלאזען די געלעגענהייט צו באזוכען די אלטע היסטארישע שטאדט, וועלכע האט הינטער זיך א שטיק אידישע געשיכטע. פיל, זעהר פיל איז שוין געשריבען געווארען וועגען פראג. די אידישע געשיכטע אין פראג אנטהאלט קאפיטלאך גע-שריבען מיט בלוט; קאפיטלאך פון קינות וועגען שוידערליכע הריגות, גירושים און פארפאלגונגען, וואס אידען האבען דארט איבערגעליטען; קאפיטלאך פון אמת'ע געשעהענישען און לעגענ-דארישע ערצעהלונגען, און איך האב געוואלט פערזענליך באקאנט ווערען מיט דער דאזיגער אלטער שטאדט און די אידישע אלטער-טימער, וואס געפינען זיך דארט און וועגען וועלכע איך האב גע-הערט געלייענט אין באשרייבונגען.

זיינען מיר, איך מיט מיין פרוי, עקסטרא ארויסגעפאהרען אהין צו פארברענגען דארט א טאג.

אויפ'ן וועג האבען מיר געהאט א שטיקעל פארדרוס, וואס האט זיך אויסגעלאזט אלס א שעהנער שפאס.

איך און מיין פרוי האבען וועגען עפעס גערעדט. איז מיר

אָדער איהר אויסגעקומען ארויסצוזאָגען דאָס וואָרט „סטאָפּ". זיצט אַנטקעגען אונז אַ יונגער מאַן, שעהן געקליידט און פון אַ גאַנץ פיינעם אויסזעהן. דערהערט דאָס וואָרט „סטאָפּ", טוט ער אַ געשריי, עפּעס אַזוי ווי מיט אַ בייזלאַכען טאָן: „שאַראַפּ!"

וואָס איז דאָס פאַר אַ מין אָנשיקעניש? — טראַכט איך ביי זיך — עפּעס אַן אַנטיסעמיטעל, וואָס ווייסט פון „שאַראַפּ", דאָס פאַרגרייזטע וואָרט פון „שאַט־אַפּ" (שווייג), און ער בייזערט זיך אויף אונז, ווייל ער וויל ניט ליידען וואָס מיר שמועסען צווישען זיך. פאַרדריסט עס מיר זעהר שטאַרק. אָבער געהן האָבען ויכוחים מיט אַ טשעך אָדער אַ דייטשוק, אַ שונא ישראל, לוינט זיך ניט.

אָבער דער יונגער מאַן פאַרפיהרט מיט אונז אַ שמועס אין דייטש, און דוקא מיט אַ גאַנץ גוטמוטיגען און פריינדליכען טאָן.

„פון דעם וואָרט „סטאָפּ", — זאָגט ער, — פאַרשטעה איך, אַז איהר זייט אַמעריקאַנער. מיין פאָטער און מוטער האָבען געוואוינט אין אַמעריקא צעהן יאָהר צייט. אין לאָנג איילאַנד האָבען זיי געוואוינט. הער איך פון זיי אַזעלכע ווערטער. ווען מיין פאָטער טוט עפּעס, זאָגט איהם די מוטער „האַרי־אַפּ", און ער ענטפערט איהר „שאַראַפּ". וואָס דאָס מיינט אַזעלכעס, ווייס איך ניט. אָבער איך האָב די פּאָר ווערטער אויפגעכאַפּט, און מעהר ווי דאָס האָב איך פון זיי ניט געלערענט".

מיר האָבען מיט דעם יונגען מאַן גאַנץ פריינדליך פאַר־בראַכט דעם גאַנצען וועג. ער האָט אונז דערצעהלט, אַז זיי האָבען זיך ניט וואָס צו באַקלאָגען אויף די טשעכאָסלאָוואַקישע רעגירונג, אַז זיי לעבען גאַנץ גוט, און אַז די „יודען", גלויבט ער, איז אויך גאָרניט שלעכט אונטער דער יעצטיגער ממשלה, וואָס איז ליבעראַל צו אַלעמען.

מיר קומען אָן אין פּראַג שפּעט פאַרנאַכט. מיר פאַרפאָהרען אין אַ האָטעל, וואו מיר נעכטיגען איבער און אויף מאָרגען פריה געהען מיר באַקוקען דאָס שטעדטעל.

צוערשט געהען מיר באַזוכען די היסטאָרישע אַלט־נייע שוהל. די דאָזיגע שוהל איז לכתחילה געבויט געוואָרען מיט אַ פּופּצעהן

הונדערט יאָהר צוריק. דער אָריגינאַל איז געווען נידעריג און אין צוועלפטען יאָהרהונדערט האָט מען זי צוגעבויט אויבען און געמאַכט אַ סך העכער, און מען האָט איהר דאַמאָלס אַ נאָמען געגעבען אַלט־נייע שוהל.

אויפ'ן בוידים פון דער דאָזיגער שוהל, זאָגט מען, ליגט דער גולם, וואָס דער גאון און מקובל ר' יהודה ליב בן בצלאל אָדער רבי לעוו, דער מהר"ל מפראג, האָט באשאפען און נאכהער גע־טויטעט. ווילט איהר זעהן דעם טויטען גולם, קענט איהר ניט, ווייל מען לאָזט קיינעם ניט ארויף אויפ'ן בוידים.

אָבער דאָס איז ניט מעהר ווי אַ לעגענדע. דער חילוק אָבער צווישען דער לעגענדע און אַנדערע לעגענדעס, וואָס געהען אום ביי אידען, איז, וואָס זי איז פארבליבען איינגעוואָרצעלט ביים פאָלק און עס פלעכטען זיך ארום איהר סיפורי מעשיות, און עד היום ווערט זי באנוצט פון שרייבער, פאָעטען און דראמאטורגען צו שאַפען פון איהר ליטעראַרישע ווערק, וואָס וועלען אייביג פאר־בלייבען אין דער אידישער ליטעראַטור. אפילו די אומות העולם באנוצען זיך אויך מיט דער גולם־לעגענדע אַלס טעמאַ פאר גע־וויסע שאַפונגען.

דעם מהר"ל'ס גולם, ווערט געזאָגט, האָט אין זיך געהאַט אַן אויסערנאַטירליכע גבורה, און איז באשאַפען געוואָרען מיט'ן צוועק צו באשיצען די אידען פון פראַג. איינמאָל פרייטאָג אָוונד, ווען מען האָט אין שוהל אָנגעפאַנגען זאָגען „מזמור שיר ליום השבת", האָט מען מודיע געווען, אַז דער גולם האָט זיך גענומען חרוב מאַכען די שטאָדט. איז דער מהר"ל געלאָפען, האָט פון גולם ארויסגענומען דעם „שם המפורש" און ער איז אויפ'ן אָרט פארוואַנדעלט געוואָרען צוריק אין אַ שטיק לייהם. ווען דער מהר"ל איז צוריקגעקומען אין שוהל, האָט מען דעם „מזמור שיר ליום השבת" אָנגעפאַנגען אויף דאָס ניי, און דעריבער איז עד היום איינגעפיהרט, אַז מען זאָגט דאָרט דעם מזמור צוויי מאָל.

אויפ'ן בימה, וואָס איז אין מיטען שוהל, שטעהט אַ גרויסע רויטע פאָהן מיט אַ מגן דוד אויף דעם. דאָס, דערצעהלט אונז דער שמש, האָט קייזער פערדינאַנד דער צווייטער געשענקט דער

אידישער געמײנדע אין יאָהר 1648. דאָרט איז אויך דאָ א שווערד און א העלמעט, אויך א געשאַנק פון קײזער אלס אנער־קענונג דערפאר וואָס די אידען האָבען געהאָלפען דעם לאַנד אין דער מלחמה מיט שוועדען. דעם פלאַג האָבען געטראָגען צעהן פערזאָן. די טראַג־שטאַנגען שטעהען אויך אין שוהל, לזכרון עולם.

דער אָרון קודש, וועלכער, מען זאָגט, איז שוין דרײַצעהן הונדערט יאָהר אַלט, איז געמאַכט דורכאויס פון אײַזען. דאָרט געפינען זיך צוויי און צוואַנציג ספרי תורה אין עלטער פון פיר הונדערט ביז אכט הונדערט יאָהר.

בכלל איז די גאַנצע שוהל גופא א שטיק אַלטערטום, וואו עס געפינען זיך נאָך אידישע אַלטערטימער.

פון שוהל געהען מיר אוועק צום אַלטען בית הקברות, וואָס איז שוין א סך הונדערטער יאָהרען אַלט, און וואו מען איז שוין ניט מקבר קיין מתים זײַט איבער הונדערט מיט פערציג יאָהר.

דאָרט, אויף יענעם היסטאָרישען בית הקברות, רוהען די בײנער פון א צאָהל גדולי ישראל, צווישען זיי דער מהר״ל ז״ל און זײַנע דריי און דרײַסיג תלמידים — אַלע אין איין רײַהע.

א גרויסען פּלאַץ פאַרנעמט דאָרט דער קבר פון „עצמות״. א פּלאַץ, וואו עס זײַנען באערדיגט די בײנער פון הונדערט מיט פיר און פופציג אידען, וועלכע מען האָט אויסגעגראָבען פון אַן אַנדער בית עולם, ווײַל מען האָט דאָרט דורכגעשניטען א גאַס.

א מאַן, וואָס איז אָנגעשטעלט אויף דעם, פיהרט אונז און צײַגט אונז אָן אויף די אַלטע מצבות פון פּראָמינענטע לײַט, צווישען זיי די מצבה פון א געוויסע צדקת שרה קאַטץ, וואָס איז שוין אַריבער זעקס הונדערט יאָהר אַלט; די מצבה פון בת שבע פאָן טרײַבערג, די ערשטע אידישע באַראָנעסע, און פון גרויסע אידען, פאַטריאָטען פון לאַנד און באַשיצער פון אידישען פאָלק, וועמעס נעמען זײַנען פאַראייביגט געוואָרען אין דער געשיכטע פון פּראַג און די אַלגעמײנע אידישע געשיכטע.

עס איז דאָרט א מנהג, אז באזוכער לעגען שטײנדלאַך אויף די מצבות. דאָס איז אָנשטאָט בלומען, און מיר האָבען אויך אַזוי געטאָן.

פון בית הקברות פיהרט אונז דער מאן אין אידישען מוזע־אום, וואס איז טאקע דערביי.

דארט זיינען דא זעהר פיל אינטערעסאנטע און וואונדער־בארע אידישע אלטערטימער, פארשיידענע ארטיקלען פון פאפיר, פארמעט, האלץ, שטיין, מעטאלען און געוועב, וועלכע דערצעהלען פיל פון דער געשיכטע פון אידען אין פראג און אין גאנץ בעהמען.

זעהט מען דארט, צום ביישפיל, א קאפיע פון הייראטס־שיין, א דאקומענט וואס איז שוין אלט אייניגע הונדערט יאהר, און וואס איז צו יענער צייט געווען זעהר שווער צו קריגען, ווייל מען האט פשוט ניט געלאזט אידישע קינדער חתונה צו האבען, אוים מורא פאר'ן „פן ירבו". מען זעהט דארט אויך א פאר קדושין־פינגערלאך, וואס האבען באלאנגט צו קהל, ווייל אידען איז ניט געווען ערלויבט צו טראגען צירונג אדער האבען עס אין באזיץ. דעריבער, ווען א אידישער פאר האבען חתונה געהאט, האט מען אויסגעבארגט א קדושין־פינגערעל פון קהל. דארט ליגען אויך א פאר ערלויבניש־פאפירען פאר אידען ארויסצוגעהן פון דער גהעטא, פאר'ן פרייז פון זיבעצעהן קרייצער.

עס זיינען דארט דא הונדערטע ארטיקלען און דאקומענטען, וואס זאגען עדות אויף די שווערע צייטען, וואס אידען האבען דורכגעלעבט אין פראג און אויך אויף בעסערע צייטען, וואס זיי האבען דארט געהאט.

איך האב אין דעם קליינעם, גאר ניט רייכען אידישען מוזעאום אין פראג געפונען מעהר אינטערעס ווי אין דעם וועלט־באריהמטען קאלאסאלען מוזעאום אין קאירא, און איך האב זיך ממש פון איהם ניט געקענט אפרייסען.

דאן געהען מיר זעהן דעם וואונדערבארען זייגער מיט די צוועלף אפאסטאלען, וואס מארשירען פון איהם ארוים, ווען דער גרויסער ווייזער שטעהט אויף'ן זעקס. דארט, אויף דער זעלבער געביידע, איז אויך דא א זייגער, וואס האט אויף'ן ציפער־בלאט אידישע אותיות אנשטאט ציפערען.

מיר נעמען א שפאציר צום קארלס בריק, פון וועלכען איך האב געהערט און וועלכען איך בין געווען גערן צו זעהן.

דער קארלס בריק איז א לאנגער, שעהנער בריק, וואס ציהט זיך איבער'ן טייך מאלדאו. בייביידע זייטען איבער דער לענג פון בריק שטעהען אויסגעשטעלט סטאטוען. איין סטאטוע איז דארט דא פון יעזוס'ען ווי ער איז געקרייציגט. איבער'ן קאפ איז א האלבער ראד און אין דעם האלבען ראד שטעהען די ווער־טער: „קדוש, קדוש, קדוש ד' צבאות" אין גרויסע גאלדענע אותיות. דער שם אין גאנצען מיט זיינע אלע פיר הייליגע אותיות.

פון וואנען קומט עס? דערצעהלען זיי אזא מעשה:

עס איז געווען אמאל אין א געוויסען חגא־טאג, ווען די גוים פראווען געוויסע רעליגיעזע צערעמאניעס ביים וואסער, איז א איד געשטאנען אויפ'ן בריק און האט גראד אויסגעשפיגען. מאנכע גיבען נאך צו, אז דער איד האט געדאוונט מנחה און ער האט עס אויסגעשפיגען אין „עלינו". האבען עס יעזואיטען דערזעהן און מען האט דעם אידען אנגענומען אונטער דער באשולדיגונג, אז ער האט עס געשפיגען אויף זייערע הייליגטימער, און מען האט איהם געוואלט קרייציגען. דער איד האט זיך געבעטען, אז ער איז אומשולדיג. אבער עס האט ניט געהאלפען. דאן האט א גלח געמאכט א פשרה. ער האט דעם אונשולדיגען אידען גע־געבען צוויי ברירות: ענטוועדער געקרייציגט אדער פארברענט ווערען, אדער ער זאל אויף א בילד אדער אויף א סטאטוע פון יעזוס'ען אנשרייבען די הייליגסטע ווערטער וואס עס זיינען דא ביי אידען. האט ער עס אנגעשריבען דעם „קדוש, קדוש", און מען האט איהם געשענקט זיין לעבען. דער איד, ווערט דער־צעהלט, האט זיך נאכהער באדענקט, אז ער האט אפגעטאן זעהר א ניט פאסענדע זאך און, געפלאגט פון חרטה, האט ער זיך ארייג־געווארפען אין טייך און איז דערטרונקען געווארען.

אבער דאס איז אפשר מעהר לעגענדע ווי פאקט. עס איז גיכער צו גלויבען, אז דאס איז די ארבייט פון א יעזואיטישען גלח, וואס האט געקענט העברעאיש, אדער גאר פון א משומד.

אבער סאי ווי סאי עקזיסטירט עס, צום באדויערען, עד היום, און אידישע געפיהלען ווערען פון דעם ניט ווייניג געפלאגט.

א גאסט־פריינדליכער איד פיהרט אונז צייגען די סטאטועז פון מהר"ל און דעם „גאָלאָם" (גולם) אויסגעהאקט פון שטיין פון א גרויסען סקולפטאָר. דער איד צייגט אונז אָן אויף באַריהמטע אַלטע געביידעס, וואָס זיינען שוין פילע הונדערטער יאָהרען אַלט, און אויף אַן אַלטען קלויסטער, אין וועלכער א איד, ניט חלילה קיין משומד, נאָר אַן עהרליכער, כשר'ער איד, איז באערדיגט געוואָרען. ווי קומט דער איד אהין? איז אזא מעשה:

יעזואיטען האָבען אמאָל ביי יענעם אידען צוגע'גנב'עט א קינד, א אינגעל, און האָבען איהם אָפגע'שמד'ט. מיט יאָהרען שפּעטער איז דעם אידען געלונגען ארויסצוקריגען זיין קינד פון דעם מאָנאסטיר, וואו ער איז געהאַלטען געוואָרען, און נאכהער איז דער בחור'ל געשטאָרבען. האָט מען אויף דעם אידען גמעאבט א בלבול אז ער האָט עס זיין זוהן געטויטעט אָדער פארגיפטעט, כדי אָפצואוואשען דעם שמד־פלעק פון זיין משפחה, און מען האָט איהם מיט נאָך א אידען, אונטער'ן בלבול אז ער האָט מיטגעהאָלפען אין דער זאך, הינגעריכטעט. און, צו להכעיס אַלע אידען, האָט מען דעם פאָטער פון יונגען גע'שמד'טען אינגעל באערדיגט אין קלויסטער.

בכלל איז פּראג א שעהנע און אינטערעסאנטע שטאָדט און עס טוט מיר שטארק הנאה וואָס איך האָב זי באזוכט.

מיר ענדיגען אונזער קור־קורס אין קארלסבאד און אויף מאָרגען נאָך שבועות, דעם 27טען מאי, פאָהרען מיר אוועק קיין פאריז, וואו מיר פארברענגען אייניגע טעג. אין פאריז טרעפען מיר זיך מיט פריינד און קאָלעגע יעקב מאגידאָוו און זיין פרוי און טאָכטער, מיט וועמען מיר האָבען זיך צושיידט באַלד נאָך אונזער אָנקומען אין ארץ־ישראל. די מאגידאָווס זיינען געווען אויף זייער וועג פון רוסלאנד און פוילען און זיך געקליבען צו פאָהרען פון פאריז קיין לאָנדאָן, בעת מיר זיינען דעם 2טען יוני אָפּגעפאָהרען פון שערבורג אהיים מיט דער „מאָורעטאניא".

פרייטאָג, דעם 7טען יוני, זיינען מיר אָנגעקומען אין ניו יאָרק, און פארענדיגט אונזער רייזע אין צעהן לענדער.